STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07621

DI SEDRE UN HAFTOYRE

Harris L. Selig

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די סדרה און הפטרה

The Sidrah and Haftorah

Reflections and views of the Aggadah

Culled and expounded

by

HARRIS L. SELIG

(*author of The Eternal Fount*)

Volume III

Leviticus and Passover

New York — 1948

די סדרה און הפטרה

געדאַנקען און מיינונגען פון דער אגדה

געזאַמעלט און דערקלערט

פון

ה. ל. זעליג

(פּראָפעסער פון „אייביגען קוואל")

דריטער באנד

ספר ויקרא ופסח

ניו־יאָרק — תש"ח

Copyright by
Harris L. Selig
1948
New York, N. Y.

Printed in the U. S. A. by
THE SHOULSON PRESS
227 West 17th Street
New York, N. Y.
255

To my beloved daughter
EDITH

אינהאַלט

✧

ויקרא

א. — דער וואָס אַנטלויפט פון כבוד, יאָגט זיך דער כבוד נאָך אים 1
ב. — דער אויבערשטער הייסט משה'ן אַריינגיין אין וואָלקען 7
ג. — קרבנות זיינען הויפטזעכליך געמיינט פאַר דעם מענשען 12
ד. — געטליכער פייער און דער מענש 19
ה. — די פעטס אַרום דעם רוקענביין זאָל מען מקריב זיין צו ג' 25

צו

א. — מיט ריינע מחשבות דערהויבט מען זיך צו ג' 31
ב. — פייער פאַר דער מנורה גענומען פון דעם פאָלקס־מזבח 37
ג. — א קרבן שלמים פאָדערט זעלבסט־באַטייליגונג 43
ד. — לערנען תורה שטייט העכער פאַר קרבנות 49

שמיני

א. — איבעריליכע נאַקעטקייט 56
ב. — פרעמדע פייערן פאַרצערען די אידישע נשמה 63
ג. — דורך כבוד פאַר מענטשען זעהט זיך אַרויס דער כבוד פאַר ג' .. 67
ד. — פייער און כהן גדול 74
ה. — די טריפ'קייט פון חזיר 80

תזריע־מצורע

א. — הייליגקייט און ריינליכקייט 87

ב. — קראַנקהייטען זיינען אַ שטראָף פון ג׳ 93

ג. — קערפּערליכע און גייסטיגע קראַנקהייטען 98

ד. — סאַניטאַרע געזעצען זיינען אַ טייל פון דער אידישער אמונה 104

ה. — „לשון הרע״ איז אַ קראַנקהייט, וואָס מוז איזאָלירט ווערען 110

ו. — לשון־הרע ברייננט חורבן אויף דער וועלט 114

ז. — ניט־ערליכע פאַרמעגענס פאַרפעסטען די היים 120

אחרי מות־קדושים

א. — אידען מוזען ברייננען קרבנות צו ג׳ און צו דעם עזאזל 128

ב. — קרבנות פאַר׳ן גלות זיינען אַרויסגעוואָרפען 135

ג. — זיך ניט לאָזען אויסשפייען פון לאַנד 140

ד. — די עשרת הדברות אויסגעברייטערט און דערקלערט 146

ה. — די טאַכטער דערציילט אים 152

ו. — מען דינט נאָך אַלץ דעם אפגאָט מולך 159

ז. — דער באַדייט פון ג—ט׳ס נאָמען 164

אמור

א. — די קליינע מאַכען נאָך די גרויסע 170

ב. — אַלץ אַרום כהן מוז אויסדריקען רעספּעקט 174

ג. — דער אידישער זכות אויף ארץ ישראל 179

ד. — ספירה פירט צו העכערע וועלטען, זאָגט די קבלה 185

ה. — די מאָראַלישע באַדייטונג פון ספירה 191

בהר־בחוקותי

א. — די סאָציאַלע באַדייטונג פון שמיטה 198

ב. — פולשטענדיגע פרייהייט 204

ג. — דער יידישער באַגריף פון פרייהייט 211
ד. — דער פאַרבאַט פון נעמען אָדער געבען פּראָצענט 216
ה. — די עטישע געזעצען פון דער תורה 223
ו. — דער שרעקליכער פרייז פון אַסימילאַציע 229
ז. — טראָץ אַלע תוכחות וועלען מיר בלייבן לעבען 235

פסח

א. — מען מוז זיין גרייט 241
ב. — „זמן חרותנו" און „חג חרותנו" 248
ג. — אונזער היסטאָרישע חזקה אויף ארץ ישראל 251
ד. — די ארבעה בנים און די אידישע גאולה 254
ה. — מצה — אַ סימבאָל פון אידישען לעבען אין גלות 260
ו. — רוזוועלט'ס פיר פרייהייטען און דער אידישער סדר 263

שבת חול המועד פסח

א. — די תורה ווי די גאולה פאַרטראָגען ניט קיין פרעמדס 266
ב. — די הייסע ליבע צווישען כנסת ישראל און הקב"ה 272
ג. — דער שיר השירים פון גלות 275

שביעי של פסח

א. — געשיכטע ווידערהאָלט זיך 279
ב. — רעכטע און לינקע 282

ויקרא

א.

דער וואָס אַנטלויפט פון כבוד, יאָגט זיך דער כבוד נאָך אים

ויקרא אל משה.

„כל מי שרודף אחרי שררה, שררה בורחת ממנו; וכל מי שבורח משררה, שררה רודפת אחריו" — דער וואָס יאָגט זיך נאָך אָנערקענונג, אַנטלויפט זי פון אים, און דער וואָס אַנטלויפט פון אָנערקענונג, לויפט זי אים נאָך (מדרש תנחומא).

דער משכן, זאָגט דער מדרש, ווערט אין דער תורה אָנגערופען מיט דעם נאָמען „משכן העדות", ווייל ער האָט געדאַרפט דינען פאַר אַ צייגניש, אַז גב"ה האָט די אידען מוחל געווען דעם גרויסען חטא, וואָס זיי זיינען באַגאַנגען מיט דעם עגל, וועלכער האָט גורם געווען, אַז די שכינה זאָל אַוועק פון זיי.

ווען משה האָט איבערגעגעבען די אידען דעם פאַרשפּרעכען פון ג': „ועשו לי משכן ושכנתי בתוכם", אַז ווען זיי וועלען פאַר מיר מאַכען אַ משכן, וועל איך צוריק וואוינען צווישען זיי, האָבען זיי מיט גרויס באַגייסטערונג בייגעשטייערט זייערע נדבות פאַר דעם בנין. מענער און פרויען האָבען אָנגעפאַנגען ברייננגען גאָלד, זילבער און אַלע אַנדערע מאַטעריאַלען, וועלכע זיינען נויטיג געווען פאַר די געביידעס און די כלים. אין אַ קורצער צייט האָט מען אָנגעזאָגט משה'ן די פריילעכע בשורה: „מרבים העם להביא מדי העבודה" — דאָס פאָלק ברייננגט מער וויפיל עס איז נויטיג פאַר דער אַרבייט. און משה האָט געמוזט לאָזען אויסרופען: „איש ואשה אַל יעשו עוד מלאכה לתרומת הקודש" — מענער און פרויען זאָלען שוין מער ניט טאָן קיין אַרבייט פאַר דער הייליגער אונטערנעמונג, ווייל עס איז שוין דאָ מער ווי גענוג.

די אידען, וועלכע האָבען זיך געפילט שולדיג פאַר'ן מיאוס'ן חטא מיט

דעם עגל, זיינען דעריבער געווען זעהר שטארק נייגעריג, אז דער משכן זאל וואס אמשנעלסטען געבויט ווערען, כדי וואס גיכער צו באקומען א כפרה אויף זייערע זינד. די גאנצע צייט, וואס בצלאל מיט זיינע מענשען האבען דעם משכן געבויט, זיינען זיי ארומגעגאנגען באזארגט, ווייל זיי האבען אלע געצווייפעלט, אויב די שכינה וועט איינוויליגען זיי ווייטער צו באזוכען. גלייך ווי אלע טיילען פון דעם משכן זיינען פארטיג געווארען, האבען זיי זיך צוגעאיילט אויסצוקלייבען א צאל „חכמי לב", קלוגע און פארשטענדליכע מענשען, און זיי באאויפטראגט דעם משכן אויפצושטעלען. אבער אזוי גיך ווי זיי זיינען פארטיג געווארען מיט דער ארבייט, זיינען די געביידעס צוזאמענגעפאלען. זיינען זיי אוועק צו בצלאל'ן און אהליאב'ן און צו זיי געזאגט: איר האט דעם משכן געבויט, גייט און שטעלט אים צוזאמען; מיר האבען פרובירט דאס צו טאן, אבער ער האלט זיך ניט. בצלאל און אהליאב האבען זיך גלייך גענומען צו דער ארבייט, אבער אויך זיי האבען ניט געקאנט עס דורכפירען — אזוי גיך ווי זיי האבען אים צוזאמענגעשטעלט, איז ער ווידער איינגעפאלען.

דאס האט ארויסגערופען גרויס פארצווייפלונג צווישען די אידען. מאנכע האבען אין דעם געזען א צייכען, אז ג' האט זיי נאך ניט מוחל געווען דעם שרעקליכען חטא פון דעם עגל; אנדערע האבען חושד געווען, אז דאס געלט און דער מאטעריאל, וואס זיי האבען צוגעשטעלט, זיינען ניט ריכטיג פארברויכט געווארען און זיי האבען באשולדיגט בצלאל'ן מיט זיינע ארויסהעלפער. „ויביאו את המשכן אל משה" — האבען די אידען געבראכט די פארשיידענע טיילען פון דעם משכן צו משה'ן און אים געזאגט: „כל מה שאמרת לנו עשינו, וכל מה שצויתנו ליתן נתננו, למה אינו עומד?" — אלץ וואס דו האסט אונז אנגעזאגט האבען מיר געטאן, און וואס דו האסט אונז אנגעזאגט צו געבען, האבען מיר געגעבען, ווארום האלט ער זיך ניט? איז משה שטארק איבערראשט געווארען און האט געהאט גרויס צער דערפון, ביז ג' האט צו אים געזאגט: גיי דו אליין און שטעל־אויף דעם משכן. בצלאל, אהליאב און אלע „חכמי לב" וועלען ניט העלפען; דער משכן וועט נאר דאן קאנען שטיין, ווען דו אליין וועסט אים אויפשטעלען. „כדי שידעו כל ישראל, שאם על ידך אינו עומד, שוב אינו עומד לעולם" — איך וויל, אז אלע אידען זאלען וויסען, אז אויב ער וועט ניט אויפגעשטעלט ווערען פון דיין האנט, וועט ער קיינמאל ניט קאנען זיך אויפהאלטען (מדרש תנחומא).

אז משה האט געהערט דעם באפעהל פון ג', האט ער זיך גלייך גענומען

אַליין צוזאַמענצושטעלען דעם משכן. ביי יעדען טייל אַרבייט, וואָס ער האָט פאַרענדיגט, ווערט אין פסוק געזאָגט, אַז ער האָט עס געטאָן אַזוי ווי ג׳ האָט אים געהייסען. און דער מדרש פרעגט: „למה כתיב כאן כמה פעמים כאשר צוה ה׳ את משה?״ — וואָרום ווערען דאָ אַזוי פיל מאָל איבערגעזאָגט די ווערטער „ווי ג׳ האָט אָנגעזאָגט משה׳ן״? דאָס איז דערפאַר, ווייל „אמר הקב״ה, אם בקש אדם להרהר אחר משה יהרהר אחרי, שאני אמרתי לו כל זאת״ — אויב איינער וועט וועלען נאָכרעדען און פיליכט חושד זיין אין משה׳ן, אַז ער האָט געהאָט עפּעס אַ געהיימניש ווי אַזוי דעם משכן צוזאַמענשטעלען און ער האָט עס קיינעם ניט געוואָלט אויסזאָגען, כדי ער זאָל האָבען דעם גאַנצען כבוד פאַר זיך, זאָל ער ווייסען, אַז ער איז מיך חושד, ווייל איך האָב אים געהייסען אַזוי צו טאָן (תנחומא).

ר׳ אהרעלע קארלינער ע״ה האָט אַמאָל געגעבען אַ מערקווירדיג־שיינע דערקלערונג איבער דעם מאמר פון רמב״ם: „כיון שנתמנה אדם פרנס על הצבור מלמטה נעשה רשע מלמעלה״ — „וויבאַלד איינער ווערט אויפגענומען אַלס פירער פון אונטען, ווערט ער אַ רשע אויבען (רמב״ם, אבות א׳, משנה ט׳). ער האָט געזאָגט: אַזוי גיך ווי איינער ווערט אַ רב, גבאי אָדער פירער ביי אידען אויף דער וועלט, פאַרלירט ער גלייך זיין יענע וועלט. ווי דער שטייגער איז, הויבט מען אים אָן חושד צו זיין, אַז ער איז ניט ערליך, אַז ער זוכט כבוד און גדולה פאַר זיך און מען האַלט אים אין איין באַרעדען.

„וואָס פאַר אַ פינסטערע גבורה די טומאה האָט?״ האָט ר׳ אהרעלע וויטער פאָרטגעזעצט, „אַז די אידען האָבען געמאַכט דעם עגל, שטייט געשריבען: „ויתפרקו כל העם את נזמי הזהב״, דאָס גאַנצע פאָלק האָט אויסגעטאָן די גאָלדענע רינגען, און פון דעם מטמון גאָלד איז אַרויסגעקומען בלויז אַ קליין קעלבעל, אָבער קיינער האָט קיין רעכנונג ניט געפאָדערט. זעהט איר, ביים בויען דעם משכן פאַר ג׳ „היו כמה מישראל רוננים״, האָבען פיל פון די אידען חושד געווען משה׳ן מיט זיינע אַרויסהעלפער, אַז זיי פאַרשווענדען קהל׳שע געלדער און זיי זיינען ניט ערליך געגנוג. און ווייסט איר ווער עס זיינען געווען די „כמה מישראל״, וועלכע האָבען געוואָגט חושד צו זיין משה׳ן? דוקא די, וועלכע האָבען בייגעשטייערט קליינע נדבות״.

אַזוי גיך ווי משה האָט פאַרענדיגט אויפצושטעלען דעם משכן, „ויכס הענן את אוהל מועד וכבוד ה׳ מלא את המשכן״ — האָט אַ וואָלקען צוגעדעקט דעם פאַרזאַמלונגס־געצעלט און דער כבוד פון ג׳ האָט אָנגעפילט דעם משכן.

די אידען, וועלכע זיינען געווען פאַרזאַמעלט אין דער „עזרה", האָבען זיך שטאַרק געפרייט, ווייל איצט האָבען זיי זיך איבערצייגט, אַז דער אויבערשטער האָט זיי מוחל געווען דעם חטא פון דעם עגל און האָט איינגעוויליגט צו לאָזען זיין שכינה ווייטער רוהען צווישען זיי. אין דער גרויסער שמחה איז דערווייל משה פאַרשוואונדען געוואָרען. ער האָט ביי זיך געטראַכט: אַלץ וואָס מעגליך האָב איך שוין געטאָן פאַר זיי — איך האָב זיי אַרויסגענומען פון מצרים, געשפּאַלטען פאַר זיי דעם ים, אַרונטערגעבראַכט פאַר זיי מן פון הימעל און איצט האָב איך פאַר זיי אויסגעבויט דעם משכן, „מכאן ואילך מה יש לי עוד לעשות? הלך וישב לו" — פון איצט אָן און ווייטער וואָס נאָך קאָן איך טאָן פאַר זיי? האָט ער זיך צוריקגעצויגען און איז אַוועק צו זיך אַהיים (מדרש תנחומא).

„ויקרא אל משה" — ג' אָבער רופט משה'ן. די עבודה אין משכן קאָן זיך ניט אָנפאַנגען אָן אים, „בגין דאיהו מאריה דביתא" — ווייל ער איז דער בעל־הבית פון הויז (זוהר). ווען ניט ער, וואָלטען די אידען דעם משכן ניט געהאָט. פון דעם לערנען אונזערע חכמים אַרויס, אַז דער, וואָס יאָגט זיך נאָך כבוד, אַנטלויפט דער כבוד פון אים, אָבער דער וואָס אַנטלויפט פון כבוד, יאָגט זיך דער כבוד נאָך אים.

מיין פאָטער ע"ה האָט מיר אַמאָל געזאָגט: „דוכט זיך, אַז ביידע, אי דער „רודף אחר הכבוד", אי דער „בורח מן הכבוד", האָבען קיין כבוד ניט. דער אונטערשייד אָבער צווישען זיי ביידען קומט, ווען זיי שטעלען זיך אָפּ. דער וואָס יאָגט זיך נאָך כבוד און דער כבוד אַנטלויפט פון אים, אויב ער שטעלט זיך אָפּ, לויפט אַלץ דער כבוד ווייטער און ווייטער אַוועק פון אים. דאַגעגען אָבער, דער וואָס איז בורח מן הכבוד און דער כבוד לויפט אים נאָך, אויב ער שטעלט זיך אָפּ, יאָגט דער כבוד אים אָן".

הפטרה

ג' וויל אַז די אידען זאָלען אים באַזיגען

ספר אתה למען תצדק.

„אמר הקב"ה: אני חפץ שתזכו בדין כנגדי, אם אני נצחתי אתכם בדין אני הוא שמפסיד, אבל אם נצחתם אותי אני משתכר" — ג' זאָגט: איך וויל,

אז איר זאלט געווינען די דין־תורה קעגען מיר. אויב איך וועל מנצח זיין, וועל איך פארלירען, אבער אויב איר וועט מיר מנצח זיין, וועל איך געווינען (ילקוט שמעוני ח״ב רמז תנ״ח)

די פארשיידענע קרבנות, איבער וועלכע עס ווערט גערעדט אין דער היינטיגער סדרה, קאנען איינגעטיילט ווערען אין פיר קאטעגאריעס: א) „קרבן עולה״, א גאנץ אפפער, וואס איז געצילט אויסצודריקען „התקרבות והכנעה״, דערנענטערונג און אונטערטעניגונג צו גאט; ב) „קרבן שלמים״, א פרידענס־אפפער, צו דאנקען ג׳ פאר די גוטס, וואס ער טוט מיט די מענשען; ג) „קרבן חטאת ואשם״, זינד־אפפער, אויסצודריקען חרטה און בעטען כפרה פאר חטאים וואס מען איז באגאנגען; ד) „קרבן תמיד״, וואס ווערט געבראכט פון דעם גאנצען פאלק אלס א סימבאל פון נאציאנאלער פאראייניגונג.

די מצוה פון קרבנות, זאגען אונז די חז״ל, איז ניט קיין גזירה, ניט קיין באפעהל פון ג׳. דאס איז ניט קיין „מוז״, בלויז א „רשות״, א פרייווילליגע זאך (תו״כ). ג׳ וויל ניט סתם א קרבן, ער באפעהלט ניט דעם מענשען, אז ער מוז ברייגען קרבנות. אויב ער פארשטייט ניט דעם ריכטיגען זין פון דעם, אויב ער האט ניט קיין חרטה אויף זיינע זינד און מיט׳ן קרבן זוכט ער ניט זיך צו דערנעענטערען צום געדאנק פון דער געטהייט, וויל ג׳ זיין קרבן ניט. אלע קרבנות דארפען געבראכט ווערען „לרצונכם״, פרייווילליג, מיט דעם באוואוסטזיין, אז מיט דעם זוכט דער מענש צו קומען וואס נעענטער צו דער אמונה און אויסבעסערען זיינע מעשים.

אונזערע נביאים און חכמים רעדען מיט דערביטערונג קעגען די יעניגע, וועלכע דענקען, אז ג׳ וויל טאקע קרבנות און האט הנאה פון זיי און דערפאר זייגען זיי מכפר אויף אלע זינד. דער אויבערשטער דארף די קרבנות ניט האבען, ווי דער נביא פון דער היינטיגער הפטרה זאגט: „לא הביאת לי שה עולתיך וזבחיך לא כבדתני״ — ניט פאר מיר האסטו געבראכט דיינע עולות און מיט דיינע קרבנות מאכסטו מיר ניט הערליכער. „לא העבדתיך במנחה ולא הוגעתיך בלבונה״ — איך האב דיך ניט באשווערט מיט מנחות און ניט פארמאטערט מיט ווייך־רויכען. „חלב זבחיך לא הרויתני״ — די פעטס פון דיינע קרבנות מאכען מיך ניט זאט. „אך העבדתני בחטאתיך הוגעתני בעונותיך״ — אין קעגענטייל, דו האסט מיך פארמוטשעט מיט דיינע חטאים און פארמאטערט מיט דיינע זינד. ג׳ וויל בעסער, אז איר זאלט ניט זינדיגען און ניט דארפען ברייגען קיין קרבנות.

דער הויפּט־ציל פון דער אידישער אמונה ווערט אויסגעדריקט אין דעם ערשטען פּסוק פון היינטיגער הפטרה, וועלכע זאָגט אין נאָמען פון ג׳: „עם זו יצרתי לי — תהלתי יספרו" — דאָס פאָלק האָב איך פאַר מיר באַשאַפען, כדי זיי זאָלען איבעראַל דערציילען מיין לויב. ניט בלויז מיט תפילה טאָן אָדער מיט מקריב זיין קרבנות איז מען אַ איד. מען דאַרף אויך לעבען ווי אַ איד. אין אַלע זיינע טאָג־טעגליכע מעשים מוז רעפלעקטירט ווערען די גאָטהייט. וואו ער גייט און וואו ער שטייט מוז זיך אין אים אָפּשפּיגלען די אייגענאַרטיגקייט פון זיין תורה און זיין אמונה. אויב איינער וויל אָפּקומען זיינע פליכטען צו ג׳ און זיין פאָלק בלויז מיט דאַווענען, האָט ער קיין זאַך ניט דערגרייכט. „הקורא את שמע ומרמז בעיניו וקורץ בשפתיו ומורה באצבעותיו בפרק ראשון עליו הכתוב אומר לא אותי קראת יעקב" — דער וואָס לייענט קריאת־שמע און גלאָצט מיט די אויגען און קריצט מיט די ליפּען און ווייזט אָן מיט די פינגער אין דער ערשטער פּרשה, אויף אים זאָגט דער נביא אין דער היינטיגער סדרה: ניט מיך האָסטו גערופען, יעקב (יומא י״ט ע״ב). ניט אין „ואהבת", ליב האָבען ג׳ אַליין, ליגט דער תמצית פון אידישקייט, נאָר אויך אין דעם „והיה אם שמוע תשמע אל מצות ה׳"! אין הערען און אויספאָלגען אַלע געזעצען פון ג׳ אויך בנוגע צו פליכטען פון מענש צו מענש.

אין די פאַרשיידענע ויכוחים, וואָס ג׳ האָט מיט די אידען, זאָגען אונז די חז״ל, וואָלט ער זעהר וועלען, אַז זיי זאָלען אַרויס די זיגער. ווי דער נביא אין דער הפטרה זאָגט צו דעם אידישען פאָלק אין נאָמען פון ג׳: „ספר אתה למען תצדק" — דערצייל דו צווערשט דיינע טענות, וואָס דו האָסט צו מיר, כדי דו זאָלסט בלייבען גערעכט, ווייל וואָס וועט מיר אַרויסקומען, אויב איך וועל קעגען דיר זיגען, איך אַליין וועל דאַן פאַרלירען און בלייבען אָהן אַ פאָלק. אין קעגענטייל: „אם נצחתם אותי" — אויב איר וועט מיך מנצח זיין, „אני משתכר". וועל איך בלייבען דער געווינער און וועל האָבען מיין „עם סגולה", מיין אויס־דערווילט פאָלק, וואָס וועט מיך פּראָקלאַמירען פאַר דער גאַנצער וועלט.

ב.

דער אויבערשטער הייסט משה׳ן אריינגיין אין וואלקען

ויקרא אל משה וידבר אליו.

„למה הקדים קריאה לדבור? אלא בשביל שאמר למעלה ולא יכל משה לבא אל אהל מועד כי שכן עליו הענן, לפיכך קראו מאוהל מועד, תפסו למשה והביאו בענן" — ווארום האט ער אים פריהער גערופען און נאכדעם גערעדט צו אים? ווייל אויבען ווערט דערציילט, אז משה האט ניט געקאנט אריינקומען אין אוהל מועד צוליב דעם וואלקען, וואס האט גערוהט אויף אים, דערפאר האט ער אים פריהער גערופען, ער האט אנגענומען משה׳ן און אים אריינגעבראכט אין וואלקען (יומא ד׳ ע"א מדרש תנחומא).

משה רבנו, דער „אדון הנביאים", דער הויפט פון אלע פראפעטען, איז תמיד געשטאנען נאהענט צו דער גאטהייט. צו יעדער געלעגענהייט, וואס דער אויבערשטער האט מיט אים געוואלט רעדען, האט ער אים ניט געדארפט רופען. „וידבר אל משה", „ויאמר אל משה", ער רעדט צו משה׳ן אדער ער זאגט צו משה׳ן, ווייל ער איז אימער געווען ניט ווייט פון אים. בלויז ביי דער ערשטער באגעגעניש לעבען בארג חורב אין דער מדבר ווערט געבראכט, אז „ויקרא אליו מתוך הסנה", ער האט אים גערופען פון דער דערנבער קוסטע. אזוי גיך אבער ווי ער האט איבערגענומען די גרויסע מיסיע צו באפרייען די אידען און פון זיי מאכע אן „עם סגולה", אן אויסדערוויילט פאלק פון ג׳, איז ער תמיד געשטאנען נאהענט צו אים און מיט אים גערעדט וואו ער האט זיך געפונען. איצט, אז ער האט פארענדיגט בויען דעם משכן, וואס ער האט אים געהייסען און דאס גאנצע פאלק איז געווען פארזאמעלט צו דער גרויסער פייערונג, איז „ויקרא אל משה", רופט ער אים, ווי ער וואלט געשטאנען אפגעווייטערט פון אים?

די חז"ל גיבען איבער די פארשידענע דערקלערונגען, פון וועלכע מיר וועלען דא איבערגעבען בלויז איניגע: מאנכע זאגען, אז ער האט אים גערופען, ווייל ער האט מיט אים עפעס צו רעדען פריוואט. דער „א" אין „ויקרא" איז פיל קלענער ווי די איבעריגע אותיות פון דעם ווארט; דאס צייגט, אז דער רוף איז געווען געמיינט פאר משה׳ן אליין. „הקול הולך ומגיע לאזניו וכל

ישראל לא שומעין" — די שטימע ציהט זיך און גרייכט צו משה'ס אויערען, אָבער קיינער פון די אידען הערט ניט (רש"י). און די אורזאַך פאַר דער געהיימניש איז, וואָס ג' וויל משה'ן דערקלערען דעם זין פון קרבנות, און ער האָט ניט געוואָלט, אַז די אידען זאָלען אים הערען רעדען וועגען דעם, כדי זיי זאָלען ניט דענקען, אַז דאָס איז דער הויפּט־ציל פון דער עבודה אין משכן.

די נביאים, וועלכע האָבען שפּעטער אויסגעבּרייטערט דעם געדאַנק פון דער תורה, רעדען מיט פאַרביטערונג קעגען דעם מאַטעריעלען זין פון קרבנות. זיי פאַראַכטען די יעניגע, וואָס דענקען, אַז ג' וויל טאַקע קרבנות, און דערפאַר זיינען זיי מכפּר אויף זינד. שמואל הנביא שרייט אויס: „החפץ לה' בעולות וזבחים?" וויל דען ג' קרבנות פון „עולות" און „שלמים"? „הנה שמוע מזבח טוב, להקשיב מחלב אילים" — פאַר ג' איז בעסער, אַז מען פאָלגט אים, איידער מען ברענגט אים אַ גוטען קרבן. אַז מען הערט זיך צו צו זיינען געבאָטען איז אים מעהר ליב, ווי די פעטס פון באַראַנען (ש"א ט"ו). און אין דעם זעלבען זין רעדען אויך די וויטערדיגע נביאים: „למה לי רוב זבחיכם יאמר ה'" — וואָס דאַרף איך אייערע פיל קרבנות? (ישעיה א'). „עולותיכם לא לרצון וזבחיכם לא ערבו לי" — אייערע „קרבני עולות" זיינען קעגען מיין ווילען און אייערע „קרבנות שלמים" זיינען מיר ניט זיס (ירמיה ו'). „האוכל בשר אבירים ודם עתודים אשתה?" — עס איך דען דאָס פלייש פון פעטע אָקסען, טרינק איך דען דאָס בלוט פון די פעטע בעק? (תהלים נ').

פון דעם איז צו זעהן, אַז דער הויפּט געדאַנק פון קרבנות איז ניט געווען דער קרבן גופא, און דאָס האָט דער אויבערשטער געוואָלט רעדען מיט משה'ן פריוואַט, דערפאַר האָט ער אים פריהער גערופען און מיט אים גערעדט אין דער שטיל, אַז די אידען זאָלען ניט הערען.

אַן אַנדער מיינונג איז דאָ, אַז משה אַליין האָט זיך דערוויטערט פון אוהל מועד, וויל ער האָט געזען וואָלקענס הענגען איבער אים. און די וואָלקענס זיינען באַשטאַנען אין דער מעשה פון די נשיאים, ווי עס ווערט דערציילט אין מדרש: „בשעה שאמר משה כל נדיב לב יביא תרומות ה' למלאכת המשכן, ולא אמר לנשיאים, היה רע בעיניהם" — ווען משה האָט אויסגערופען, אַז יעדער מיט אַ פרייגעביג האַרץ זאָל ברענגען אַ נדבה צו ג', פאַר דער אַרבּייט פון משכן, און ער האָט זיך ניט געווענדט צוערשט צו די נשיאים, די רייכע לייט, האָט עס זיי פאַרדראָסען. „אמרו יביאו העם מה שיביאו" — זיי האָבען געזאָגט,

זאל דאָס פאָלק ברענגען וואָס זיי קאָנען, מיר וועלען זעהען אויף וויפיל זייערע נדבות וועלען קלעקען (במד״ר י״ב)

ערשט, אַז דער משכן איז געוואָרען פאַרטיג, זיינען זיי געקומען מיט וועגענער אָנגעלאָדען מיט גאָלד און זילבער. „באו ועמדו לפני המשכן ולא קבל מהם״ — זיי זיינען געקומען און געוואַרט אַ צייט פאַר דעם משכן, אָבער משה האָט אַלץ ניט געוואָלט פון זיי נעמען דאָס, וואָס זיי האָבען איצט געבראַכט. ער האָט זיי געוואָלט ווייזען, אַז דער משכן, וואָס די אידען האָבען געבויט פאַר ג׳ צו קאָנען וואוינען צווישען זיי, איז אויפגעבויט געוואָרען אין גאַנצען פון די ביישטייערונגען פון דעם פשוט׳ען עולם, אָהן דער באַטייליגונג פון די רייכע, וואָס האָבען לכתחילה ניט געוואָלט צושטעהן צו דער אַרבייט. ג׳ אָבער האָט אים באַפוילען: „קח מאתם״ — נעם פון זיי, און ער האָט זיך ניט געקאָנט העלפען. ער האָט געמוזט אַקצעפּטירען זייערע נדבות און זיי נאָך צוטיילען גרויס כבוד.

„היתה נפשו של משה עגומה עליו״ — משה האָט זיך אַרומגעטראָגען מיט טרויעריגע געפיהלען. איז עס מעגליך, אַז אויך ביים משכן שפּילט קאַפּיטאַל די הויפּט־ראָליע? אַז אויך אין דעם הייליגסטען פון אַלעם הייליגקייטען זאָלען די רייכע האָבען די הויפּט־דעה? — „אמר הכל הביאו נדבתן למשכן ואני לא הביאתי״ — ער האָט ביי זיך געטראַכט, אַלע האָבען געבראַכט זייערע נדבות צום משכן און איך ניט, אפשר איז טאַקע צוליב דעם זיין רצון ניט דורכגעפירט געוואָרען, און ער האָט געמוזט אָננעמען די נדבות פון די נשיאים און זיי נאָך געבען גרויס כבוד געגען זיין ווילען? (ויק״ר א׳).

„ולא יכל משה לבא אל אוהל מועד כי שכן עליו הענן״ — משה האָט ניט געקאָנט אַריינקומען אין אוהל מועד צוליב אָט דעם וואָלקען, וואָס ער האָט געזען הענגען איבער אים. „תפסו הקב״ה למשה והביאו בענן״ — דער אויבער־שטער האָט אָבער אָנגענומען משה׳ן און האָט אים אַריינגעבראַכט אין וואָלקען. „אמר לו חייך שדבורך חביב עלי יותר מן הכל״ — ער האָט אים געזאָגט: ווי דיין לעבען איז דיר ליב, אַזוי זיינען דיינע ווערטער ביי מיר ליבער מעהר פאַר אַלץ (ויק״ר א׳). דערמיט האָט גאָט געלערענט משה׳ן, אַז אַלס אַ פירער פון פאָלק, זאָל אים ניט פאַרדריסען וואָס די רייכע קריגען גאַנץ אָפט ניט פאַרדינטע כבודים, די געשיכטע וועט בעסער פאַרשטיין אָפּצושאַצען דעם ווערט פון דעם אמת׳ר בויער. די משה׳ס וועלען געדענקט ווערען פיל לענגער פאַר די נשיאים, מיט זייערע קאַלטע נדבות.

הפטרה פרשה זכור

יעדער באַקומט זיין פאַרדינטע שטראָף

פקדתי אשר עשה עמלק לישראל.

„א״ר אחא הקב״ה בעל פקדונות, עמלק הפקיד אצלו חבילה של קוצים והחזיר לו חבילה של קוצים״ — רבי אחא זאָגט, ג׳ איז אַ פאַרטרויענסווערטער באַנקיר, עמלק האָט ביי אים איינגעלייגט אַ בינטעל דערנער, האָט ער אים צוריקגעקערט אַ בינטעל דערנער (ילקוט שמעוני רמז קי״ח).

אין דער היינטיגער הפטרה, וואָס מיר לייענען צוליב „פורים״, ווערט דערציילט, אַז שמואל הנביא האָט געזאָגט צו שאול המלך: איך האָב זיך דערמאָנט וואָס עמלק האָט געטאָן צו די אידען אויפ׳ן וועג פון מצרים און איצט וויל איך, אַז דו זאָלסט געהן און שלאָגען עמלק׳ן „והחרמתם את כל אשר לו ולא תחמול עליו״ — דו זאָלסט פאַרוויסטען אַלץ וואָס ער האָט און זאָלסט אויף איהם קיין רחמנות ניט האָבען. דו זאָלסט טויטען אַלע מענער און פרויען, קינדער און זויג־קינדער, אָקסען און שעפסען, קעמלען און אייזלען.

פאַר שאול׳ן האָט דער באַפעל געקלונגען צו גרויזאַם, און וויסענדיג, אַז ג׳ איז אַ בעל רחמים פרעגט ער ביי שמואל׳ן: „אם אדם חטא בהמה מה חטאה, אם גדולים חטאו קטנים מה חטאו?״ — אויב מענשען האָבען געזינדיגט וואָס האָבען די בהמות געזינדיגט, אויב די גרויסע האָבען פאַרבראָכען וואָס איז דער פאַרברעכען פון די קליינע? „יצתה בת קול ואמרה לו: אל תהי צדיק הרבה, כל שהוא רחמן על אכזרים לסוף נעשה אכזר על רחמנים״ — איז אַרויס אַ שטימע פון הימעל און געזאָגט צו אים: זיי ניט צופיל עהרליך: דער וואָס האָט רחמנות אויף מערדער ווערט צום סוף אַליין אַ מערדער פון אומבאַהאָלפענע (ילקוט שמעוני רמז קכ״א).

וואָס פאַר אַ טיפזיניגע לעקציע מיר קאָנען אַרויסלערנען פון דעם מדרש אויך איבער די געשעהענישען פון היינטיגער צייט!

עמלק, די נאַצים פון די פאַרצייטיגע דורות, האָבען אימער געזוכט אומ־צוברייגנען דאָס אידיש פאָלק. ביי יעדער געלעגענהייט פלעגען זיי באַפאַלען „את הנחשלים״, די קראַנקע און די שוואַכע, זיי אויסמערדערען און באַרויבען פון זייער האָב און גוטס. „המן״, זייער היטלער פון אַמאָל, ווערט פלוצלינג

דערהויבען און באַקומט די ממשלה איבער אַלע לענדער, וואָס האָבען באַלאַנגט צום נאַרישען קעניג אחשורוש. צוליב דעם, וואָס אַ אידישער נאַבעלמאַן מיט דעם נאָמען מרדכי גיט אים ניט אָפּ צופיל כבוד, ווערט ער מלא רציחה קעגען „עם מרדכי״, דאָס גאַנץ פאָלק פון מרדכי און וויל איהם אויסראָטען פון דער וועלט.

ער רעדט איין דעם נאַרישען אחשורוש, אַז די אידען זיינען אַ נידעריגע ראַסע, זייערע רעליגיעזע מנהגים זיינען אַנדערש פון אַלע פעלקער און די באַפעלען פון דער מלוכה פאָלגען זיי ניט אויס, „ולמלך אין שוה להניחם״, און פאַר דעם קעניג איז גאָרנישט ווערט זיי צו האַלטען אין לאַנד. ער גיט דעם קעניג צעהן טויזענט זילבערנע כיכר׳ס און קויפט ביי איהם אָפּ דאָס רעכט איבער די לעבענס פון אַלע אידען.

גלייך ווי דער פינסטערער קאָנטראַקט ווערט אונטערשריבען, שיקט המן אַרויס בריוו צו די „אחשדרפני המלך״, די געסטאַפּאָס פון דער רעגירונג אין יעדער מדינה מיט דעם באַפעל: „להשמיד, להרג ולאבד את כל היהודים, מנער ועד זקן, טף ונשים ביום אחד, ושללם לבוז״ — מען זאָל פאַרטיליגען, אויס־הרג׳ענען און פאַרניכטען אַלע אידען, פון יונג ביז אַלט, קינדער און פרויען אין איין טאָג, און זייער האָב און גוטס צעראַבירען.

אויף אַזאַ לומפּען פאָלק פון רויבער און מערדער, זאָגט אונז דער מדרש, טאָר מען קיין רחמנות ניט האָבען. זיי פאַנגען אָן זייער טייפעל־שפּיל מיט די אידען, וואָס געפינען זיך אין זייערע מדינות און נאָכדעם פאַרנעמען זיי זיך צו אונטערדריקען די גאַנצע וועלט, און ברייגגען טויט און פאַרניכטונג אין אַלע לענדער. אויב מען זאָל זיי ניט אָפּראַמען פון דער וועלט, וועלען זיי פאַר אימער פאַרבלייבען דער וואולקאַנישער מיטעלפּונקט, פון וואַנען זיי וועלען זיך פאַרשפּרייטען איבער אַנדערע מדינות און ברייגגען די שרעקליכסטע קאַטאַס־טראָפעס אויף דער גאַנצער מענשהייט.

צו די שאול׳ס, וועלכע טראָגען זיך אַרום מיט ליבעראַלע אידייען און באַהויפּטען, אַז בלויז די המנ׳ס, די היטלערס, זיינען שולדיגע, און די מלחמה מוז געפירט ווערען בלויז קעגען זיי און ניט קעגען דאָס פאָלק, וואָס האָט זיי געגעבען די מאַכט און אויסגעפאָלגט זייערע טייפעלשע באַפעלען, זאָגט דער מדרש: „אל תהי צדיק הרבה״, זייט ניט מיט זיי צופיל עהרליך און אנשטענדיג, זיי האָבען עס ניט פאַרדינט. אַלע פון זיי זיינען געקנאָטען פון דעם זעלבען טויג און זיינען דיזעלבע מערדער, ווי זייערע פירער. אויב איר וועט אַזעלכע

אכזרים באהאנדלען מיט רחמנות וועט איר אַליין, סוף כל סוף, ווערען מערדער, וויל אייער „אפיזמענט" פּאָליטיק וועט פירען צו ווייטערדיגע מלחמות און דאס פאַרגאָסענע בלוט פון די אָרימע הילפלאָזע וועט פאַלען אויף אייערע קעפּ.

די השגחה האָט אַ גוטען זכרון, זי געדיינקט אַלעס, וואָס איז געטאָן געוואָרען און זעהט אויך דעם סוף פון יעדען טאַט. ווי אַ פאָלק בעט זיך אויס, אַזוי שלאָפט ער. „עמלק הפקיד אצלו חבילה של קוצים", די עמלקים, די נאַציס און פאַשיסטען, האָבען תמיד באַהאַלטען פאַר דער צוקונפט אַ בינטעל פון דערנער, פון גרויסע אַרמייען מיט געווער, פון יונקערס מיט אַמביציע צו באַהערשען די וועלט, „החזיר לו חבילה של קוצים", מוז מען זיי אומקערען דעם זעלבען בינטעל דערנער. אויב מען וויל, אַז שלום זאָל הערשען איבער דער וועלט און יעדעס פאָלק זאָל קאָנען לעבען פריי און דעמאָקראַטיש ווי ער וויל, דאַן מוז מען אויסראָטען אַזעלכע עמלקים „והחרמתם את כל אשר לו ולא תחמול עליו", וויסט מאַכען אַלע זייערע שטעט און אויף זיי קיין רחמנות ניט האָבען.

ג.

קרבנות זיינען הויפּטזעכליך געמיינט פאַר דעם מענשען

קרבן לה'!

„לא יאמר אדם לד' עולה, לד' תודה, לד' שלמים, אלא עולה לד', תודה לד', שלמים לד'" — אַ מענש זאָל ניט זאָגען: צו ג' איז דער גאַנץ־אָפּפער, צו ג' איז דער דאַנק־אָפּפער, צו ג' איז דער פרידענס־אָפּפער, נאָר פאַרקערט: דער גאַנץ־אָפּפער איז צו ג', דער דאַנק־אָפּפער איז צו ג', דער פרידענס־אָפּפער איז צו ג' (נדרים י"ב).

די קרבנות, וואָס די אידען האָבען מקריב געווען אין משכן אָדער אין בית המקדש, קאָנען איינגעטיילט ווערען אין דריי הויפּט קלאַסען: פאָלקס־קרבנות, ווי דער קרבן־תמיד א. ד. גל., וואָס האָבען געדינט צו פאַראייניגען דאָס פאָלק גייסטיג און רעליגיעז; דאַנק־קרבנות, ווי „תודה" אָדער „שלמים", וואָס איינער ברייינגט צו ג' פאַר דאָס גוטס, וואָס ער טוט מיט אים, און אַלס

צייגניש, אַז ער אַנערקענט, אַז אַלץ, וואָס ער פאַרמאָגט, איז באמת ניט אינגאַנצען זיינס, וואָס ער האָט דערוואָרבען מיט זיין אייגענעם כוח, נאָר איז אים געגעבען דורך דעם רצון פון ג׳, און אויך קרבנות פון פאַרגעבונג, ווי „עולה“, „אשם“ אָדער „חטאת“, וואָס איינער ברייננט אַלס חרטה און תשובה אויף אַ זינד, וואָס ער איז באַגאַנגען קעגען ג׳ אָדער קעגען אַ חבר.

איבער דעם איינפיר פון קרבנות און דעם הויפט ציל פון דער דאָזיגער מצוה זיינען פאַראַן פיל חלוקי דעות צווישען די אידישע מחקרים. דער רמב״ם, צום ביישפיל, באַהויפּטעט, אַז דער איינפיר פון קרבנות איז הויפטזעכליך געווען געמיינט צו פאַרהיטען די אידען פון די פאַרשידענע עבודת־זרות, וואָס האָבען דאַן געהערשט צווישען די פעלקער פון יענער צייט (מורה נבוכים פ׳ ל״ב). די זעלבע מיינונג ווערט אויך אויסגעדריקט אין מדרש, אַז דערפאַר האָט דער אויבערשטער די אידען געגעבען די מצוה פון קרבנות, כדי זיי אָפּצוגעוואוינען פון דעם אבשייליכען געצענדינסט, וואָס זיי האָבען נאָכגעטאָן די מצריים, ווי עס ווערט דייטליך אויסגעדריקט אין די פאָלגענדע פסוקים: „למען אשר יביאו בני ישראל את זבחיהם לד׳ — ולא יזבחו עוד לשעירים“ — כדי די אידען זאָלען ברייננען זייערע קרבנות צו ג׳ און זאָלען מער ניט שעכטען צו די שדים (ויק״ר פ׳ כ״ב).

אין די אוראַלטע צייטען איז געווען פאַרשפרייט דער אַבערגלויבען צווישען די פעלקער, אַז מען מוז מקריב זיין קרבנות צו זייערע אָפּגעטער, כדי זיי צו האַלטען אין אַ גוטער שטימונג, אַז זיי זאָלען ניט אָנטאָן קיין שאָדען אָדער ברייננען צעשטערונג. מאַנכע זיינען אין זייער אַבערגלויבען געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז זיי האָבען אויך מקריב געווען מענשליכע קרבנות. ביי זיי איז געווען איינגעוואָרצעלט דער גלויבען, אַז דאָס ערשט־געבוירען קינד, אויב ער איז אַ זכר, באַלאַנגט צו זייער אָפּגאָט און מוז געבראַכט ווערען פאַר אַ קרבן. איינמאָל אַ יאָר, דערציילען אונז די אַלטע מיטאָלאָגישע כראָניקער פלעגט מען מקריב זיין אַ פאָלקס־קרבן, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ יונגען באָי אָדער אַ יונגער מיידעל, וואָס מען פלעגט אַ גאַנץ יאָר קאָרמענען מיט אַלע בעסטע מאכלים, כדי דאָס קינד זאָל ווערען פעט, און דאַן אים, אָדער זי, פאַרברענען עפענטליך אַלס קרבן צו זייער עבודה־זרה — און דער גאַנצער עולם פלעגט טאַנצען און פראַווען גרויסע סעודות, ווייל זיי האָבען געגלויבט, אַז מיט דעם האָבען זיי געוואונען דעם גוטען ווילען פון זייער ג׳. ווען אַפילו דערוויטערען די אידען פון אַזוינע אַבשייליכע געצענדינערייען און אַבער־

גלויבעגישען, איז דעריבער באַפוילען געוואָרען צו בויען אַ משכן און מקריב זיין אַזוינע קרבנות, וואָס זאָלען זיי דערהויבען צו אַ העכערער שטופע און זיי דערנענטערען צו השם יתברך.

דער רמב״ן איז קעגען דער דאָזיגער מיינונג. ער זאָגט, אַז די קרבנות זיינען איינגעפירט געוואָרען ניט אַלס אַ נעגאַטיווען צוועק, כדי צו פאַרהיטען פון געצענדינערריי, נאָר אויך אַלס פּאָזיטיווער מיטעל — צו וועקען אין זייערע הערצער דעם געפיל פון תשובה און חרטה אויף זייערע זינד און אויך צו נעמען אויף זיך ווייטער צו זיין פרום צו ג׳ און גוט צו זייערע מיטמענשען. „מצוות מעשיות״, טעטיגע מצוות, מאַכען אַ גרויס רושם אויף די, וואָס זיינען זיי מקיים. דורך טאָטען ווערט מען באַוואוסטזיניג. דערפאַר איז טאַקע דער עיקר פון די קרבנות דער „ודוי״ און די „תשובה״, די אַנערקענונג פון דעם חטא און דער באַשלוס אים ווייטער ניט צו טאָן, ווי די גמרא באַהויפּטעט: „קרבן דליכא תשובה, הוא זבח רשעים תועבה״ — אויב ביים ברייגגען דעם קרבן טוט דער מענש ניט קיין תשובה אויף זיינע זינד, ווערט עס באַטראַכט פון ג׳ אַלס „זבח רשעים״, וואָס איז פאַר אים אומווירדיג (זבחים ז׳ ע״ב).

קרבנות זיינען הויפּטזעכליך געמיינט פאַר דעם מענשען און ניט פאַר ג׳. „אדם כי יקריב מכם קרבן לה׳״ — אַז אַ מענש פון אַייך וועט ברייגגען אַ קרבן פאַר ג׳, „יכל גזרה, ת״ל כי יקריב, הא איגו אלא רשות״ — קאָן מען דאָך מיינען, אַז דאָס איז אַ גזרה, אַ באַפעל, שטייט דערפאַר „כי יקריב״, אַז ער וועט אַליין ברייגגען, וואָס דאָס ווייזט, אַז עס איז בלויז אַ „רשות״, אַ פּריוויליגע זאַך (תו״כ). ג׳ וויל ניט סתם אַ קרבן. ער באַפעלט ניט דעם מענשען, אַז ער מוז ברייגגען קרבנות. אויב ער פאַרשטייט ניט דעם ריכטיגען זין פון דעם, אויב ער האָט ניט קיין חרטה אויף זיינע זינד, און מיט׳ן קרבן זוכט ער ניט זיך צו דערנענטערען צום געדאַנק פון דער גאָטהייט, וויל גאָט זיין קרבן ניט. „לרצונו״ — דאָס מוז קומען פריוויליג, מיט דעם באַוואוסטזיין, אַז דורך דעם קרבן פאַרבינדעט ער זיך פעסטער מיט דער אמונה און וועט אויסבעסערן זיינע מעשים.

אונזערע חכמים דרש׳ענען אויף יעדען וואָרט פון דיזען פסוק און ברייגגען אַרויס טיפזיניגע דינים און געדאַנקען: עס שטייט ניט: „אחד מכם כי יקריב קרבן״, אַז איינער פון אַייך וועט ברייגגען אַ קרבן, נאָר עס ווערט געזאָגט: „אדם מכם״, אַ מענש פון אַייך, דאָס איז „לרבות את הגרים״, אויך איינצושליסען די פרעמדע וואָס וואוינען צווישען די אידען (ירושלמי שקלים

פ״א ה״ד). דער גר, דער ניט־איד האָט אויך אַ רעכט צו ברייננען נדבות און קרבנות פאַר ג׳ און מען דאַרף עס פון אים מקבל זיין (חולין י״ג).

ווידער דער וואָרט „מכם״ איז דאָך דאָ איבעריג אין פסוק. עס האָט דאָך געקאָנט שטיין „אדם כי יקריב״, אַז אַ מענש וועט ברייננען אַ קרבן. פון דעם איבעריגען וואָרט „מכם״ לערנען אונזערע חכמים אַרויס, צוויי דינים: ערשטענס, דאַרף דער קרבן זיין „מכם״, פון אייערע ערליכע פאַרדינסטען, „פרט לגזול דלאו דידי׳ הוא״ — אויסגעשלאָסען אַזאַ קרבן, וואָס קומט פון געגזל׳טע געלט, פון באַרויבען און באַשווינדלען אַנדערע. אַזעלכע קרבנות זיינען אומ־ווירדיג פאַר ג׳ (סוכה ל׳ ע״א). ווידער, אויב ער איז אַ איד, מוז דער מענש זיין „מכם״, איינער פון אייערע, „להוציא את המומר״, אויסצושליסען דעם געש־מד׳טען. אויב אַ איד האָט געביטען זיין גלויבען, זאָל מען זיינע קרבנות ניט אַננעמען (חולין ה׳ ע״א). מעג ער זיך האַלטען פאַר אַ נאַציאָנאַליסט און אפילו וואוינען אין ארץ ישראל, אויב ער האָט געביטען זיין גלויבען, האָט ער זיך אויסגעשלאָסען פון כלל ישראל, און אַ דעזערטיר, אַן אַנטלאָפענער איד שטייט נידריגער פאַר אַ פרעמדען, פאַר אַ גוי.

„כל שאור וכל דבש לא תקטירו ממנו״ — זויערס און האָניג זאָלט איר ניט דעמפען פאַר ג׳. זאָגט אויף דעם רבי יוסף שאול נאַטאַנסאָן: „שאור״ און „דבש״ זיינען צוויי עקסטרעמען לויט זייערע אייגענשאַפטען און לויט זייער געשמאַק, איינער איז זויער און דער אַנדערער איז זיס. דאָס לערענט אונז, אַז ג׳ אַליין האָט פיינט עקסטרעמען. ער האָט ניט ליב דעם וואָס איז צופיל פאַר־זויערט און איינגאַנצען אָפּגעגעבען צו יענער וועלט און וויל פון דער וועלט ניט וויסען; ער האָט אויך פיינט דעם זיסען, דעם חונף, וואָס זוכט זיך צופיל צו שמייכלען צו אים. עקסטרעמען זיינען שעדליך, און פוןביידע דאַרף מען זיך דערווייטערען. זאָל דער איד בעסער גייך אין דעם „שביל הזהב״, דעם גאָלדענעם וועג, דעם מיטעלוועג, וואָס צו ג׳ איז צו ג׳ און וואָס צו לייטען איז צו לייטען.

און דאָס איז טאַקע דער געדאַנק פון אויבען־ציטירטען מאמר אין דער גמרא. אַ מענש זאָל ניט זאָגען: צו ג׳ איז דער קרבן עולה, צו ג׳ איז דער קרבן תודה, צו ג׳ איז דער קרבן שלמים, ווייל דערמיט דריקט ער אויס דעם פאַלשען געדאַנק, אַז ג׳ וויל חו״ש טאַקע האָבען אָט־די קרבנות און האָט הנאה פון זיי. ער זאָל בעסער זאָגען: דער קרבן עולה, דער קרבן תודה אָדער דער קרבן שלמים איז צו ג׳, מיינענדיג דערביי, אַז דער קרבן, וואָס איך גיי איצט ברייננען,

איז פאַר מיין טובה וועגען, ווייל איך האָב געזינדיגט און וויל האָבען אַ כפרה, אָדער ווייל איך וויל אויסדריקען מיין דאַנקבאַרקייט צו אים פאַר דאָס גוטס, וואָס ער האָט געטאָן מיט מיר און זיך דערמיט דערנעענטערען צו דעם הויכען געדאַנק פון דער גאָטהייט (נדרים י״ב).

הפטרה פרשה זכור

אין אַ קריזיס־צייט פאַר אידען דערשיינט אַ נייער עמלק

מחה תמחה את זכר עמלק

„אמר להם הקב״ה: בני, אין לכם אלא להיות קוראים פרשת עמלק בכל שנה ומעלה אני עליכם כאלו אתם מוחים שמו מן העולם" — ג׳ זאָגט צו די אידען: מיינע קינדער, איר דאַרפט בלויז לייענען יעדען יאָר די פרשה פון עמלק און איך וועל עס אייך פאַררעכענען ווי איר וואָלט אָפּגעמעקט זיין נאָמען פון דער וועלט (פסיקתא רבתי).

צוליב דעם וואָס דער הייניגער שבת פאַלט־אויס פאַר פורים, ווען המן, אַן אָפּשטאַם פון עמלק, האָט געזוכט צו פאַרניכטען דאָס אידישע פאָלק, לייענען מיר די הפטרה פון פרשה „זכור", וואו מיר ווערען אָנגעזאָגט שטענדיג צו געדענקען דאָס שלעכטס, וואָס עמלק האָט אונז געטאָן. מערקווירדיג, אין דער לאַנגער מאַרטירער־געשיכטע פון אונזער פאָלק זיינען די אידען באַקעמפט און אונטערדריקט געוואָרען פון פיל פעלקער, וועלכע האָבען זיך געבאָדען אין זייער בלוט און זיי רודף געווען אויף שריט און טריט, דאָך ווערט אין אונזער טראַדיציע ניט גערעדט מיט אַזאַ האָס און צאָרן קעגען קיינעם פון זיי, ווי עס ווערט גערעדט וועגען עמלק. און וואָס מער אומפאַרשטענדליך איז, אַז די ערשטע באַגעגעניש, וואָס די אידען האָבען געהאַט מיט עמלק, האָט זיי ניט געבראַכט אַזוינע שווידערליכע רעזולטאַטען, וואָס זאָלען אַרויסרופען אַזאַ אייביגען האָס.

אין דער סדרה בשלח ווערט דערציילט, אַז ווען די אידען זיינען אָנגעקומען קיין רפידים, אויפ׳ן וועג פון מצרים נאָך כנען, זיינען זיי באַפאַלען געוואָרען פון עמלק, „ויחלש יהושע את עמלק ואת עמו לפי חרב" — און יהושע האָט אָפּגעשוואַכט עמלק און זיין פאָלק מיט׳ן שאַרף פון שווערד, און

די אידען זיינען אַרויסגעקומען געשטאַרקט און געמוטיגט. דאָך זאָגט ג׳ גלייך צו משה׳ן: „כתב זאת זכרון בספר ושים באזני יהושע, כי מחה אמחה את זכר עמלק״ — פאַרשרייב עס אַלס אַן אָנדענק אין בוך און גיב עס אויך איבער אין די אויערען פון יהושע, אַז איך וועל פולשטענדיג אויסמעקען דעם זכר פון עמלק אונטער׳ן הימעל. און משה בויט אַ מזבח און שווערט ביים שטול פון ג׳, אַז „מלחמה לה׳ בעמלק מדור דור״ — אַ געטליכער קאַמף מוז אַנגעפירט ווערען קעגען עמלק אין אַלע דורות.

אויך מיט פערציג יאָר שפעטער, ווען משה ווידערהאָלט די תורה פאַר די אידען, באַפעלט ער זיי ווייטער: „מחה תמחה את זכר עמלק״ — איר זאָלט אינגאַנצען אָפּמעקען דעם זכר פון עמלק.

אין היינטיגער הפטרה זעהען מיר ווידער, ווי דער שטילער און פאָלקס־טימליכער נביא שמואל ווערט שטאַרק אויפגערעגט קעגען דעם יונגען קעניג שאול, פאַרוואָס ער האָט ניט דורכגעפירט זיין באַפעהל אינגאַנצען צו פאַר־ניכטען עמלק און ניט לאָזען לעבען קיין נשמה — מענער, פרויען, קינדער, אָקסען, שעפסען, קעמלען און אייזלען. וואָרום אַזאַ שרעקליכער אייביגער כעס קעגען אַ שונא, וואָס איז שוין לאַנג אונטערגעגאַנגען? קענטיג, אַז די פאַר־שידענע אַנפאַלען פון עמלק אויף די אידען האָבען געהאַט פיל מער טרויעריגע רעזולטאַטען ווי עס ווערט פון אויבען־אויף געשילדערט אין די פסוקים, און מיר מוזען אַנקומען צו די דערקלערונגען פון די חז״ל, אויב מיר ווילען פאַרשטיין דעם גאַנצען ענין.

ווער און וואָס איז געווען עמלק, אָדער ווי די חכמים דערקלערען די באַדייטונג פון זיין נאָמען: „עם שלקק דמן של ישראל״ — אַ פאָלק וואָס האָט געזויגען דאָס בלוט פון די אידען (ילקוט שמעוני). און אין וואָס איז באַשטאַנען זיין הויפט פאַרברעכען קעגען דעם אידישען פאָלק, אַז מיר מוזען אים שטענדיג געדענקען און באַקעמפען? לויט ווי מיר קאָנען עס אַרויסלערנען פון פאַרשידענע מקורים, האָט די אידישע טראַדיציע אָנגערופען מיט דעם נאָמען „עמלק״ יעדען שונא, וואָס איז באַפאַלען די אידען אין אַ צייט פון אַ קריזיס און אים געשטערט צו דערגרייכען זיין ציל. ווען איינער ווערט אַריינגעוואָרפען אין אַ טייך, וואו ער טרינקט זיך און שטרענגט אָן אַלע זיינע כוחות צוצושווימען צו אַ ברעג, אָבער אויף דער צווייטער זייט שטייט אַן אַנדער שונא, וואָס דערלאָזט אים ניט זיך צו ראַטעווען — אָט דער איז אַ פיל גרויזאַמערער מערדער ווי דער ערשטער, וואָס האָט אים אַריינגעוואָרפען אין וואַסער. אַזאַ מערדערליכע טאַקטיק קעגען

די אידען האָבען אָנגעפירט די אַלטע עמלקים און זי ווערט אויך ווידערהאָלט פון די נייע עמלקים אין יעדען דור.

צוויי הויפט אורזאַכען ווערען אָנגעגעבען אין דער „פרשה זכור״, וואָרום מיר דאַרפען שטענדיג פאַרהאַסען עמלק׳ן. די ערשטע איז: „אשר קרך בדרך״, ווי ער האָט דיך געטראָפען אונטערוועגענס, און די צווייטע: „ויזנב בך את כל הנחשלים אחריך ואתה עיף ויגע״, ווי ער האָט געשלאָגען זיינע הינטער־שטעליגע, אַלע אָפּגעשלאָפּטע הינטער דיר, בעת דו ביזט געווען פאַרשמאַכט און מיד. די אידען האָבען זיך נאָר־וואָס געראַטעוועט פון מצרים, דורכגעשפרייזט אַ ים פון צרות און פאַרפאָלגונגען און זיינען אויפ׳ן וועג פון פרייהייט, פלוצים ווערען זיי באַפאַלען פון עמלק, וועלכער דערלאָזט זיי ניט צו קומען צו זייער ציל. אויסער וואָס ער קומט אַרויס קעגען זיי מיט מאַכט, פירט ער נאָך אָן אַ גרויסע אַגיטאַציע קעגען זיי. „אשר קרך בדרך — אין קרך אלא בפה״ — ער זוכט זיי אָפּצוקילען פון זייער הייסען פאַרלאַנג צו גרינדען אַן אייגענע מלוכה. „ויזנב בך את כל הנחשלים — אלו בני אדם שנמכו מדרכי המקום ונחשלו מתחת כנפי המקום״ — ער שלאָגט דיינע הינטערשטעליגע, דאָס זיינען די מענשען, וואָס האָבען זיך דערנידעריגט פון ג״ס וועגען און זיינען אַרויסגעפאַלען פון אונטער די פליגלען פון דעם אויבערשטען (ספרי). זיי מאַכען יד־אחת מיט די אַסימילאַטאָרישע קרייזען צווישען די אידען, כדי ניט צו דערלאָזען זייער גאולה.

דאָס זעלבע האָט אויך פּאַסירט אין די צייטען פון שמואל. נאָך הונדער־טער יאָרען פון צעריסענקייט, פון זיין אָפּגעשיידט אין שבט פון דעם צווייטען, קומען ענדליך די אידען צו דער איבערצייגונג, אַז זיי דאַרפען גרינדען אַן אייגענע מלוכה, אַרום וועלכער דאָס גאַנצע פאָלק זאָל זיך קאָנען פאַראייניגען, און שמואל הנביא געפינט פאַר זיי דעם פּאַסיגען מאַן פאַר אַ קעניג, דעם יונגען און שיינעם שאול, און אָט אַ נייע צרה. עמלק צוזאַמען מיט פלשתים באַפאַלען דאָס פאָלק און זוכען צו צעשטערען זייער פאַראייניגונג. „ובני בליעל אמרו: מה יושיענו זה ויבזוהו״ — און די אידישע פאַררעטער שרייען: וואָס קאָן אונז אָט דער העלפען? און זיי באַליידיגען און שענדען זיין נאָמען. ערשט ווען שאול קומט אַרויס דער זיגער, ווערט דאָס פאָלק באַגייסטערט און שרייט אויס צו שמואל: „מי האומר שאול ימלוך עלינו? תנו האנשים ונמיתם״ — ווער איז דער, וואָס האָט געצווייפעלט, צי שאול קאָן קעניגען איבער אונז? גיב אונז די מענשען און מיר וועלען זיי טויטען.

און אויך ביי היינטיגען טאָג, נאָך דער גרויסער בלוט־באָד, וואָס אונזער פאָלק האָט דורכגעמאַכט, און אונזער שארית הפליטה, דאָס קליין ביסעל וואָס איז איבערגעבליבען, רייסט זיך צו קומען צום ברעג און זיך באַזעצען אין אונזער פאַרשפּראָכען לאַנד, קומען די עמלקים, די בעווינס און די אַטלי׳ס מיט זייערע אימפּעריאַליסטישע חברים און שטויסען זיי צוריק אין פייער אַריין. זיי שטיצען זיך כלומר׳שט אויף די ווערטער פון אונזערע „נחשלים״, די אָפּגע־שוואַכטע אַסימילאַטאָרען, וועלכע זיינען אַרויסגעפאַלען פון אונטער די פליגלען פון אונזער אמונה, וועלכע ווילען ניט קיין אידישע מדינה און קיין אייגען לאַנד. אָט אין אַזאַ צייט זאָלען מיר שטודירען די פּרשה „זכור״ און גוט געדענקען, אַז מיר מוזען באַקעמפען און אָפּמעקען „את זכר עמלק מדור דור״ — דעם אָנדענק פון די עמלקים פון יעדען דור.

ד.

געטליכער פייער און דער מענש

ונתנו בני אהרן הכהן אש על המזבח

„אף על פי שהאש יורדת מן השמים, מצוה ליתן אש מן ההדיוט״ — כאָטש דער פייער בידערט אַרונטער פון הימעל, איז דאָך אַ מצוה צוצולייגען מענשליכען פייער (תורת כהנים).

„די מצוה פון קרבנות, זאָגט דער רמב״ם (מורה נבוכים פ׳ ל״ב), איז געגעבען געוואָרען צו די אידען, כדי זיי צו פאַרהיטען פון עבודה זרה. פיל פון די אידישע חוקרים שטימען אַיין מיט דער מיינונג פון דעם רמב״ם. זיי זאָגען: די קרבנות זיינען ניט געמיינט, כדי צופרידענשטעלען דעם אויבערשטען. ווי דער תהלים זאָגט אין נאָמען פון ג׳: „האוכל בשר אבירים ודם עתודים אשתה?״ — עס איך דען דאָס פלייש פון פעטע אָקסען, טרינק איך דען דאָס בלוט פון די פעטע בעק? (תהלים נ״ח). די נביאים פאַראַכטען די יעניגע, וואָס דענקען, אַז קוים ברענגען זיי פיל קרבנות קאָנען זיי שוין טאָן וואָס זיי ווילען, און אַלץ ווערט זיי פאַרגעבען. „למה לי רוב זבחיכם יאמר ה׳״ — וואָס דאַרף איך אייערע פיל קרבנות, זאָגט ג׳. „קטורת תועבה היא לי״ — אייערע

דעמפונגען זיינען פאַר מיר אומווירדיג; וואָס איך וויל איז „רחצו, הזכו" — וואַשט אָפּ די שמוץ פון אייך, רייניגט אייך פון אייערע זינד, „הסירו רוע מעלליכם מנגד עיני" — נעמט אַוועק אייערע שלעכטע מעשים פון פאַר מיינע אויגען (ישעיה א'). אַנשטאָט מקריב צו זיין די בכורים האָט ג' אַנגעזאָגט די אידען זיי אויסצוקויפען מיט דעם, וואָס זיי זאָלען געבען פינף שקלים אויסלייז־געלט דעם כהן. דאָס, אייגענטליך, — זאָגען די חוקרים, — איז דער געדאַנק פון דעם פסוק: „האתן בכורי פשעי? פרי בטני חטאת נפשי?" — זאָל איך געבען מיין ערשט־געבוירענעם פאַר מיין זינד? פרוכט פון מיין בויך פאַר מיינע אייגענע פאַרברעכענס?

אין מיטעלאַלטער פלעגט די קאַטוילישע קירך דערלויבען אירע אָנ־הענגער אויסצוקויפען זיך פון זייערע זינד. פאַר אַ היפּשער סומע, וואָס איינער האָט געגעבען צום פויפּסט, אָדער קאַרדינאַל, פלעגט ער באַקומען אַ כפרה־צעטעל, וועלכער פלעגט אים באַפרייען ניט בלויז פון די חטאים, וואָס ער האָט געטאָן אין עבר, נאָר אויך פון אַלע זיינע זינד, וואָס ער קלייבט זיך צו טאָן אין דער צוקונפט. ווי אָפּשיילך און נידריג איז אַזאַ טאַט, ווען מען פאַרגלייכט אים מיט דעם הויכען אידעאַל פון קרבנות, להבדיל אלף הבדלות. אונזערע חכמים פאַראַכטען דעם יעניגען, וואָס וויל זיך מיט אַ קרבן אויסקויפען פון זיינע זינד. זיי זאָגען אונז: „קרבן דליכא תשובה הוא זבח רשעים תועבה" — אויב ביים ברענגען דעם קרבן טוט ניט דער מענש קיין תשובה אויף זיינע זינד, ווערט ער באַטראַכט פון ג' אַלס אַ „זבח רשעים", וואָס איז פאַר אים אומווירדיג (זבחים ז' ע"ב). און תשובה פאַר'ן עבר אַליין איז נאָך ניט גענוג, דער דין איז, אַז ער מוז אויף זיך נעמען אַ קבלה, אַז אין דער צוקונפט וועט ער אַזעלכע עברות ניט באַגיין.

מיט די קרבנות, אַזוי גוט ווי מיט די אַלע אנדערע מצוות, האָט די תורה געזוכט אָפּצוזונדערן דעם אידען פון אַלע אַנדערע פעלקער. רבי עמיאל, אין זיין „דרשות אל עמי", ברענגט אַ מערקווירדיג־שיינעם געדאַנק פון אַ באַרימטען חסידישען רבי'ן איבער דעם פסוק: „תמים תהיה עם ה' אלקיך, כי הגויים האלה אשר אתה יורש אותם אל מעוננים ואל קוסמים ישמעו, ואתה לא כן נתן לך ה' אלקיך" — גאַנץ זאָלסטו זיין מיט דיין ג', ווייל די אַלע פעלקער, וועלכע דו גייסט ירש'ענען, הערען זיך צו צו כישוף־מאַכער און שוואַרצקינסטלער, אָבער דו, ניט אַזוי האָט דיר געגעבען ג' דיין ג' (דברים י"ח). ער זאָגט: „די שענסטע מתנה, וואָס ג' האָט געגעבען צו די אידען, איז די עקשנות צו זאָגען

„לא כן", עס איז ניט אַזוי. ווען ניט אַט די עקשנות וואָלט חו"ש פון די אידען קיין זכר ניט געבליבען. דער ניט צושטימען צו אַלע אַנדערע רעליגיעס און גלויבענס, דער מסירות־נפש'דיגער ענטפער „לא כן", עס איז ניטאָ קיין אמת אין אייערע באהויפּטינגען, איז דער כח, וואָס האָט אויפגעהאַלטען דעם אידען אין זיינע לאַנגע וואַנדערונגען".

ווי וויט דער אויבערשטער זוכט ניט קיין פעטע קרבנות קאָן מען אַרויס־זעהן פון דער דערקלערונג, וואָס אונזערע חז"ל גיבען אויף דעם פסוק: „ונפש כי תקריב קרבן מנחה לה'" — אַ זעל, וואָס וועט ברענגען אַ קרבן־מנחה צו ג'. „א"ר יצחק, מה נשתנה מנחה שנאמר בה ונפש? אמר הקב"ה: מי דרכו להביא מנחה? עני, מעלה אני עליו כאילו הקריב נפשו לפני" — ר' יצחק זאָגט, מיט וואָס אונטערשיידט זיך אַ מנחה פון אַלע אַנדערע קרבנות, וואָס וועגען איר ווערט געזאָגט, אַז אַ נפש וועט איר ברענגען? ווייל ג' זאָגט: ווער ברענגט, געוויינליך, אַ מנחה? אַן אָרימאַן, וואָס פאַרמאָגט ניט אויף אַ בעסערן קרבן, פאַררעכען איך עס צו אים ווי ער וואָלט פאַר מיר מקריב געווען זיין אייגענע זעל (ילקוט שמעוני). „קרבן" מיינט דערנעענטערונג, און אַז איינער זוכט צו דערנעענטערן זיך צו ג' איז זיין קרבן אָנגעלייגט, ווען אפילו עס איז בלויז אַן אָרימע מנחה.

„קרבנות, זאָגט איינער פון די גרויסע מקובלים, זיינען טרעפּ, אויף וועלכע דער מענש שטייגט צו די הימלען, אָדער דער הימעל נידערט צו אים אַרונטער אויף דער ערד. אויב מיר ווילען, אַז עס זאָל זיין „אש יורדת מן השמים", דער געטליכער פייער זאָל צו אונז אַרונטערנידערען פון הימעל, מוזען מיר פריער צולייגען „אש מן ההדיוט" — אונזער אייגענעם פייער. „אי אפשר לה לאש להראות כי אם בהתלותה בדבר" — עס איז אוממעגליך פאַר דעם געטליכען פייער זיך צו ווייזען, סיידען אַז ער האָט זיך אָן וואָס אָנצוהענגען (רבי סעדיה גאון, אמונות ודעות).

דער קאָצקער רבי ז"ל האָט אַמאָל געזאָגט: „עס איז ניט גענוג פאַר דעם מענשען צו וועלען שטייגען ביז די הימלען, עס איז זיין חוב, ער זאָל דערהויבען די הימלען און זיי מאַכען העכער ווי זיי זיינען".

הפטרה פרשת החודש

אין אונזער לאַנד וועלען די מאָנאַטען זיין אונזערע

וביום השבת יפתח וביום החודש יפתח.

„רבי אלעזר אומר שערים שטבעו בארץ עתידים לעלות ולהתחדש כל אחד ואחד במקומו — ובראש חודש יהיו ישראל עומדים ורואים את הדלתות נפתחות מאליהן ויודעין שבאותה שעה עלתה הלבנה ומקדשין את החודש בעליונים” — רבי אלעזר זאָגט: די טויערען, וואָס זיינען איינגעזונקען געוואָרען אין דער ערד נאָכ'ן חורבן, וועלען נאָך דער גאולה אַרויפקומען פון דאָס ביי, יעדערער אויף זיין פּלאַץ. ראש חודש וועלען די אידען שטעהן און זעהן, ווי די טירען עפענען זיך פון זיך אַליין, און זיי וועלען דאַן וויסען, אַז די לבנה איז אויפגעגאַנגען און ראש חודש ווערט געפייערט אויך אין די הימלען (ילקוט שמעוני ח"ב רמז שפ"ג)

אידישע געשיכטע, אַלס אַ פאַראייניגט פאָלק, פאַנגט זיך אָן מיט „יציאת מצרים”. ביז דאַן זיינען די אידען געווען איינגעטיילט אין משפחות און שבטים, צעשפּרייט איבער'ן גאַנצען לאַנד, און זיך געהאַלטען ווייט איינע פון די אַנדערע. די איינציגע זאַך, וואָס האָט זיי אויפגעהאַלטען אַלס אַ באַזונדערע גרופּע, איז געווען דער „שעבוד הגלות”, די פאַרשקלאַפונג פון גלות און די שנאה, וואָס די מצרים האָבען זיי אַלעמען גלייך אַרויסגעוויזען. ווען ניט אָט די שנאה און די שטאַרקע פאַרפאָלגונגען, וואָס זיי האָבען געהאַט אויסצושטיין פון די „נוגשים”, פּרעה'ס „געסטאַפּאָ'ס”, וואָס האָבען זיי געהאַלטען אין איין רודפ'ן, וואָלט פון זיי קיין זכר ניט געבליבען. משה באַנוצט זיך טאַקע מיט זייער טרויעריגער לאַגע און רעדט צו זיי אין נאָמען פון ג': „שמעתי את נאקת בני ישראל אשר מצרים מעבידים אותם” — איך האָב געהערט, זאָגט ג', דעם געשריי פון די אידען, וואָס די מצרים פאַרשקלאַפען זיי, און האָבען באַשלאָסען זיי צו באַפרייען און מאַכען פאַר אַ פאָלק.

די ערשטע פאָלקס־מצוה נאָך זייער באַפרייאונג, וואָס די תורה האָט זיי אָנגעזאָגט, איז געווען: „החודש הזה לכם ראש חדשים, ראשון הוא לכם לחדשי השנה” — דער מאָנאַט ניסן זאָל ביי אייך זיין דער הויפּט מאָנאַט, דער ערשטער ביי אייך פון די מאָנאַטען פון יאָר. אַלע חדשים און יאָרען, וואָס די אידען האָבען

געלעבט און מצרים, זיינען ניט געווען זייערע. אין גלות מוז מען ציילען די טעג נאָך דער צייט־רעכענונג פון די פרעמדע לענדער, אין וועלכע מען געפינט זיך. די זון אָדער די לבנה, וועלכע ווייזט אָן דעם אָנפאַנג און סוף פון מאָנאַטען, שיינט ניט פאַר די פאַרפאָלגטע און אונטעריאָכטע. „כל זמן שאורו של עשו מבהיק, אין אורו של יעקב מתפרסם" — כל זמן דאָס ליכט פון עשו'ן שיינט אין זיין פולען גלאַנץ איז דאָס ליכט פון יעקב'ן ניט באַוואוסט (ילקוט שמעוני). איבער פרעמדער ערד הענגען פרעמדע הימלען, זייער זון וואַרעמט ניט און זייער לבנה לייכט ניט.

ערשט ווען אַ פאָלק ווערט פריי און זעלבסשטענדיג, איז „החודש הזה לכם", זיינען די מאָנאַטען זיינע און אַלץ וואָס ער דערגרייכט אין זיי ווערען פאַררעכענט אויף זיין אייגענער קאָנטאָ. רש"י הקדוש באַמערקט טאַקע: „לא היה צריך להתחיל את התורה אלא מהחודש הזה לכם שהיא מצוה ראשונה שנצטוו ישראל" — אייגענטליך האָט זיך געדאַרפט אָנפאַנגען די תורה מיט דעם פסוק, ווייל דאָס איז די ערשטע מצוה, וואָס די אידען זיינען אָנגעזאָגט געוואָרען אַלס פאָלק. „ומה טעם פתח מבראשית? משום כח מעשיו הגיד לעמו" — און די אורזאַך וואָרום זי פאַנגט זיך אָן מיט בראשית איז, ווייל ג' האָט געוואָלט ווייזען זיין פאָלק דעם כח פון זיינע אויפטואונגען.

וואָס פאַר אַ טיפער געדאַנק ליגט אין דער דאָזיגער דערקלערונג! אַ פאָלק ווערט ניט באַשאַפען פון זיך אַליין, פונקט ווי די וועלט איז ניט באַשאַפען געוואָרען פון זיך אַליין. די פאַרשידענע עלעמענטען, פון וועלכע ג' האָט די וועלט צוזאַמענגעשטעלט, האָבען געמוזט דורכגעהן אַ לאַנגע פּראָצעדור פון אַנטוויקלונגען ביז זיי האָבען זיך האַרמאָניש איינגעפּאַסט און פאַרבונדען איינע מיט די אַנדערע. אַזוי אויך די פאַרשידענע גרופען, וואָס שטעלען צוזאַמען אַ פאָלק, מוזען צוערשט דורכגעהן אַ סדרה פון אַנטוויקלונגען, וואָס זאָל זיי צעמענטירען און האַלטען פאַראייניגט. פונקט ווי ביי „בריאת העולם" איז די פּראָצעסיע פון אַנטוויקלונג פאָרגעקומען אין דעם וועג פון „ויהי ערב ויהי בוקר — היום הולך אחר הלילה" — פריער אָבענד, נאָכדעם פרימאָרגען, ווייל דער טאָג קומט נאָך דער נאַכט (חולין פ"ג), אַזוי איז אויך מיט דער אַנטוויקלונג פון אַ פאָלק, זיין טאָג קומט נאָך דער נאַכט. נאָכדעם ווי זייערע קינדער האָבען דורכגעמאַכט פאַרשידענע פעריאָדען פון קאַמף, פון שוועריגקייטען מיט פינסטערע כחות, און זיינען איבערגעקומען אַלע שטערונגען, ערשט דאַן וועלען זיי פאַרשטיין אָפּצושאַצען די פרייהייט און גאַנצקייט פון אַן אייגען פאָלק.

אין דער הייניגער הפטרה, וואָס מיר לייענען צוליב „פרשת החודש", ווען מען בענשט ראש חודש ניסן, זאָגט אונז דער נביא: „שער החצר הפנימית הפונה קדים יהיה סגור ששת ימי המעשה, וביום השבת יפתח וביום החודש יפתח" — דער טויער פון דעם אינערליכען הויף, וואָס קערט זיך צו מזרח, וועט זיין פאַרשלאָסען דורך די זעקס אַרבייטס־טעג, אָבער שבת און ראש חודש וועט ער זיך עפענען. די חז"ל רעאַגירען איבער דעם און זאָגען: „די טויערען, וואָס זיינען איינגעזונקען געוואָרען נאָך דעם חורבן, וועלען נאָך דער גאולה אַרויפקומען פון דאָס ניי, יעדערער אויף זיין פּלאַץ, אָבער שבת און ראש חודש וועלען די אידען זעהן ווי די טויערען עפענען זיך פון זיך אַליין".

כל זמן די אידען האָבען זיך געפונען אין גלות, זיינען אַלע טויערען געווען פאַרשלאָסען פאַר זיי, איבערהויפּט דער „שער החצר הפנימית", דער טויער, וואָס פירט צום אינערליכען הויף. אַלע זייערע אויפטואונגען אין די פרעמדע לענדער זיינען ניט פאַררעכענט געוואָרען אויף זייער חשבון. ווען אַ פאָלק לעבט רוהיג און נאָרמאַל און זיצט אויף זיין אייגען לאַנד, דאַרף ניט יעדער בירגער שטענדיג האָבען אין זינען זיינע פליכטען צו זיין באַציע. אויב ער אַרבייט אין פעלד, אין געשעפט, אין פאַבריק, אין אוניווערזיטעט אָדער וואו ניט איז, שטייערט ער ביי במילא יעדען טאָג זיין חלק צו דער עקאָנאָמישער, פּאָליטישער און אויך קולטורעלער אַנטוויקלונג פון זיין פאָלק און לאַנד. אָבער אין גלות, קאָן ער ערשט דאַןביישטייערען פאַר זיין לאַנד, ווען ער ווערט באַוואוסטזיניג אויף זיין ספּעציעלער לאַגע, אָבער באַוואוסטזיניגקייט איז ניט אַזאַ לייכטע זאַך און קאָן ניט אַנגעהאַלטען ווערען שטענדיג.

אין אייער אייגען לאַנד אָבער וועלען אַלע טויערען זיין אָפען פאַר אייך. אויך אייערע אויפטואונגען דורך די „ששת ימי המעשה", די זעקס אַרבייטס־טעג, ווען איר זענט צופיל פאַרנומען צו טראַכטען וועגען פאָלקס־אינטערעסען, וועלען געהערען אייער פאָלק. יעדען שבת און ראש חודש „יהיו ישראל עומדים ורואים את הדלתות נפתחות מאליהן" — וועלען די אידען זעהן, אַז די טירען עפענען זיך פון זיך אַליין. אומבאַוואוסטזיניגערהייט האָבען זיי יעדער בייגעשטייערט זייער חלק צו דער אַנטוויקלונג פון פאָלק.

„החודש הזה לכם — אין לכם חודש אחר גדול מזה" — אויב דער מאָנאַט איז אייערער, איז ניטאָ קיין גרעסערע זאַך פאַר אייך (שמו"ר י"ט). אייגענע מאָנאַטען שטעלען צוזאַמען אייגענע יאָרען, אַן אייגענע עקזיסטענץ, וואָס באַפרייט

די פאָלקס־נשמה און גיט איר די מעגליכקייט „לקדש את החודש בעליונים״, צו פייערען אירע חדשים ניט נאָר אויף אייגענער ערד, נאָר אויך אין אייגענע הימלען״.

ה.

די פעטס אַרום דעם רוקענביין זאָל מען מקריב זיין צו גאָט

לעומת העצה יסירנה.

„לעומת העצה, מקום שהכליות יועצות. תנו רבנן: שתי כליות יש באדם, אחת יועצתו לטובה ואחת יועצתו לרעה״ — אַרום דעם רוקענביין, דעם אָרט וואו די נירען ראַטען דאָס האַרץ (חולין י״א ע״א). די רבנן האָבען געלערענט: צוויי נירען געפינען זיך אין דעם מענשען, איינע ראַט אים צו טאָן גוטס און די צווייטע צו טאָן שלעכטס (ברכות ס״א ע״א).

דער זין פון די קרבנות ווערט פון אונזערע חכמים דערקלערט אויף צווייערליי אופנים: א נעגאַטיווער און אַ פּאָזיטיווער. דער רמב״ם איז מיט דער מיינונג, אַז דער גאַנצער איינפיר פון קרבנות האָט געהאַט אַ נעגאַטיווע באַדייטונג, כדי צו פאַרהיטען די אידען פון עבודה־זרה (מורה נבוכים ל״ב).

דערזעלבער נעגאַטיווער טעם ווערט אויך אָנגעגעבען אין איינעם פון די מדרשים. רעדענדיג וועגען דער אורזאַך, וואָרום גב״ה האָט געהייסען די אידען ברייננגען קרבנות, זאָגט דער מדרש: „לפי שהיו ישראל להוטים אחרי עבודה זרה במצרים, והיו מביאים קרבנות לשעירים״ — ווייל די אידען זיינען געווען פאַרקאָכט אין די אָפּשייליכע געצענדינסטען פון די מצריים, וועלכע פלעגען ברייננגען קרבנות צו שדים. אויך אין פסוק געפינען מיר דעמזעלבען נעגאַטיווען טעם פאַר קרבנות: „למען אשר יביאו כל בני ישראל את זבחיהם לד׳, ולא יזבחו עוד לשעירים״ — כדי די אידען זאָלען ברייננגען זייערע קרבנות צו ג׳ און זאָלען ניט שעכטען צו שדים (ויק״ר כ״ב).

דער רמב״ן און אויך אַ היפשער טייל פון די אַנדערע מפרשים זיינען קעגען דער דאָזיגער מיינונג. זיי זאָגען, אַז די קרבנות זיינען איינגעפירט געוואָרען ניט אַלס אַ נעגאַטיווער צוועק, כדי צו פאַרהיטען די אידען פון גע־

צענדינעריי, נאָר אויך אַלס אַ פּאָזיטיווער מיטעל — צו וועקען אין זייערע הערצער דאָס געפיל פון תשובה און חרטה אויף זייערע זינד. „מצוות מעשיות" — טאַטזעכליכע מצוות מאַכען אַ גרויסען רושם אויף די, וואָס זיינען זיי מקיים. דורך מעשים און געוויסע צערעמאָניעס ווערט מען באַוואוסטזיניג איבער די רעליגיעזע פליכטען.

דער ערשטער צו ברייננען אַ קרבן פאַר ג' איז געווען „אדם הראשון", ווי די גמרא דערציילט: „יום שנברא בו אדם הראשון, כיון ששקעה עליו חמה אמר, אוי לי שבשביל שסרחתי עולם חשך בעדי ויחזור עולם לתהו ובהו, וזו היא מיתה שנקנסה עלי מן השמים" — דער טאָג, וואָס אדם הראשון איז אין אים באַשאַפען געוואָרען, אַזוי גיך ווי די זון האָט אָנגעפאַנגען אונטערצוגיין, האָט ער זיך דערשראָקען און אויסגעשריען: ווי איז מיר, צוליב מיינע זינד ווערט די וועלט פינסטער פאַר מיר און וועט צוריק ווערען פוסט און לער, און דאָס מוז זיין דער טויט־אורטייל, וואָס איז קעגען מיר אַרויסגעגעבען געוואָרען פון הימעל. „היה יושב בתענית ובוכה כל הלילה, וחוה בוכה כנגדו" — איז ער געזעסען און האָט געפאַסט אַ גאַנצע נאַכט און חוה האָט אויך געוויינט לעבען אים. „כיון שעלה עמוד השחר, אמר מנהגו של עולם הוא? עמד והקריב שור שקרניו קודמין לפרסותיו" — אַזוי גיך ווי דער מאָרגענשטערן האָט אָנגעפאַנגען אויפגיין, האָט ער פרייער אָפּגעאָטעמט און געזאָגט: אַזוי פירט זיך די וועלט? און איך האָב פון דעם ניט געוואוסט. האָט ער זיך אויפגעשטעלט און געבראַכט אַ קרבן אַן אָקס, וועמעס הערנער גייען פאַראויס זיינע קאָפּיטעס (ע"ז ה' ע"א).

אין דער מעשה'לע פון דער גמרא ווערען טיף אָנגעדייט די סבות, וואָס פירען אַ מענשען צו זינדיגען און וואָס פאַר אַ קרבן ער זאָל ברייננען, כדי מכפר צו זיין אויף זיינע חטאים. אומוויסענקייט פירט צו צווייפעל און קריטיק, ווייל „אדם הראשון" האָט ניט געוואוסט, אַז „מנהגו של עולם הוא" — אַז אַזוי פירט זיך די וועלט, בייטאָג איז ליכטיג און ביינאַכט איז פינסטער, דערפאַר איז ער געוואָרען פאַרצווייפעלט און קריטיקירט די השגחה, אַז זי גייט אומ־ברייננען די וועלט. כדי מכפר צו זיין אויף זיין חטא פון אומוויסענקייט, האָט ער מקריב געווען אַן אָקס, וואָס גייט מיט זיינע הערנער פאַראויס, צו וויזען, אַז ער האָט זיך אויפגעפירט ווי דער אָקס און קריטיקירט איידער ער האָט געוואוסט די געזעצען פון דער נאַטור, וואָס גב"ה האָט באַשטימט. קרבנות זיינען איינגעפירט געוואָרען כדי צו וועקען דעם באַוואוסטזיין פון דעם מענשען,

אַז ער זאָל אײַנזעהן דעם פעלער, וואָס ער האָט געמאַכט און וועט עס ווייטער ניט באַגיין.

דער רמב"ם, אין זיין „פירוש המשניות" (סנהדרין פ' חלק), באַמערקט, אַז צו טאָן אַ מצוה צוליב מורא פאַר שטראָף אָדער כדי צו באַקומען שכר פאַר דעם, איז אַ „דבר מגונה", אַ מיאוס'ע זאַך, און איז קעגען די פרינציפּען פון אונזער אמונה. ברענגען קרבנות כדי איבערצובעטען ג' אָדער כדי זיך איינצו־קויפען אין זיינע לאַסקעס, איז ניט דערלויבט. דאָס, זאָגט דער „בינה לעתים", ווערט אויסגעדריקט אין דעם באַפעל: „כל שאור וכל דבש לא תקטירו ממנו אשה לה'" — זויערשטאָף אָדער האָניג זאָלט איר ניט דעמפען צו ג'. זויערס, וואָס ווייזט אויף שרעק, אָדער זיסקייטען, וואָס ווייזען אויף „פצוי", אויף שמייכלעריי, איז פאַרבאָטען. דער קרבן איז ניט געמיינט פאַר ג', חלילה. ער דאַרף עס ניט האָבען. דער הויפּט געדאַנק פון קרבנות איז כדי אויסצובעסערען דעם כאַראַקטער פון דעם מענשען און אים ברענגען נענטער צו ג'. „לרצונו תזבחוהו" — דאָס מוז קומען פרייוויליג, מיט דעם באַוואוסטזיין, אַז דורך דעם קרבן פאַר־בינדט ער זיך פעסטער מיט דער אמונה און וועט אויסבעסערען זיינע מעשים.

„חוקת עולם לדורותיכם בכל מושבותיכם — כל חלב וכל דם לא תאכלו" — אַן אייביגער געזעץ פאַר אייערע דורות אין אַלע אייערע וואוינונגס־ערטער איז: קיין חלב אָדער בלוט זאָלט איר ניט עסען. בלוט פאַרשאַפט דעם מענשען באַוועגליכקייט און טעמפּעראַמענט. הייסע בלוטען ברענגען צו אויפרעגונג און אויך צו רציחה. חלב, צופיל פעטס, מאַכט דעם מענשען אומבאַוועגליך און פויל. „צופיל דם", פלעגט זאָגען רבי לוי יצחק באַרדיטשעווער ז"ל, „פירט אַראָפּ דעם מענשען פון דרך הישר און צווינגט אים צו פאַרברעכען קעגען די „לא תעשה'ס", קעגען די אַלע מצוות, וואָס מען טאָר ניט טאָן. חלב, פעטקייט, מאַכט אים פויל דורכצופירען די „עשה'ס, די מצוות וואָס אַ מענש איז מחויב צו טאָן, אָט דערפאַר האָט אונז די תורה פאַרבאָטען צו עסעןביידע".

ביי די קרבנות איז אויך דאָסזעלבע. מען דאַרף פון זיי מקריב זיין דאָס בלוט און דעם חלב, די צוויי עלעמענטען, וואָס האָבען פאַרפירט דעם מענשען צו טאָן דאָס, וואָס אים איז פאַרבאָטען. צוליב זיינע הייסע בלוטען איז ער באַגאַנגען אַן עולה קעגען ג' און קעגען זיינע מיטמענשען. איצט, אַז ער האָט חרטה אויף דעם, זאָל ער די בלוטען אָפּרייניגען פון זיין קרבן און זיי אויסגיסען אויף דעם מזבח פאַר ג'. צוליב דעם חלב, דאָס צופיל גוטסקייט, וואָס ער האָט, איז ער געווען פויל דורכצופירען זיינע פליכטען צו ג' און דער געזעלשאַפט —

דערפאַר זאָל ער דאָס פעטס פון זיין קרבן מקריב זיין און פאַרברענען אויף דעם מזבח. ביים מקריב זיין דעם קרבן, זאָגען אונז די חכמים, אַז ער דאַרף דערביי טראַכטען „כאלו הקריב את עצמו" — ווי ער וואָלט זיך אַליין געבראַכט פאַר אַ קרבן. און אויב ער וועט זיך רייניגען פון זיינע שלעכטע בלוטען אָדער צופיל פעטסקייט, וועט ער צוריק ווערען אַן איידעלער מענש, וואָס פאַרשטייט זיינע פליכטען.

ביים ברייּנגען אַ קרבן־שלמים, זאָגט אונז די תורה, אַז מען זאָל מקריב זיין דאָס חלב „לעומת העצה", וואָס איז אַרום דעם רוקענביין, און די „שתי הכליות", די צוויי נירען. אויף דעם באַמערקען אונזערע חכמים, אַז די נירען זיינען די ראַטגעבער פון דעם האַרץ — איינע פירט אים צו טאָן גוטס און די אַנדערע צו טאָן שלעכטס. אויב צוליב דעם חלב איז ער געוועזען פויל און זיין רוקענביין האָט זיך געבויגען צו דער ניר, וואָס רעגט אים צו באַגיין פאַרברעכענס קעגען דער געזעלשאַפט מיט דעם, וואָס ער איז פאַסיוו צו אַלע אירע באַדערפענישען, זאָל ער ביים קרבן שלמים, ווען ער גייט שליסען פרידען מיט דער גאָטהייט און אויך מיט זיינע מיטמענשען, זאָל ער אָט דעם חלב אָפּראַמען פון זיין קרבן און פון זיך.

הפטרה פרשת החודש

דער חודש פון נאַציאָנאַלער באַוואוסטזיניגקייט.

ראשון הוא לכם לחדשי השנה.

„לא שנו אלא למלכי ישראל אבל למלכי אומות העולם מתשרי מנינן" — דער חודש ניסן איז דער ערשטער פון אַלע חדשים בלויז פאַר די אידישע מלכים, אָבער פאַר די רעגירונגען פון דער וועלט ציילט מען די יאָרען פון תשרי (ר"ה ה' ע"א).

דעם שבת, וואָס מיר בענשען ראש חודש ניסן, לייענען מיר פאַר דעם מפטיר די פרשה פון „החודש הזה לכם" — בנוגע דעם טאָג־טעגליכען לעבען פון די אידען אַלס אַ טייל פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג, איז דער חודש ניסן קיין אויסנאַם ניט. זיינע סדרות ציען זיך אין דער ריי און פאָלגען נאָך איינע די אַנ־

דערע. פאַר דער אידישער אומה אָבער, פאַר איר נאַציאָנאַלען קיום, האָט דער חודש ניסן אַ באַזונדערע באַדייטונג. צו די געוויינליכע סדרות ווערען צוגעגעבען ספעציעלע פרשות און הפטרות, וועלכע זיינען באַשטימט געוואָרען צו וועקען דעם אידישען באַוואוסטזיין און אים אויפמערקזאַם מאַכען, אַז די איצטיגע לאַגע איז בלויז אַ צייטווייליגע, אַן ערב־פסח׳דיגע, וואָס פירט צו דעם „פסח הגדול״ — צום גרויסען באַפרייאונגס יום־טוב, וואָס וועט זיכער קומען.

דער אויבערשטער זאָגט צו משה׳ן, אַז ער זאָל דערקלערען די אידען, אַז „החודש הזה לכם — אין לכם חודש אחר גדול מזה״ — דער דאָזיגער חודש ניסן איז אייערער, איר האָט ניט קיין וויכטיגערען חודש פאַר דעם (שמו״ר י״ט). „ראשון הוא לכם לחדשי השנה״ — ער איז פאַר אייך דער הויפט פון אַלע חדשים פון יאָר. מיט די ווערטער „ראשון הוא לכם לחדשי השנה״ ווערט ניט געמיינט, אַז ניסן איז דער אָנפאַנג פון יאָר. דער ערשטער חודש פון יאָר איז פאַקטיש דער חודש תשרי. דער פסוק דאָ וויל בלויז באַטאָנען, אַז ניסן איז דער חשוב׳סטער נאַציאָנאַלער חודש ביי אידען (רמב״ן).

זעהר אַ שיינעם געדאַנק איבער דעם פסוק זאָגט הרב עמיאל ז״ל: „דער חודש „ניסן״ איז דער ערשטער פון פרילינג — די צייט, וואָס מען פאַרזייט די תבואה אויף די פעלדער. „תשרי״ אין דער ערשטער חודש פון הערבסט, ווען מען זאַמעלט־אויף די תבואה פון די פעלדער. פאַר די אומות העולם, ביי וועמען דער מאַטעריאַליזם שפילט די הויפט ראָל אין לעבען, איז דער חודש תשרי, ווען מען פייערט דעם „חג האסיף״, דעם איינזאַמלונגס יום־טוב, די בעסטע צייט פון יאָר. אָבער ביי אידען, וועלכע זיינען אַן „עם הרוח״, אַ גייסטיג פאָלק, פאַר זיי איז ניסן דער הויפט חודש. אידען דאַרפען אַלץ האַלטען אין איין פאַרזייען, אין איין שאַפען. דאָס איז די הויפט אויפגאַבע פון אַ „ממלכת כהנים וגוי קדוש״ — אַ קעניגרייך פון פריסטער און אַ הייליג פאָלק (דרשות אל עמי).

„בניסן נגאלו ובניסן עתידין להגאל״ — אין ניסן זיינען די אידען אַמאָל אויסגעלייזט געוואָרען און אין ניסן וועלען זיי ווייטער אויסגעלייזט ווערען (ר״ה י״). אויב אידען וועלען אָנהאַלטען זייער נאַציאָנאַלע באַוואוסטזיניגקייט און באַטראַכטען די „פרשת החודש״, די פרשה פון זייער באַפרייאונגס מאָנאַט, פאַר אַן אַקטועלען פאַקט אין זייער לעבען, וועלען זיי קיינמאָל ניט אונטערגייען, פאַר די „מלכי אומות העולם״ — וואוינענדיג צווישען פאַרשיידענע רעגירונגען, איז טאַקע תשרי דער אָנפאַנג פון יאָר. דאָס אַלגעמיינע לעבען דאַרף פאַרטגעזעצט

ווערען לויט די אומשטענדען פון דער צייט און סביבה. פאַר די „מלכי ישראל״ אָבער, פאַר דעם אידישען מלוכה געדאַנק, מוז דער חודש ניסן פאַר אונז זיין דער הויפט חודש — אַ חודש פון האָפענונג, פון נאַציאָנאַלע שטרעבונגען, פון גייסטיגער דערוואַכונג. מיט דעם חודש ניסן קען זיך בע״ה ווייטער אָנפאַנגען אַ נייע תקופה אין דער אידישער געשיכטע — אַ תקופה, אין וועלכער עס זאָלען פאַרווירקליכט ווערען די טרייסט־ווערטער פון אונזערע נביאים, און נאָך דעם לאַנגען און שווערען ווינטער פון גלות זאָל זיך פאַר אונז אָנפאַנגען אַ נייער סעזאָן פון אַ ליכטיגען פריהלינג.

צו

א.

מיט ריינע מחשבות דערהויבט מען זיך צו ג׳.

היא העולה על מוקדה.

„מה עולה שהיא ראויה לאישים אם עלתה לא תרד, אף כל שהוא ראוי לאישים אם עלה לא ירד״ — פונקט ווי אַן עולה, וועלכע איז ראוי פאַר אַ פייער־אָפּפער, אויב זי איז איינמאָל אַרויף, גייט זי מעהר ניט אַרונטער, אַזוי איז אויך יעדער, וואָס איז ראוי פאַר דעם געטליכען פייער, אויב ער איז איינמאָל אַרויף, וועט ער שוין מער ניט אַרונטער (זבחים פ״ג ע״א).

רבי סעדיה גאון זאָגט: „קרבנות זיינען טרעפּ, אויף וועלכע דער מענש שטייגט צו די הימלען, אָדער דער הימעל נידערט צו אים אַרונטער אויף דער ערד. דערפאַר זאָגען אונז די חז״ל: „אף על פי שהאש יורדת מן השמים, מצוה ליתן אש מן ההדיוט״ — כאָטש דער פייער נידערט אַרונטער פון הימעל, איז דאָך אַ מצוה צוצולייגען מענשליכען פייער (תו״כ). אויב מיר ווילען, אַז דער געטליכער פייער זאָל צו אונז אַרונטערנידערען פון הימעל, מוזען מיר פריער צולייגען „אש מן ההדיוט״, אונזער אייגענעם פייער. „אי אפשר לה לאש להראות כי אם בהתלותה בדבר״ — עס איז אוממעגליך פאַר דעם געטליכען פייער זיך צו ווייזען, סיידען ער האָט זיך אין וואָס אָנצוהענגען. אויב דער מענש מאַכט זיך ראוי צו שטייגען מיט׳ן פייער פון דער עולה, וואָס ער איז מקריב פאַר ג׳, הויבט אים דער פייער אויף ביז צו דער העכסטער הויך״ (אמונות ודעות).

קרבן, ווי מיר האָבען פיל מאָל דערקלערט, מיינט דערנענטערונג, און דער אמת׳ער זין פון מקריב זיין קרבנות איז געווען „לקרב את האדם במחשבותיו אל ה׳״ — צו דערנענטערען דעם מענשען אין זיינע מחשבות צו ג׳. דערפאַר האָט די עבודה אַרום די קרבנות געדאַרפט געפּראַוועט ווערען אַזוי, אַז זי זאָל

אויסדריקען דעם ריכטיגען צוגאַנג צו אַזאַ „התקרבות", צו אַזאַ גייסטיגער דערנענטערונג. צום ביישפּיל: אויב מען ברענגט אַלס קרבן אַ בהמה, ווערט דאָס בלוט פון אַן עולה געשפּריצט „למטה מחוט הסיקרא" — אונטער דעם רויטען שנור, דאָס הייסט, אויף דעם אונטערשטען טייל פונ'ם מזבח. אויב דער קרבן איז אַ „חטאת", ווערט דאָס בלוט געשפּריצט „למעלה מחוט הסיקרא", אויפ'ן אויבערשטען טייל פונ'ם מזבח. דאַגעגען, אויב מען ברענגט אַלס קרבן אַן עוף, איז שוין פאַרקערט: ביי אַן עולה ווערט דאָס בלוט געשפּריצט פון אויבען און ביי אַ חטאת פון אונטען. פאַרוואָס איז עס אַזוי?

גיט אויף דעם דער „לובלינער חוזה", ז"ל, אַ מערקווירדיג-שיינע דער־קלערונג. ער זאָגט: „אַ בהמה איז דאָך אַ טייערער ביסען. און ווער איז מקריב אַזאַ קאָסטבאַרען קרבן? מסתמא אַן עושר, אַ רייכער מאַן. איז אויב ער ברענגט אַ נדבה, אַ קרבן־עולה, מאַכט מען דערפון ניט קיין וועזען און מען שפּריצט דאָס בלוט פון אונטען. וואָרים פון וואָס איז דאַ נתפּעל צו ווערען? אַן עושר האָט געבראַכט אַ נדבה — טאָ וואָס איז דער וואונדער? אויב אָבער ער ברענגט אַ קרבן־חטאת, ווייל ער וויל אַ כפּרה פאַר אַ זינד, וואָס ער איז באַגאַנגען — דאָס, זעהט איר, איז שוין אַ געשעהעניש, אַ גרויס געשעהעניש: אַ גביר זאָל זיך עפּענטליך דערקלערען פאַר אַ זינדיגער — דאָס איז אַ זעלטענהייט, אַ „מילתא דלא שכיחא", אַ אויסערגעוויינליכע דערשיינונג. אַזאַ גביר האָט זיך פאַלקאָם פאַרדינט, אַז מען זאָל אים נוהג־כבוד זיין — און מען שפּריצט דעריבער דאָס בלוט „למעלה מחוט הסיקרא", אויף דעם אויבערשטען טייל פון מזבח.

„אַ קרבן־עוף ווידער איז דאָך מקריב אַן אָרימאַן, און ביי אים איז שוין די זאַך גאַנץ אַנדערש: אויב ער ברענגט אַ חטאת, אַ זינד־אָפּפער, שפּריצט מען דאָס בלוט פון אונטער דעם מזבח, וואָרים אַז אַן אָרימאַן זאָל זיך אַנערקענען פאַר זינדיג איז דאָך קיין רבותא ניט. ווען איז אַן אָרימאַן ניט זינדיג? אָבער אויב ער ברענגט אַ נדבה, אַן „עולה", איז עס טאַקע אַ גרויסער וואונדער, ווייל דאָס איז דאָך איבער זיינע כחות — און אַלס צייכען פון חשיבות שפּריצט מען דאָס בלוט „למעלה מחוט הסיקרא", אויפ'ן אויבערשטען טייל פון מזבח."

„תני רבי שמעון בן יוחאי: אין העולה באה אלא על הרהור הלב" — רבי שמעון בן יוחאי האָט געלערענט, אַז אַ קרבן־עולה ווערט געבראַכט כדי מכפּר צו זיין אויף זינדיגע מחשבות, וואָס איינער האָט אין זיין האַרצען (ויק"ר פ' ז'). ביי אַלע אַנדערע קרבנות איז מען זיך נוהג געווען מקריב צו זיין בלויז „דם וחלב", דאָס בלוט און דאָס פעטס, די איבעריגע טיילען פון קרבן האָט

מען געגעבען צו עסען די כהנים, און אויב עס איז אַ פרידענס אָפּפער, האָבען אַלע אידען דאָס געקאָנט עסען. ביי א קרבן־עולה אָבער האָט מען אַלץ מקריב געווען אויפ׳ן מזבח. וואָרום איז עס אַזוי ? אויף דער פראַגע גיט דער „כפלים לתושיה" פאָלגענדע דערקלערונג : „דם" איז דער סימבאָל פון טעמפּעראַמענט, באַוועגליכקייט, אַקטיוויטעט. דאַגעגען, „חלב", איז דער צייכען פון אומבאַ־וועגליכקייט, פוילקייט און פאַסיוויטעט...ביידע מדות זיינען דעם מענשען נויטיג. מען דאַרף זיין אַקטיוו אויסצופירען די געבאָטען פון ג׳, און מען דאַרף אויך זיין פאַסיוו ניט צו טאָן קיין שלעכטס און עובר זיין אויף די פאַרבאָטען פון דער תורה. אָבער דער זינדיגער פאַרבייט די ראָלען און מיס־ברויכט מיט די דערמאָנטע מדות, אויסנוצענדיג זיי פאַר פאַרקערטע צוועקען. דעריבער האָט מען פון דעם קרבן, וואָס דער חוטא האָט געבראַכט, מקריב געווען אויפ׳ן מזבח אָט די ביידע טיילען, דם און חלב, און די איבעריגע האָט מען געקאָנט עסען. „הרהור עבירה קשה מעבירה" — טראַכטען וועגען עבירות איז פיל ערגער ווי טאָן די עבירות, און דערפאַר האָט מען אַלץ מקריב געווען צו גאָט".

„זאת התורה לעולה, למנחה ולחטאת ולאשם ולמלואים ולזבח השלמים" — דאָס איז דער דין פאַר׳ן בראַנד־אָפּפער, פאַר׳ן שפייז־אָפּפער, פאַר׳ן זינד־אָפּפער, פאַר׳ן שולד־אָפּפער און פאַר׳ן קרבן פון דערפילונג און פאַר׳ן פרידענס־אָפּפער. דער סדר פון קרבנות, זאָגט דער מדרש, ענדיגט זיך מיט שלמים, ווייל דאָס איז דער חשוב׳סטער פון אַלע קרבנות, ווייל ער ווערט ניט געבראַכט אויף קיין שום חטא, נאָר עס איז אַ קרבן פון שלום, פון שליסען פרידען מיט דער אמונה און זיך דערנענטערען צו ג׳. „גדול השלום", גרויס איז דער שלום, ווייל ער אַנטהאַלט אין זיך אַלע ברכות ; גרויס איז דער שלום, וואָרים ביי אַלע אַנדערע מצוות שטייט : „כי תראה", „כי תפגע", „כי יקרא", אַז דו וועסט זעהן, אַז דו וועסט באַגעגענען, אַז עס וועט זיך טרעפען — אויב די מצוה איז דיר צו האַנט געקומען, דאַרפסטו זי מקיים זיין ; אויב ניט — דאַרפסטו ניט. ביי שלום אָבער שטייט געשריבען : „בקש שלום ורדפהו" — זוך דעם שלום און יאָג זיך נאָך אים.

גרויס איז דער שלום, וואָרים ג׳ אַליין רופט זיך מיט דעמדאָזיגען נאָמען. גרויס איז דער שלום, ווייל מען טאָר קיין שום מלחמה ניט אָנהויבען, סיידען מען האָט זיך פריער געווענדט צום שונא מיט אַן אָנבאָט פון שלום, און ער האָט עס צוריקגעוויזען. גרויס איז דער שלום, ווייל אין די „מים המאררים", איז די פאַרשאָלטענע וואַסערען, וואָס מען פלעגט געבען צו טרינקען

אַ „סוטה״, אַ פרוי, אויף וועמען עס פאַלט אַ חשד, אַז זי האָט געזינדיגט מיט אַ פרעמדען מאַן, און אין די וואַסערן פלעגען אַריינגעלייגט ווערען די אויפגעשריבענע פסוקים, אין וועלכע עס געפינט זיך אויך דער נאָמען פון ג׳, וואָס ווערט געשריבען בקדושה, דאָך זאָגט ג׳, זאָל בעסער מיין נאָמען אָפּגעמעקט ווערען אין דעם וואַסער, אָבי עס זאָל ווערען שלום צווישען מאַן און ווייב... גרויס איז דער שלום, ווייל בעת דער מלך המשיח וועט קומען, וועט ער ניט אַנדערש, נאָר מיט שלום אָנהויבען, דאָס וועט זיין דאָס ערשטע וואָרט זיינס. ווי עס ווערט געזאָגט: „מה נאוו על ההרים רגלי מבשר, משמיע שלום״ — ווי שיין זיינען אויף די בערג די טריט פון דעם אָנזאָגער — פון דעם, וואָס וועט הערען די בשורה פון שלום (ויקרא רבה).

„זאת תורת העולה״ — דאָס איז דער דין פון אַ קרבן־עולה. „למה נקרא שמה עולה? שהיא עליונה מכל הקרבנות״ — וואָרום ווערט דער נאָמען פון דעם קרבן אָנגערופען „עולה״, וואָס מיינט דערהויבען? ווייל דאָס איז דער דערהאָבענסטער קרבן פון אַלע (מדרש תנחומא). מיט אַ קרבן־עולה, וואָס איינער ברענגט צוליב „הרהור הלב״ — צוליב די שלעכטע געדאַנקען, מיט וועלכע ער טראָגט זיך אַרום, דערהויבט ער זיך צו אַ שטופע „עליונה״, אַ הויכער מדרגה. מיט דעם מאַכט ער זיך ראוי אויפצונעמען דעם געטליכען פייער, און פונקט ווי זיין קרבן שטייגט צו ג׳, אַזוי וועט ער אויך שטייגען און מער ניט אַרונטער.

הפטרה פרשה פרה

דער רעטזעלהאַפטער דין פון פרה־אדומה

זאת חוקת התורה.

„אמר שלמה על כל עמדתי, ופרשה הזו של פרה, כיון שהייתי מגיע והייתי דורש בה וחוקר בה, אמרתי אחכמה — והיא רחוקה ממני״ — שלמה המלך האָט געזאָגט: איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אויף אַלע פרשיות פון דער תורה און געזוכט צו דערגייך זייער מיין. אָבער די פרשה פון פרה־אדומה, ווען איך פלעג צוקומען צו איר, זי שטודירען און פאָרשען, האָב איך איינינגע מאָל

געדענקט, אַז איך בין שוין קלוג און פאַרשטיי זי — ערשט זי איז ווייט פון מיר (פסיקתא רבתי).

אין מדרש ווערט געבראַכט, אַז ווען משה רבנו איז אַרויף אויפ׳ן הימעל, האָט ער געפונען דעם רבונו של עולם שרייבענדיג די פרשה פון פרה־ארומה, און אויף זיין פראַגע, וואָס איז דער טעם פון דעם מערקווירדיגען דין, האָט אים דער אויבערשטער געענטפערט: „לך אגלה סודה ולא לאחרים״, צו דיר וועל איך אויפדעקען איר סוד, אָבער ניט צו אַנדערע. דערפאַר איז דער דין באַקאַנט אַלס אַ „חוק״, אַ געזעץ, וואָס כאָטש מיר פאַרשטייען אים ניט, מוזען מיר אים אויספאָלגען, ווייל אַזוי איז דער ווילען פון גב״ה. די אומפאַרשטענד־ליכקייט פון דעם דין באַשטייט איבערהויפט אין דעם פאַקט, וואָס ער איז „מטהר טמאים ומטמא טהורים״ — ער רייניגט אומריינע און מאַכט אומריין ריינע. דער אומריינער, אויף וועמען מען שפּריצט פון די אַשעס פון דער פרה־אדומה, ווערט ריין, אָבער די כהנים, וואָס האָבען געשפּריצט די אַשעס, ווערען אומריין און זיי מוזען זיך טובל זיין נאָך דער אַרבייט.

כאָטש אַלס דין בלייבט ער אַ „חוק״, אַן אומפאַרשטענדליכער געזעץ, דערלויבען זיך אָבער די בעלי אגדה צו דרש׳ענען וועגען אים אויף פאַרשיידענע אופנים און ברייגגען אַרויס וואונדערבאַר־שיינע געדאַנקען. „פרה אדומה — זו ישראל״ — דאָס אידיש פאָלק קאָן פאַרגלייכען ווערען צו דער פרה־אדומה. איר דין איז אַ מיסטעריעזע געהיימניש, וואָס קיינער ווייסט ניט זיין טעם, אַזוי איז אויך דאָס לעבען פון דעם אידישען פאָלק אַ מיסטעריעזע דערשיינונג, וואָס איז שווער צו דערקלערען. די פרה־אדומה האָט געמוזט זיין „תמימה״, גאַנץ און פון איין קאָליר. אַזוי מוז אויך דאָס אידיש לעבען זיין גאַנץ און אייגענאַרטיג. דער דין פאָדערט אַז די פרה־אדומה זאָל זיין אַזאַ: „אשר לא עלה עליה עול״, וואָס האָט אויף זיך קיינמאָל קיין יאָך ניט געהאָט, דאָס איז אַ סימבאָל פון אמת׳ער פרייהייט, אַזוי מוז אויך דאָס אידיש פאָלק בלייבען פריי און זיך קיינמאָל ניט אונטערוואַרפען דעם יאָך פון פרעמדע גייסטער. און פונקט ווי די פרה־אדומה רייניגט אַנדערע און אירע אייגענע בלייבען אומריין, אַזוי איז אויך, לײדער, דער שיקזאַל פון דעם אידישען פאָלק. ער רייניגט דעם גייסטיגען שמוץ פון אַלע אַנדערע פעלקער, אָבער אַליין, זיינע אייגענע קינדער, ווערען אומריין פון די השפעות פון די אַנדערע קולטורען. די שווערע גלות־באַדינגונגען דערפירען אָפט צו אַ גייסטיגער ירידה, צו דעמאָראַליזאַציע

און פֿאַרדאַרבענקייט, צו אַסימילאַציע און זעלבסטפֿאַרלייקענונג (רבי יוסף שאול נאַטאַנזאָן).

מאַנכע פֿון די חז״ל ווילען האָבען, אַז דער דין פֿון פרה־אדומה איז אונז געגעבען געוואָרען, כדי מכפר צו זיין אויף דעם חטא פֿון עגל. זיי זאָגען בדרך הלצה: „תבא האם ותכפר צאת בנה״ — זאָל קומען די מוטער און אָפּראַמען די שמוץ פֿון איר קינד (ילקוט שמעוני). דער חטא פֿון עגל איז געווען אומפֿאַר־שטענדליך, ווייל ווי האָבען די אידען געקאָנט טאָן אַזאַ נאַרישקייט גלייך נאָכדעם ווי זיי האָבען געהערט די עשרת הדברות פֿון ג׳ס אייגענעם מויל ביים באַרג סיני? צו באַקומען אַ כפרה פֿאַר אַזאַ נאַרישען פֿאַרברעכען מוזען זיך אידען אונטער־וואַרפֿען דעם באַפֿעל פֿון ג׳ און מקיים זיין אפילו אַ מצוה, וואָס קיינער פֿאַרשטייט ניט. ווען מענשען קאָנען דינען צום קינד פֿון אַ בהמה, זאָלען זיי גערייניגט ווערען מיט דעם אַש פֿון אַ בהמה. אָדער ווי מיין פֿאָטער ע״ה האָט איינמאָל באַמערקט: „אידען רייניגען זיך פֿון דעם שמוץ פֿון די פֿרעמדע געטער, צו וועלכע זיי דינען אין גלות, ערשט נאָכדעם ווי זיי זעהען די אַשעס, די פֿאַרניכטונג און דעם אונטערגאַנג פֿון דידאָזיגע אָפּגעטער״.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם געדאַנק וויל איך דאָ ברייננגען אַ שיין מעשה׳לע, וואָס ווערט דערציילט אין מדרש: אלכסנדר מוקדון איז אַמאָל געקומען אויף אַ באַזוך אין אַ קליינער מדינה אין אפֿריקע און האָט דאָרט בייגעוואוינט אַ מערקווירדיגען משפט, וואָס איז דאָן פֿאָרגעקומען אין קעניגליכען הויף. צוויי מענשען זיינען געקומען פֿאַר אַ דין־תורה. איינער האָט ביים צווייטען אָפּגעקויפֿט אָן אַלטע חורבה, און גראָבענדיג צווישען די שטיינער, האָט ער געפֿונען אָן אוצר מיט גאָלד. איז ער געקומען צום פֿאַרקויפֿער און אים אָפּגעבראַכט דעם אוצר, זאָגענדיג, אַז דאָס האָט ער פֿון אים ניט געקויפֿט. דער בעל־החורבה אָבער האָט זיך אָנטזאָגט דאָס צו נעמען, ווייל ער האָט ניט געוואוסט פֿון דעם אוצר, און דערפֿאַר באַלאַנגט עס צום קויפֿער.

דער קעניג, אויסהערענדיגביידענ׳ס טענות, האָט געפֿרעגט ביים ערשטען: האָסטו אַ זון? ענטפֿערט אים יענער: יאָ. פֿרעגט ער ביים צווייטער: האָסטו אַ טאָכטער? זאָגט ער אים: יאָ. אויב אַזוי, רופֿט זיך אָפּ דער קעניג, פּסק׳ען איך, אַז אייערע קינדער זאָלען הייראַטען און דער אוצר זאָל זיין דער נדן.

ווען אַלכסנדר האָט אויסגעהערט דעם אורטייל, האָט ער אַ שמייכעל געטאָן. פֿרעגט אים דער קעניג: ווי וואָלט מען ביי אייך גע׳פּסק׳ענט דעם דין?

— ביי אונז, — זאָגט אַלכסנדר, — וואָלטען מיר קאָנפֿיסקירט דעם

אוצר פאַר דער מלוכה און באַשטראָפט די בעלי דינים פאַר באַדערען דעם קעניגליכען הויף.

— שיינט די זון ביי אייך אין לאַנד? — פרעגט אים דער קעניג.

— געוויס, — ענטפערט אַלכסנדר.

— און דער רעגען קומט אויך אין צייט? — פרעגט דער קעניג ווייטער.

— יאָ! — ענטפערט אַלכסנדר.

— איר מוזט אַודאי האָבען פיל בהמות ביי אייך אין לאַנד? — פרעגט ווידער דער קעניג.

— יאָ, מיר האָבען זעהר פיל בהמות און חיות ביי אונז אין לאַנד! זאָגט אַלכסנדר.

— איצט פאַרשטיי איך וואָרום די זון שיינט ביי אייך און עס קומט אויך דער רעגען. דאָס איז צוליב דעם זכות פון די בהמות — אייערע מענשען זיינען עס ניט ווערט (ויק"ר פ' אמר).

ב.

פייער פאַר דער מנורה גענומען פון דעם פאָלקס־מזבח.

אש תמיד תוקד על המזבח.

„אש תמיד שאמרתי לך לא תהא אלא בראשו של מזבח החיצון" — דער שטענדיגער פייער, וואָס איך האָב דיר אָנגעזאָגט צו ברענגען אין דער מנורה, זאָל צוערשט גענומען ווערען פון דעם אויסערליכען מזבח (יומא מ"ה ע"ב).

צוויי מזבחות זיינען אַוועקגעשטעלט געוואָרען אין משכן: איינער צו דעמפּפען ווירויך פאַר ג' און אַ צווייטער פאַר מקריב זיין די קרבנות פונ'ם פאָלק. דער „מזבח הקטורת" איז געווען אַ קליינער, בלויז איין איל די לייגג, איין איל די ברייט און צוויי אילען די הויך. ער האָט אויך געהייסען „מזבח הזהב" דער גאָלדענער מזבח, ווייל כאָטש ער איז געווען געבויט פון שטים־האָלץ, האָט ער אָבער געדאַרפט זיין פאַרדעקט מיט ריינעם גאָלד. דער דאָזיגער מזבח איז געשטאַנען נאָענט צום כפורת, לעבען דעם ארון קודש, און דער איינציגער, וואָס האָט געפראַוועט די עבודה פון דעמפּפען דאָס

ווירויך אויף אים, איז געווען דער כהן גדול. צוליב דעם וואָס ער איז געשטאַנען „לפני ולפנים", טיף אינווייניג און ווייט אָפּגעזונדערט פון פאָלק, האָט מען אים אויך גערופען „מזבח הפנים" — דער אינערליכער מזבח.

דער רויך פון די קטורת האָט געוויזען ווי עס האַלט מיט דעם רעליגיעזען מצב פון פאָלק. „אם היה מתמר ועולה" — אויב דער רויך האָט זיך געצויגען אויף אַרויף, איז געווען אַ סימן, אַז דאָס פאָלק גייט „בדרך הישר" און אַז אַ פולשטענדיגער שלום הערשט צווישען די אידען מיט ג־ט. האָט זיך אָבער דער רויך געשפרייט אויף פאַרשידענע זייטען, איז עס געווען אַ שלעכטער סימן, ווייל דאָס האָט געוויזען, אַז די אידען זיינען ניט גאַנץ מיט זייער אמונה און האָבען זיך אָפּגעקערט פון דעם גלייכען וועג. יום־כפור, ווען דער כהן־גדול פלעגט אַריין אין קודש־הקדשים צו דעמפען די קטורת פאַר ג־ט, פלעגען אַלע אידען שטיין מיט אָנגעשטרענגטע אויגען, צו זעהן וואו דער רויך וועט ציען, כדי צו וויסען אויב זייערע חטאים זיינען פאַרגעבען געוואָרען (יומא).

דער צווייטער מזבח, אויף וועלכען מען פלעגט מקריב זיין די קרבנות, איז געווען אַ פיל גרעסער. ער איז געווען פינף איילען די לייננ, פינף איילען די ברייט און דריי איילען די הויך. מען האָט אים גערופען „מזבח הנחשת" — דער קופערנער מזבח, ווייל ער איז געווען איבערגעדעקט מיט אַ דיקער בלאַט פון קופער און איז אויך געווען אַרומגערינגעלט מיט אַ קופערנער נעץ, וואו מען פלעגט וואַרפען די געבליבענע טיילען פון דעם קרבן. דער דאָזיגער מזבח איז געשטאַנען אין דער עזרה, אין הויף פון משכן, נאָענט ביי דער טיר, און די אַלע, וואָס האָבען געבראַכט קרבנות, פלעגען שטיין אַרום אים בעת מען האָט מקריב געווען זייערע קרבנות. ווייל ער איז געשטאַנען אויסער דעם משכן, איז ער אויך געווען באַקאַנט אַלס „מזבח החיצון" — דער אויסערליכער מזבח.

דער דאָזיגער מזבח איז געווען שטאַרק פּאָפּולער צווישען דעם אידישען עולם. די אידען האָבען אים באַטראַכט פאַר דעם „קו המקשר", דאָס פאַרבינדונגס־שנור, וואָס האַלט זיי צוזאַמען מיט דער גאָטהייט. זיי פלעגען וועגען אים זאָגען: „הוא מחבב את ישראל לאביהן שבשמים" — ער מאַכט די אידען באַליבט פאַר זייער פאָטער אין הימעל (כתובות י׳ ע״ב). ער האָט אויך געהייסען דער מזבח פון שלום, ווייל ער האָט געמאַכט שלום צווישען די אידען מיט ג־ט. דערפאַר האָט מען זיך ניט געטאָרט באַנוצען מיט אייזערנע האַמערען, ווען מען האָט אים געבויט. „המזבח נברא להאריך שנותיו של אדם, והברזל לקצר — לפיכך אינו

רשאי להניף המקצר על המאריך״, — דער דאָזיגער מזבח איז געשאַפֿען געוואָרען צו פֿאַרלענגערען די יאָרען פֿון דעם מענשען, און דאָס אייזען פֿאַרקירצט זיינע יאָרען — דערפֿאַר איז ניט דערלויבט צו הויבען דעם פֿאַרקירצער אויף דעם פֿאַרלענגערער (מכילתא).

דער „מזבח החיצון״, אויף וועלכען מען פֿלעגט מקריב זיין אַלע פֿאָלקס־קרבנות, האָט זיך געמוזט געפֿינען אין בית־המקדש, אין ירושלים, און ניט אין קיין אַנדער שטאָט אָדער לאַנד. עס הייסט דעריבער „מזבח־אדמה — שהוא מחובר באדמה״ — אַן ערד־מזבח, ווייל ער דאַרף זיין באַהעפֿט צו דער אידישער ערד (זבחים ס״א ע״ב). רעליגיעזע מזבחות, וואָס אידען בויען אין פֿרעמדע לענדער, האָבען אַ קנאַפּען קיום. „שכינתא בגלותא״ — אויך די שכינה ווערט פֿאַרדרענגט אין גלות. בלויז די קרבנות, וואָס אַ פֿאָלק ברייגגט אין און פֿאַר זיין לאַנד, שאַפֿען די גייסטיגע בריק, וואָס פֿאַראייניגט אים מיט זיין תורה און אמונה.

דאָס ליכט פֿון דער מנורה, וואָס שטעלט פֿאַר דעם „מאור שביהדות״, די ליכט פֿון אידישקייט, האָט געמוזט גענומען ווערען פֿון דעם פֿייער, וואָס ברענט אויף דעם „מזבח החיצון״, דעם אויסערליכען מזבח, אויף וועלכען דאָס פֿאָלק איז מקריב זיינע „קרבנות עולה״ און „קרבנות שלמים״ — די אָפּפֿער, וואָס ער ברייגגט צו ג׳, פֿאַר זיין תורה און זיין אמונה, און אויך די אָפּפֿער, וואָס ער ברייגגט פֿאַר דעם שלום פֿון דעם לאַנד און דער געזעלשאַפֿט. בלויז דער פֿייער, וואָס קומט פֿון דעם פֿאָלק אַליין, פֿון זיינע אינערליכע געפֿילען, זיינען אימשטאַנד אָנצוהאַלטען די שטענדיגע ליכט פֿון זיין מנורה, פֿון זיין גלויבען.

דער ארון און די מנורה זיינען די סימבאָלען פֿון דער אידישער תורה, דער מזבח מיט זיינע קרבנות שטעלען פֿאַר „יראת שמים״ — די מורא פֿאַר ג׳, וואָס פֿירט די אידען אויפֿ׳ן ריכטיגען וועג. דיביידע אידעאַלען מוזען גיין צוזאַמען. „כל אדם שיש בו תורה ואין בו יראת שמים, דומה לגזבר שמסרו לו מפתחות הפנימיות, והחיצוניות לא מסרו לו בהי עייל״ — אַ מענש, וואָס באַזיצט תורה, אָבער ניט קיין יראת שמים, איז געגליכען צו אַ ביינקער, וועמען מען האָט איבערגעגעבען די אינערליכע שליסלען צו דער קאַסע, אָבער די אויסערליכע שליסלען האָט מען אים ניט געגעבען — ווי אַזוי קאָן ער צו דעם צוקומען? (ילקוט שמעוני תתנ״ד). יראת שמים דאַרף אויך האָבען די ליכט פֿון דער תורה, ווייל „לא עם הארץ חסיד״ — דער אומוויסענדער פֿאַרשטייט ניט ווי פֿרום צו זיין.

הפטרה שבת הגדול

דער גרויסער שבת פאַר דער ענדגילטיגער גאולה.

כי הנה היום בא בוער כתנור.

„אין גיהנום לעתיד לבא, אלא הקב"ה מוציא חמה מנרתיקה ורשעים נדונים בה וצדיקים מתרפאים בה" — אין דער ווייטער צוקונפט וועט מען ניט דאַרפען דעם גיהנום, ווייל גב"ה וועט אַרויסנעמען די זון פון איר שייד. די רשעים וועלען דורך איר גע'משפט ווערען און די צדיקים וועלען דורך איר געהיילט ווערען (מדרש רבה).

דער שבת, וואָס געפאַלט פאַר פסח, ווערט אין דער אידישער טראַדיציע אָנגערופען מיט דעם נאָמען „שבת הגדול" — דער גרויסער שבת, דער וויכטיגער שבת. אין פרומע אידישע הייזער איז מען זיך זאָגאַר נוהג צו זאָגען אַ טייל פון דער הגדה דעם שבת, ווייל ער ווערט צוגערעכענט צו די פסח־טעג, צו די טעג פון דער גרויסער אידישער באַפרייאונג. איידער אַ פאָלק באַקומט זיין גאולה, מוז ער צוערשט פייערען אַ נאַציאָנאַלען „שבת הגדול". ער מוז קודם כל פון זיך אַראָפּוואַרפען דעם יאָך פון גלות, זיך דערקלערען פריי און זעלבסט־שטענדיג. מוז אויפהערען צו געבען זיינע כחות פאַר פרעמדע און ווידמען אַלע זיינע שטרעבונגען צו דעם ציל פון פרייהייט. ערשט נאָך אַ „שבת הגדול", נאָך אַ גרויסען אויפהער צו דינען אַנדערע, קאָן אַ פאָלק גרייכען צו זיין „פסח", צו זיין „זמן חרותנו".

צוליב „שבת הגדול" לייענען מיר די הפטרה פון דעם נביא „מלאכי", וואו עס ווערט גערעדט וועגען דעם וואָס עס וועט פאַרקומען. „לפני בא יום ה' הגדול והנורא" — איידער עס וועט קומען דער טאָג פון ג', דער גרויסער און דער מורא'דיגער, ווען עס וועט נעמען אַ סוף צו אַלע נידערטרעכטיגקייטען, וואָס ווערען באַגאַנגען קעגען דעם פאָלק ישראל, און די שעה פון זיין פול־שטענדיגער פרייהייט וועט ענדליך שלאָגען. דער נביא „מלאכי", וועלכער איז דער לעצטער פון אַלע אידישע נביאים, האָט געלעבט אין די צייטען ווען אַ צאָל אידישע חלוצים, אונטער דער פירערשאַפט פון זרובבל, האָבען פאַרלאָזט דעם גלות בבל און זיינען אַוועק נאָך ארץ ישראל, כדי צוריקצובויען דאָס לאַנד און דעם בית המקדש. עס איז זאָגאַר פאַראַן אַ דעה אין דער גמרא, אַז מלאכי

איז גאַר געווען „עזרא הסופר", דער וואָס האָט צוזאַמען מיט נחמיה פאַרענדיגט די גרויסע אַרבייט פון דער אידישער באַפרייאונג (מגילה ט"ו).

אידער די ענדגילטיגע גאולה וועט קומען וועלען זיך אידען געפינען אין אַ פאַרצווייפעלטער לאַגע. פילע פון זיי וועלען זיך באַקלאָגען: „שוא עבד אלקים, ומה בצע כי שמרנו משמרתו וכי הלכנו קדרנית מפני ה' צבאות" — אומזיסט איז דאָס דינען צו ג'. וואָס קומט אונז אַרויס, אַז מיר האָבען אָפּגעהיט זיינע באַפעלען און מיר זיינען אַרומגעגאַנגען פאַרפינסטערט צוליב ג' צבאות? וואָס זעהען מיר איצט? „מאשרים זדים, גם נבנו עושי רשעה" — די מוטוויליגע ווערען געשעצט און געאַכטעט, אויך ווערען אויפגעריכט די, וואָס טוען שלעכטס! דער נביא טרייסט זיי אָבער און הייסט זיי וואַרטען: „ליום אשר אני עושה סגולה" — אויף דעם טאָג, וואס איך וועל מאַכען אַן אויסנאַם, „וחמלתי עליהם כאשר יחמול איש על בנו העובד אותו" — און איך וועל זיך אויף זיי דערבאַרמען ווי אַ מענש דערבאַרמט זיך אויף זיין זון, וואָס דינט אים טריי. „ושבתם וראיתם בין צדיק לרשע" און איר וועט ווידער איינזעהן דעם אונטערשייד פון אַ צדיק ביז אַ רשע, „בין עובד אלקים לאשר לא עבדו" — צווישען דעם, וואָס האָט געדינט ג', און דעם, וואָס האָט אים ניט געדינט.

אַייערע אונטערדריקער וועלען לאַנג ניט טריאומפירען. זייערע נצחונות איבער אַייך וועלען זיך לאַנג ניט האַלטען. זיי וועלען זייער שטראָף זיכער באַקומען. „כי הנה היום בא בוער כתנור" — דער טאָג פון מיין ראַכע קומט באַלד און ער ברענט ווי אַן אויוועז. „והיו כל זדים וכל עשה רשעה קש, ולהט אותם היום הבא" — און אַלע מוטוויליגע און די אַלע, וואָס טוען שלעכטס, וועלען זיין שטרוי, און אָנצינדען וועט זיי דער טאָג וואָס קומט. „לא יעזב להם שרש וענף" — ער וועט זיי ניט איבערלאָזען אַ וואָרצעל אָדער אַ צווייג. זעהר אַ שיינעם געדאַנק איבער די דאָזיגע פסוקים ווערט אויסגעדריקט אין אַ מאמר, וואָס דער פאַרשטאָרבענער ציוניסטישער פירער דר. שמריה לעווין האָט געשריבען אין איינער פון די היגע צייטונגען נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה. ער האָט געזאָגט:

„שויך כמעט צוויי טויזענט יאָר ווי מען שטעכט אונז אידען די אויגען מיט אַ נייער תורה, געגרינדעט אויף אַבסאָלוטער גוטסקייט און אַלגעמיינער מחילה. שוין צוויי טויזענט יאָר אַן ערך ווי מען וואַרפט אונז פאָר, אַז מיר זיינען די צוריקגעבליבענע, די עקשנים פון דער געשיכטע, וועלכע ווילען ניט אָנער־קענען דעם גרויסען הומאַנישען פרינציפּ פון אונטערשטעלען די צווייטע באַק

נאָכדעם ווי מען האָט אונז געגעבען אַ פּאַטש אויף דער ערשטער. אַ גרעסערען פּאַטש אין פּנים, ווי די איצטיגע מלחמה, האָט די וועלט־געשיכטע ניט געקאָנט געבען די פּוסטע באַרימער מיט די הויך־פּאַרריסענע קעפּ. זייער תורה פון אַלגעמיינער מחילה האָט באַנקראָטירט. אַנשטאָט אַבסאָלוטער גוטסקייט און פריינטליכקייט האָט מען אַרויפגעזעצט אויפ׳ן טראָן דעם ווילדען אָפּגאָט פון מלחמה, ער זאָל פאַנאַנדערנעמען זייערע סכסוכים מיט אייזען, פייער און בלוט.

„מען האָט זיך געאיילט, גלייך ווי הינטער די טראָגען און די מלוכה־שטולען איז געשטאַנען דער מלאך־המות אַליין און האָט מיט זיין האַרטער ביינערנער האַנט געשטופּט און געצוואונגען און ניט געגעבען קיין צייט פאַר איבערלייגעניש, פאַר ישוב הדעת. דער קעסעל, וואו עס האָט זיך געקאָכט צענדליגער יאָרען די פעלקער־שנאה, האָט מיט איינמאָל דערגרייכט דעם זיד־פּונקט און איז אַריבערגעלאָפען איבער׳ן ברעג. נייך, דער קעסעל האָט געפּלאַצט און דאָס זידענדע גיפט האָט זיך צעשפּרייט אין אַלע ריכטונגען. די וועלט האָט זיך פאַר׳סמ׳ט, זי איז אַראָפּ פון זינען. עס האָט זיך דערוועקט אין דעם מענשען די גרויסע חיה, די ווילדע בריאה מיט פיל הערנער, וואָס קאָן ניט זעטיגען דעם הונגער אָהן מענשען־פליייש און קאָן ניט שטילען דעם דורשט אָהן מענשען־בלוט.

„איך בעט ביי דיר מחילה, דו גוטער, באַרמהערציגער „מולך". איך האָב געזינדיגט קעגען דיר. איך האָב דיך געהאַסט מיט אַלע פיבערען פון מיין נשמה פאַר די אומשולדיגע קרבנות, וואָס דו האָסט דערשלונגען. דעם גרויסען אידישען ג׳ איז אָנגעשטאַנען צו נעמען שעפּסען־פליייש אַנשטאָט יצחק׳ן, און דו האָסט אַנדערש ניט געקאָנט אויסקומען, סיידען אַ מענשליכען קרבן צו יעדער סעודה. היינט אָבער זעה איך, אַז דו אַליין, דער פרעסער פון אומשולדיגע קינדער, ביזט געווען אַ מלאכ׳ל און פאַרגלייך מיט דעם ציוויליזירטען אָפּגאָט, צו וועמעס פיס עס האָט זיך איצט אַ וואָרף געטאָן די גאַנצע קריסטליכע וועלט. דער טאָג פון דער אידישער נקמה איז געקומען, „ולהט אותם", און ער פאַרברענט און פאַר׳שרפ׳עט זיי אַלעמען מיט זייער רעליגיעזער תורה פון קעגענזייטיגער ליבע"...

אַ פיל־טיפערען געדאַנק איבער די ווערטער פון דעם נביא זאָגען אונז די חכמים אין דעם אויבען־ציטירטען מאמר. „לעתיד לבא" — אין דער וויטער צוקונפט וועט קיין גהנום ניט נויטיג זיין צו באַשטראָפען די זינדיגע. מיט זייערע ווילדע חטאים וועלען זיי דעם גיהנום אַראָפּברייגגען אויף דער וועלט. זיי וועלען זיך שמעלצען אין דעם העלישען פייער, וואָס זיי האָבען מיט זייערע

אייגענע הענט אנגעצונדען. זייערע אפגעטער וועלען פארניכטעט ווערען. אלע זייערע פאלשע אידעאלען וועגען א כלומר׳שטען וועלט־שלום וועלען אוועק מיט׳ן רויך. דער אויבערשטער וועט ארויסנעמען די זון פון איר שייד און וועט פארטרייבען די פינסטערע שאטענס פון דער וועלט, „וזרחה לכם יראי שמי שמש צדקה ומרפא בכנפיה" — אבער פאר אייך, וועלכע האבען מורא פאר מיין נאמען, וועט אויפגיין די זון פון גערעכטיגקייט מיט היילונג אין אירע פליגלען.

מיין פאטער ע"ה פלעגט זאגען: „יעדעס פאלק זוכט צו פייערען שבת הגדול, זיין גרויסען נאציאנאלען רו־טאג, וועלכער זאל זיין דער אנפאנג פון דער דערפילונג פון אלע זיינע אמביציעס און האפנונגען. די אומות העולם, כדי דאס צו דערגרייכען, פירען אן גרויסע שלאכטען און דערטרינקען די וועלט אין טייכען בלוט. אבער דאס אידיש פאלק, כדי צו קאנען צוקומען צו זיין „והיה באחרית הימים" — צו זיין גלארדייכער צוקונפט, פראקלאמירט זיין „זכרו תורת משה" — געדענקט די תורה, וואס משה האט געלערענט, און די וועלט וועט שטייגען צו דער העכסטער שטופע פון פראגרעס און פרידען".

ג.

א קרבן שלמים פאדערט זעלבסט־באטייליגונג.

ידיו תביאינה את אשי ה'!

„כהן מניח ידו תחת ידי בעלים ומניף" — דער כהן לייגט אונטער זיינע הענט אונטער די הענט פון אייגענטימער און הויבט־אויף דעם קרבן (מנחות ס"א ע"ב).

„ביי אונז אידען", זאגט הרב יצחק ניסענבוים ע"ה, „איז פאסט אוממעגליך אפצוטיילען רעליגיע פון נאציאנאליטעט. ביידע זאכען זיינען אזוי ענג פארבונדען צווישען זיך, אז מען ווייסט ניט גענוי צו באשטימען זייערע גרעניצען. עס זיינען פאראן אזעלכע מצוות, וואס ווייזען אויס, פון אויבענאויף, צו זיין בלויז רעליגיעזע און זייער הויפט ציל איז פעסטצושטעלען א פריינטליכע באציאונג צווישען דעם מענשען און זיין פאטער אין הימעל. אבער, אז מען פארטיפט זיך

אין זייער הויפט כוונה, מוזען מיר קומען צו דער איבערצייגונג, אַז אויך זיי שטייען אויף אַ נאַציאָנאַלען יסוד און העלפען צו פאַרשטאַרקען דעם בונד צווישען דעם פּרט און דעם כלל. צווישען די דאָזיגע זאַכען קאָנען אַריינגע־רעכענט ווערען די פאַרשיידענע קרבנות, וואָס יחידים דאַרפען ברייגנען. דוכט זיך, אַז דער עיקר זייערער איז בלויז „עבודת אלקים", גאָטעס־דינסט, איינצו־שטילען זיין צאָרן און בעטען אַ כפרה אויף אַ זינד, וואָס מען איז באַגאַנגען, אָדער אים צו דאַנקען פאַר די ברכות, וואָס ער האָט אונז געגעבען, אָדער צו בעטען, אַז ער זאָל אונז ווייטער העלפען — אַלץ אַזעלכע זאַכען, פּריוואַטע אינטערעסען, וועלכע האָבען אייגענטליך אַ קנאַפּען נאַציאָנאַלען ווערט. אָבער אין דער אמת'ן איז עס ניט אַזוי.

„די תורה קוקט אויף די אויפפירונגען פון יעדען יחיד דורך נאַציאָנאַלע ברילען, ווייל די מעשים פון יעדען איינציגען האָבען אַ געוויסען איינפלוס צו גוטען אָדער צום שלעכטען, אויף אַלע טיילען פון פאָלק. די אידישע אומה ווערט געאורטיילט אויף דער וועלט לויט די מעשים פון אירע קינדער. אויב די מינאָריטעט איז ריין און ערליך, רעפלעקטירט עס אויף דעם גאַנצען כלל; אויב אָבער חלילה ניט — ווערט דאָס גאַנצע פאָלק בלאָמירט און באַשולדיגט. אונזערע חז"ל באַטראַכטען אַ חטא פון אַ יחיד ווי אַ ברוך אונטער דעם יסוד פון דער אומה. זיי זאָגען: „משל לבני אדם שיושבים בספינה, נטל אחד מהם מקדח והתחיל קודח תחתיו" — דאָס איז געגליכען צו מענשען, וועלכע זיצען אויף אַ שיף און איינער פון זיי האָט גענומען אַן עגבער און אָנגעהויבען עגבערען אַ לאָך אונטער זיין פּלאַץ. „אמרו לו חבריו: מה אתה עושה? אמר להם: מה איכפת לכם, לא תחתי אני קודח?" — פרעגען אים זיינע חברים: וואָס טוסטו? ענטפערט ער זיי: וואָס אַרט עס אייך, עגבער איך דען ניט אונטער מיין אייגענעם שטול? „אמרו לו, שהמים עולים ומציפים עלינו את הספינה" — זאָגען זיי צו אים: אָבער די וואַסער וועט זיך דורכשפּאַרען און פאַרפלייצען די שיף אויך איבער אונז (ויק"ר פ"ד). די זינד פון אַ יחיד קאָן אמאָל שטעלען אין סכנה די גאַנצע אידישע שיף, וועלכע שווימט איבער שווערע כוואַליעס און זוכט איר אייגענעם ברעג".

אויב אַ איד איז באַגאַנגען אַ חטא און האָט זיך דורך דעם אויף אַ וויילע אָפּגעריסען פון זיין פאָלק, זאָל ער ברייגנען אַ קרבן, וואָס וועט אים צוריק דערנעענטערען צו ג' און ווייטער פאַרבינדען מיט זיין נאַציע.

אַלע קרבנות „חובה" אָדער „תשובה" האָבען געמוזט געבראַכט ווערען

אין בית־המקדש, אין דעם נאַציאָנאַלען אידישען צענטער (זבחים קי״ז). אַלע פריוואַטע קרבנות האָט מען געמוזט מקריב זיין דורכ'ן טאָג, צווישען די צוויי פאָלקס־קרבנות פון אינדערפרי און פאַרנאַכט. „כל הקדשים שהקריבום קודם תמיד של שחר או שעכבום אחר תמיד של בין הערבים פסולין" — אַלע הייליג־קייטען, וואָס מען איז מקריב פאַר דעם קרבן תמיד אינדערפרי, אָדער וואָס מען האָט פאַרהאַלטען ביז נאָך דעם קרבן תמיד פון פאַרנאַכט, זיינען פסול'ע" (תוספתא פסחים פ״ד). דער קרבן פון אַ יחיד ווערט ערשט דאַן אָנגענומען, אויב ער ווערט איינגעשלאָסען צווישען די פאָלקס־קרבנות און ווערט אַ טייל פון דער „עבודה" פון פאָלק.

„על כל קרבנך תקריב מלח" — אויף אַלע דיינע קרבנות זאָלסטו מקריב זיין זאַלץ, און די זאַלץ האָט געמוזט געקויפט ווערען פון די קהל'שע געלטער (מנחות כ״א). דער קרבן פון אַ יחיד באַקומט ערשט דאַן זיין ריכטיגען געשמאַק, אויב ער ווערט באַ'טעמ'ט מיט דער זאַלץ פון דעם צבור. „זאת תורת העולה — היא העולה" — דאָס איז די תורה פון דעם גאַנצן אָפּפער, זי איז דער גאַנצן אָפּפער. ניט דער קרבן אַליין שפּילט די הויפּט ראָלע, גב״ה דאַרף אים ניט. דער אמת'ער קרבן באַשטייט אין זיין תורה, אין די כוונות און מחשבות, וואָס אַ מענש האָט בשעת ער איז מקריב זיין קרבן („כנפי שחר" מאת הרב שרגא ראָזענבערג, קליוולאַנד).

אַלע קרבנות ווערען אין פּסוק אָנגערופען „אשי ה׳", די פייער־אָפּפער פון ג׳, און פלעגען פאַרצערט ווערען פון אַ פייער, וואָס פלעגט אַרונטערקומען פון הימעל. דאָך זאָגען אונז די חז״ל: „אף על פי שהאש יורדת מן השמים, מצוה ליתן אש מן ההדיוט" — כאָטש דער פייער נידערט אַרונטער פון הימעל, איז דאָך אַ מצוה צוצולייגען מענשליכען פייער (תורת כהנים). „קרבנות, זאָגט איינער פון די גרויסע מקובלים, זיינען טרעפּ, אויף וועלכע דער מענש שטייגט צו די הימלען, אָדער דער הימעל נידערט צו אים אַרונטער אויף דער ערד. „אויב מיר ווילען, אַז עס זאָל זיין „אש יורדת מן השמים", אַז דער געטליכער פייער זאָל צו אונז אַרונטערנידערען פון הימעל, מוזען מיר פריער צולייגען „אש מן ההדיוט" — אונזער אייגענעם פייער. „אי אפשר לה לאש להראות כי אם בהתלותה בדבר" — עס איז אוממעגליך פאַר דעם געטליכען פייער זיך צו ווייזען, סיידען אַז ער האָט זיך אין וואָס אָנצוהענגען (רבי סעדיה גאון, אמונות ודעות).

„ידיו תביאינה את אשי ה׳" — דורך זיינע אייגענע הענט זאָלען געבראַכט

ווערען די פייער־אָפּפער פון ג׳, מען מוז צו זיי האָבען פערזענליכע באַטייליגונג, מיט אַריינשיקען זיין נדבה און פאַרלאָזען זיך אויף דעם כהן, אַז ער וועט עס פאַר אים מקריב זיין, האָט ער זיך ניט דערנעענטערט צו דער גאָטהייט, וואס איז די הויפּט כוונה פון דעם קרבן. און אַז דאָס זאָל זיין „אשי ה׳״, מוז עס געבראַכט ווערען מיט התלהבות, מיט פּערזענליכער באַגייסטערונג. אַ מצוה, וואָס ווערט געטאָן דורך אַ שליח, דורך אַ פאַרשטייער, פעהלט אין איר הארץ און אָפּפערווילינקייט. דער כהן, דער רב אָדער דער צדקה־פאַרוואַלטער קאָן ערשט דעמאָלט טאָן זיין אַרבייט בשלמות, אויב די „ידי בעלים״, די הענט פון די געבער, באַטייליגען זיך אין דעם.

הפטרה שבת הגדול

דער גרויסער שבת.

לפני בוא יום ה׳ הגדול והנורא.

„אמר ר׳ יהודה אמר רב: אלמלא שמרו ישראל שבת ראשונה לא שלטה בהם אומה ולשון״ — רבי יהודה אין נאָמען פון רב זאָגט: ווען אידען וואָלטען ריכטיג אָפּגעהיט דעם ערשטען שבת, וואָלט קיין אומה ולשון איבער זיי קיין שליטה ניט געהאַט (מדרש הגדול).

וואָרום ווערט דער שבת פאַר פסח אָנגערופען שבת־הגדול, דער גרויסער שבת? אויף דער פראַגע זיינען דאָ פאַרשיידענע מיינונגען, וועלכען וואַרפען אַ קלאָר ליכט אויף דעם, ווי אונזערע חכמים האָבען אויפגעפאַסט די טעג פון אונזער גאולה. איין מיינונג איז דאָ, אַז צוליב דעם הייסט ער שבת הגדול, ווייל די הפטרה, וואָס מען לעזט, פאַרענדיגט זיך מיט דעם געטליכען פאַר־שפּרעכען: „הנה אנכי שולח לכם את אליהו הנביא לפני בוא יום ה׳ הגדול והנורא״ — איך וועל צו אייך שיקען אליהו הנביא איידער עס קומט אָן דער טאָג פון ג׳, דער גרויסער און דער מורא׳דיגער (הכתב והקבלה). און די כוונה איז, אַז די גאולה קאָן ניט קומען, סיידען מיר אידען זאָלען, ווי אליהו הנביא אַמאָל, באַקעמפען אַלע נביאי השקר, די פאַלשע נביאים וועלכע האָבען דאָס

פאָלק פאַרפירט מיט פוסטע האָפענונגען וועגען אינטערנאַציאָנאַלע גליקען און האָבען דערמיט פאַרלענגערט זיין גלות (דרשות אל עמי). כל זמן מיר וועלען זיך פאַרלאָזען אויף דעם „חסד לאומים", אויף דעם גענאַד פון די פאַרשידענע פעלקער, וועט אונזער גאולה ניט אַזוי גיך קומען. די געשיכטע האָט אונז שוין ניט איינמאָל געוויזען, אַז מיר קאָנען ניט טרויען דעם פאַרשפּרעכען אפילו פון די בעסטע פון זיי. אויב זיי זוכען שלום, פרייהייט און דעמאָקראַטיע איז עס בלויז פאַר זיך, פאַר זייערע אייגענע נוצען. וואָס אַנבאַלאַנגט אָבער דעם שטענדיגען „נגזל", צום אייביג־באַרויבטען אידישען פאָלק, אים איז מען גרייט צו פאַרקויפען פאַר אַביסעל פעטראָליום, אַביסעל אויל... אויב מיר ווילען פייערען אַ „חג הפסח", דעם יום־טוב פון אונזער באַפרייאונג, מוזען מיר פריער דערקלערען אַ שבת־הגדול, אַ גרויסען שבת פאַר זיך, פאַר אונזער אייגענער „נשמה יתירה", פאַר אונזער אייגענעם גייסט.

אַ צווייטע מיינונג, וואָרום ער הייסט „שבת־הגדול", ווערט געבראַכט אין שו"ע אורח חיים סימן ת"ל: „שבת שלפני הפסח קוראים אותו שבת הגדול מפני הנס שנעשה בו" — דער שבת פאַר פסח ווערט אָנגערופען „שבת־הגדול" צוליב דעם גרויסען נס, וואָס איז אין אים געשעהן. און דער נס איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס די אידען האָבען אין דעם טאָג געוואָגט צו נעמען אַ „שה לבית", אַ שעפּס פאַר יעדער הויז, כדי עס מקריב צו זיין פאַר אַ קרבן פסח. כאָטש שעפּסען זיינען געווען פאַרהייליגט פון די עגיפּטער, האָבען זיך אָבער די אידען איבערצייגט, אַז די גאולה וועט ניט קומען „עד שנשחוט אלקי מצרים לעיניהם", ביידען דער גאָט פון מצרים וועט געקוילעט ווערען פאַר זייערע אויגען (שמו"ר בא). זיי האָבען זיך אַרומגעזעהן, אַז די אַלע גלויבענס און קולטורען פון דער פרעמד פירען בלויז צו אַסימילאַציע און נאַציאָנאַלער פאַרטיליגונג.

אויב אַ פאָלק וויל דערגרייכען זיין אמת'ע גאולה, מוז עס פון זיך אַראָפּ־וואַרפען אַלע השפעות און איינפלוסען פון דעם גלות און זיך שטעלען אויף די אייגענע פיס. דאָס לעבען אין גלות איז איין גרויסע „פשרה", זוכען צו געפעלען ווערען יעדען, און אַז מען זוכט צופרידענצושטעלען אַלעמען, געפעלט מען קיינעם ניט און מען ווערט פאַראַכט און פאַרהאַסט פון יעדען. ווי גערעכט איז דער מדרש, וואָס זאָגט: אויב אידען וואָלטען זיך געהאַלטען אין דעם ערשטען שבת, אין דער אידייע פון זיין גייסטיג פריי, וואָלטען זיי אין קיין פלאַץ ניט פאַרשקלאַפט געוואָרען און קיין אומה ולשון וואָלט אויף זיי קיין שליטה ניט

געהאַט. פרייע גייסטער לאָזען זיך ניט אונטערדריקען און פריער אָדער שפּעטער ברעכען זיי איבער די קייטען, וואָס האַלטען זיי געבונדען.

אַ העכסט־וויכטיגע מיינונג, וואָרום ער הייסט „שבת־הגדול", ווערט גע־בראַכט אין בינה לעתים: „השבת הזה מכונה גם כן בתואר גדול, מפני שמאריכין בו בדרשות" — דיזער שבת רופט זיך אויך דער גרויסער, ווייל מען האַלט אין אים לאַנגע דרשות. רבי מאיר'ל פּרימישליאַנער האָט איינמאָל שבת־הגדול געהאַלטען די פאָלגענדע דרשה: „אין דין ווערט געבראַכט: „שואלין ודורשין בהלכות הפסח קודם הפסח" — מען דאַרף פרעגען און דרש'ענען איבער די דינים פון פּסח איידער דער פּסח קומט. דערפאַר זייַנען די רבנים זיך נוהג צו האַלטען לאַנגע דרשות שבת־הגדול און זיך צו פּלפּול'ען און פאַרענטפערען אַ סך קשיות. איך וויל אָבער ניט מאַכען דעם טאָג צו־לאַנגווייליג, וועל איך דערפאַר שטעלען איין הארבע קשיא, וואָס איר און ניט איך אַליין קאָן איר פאַרענטפערען:

„דער דין איז, אַז יעדער איד איז מחויב צו עסען מצה אום פּסח. וואָס־זשע אָבער זאָלען טאָן די אָרימעלייט, וועלכע האָבען ניט קיין געלט אויף מצות? זאָלען זיי גיין גנב'ענען? איז דאָך דאָ אַ דין פון לא תגנוב?

„אויף דעם איז דאָ א תירוץ פון דעם רמ"א ז"ל, וואָס זאָגט: „מנהג לקנות חטים לחלקן לעניים לצורך הפסח" — עס איז דאָ אַ מנהג צו קויפען מצה־מעל און עס אויסטיילען צו די אָרימעלייט פאַר דעם געברויך פון פּסח (או"ח הלכות פסח ס' תכ"ט). אויב איר וועט זיך האַלטען ביי דעם מנהג, וועט מיין קשיא לייכט פאַרענטפערט ווערען און מיר אַלע וועלען האָבען אַ פרייליכען פּסח".

אַ העכסט־אינטערעסאַנטע מעשה'לע ווערט דערציילט וועגען רבי יאשע בער בריסקער ז"ל:

איינמאָל אַן ערב פּסח איז צו אים אַריינגעקומען אַ איד מיט אַ שאלה:

— רבי, צי מעג איך יוצא זיין די אַרבע כוסות מיט מילך?

— איר זענט, חלילה, קראַנק? — פרעגט אים דער רב.

— כ'בין ב"ה געזונט, — ענטפערט דער איד, — נאָר ווײַן... פאַרשטייט איר מיך, איז האַי־יאָר פאַר מיר צו־טייער.

דער רב האָט אים דערקלערט, אַז מען קאָן על פי דין יוצא זיין אויך מיט מילך, און אַרויסבאַגלייטענדיג אים צו דער טיר, האָט ער דעם אידען אַריינגעשטופּט אין האַנט אַ צען־רובעלדיגען, וואָס דער איד האָט לכתחילה

ניט געוואָלט נעמען, אָבער נאָכדעם ווי דער רב האָט אים איינגעבעטען, אַז דאָס גיט ער אים בלויז בתורת הלואה, האָט זיך דער איד געלאָזט איבעררעדען און דאָס צוגענומען.

אַז דער איד איז אַוועקגעגאַנגען, פרעגט די רבי׳צין דעם רב:

— וואָס האָסטו אים עפּיס געגעבען אַ גאַנצען צענערל — אויף וויין צו ארבע כוסות איז דאָך אַ צוויי־דריי רובל אויך גענוג?

— לויט דער שאלה, — ענטפערט איר רבי יאָשע בער, — וואָס דער איד האָט געפרעגט, פאַרשטייט מען גלייך, אַז אויסער וויין פעהלט אים אויך פלייש, וואָרים אַנדערש — ווי אַזוי מעג מען טרינקען מילכיגע אַרבע כוסות? (פון אונזער אַלטען אוצר).

ד.

לערנען תורה שטייט העכער פאַר קרבנות.

זאת התורה לעולה למנחה ולחטאת ולאשם.

„כיון ששמעו ישראל פרשת קרבנות נתיראו, אמר להם: אל תיראו, עסקו בתורה ואין אתם יראים מכל אלה" — וויבאַלד די אידען האָבען אויסגע־הערט די פרשה פון קרבנות, זיינען זיי פאַרציטערט געוואָרען. האָט זיי משה געזאָגט: שרעקט אייך ניט, לערנט תורה און איר וועט ניט דאַרפען מורא האָבען פאַר אָט די אַלע זאַכען (ילקוט שמעוני, רמז תצ״ג).

די איבעראַשענדע דערשיינונגען און וואונדערבאַרע אַנטפּלעקונגען, וועלכע די אידען האָבען געזעהן ביים באַרג סיני, האָבען זיי איבערגעלאָזט פאַרגאַפט און אַטראָפירט. „וירא העם וינועו, ויעמדו מרחוק" — דאָס פאָלק האָט געזעהן, איז אויפגעטרייסעלט געוואָרען און איז געבליבען שטיין פון דער ווייטענס. זייערע אויערען האָבען געהערט, זייערע אויגען האָבען געזעהן, אָבער זייער מוח האָט ניט באַגריפען וואָס דאָרטען איז פאָרגעקומען. משה אַליין האָט געמוזט פאַרבלייבען אין הימעל פערציג טעג און פערציג נעכט, כדי צו דערלערנען פון ג׳ די אמת׳ע כוונות פון זיינע ווערטער, און אים האָט עס גענומען גאַנצע פערציג יאָר איבערצוגעבען עס צו די אידען.

פון דעם ערשטען וואָרט „אנכי", וואָס זיי האָבען געהערט פון ג' אַליין, האָבען זיי פאַרשטאַנען, אַז זיי ווערען איצט אַ טייל פון דעם אַלמעכטיגען „איך", דער איינציגער כוח, וואָס באַהערשט אַלע וועלטען און באַשטימט פאָראויס זייערע געשעהענישען. זיי זיינען געבליבען אונטער דעם איינדרוק, אַז פון היינט אָן און ווייטער וועלען זיי געשטעלט ווערען אונטער זיין ספעציעלער השגחה, וועלכע וועט אויף זיי אַכטונג געבען, אַז זיי זאָלען גיין בדרך הישר. ניט מער וועלען זיי געהאַלטען ווערען פאַראַנטוואָרטליך פאַר זייערע מעשים און זיך דאַרפען שרעקען פאַר דער צוקונפט. זייער שיקזאַל ליגט אין די הענט פון דעם אויבער־שטען און ער וועט שוין זעהן, אַז אַלץ, וואָס זיי טוען, זאָל זיין לויט זיין ווילען.

ווען זיי האָבען אָבער געהערט פון משה'ן די פרשה פון קרבנות, וועלכע האָט זיי קלאָר געמאַכט, אַז דער אויבערשטער וועט זיי האַלטען פאַראַנט־וואָרטליך פאַר אַלע זייערע מעשים און זיי וועלען מוזען ברייגען קרבנות פאַר יעדען זינד, וואָס זיי וועלען באַגיין, „נתיראו", זיינען זיי פאַרציטערט געוואָרען. הייסט עס, אַז זייער שיקזאַל בלייבט נאָך אין זייערע אייגענע הענט, אַז ניט די השגחה וועט פאַר זיי פאָראויס באַשטימען זייערע טאַטען, נאָר זיי אַליין וועלען מוזען טראָגען די אחריות פאַר אַלץ, וואָס זיי וועלען טאָן אָדער ניט טאָן. וועלען זיי עס קאָנען דערוויזען? און וואָס וועלען זיי טאָן, אויב זיי וועלען זיך געפינען אין פרעמדע לענדער, וואו זיי וועלען ניט האָבען קיין אייגענעם „משכן" צו קאָנען קריגען אַ כפרה אויף זייערע זינד?

משה באַוואָרענט זיי: „אַל תיראו" — איר האָט ניט פאַר וואָס צו שרעקען זיך, „עסקו בתורה", לערענט און שטודירט אַייער תורה, „ואין אתם יראים מכל אלה", און איר וועט ניט דאַרפען מורא האָבען פאַר די אַלע זאַכען. די תורה וועט אַייך דערהויבען צו אַזאַ מדרגה, אַז איר וועט ניט זינדיגען און איר וועט ניט דאַרפען אָנקומען צו קרבנות, זיי זאָלען מכפר זיין אויף אַייערע זינד.

„דער הויפט תכלית פון אונזער תורה — דערקלערט רבי יצחק יעקב ריינעס ז"ל — איז צו ברייגען דעם מענשען צו אַזאַ שטופע, אַז זיינע מאָראַלישע און עטישע באַגריפען זאָלען האָבען אויף אים דיזעלבע ווירקונג, ווי די נאַטירליכע אינסטינקטען. צוליב אָט דעם אורזאַך איז די „בחירה חפשית", דער פרייער אויסוואַל, פאַר זיך צו באַשטימען וואָס ער האָט צו טאָן, איינע פון די יסודות, אויף וועלכע די אידישע אמונה איז באַגרינדעט. „הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים" — דער שיקזאַל פון אַלע מענשען ליגט אין די הענט פון דעם אויבער־

שטעו, אויסער דער שיקזאַל פון „יראת שמים" (ברכות ל"ג ע"ב). מורא צו האָבען פאַר ג' און גייך אין זיינע דרכים — דאָס איז איבערגעלאָזען געוואָרען צו דער „בחירה חפשית", צו דעם פרייען ווילען פון דעם מענשען זעלבסט. די תורה צווינגט ניט קיינעם צו טאָן ווי זי הייסט; זי לערענט דעם מענשען בלויז און זי צייגט אים אָן די וועגען, וועלכע פירען צו אַ גליקליך לעבען".

דער מדרש ברייגגט, אַז בשעת השי"ת האָט באַשלאָסען צו באַשאַפען דעם מענשען, האָט ער זיך געשלאָגען מיט דער דעה: „אם אני בוראו מן העליונים הוא חי ואינו מת, מן התחתונים הוא מת ואינו חי" — אויב איך וועל אים באַשאַפען פון לויטער הימלישע שטאָפען, וועט ער לעבען און ניט שטאַרבען; פאַרקערט, זאָל איך אים מאַכען פון לויטער ערדליכע מאַטעריאַלען, וועט ער שטאַרבען און ניט לעבען (ב"ר י"ד). דער מענש מוז זיין אַ סינטעז פון הימעל און ערד, אַ צוזאַמענגעם פון אייביגקייט און שטערבליכקייט. דערפאַר האָט אים ג' באַשאַפען פון „גוף" און „נשמה"; דאָס ערשטע איז גענומען געוואָרען פון אונטען, פון דער ערד, און דאָס צווייטע פון אויבען, פון הימעל. אַזוי האָט זיך געשאַפען דאָס גלייכגעוויכט, וואָס מאַכט דעם מענשען פאַר אַ „מעט מאלקים", אַ מיניאַטור פון דער גאָטהייט, צוליב זיין נשמה, און אַ „בן תמותה", אַ שטערבליכע בריאה, צוליב זיין „גוף".

„וואָלט די „בחירה" ניט איבערגעגעבען געוואָרען צום מענשען, — זאָגט ווייטער רבי ריינעס, — אויב אַלע זיינע מעשים וואָלטען מוזען דיקטירט אָדער אָנגעוויזען ווערען פון אויסערליכע כוחות, וואָלט ער מיט דער צייט געוואָרען אויס מענש, אָדער ער וואָלט פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ מלאך, אָדער אין אַ ווילדער חיה. די אחריות, וואָס דער מענש טראָגט פאַר זיינע מעשים, מאַכט אים צו דענקען — און דאָס דערהויפּט אים איבער אַלע אַנדערע באַשעפענישען".

„זאת התורה לעולה, למנחה ולחטאת ולאשם" — די תורה שטייט העכער פאַר די בראַנד־אָפּפערס, פאַר די מנחות, די זינד אָדער שולד־אָפּפערס. „אמר רבא: כל העוסק בתורה אינו צריך לא עולה ולא חטאת ולא אשם" — רבא זאָגט, אַז דער וואָס לערנט תורה, דאַרף ניט די פאַרשיידענע קרבנות (מנחות ק"י). דער אויבערשטער האָט קיינע נוצען ניט פאַר די קרבנות; זיין הויפּט כוונה איז צו דערנענטערען דעם מענשען צו זיך. אויב ער וועט לערנען תורה, וועט ער זיך תמיד געפינען אין דער געזעלשאַפט פון ג'.

מען דערציילט אויף דעם אַלטען קאָצקער רבי׳ן ז״ל, אַז ער פלעגט אויסשטיין „שמונה עשרה״ פריער פאַר אַלעמען און דערוויל אַריינקוקען אין אַ ספר. איינמאָל איז צו אים צוגעקומען זיינער אַ נאָענטער חסיד און געפרעגט: רבי, זיינען דען די תפילות ניט איינגעפירט געוואָרען צו פאַרנעמען דעם פלאַץ פון די קרבנות, וואָס מיר פלעגען מקריב זיין אין בית־המקדש? — וואָרום פערטיגט איר זיך אָפּ מיט זיי אַזוי שנעל?

„דו ביזט גערעכט, מיין קינד, — האָט אים דער רבי געענטפערט, — תפלות פאַרנעמען טאַקע דעם אָרט פון קרבנות. צו לערנען תורה אָבער קומט עס ניט, ווען דו ביזט מתפלל, רעדסטו צו ג׳ און ווילסט, אַז ער זאָל הערען דיין שטים, אָבער ווען דו לערנסט, רעדט ג׳ צו דיר און דו הערסט זיין שטים. נו, זאָג מיר, וועמעס שטים איז וויכטיגער צו הערען?״

הפטרה שבת הגדול

די אומות העולם שעכטען מענשען, די אידען — געטער.

זכרו תורת משה עבדי.

„בשעה שאמר הקב״ה למשה לשחוט את הפסח, א״ל משה, רבון העולמים, איך אני יכול לשוחטו? אי אתה יודע שהצאן אלקיהם של מצרים? אמר לו הקב״ה, חייך, שאין אתה יוצא מכאן עד שנשחוט אלקי מצרים לעיניהם״ — ווען ג׳ האָט אָנגעזאָגט משה׳ן, ער זאָל קוילענען דעם קרבן פסח, האָט אים משה געפרעגט: האַר פון אַלע וועלטען, ווי קאָן איך אים שעכטען? וויסטו דען ניט, אַז שעפסען זיינען די געטער פון מצרים? האָט אים ג׳ געענטפערט: איך בין זיכער, ווי דו לעבסט, אַז דו וועסט ניט אַרויס פון דאַנען ביז דער גאָט פון מצרים וועט געשאָכטען ווערען פאַר זייערע אויגען (שמו״ר ב״א).

דער שבת פאַר פסח איז באַקאַנט אין דער אידישער טראַדיציע אַלס „שבת הגדול״ דער גרויסער שבת. אין פרומע אידישע הייזער אין מען זיך זאָגאַר נוהג צו זאָגען אַ טייל פון דער הגדה דעם שבת, ווייל ער ווערט צוגערעכענט צו די פסח־טעג, צו די טעג פון דער גרויסער אידישער באַפרייאונג. דער

ערשטער שבת, וואָס אַ פאָלק פייערט, אַז ער ווערט פריי און זעלבסטשטענדיג, מוז זיין אַ „שבת הגדול", ווייל בלויז פרייע מענשען קאָנען פאַרשטיין און ריכטיג אָפּשאַצען דעם ווערט פון אַ נאַציאָנאַלען שבת, פון אַן אייגענעם רו־טאָג.

אַ מערקווירדיגען טעם, וואָרום דער שבת פאַר פסח ווערט אָנגערופען „שבת הגדול", געפינען מיר אין שולחן ערוך אורח חיים (סימן ת"ל). „שבת שלפני הפסח קוראים אותו שבת הגדול, מפני הנס שנעשה בו, שלקחו כל אחד שה בעשור לחודש, ואותה שנה היה י' בחודש בשבת" — דעם שבת פאַר פסח רופט מען „שבת הגדול" צוליב דעם נס, וואָס איז אין אים געשעהן, ווען יעדער איד האָט גענומען אַ שעפּס אין דעם צענטען טאָג פון מאָנאַט, און דער צענטער טאָג אין ניסן פון יענעם יאָר איז אויסגעפאַלען אום שבת.

הייסט עס, אַז איינער פון די גאָר גרויסע נסים, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין מצרים, פאַר דער ענטגילטיגער גאולה, אין באַשטאַנען אין דעם פאַקט, וואָס יעדע אידישע פאַמיליע האָט געוואַגט צו נעמען אַ שעפּס און עס מקריב זיין פאַר אַ קרבן פסח צו ג'. פון אויבענאויף איז דער טעם העכסט אומפאַרשטענדליך. ערשטענס זיינען דאָך דאָן פאָרגעקומען פיל אַנדערע גרויסע נסים, טאָ וואָרום רופען מיר ניט די טעג, אין וועלכע זיי זיינען געשעהן, מיט דעם נאָמען „גרויסע"? צווייטענס, וואָס פאַר אַ נס איז עס, אַז די אידען האָבען מקריב געווען שעפּסען פאַר קרבנות צו ג'?

ווען מיר פאַרטיפען זיך אָבער אין די ווערטער פון אונזערע חז"ל, זעהען מיר ווי ברייט זיי האָבען באַגריפען די גלות־פּסיכאָלאָגיע פון די אידען און די אורזאַכען, וואָס האָבען געהאַלטען דאָס פאָלק פאַרשקלאַפט פאַר הונדערטער יאָרען. „גלות" מיינט אַרויסגעטריבענקייט, אַ שטענדיגע פרעמדקייט, איינער וואָס איז אַרויסגעריסען געוואָרען פון זיין אייגענעם באָדען און קאָן אין ערגיץ ניט שלאָגען פרישע וואָרצלען, צו קאָנען פראָדוצירען אייגענע פרוכט. אַ פאָלק, וואָס לעבט אין גלות, פילט זיך טאָפּעלט אומזיכער — סיי עקאָנאָמיש און סיי גייסטיג. זיינע מאַטעריעלע פאַרמעגענס זיינען בלויז ברעקלעך, וואָס ער האָט אָרונטערגעכאַפּט פון פרעמדע טישען, און אַזוי גיך ווי זיי ווערען באַמערקט, נעמט מען זיי פון אים אָוועק. אויך גייסטיג ווערט ער אַ „תולה בדעת אחרים", אָפּהענגיג אָן דער השפעה פון זיינע שכנים. די קולטורען און גלויבענס פון די פעלקער, צווישען וועלכע ער געפינט זיך, גראָבען אונטער די יסודות פון זיין אייגענער אמונה און פון זיין אייגענער קולטור.

דאָס לעבען אין גלות איז איין גרויסע „פשרה״, אָדער, ווי מען רופט עס אין דער היינטיגער מאָדערנער צייט — „אַפּיזמענט״, זוכען אַלעמען צופרידענשטעלען. און אַז מען וויל אַלעמען געפעלען, געפעלט מען קיינעם ניט און מען ווערט פאַראַכטעט און פאַרהאַסט פון יעדען. אויב אַ פאָלק זוכט צו ווערען פריי, מוז עס אויפגעבען אַלע פשרות מיט דעם גלות. עס מוז זיך שטעלען אויף זיינע אייגענע פיס — צווערשט גייסטיג און נאָכדעם אויך עקאָנאָמיש. כל זמן אַ פאָלק וועט פאַרהערען די אידיאישע אָפּגעטער פון פרעמדע פעלקער און שטיין אונטער דער השפעה פון זייערע קולטורען, וועט עס זיין אייגענע נשמה ניט געפינען און קיין אייגען לאַנד ניט באַזיצען.

ווי שיין עס ברייננגט אַרויס דיזען געדאַנק דער אויבענציטירטער מדרש! ווען ג׳ האָט אָנגעזאָגט משה׳ן ער זאָל קוילען דעם קרבן פסח, האָט זיך משה געשראָקען דאָס צו טאָן, ווייל דער שעפּס איז געווען פאַרהייליגט אין מצרים און זייער גאָטהייט האָט געטראָגען דאָס בילד פון אַ שעפּס. דער אויבערשטער אָבער זאָגט אים: „אין אתה יוצא מכאן עד שנשחוט אלקי מצרים לעיניהם״ — דו וועסט קיינמאָל די אידען ניט באַפרייען פון גלות־מצרים, ביז זיי וועלען ניט זעהען דעם גאָט פון מצרים אַ געקוילעטען פאַר זייערע אויגען. זיי מוזען פון זיך אַראָפּוואַרפען אַלע גייסטיגע השפעות פון די גלות־קולטורען און פון פרעמדע אמונות, איידער זיי גייען פאַר זיך בויען אַן אייגען לאַנד.

אָט אין דעם איז באַשטאַנען דער גרויסער נס, וואָס האָט דאַן פּאַסירט דעם שבת פאַר דער גאולה. יעדע אידישע הויז האָט גענומען אַ שעפּס מקריב צו זיין עס אַלס קרבן פסח. זיי האָבען זיך אַרומגעזעהן, אַז די אַלע גלויבענס און קולטורען פון דער פרעמד פירען בלויז צו „מ״ט שערי טומאה״, צו אַסימילאַציע און נאַציאָנאַלער אומריינקייט. דער קרבן פסח, זאָגען אונז די חז״ל, איז „דוחה את הטומאה״, ער שטויסט־אָפּ פון זיך אַלע אומריינקייטען (פסחים צ״ו). צו זיין פריי, מוז אַ פאָלק זיין אָריגינעל און אויסגעהאַלטען אין זיינע איבערצייגונגען. מיט קוילענען די געטער פון מצרים האָבען די אידען געפייערט אַ גייסטיגען זיג איבער זייערע שונאים, און אַזוי ווי דאָס איז פאַרגעקומען דעם שבת פאַר פסח, הייסט ער אין אונזער טראַדיציע מיט דעם נאָמען „שבת הגדול״, דער גרויסער שבת, דער אמת׳ער נאַציאָנאַלער רו־טאָג.

מיין פאָטער ע״ה פלעגט זאָגען: „יעדער פאָלק זוכט צו פייערען זיין „שבת הגדול״, זיין גרויסען נאַציאָנאַלען רו־טאָג, וועלכער זאָל זיין דער אָנפאַנג

פון דער דערפילונג פון אַלע זיינע אַמביציעס און האָפענונגען. די אומות העולם, כדי דאָס צו דערגרייכען, פירען אָן גרויסע שלאַכטען און שעכטען אויס פיל אַרמייען פון מענשען. דאָס אידיש פאָלק אָבער, כדי צו קאָנען צוקומען צו זיין „והיה באחרית הימים", צו זיין גלאָררייכער צוקונפט, זוכט ניט צו פאַרגיסען קיין מענשליך בלוט, נאָר קוילעט און פאַרניכטעט איין פאַלשען אָפּגאָט נאָכ'ן צווייטען און פראָקלאַמירט זיין „זכרו תורת משה", געדענקט די תורה, וואָס משה האָט געלערענט, און די וועלט וועט שטייגען צו דער העכסטער שטופע פון פראָגרעס און מענשליכען פרידען".

שמיני

א.

אינערליכע נאַקעטקייט.

ויהי ביום השמיני.

„כל מקום שנאמר „ויהי" אינו אלא צרה, וכל מקום שנאמר „והיה" אינו אלא שמחה" — אַ פּאַסירונג, וואָס ווערט איבערגעגעבען אין פּסוק מיט דעם וואָרט „ויהי", באַצייכענט עפּעס אַ צרה, אַן אומגליק. אָבער וואו עס פאַנגט זיך אָן מיט דעם וואָרט „והיה", ווערט באַריכטעט אַ פייערליכע געשעהעניש (מגילה י').

ענדליך האָבען זיך די אידען דערוואָרט אויף דעם גרויסען טאָג, ווען דער משכן איז אויפגעשטעלט געוואָרען און די געטליכע עבודה האָט זיך דאָרטען אָנגעהויבען. אין מדרש תנחומא ווערט איבערגעגעבען, אַז פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס די אַרבייט פון בויען דעם משכן און די כלים האָט אָנגעהאַלטען, זיינען די אידען געווען שטאַרק אומרוהיג און באַזאָרגט. זיי האָבען זיך אַלץ געשראָקען, טאָמער וועט די שכינה ניט וועלען רוען צווישען זיי. זיי האָבען זיך געפילט שטאַרק זינדיג פאַר דעם גרויסען חטא, וואָס זיי זיינען באַגאַנגען מיט'ן עגל, וואָס האָט גורם געווען, אַז די שכינה זאָל אַוועק פון זיי, און זיי האָבען אַלץ מורא געהאַט, אַז דער אויבערשטער האָט זיי דעם גרויסען חטא ניט מוחל געווען. כאָטש משה האָט זיי געזוכט צו באַרוהיגען מיט דער דערקלערונג, אַז דער פאַקט, וואָס גב"ה האָט אים געהייסען בויען אַ משכן, וואו ער זאָל קאָנען וואוינען צווישען זיי, איז אַ סימן, אַז ער האָט זיי דעם חטא מכפר געווען, האָבען זיי זיך נאָך אַלץ ניט באַרוהיגט און מיט אומגעדולד געוואָרט פאַר זיך דערעפענונג.

„אמר ר' אלעזר: עד שלא הוקם המשכן היתה תחרות בעולם" — רבי

אלעזר האָט געזאָגט: ביז וואַנען דער משכן איז ניט אויפגעשטעלט געוואָרען, איז אָנגעגאַנגען אַ קריגעריי אין דער אידישער וועלט (פסיקתא רבתי). דער המון־עם האָט באַשולדיגט די פירערשאַפט פאַר מאַכען דעם עגל און דערמיט געבראַכט אויף זיי דעם צאָרן פון ג׳. זיי האָבען אויך געטראָגען אַ שטאַרקען פאַרדרוס קעגען אהרן, ווארום ער האָט זיך געלאָזט איינריידען פון דעם ערב־רב און געהאָלפען אין דעם אָפּשייליכען אַקט פון מאַכען דעם עגל. ווען זיי האָבען דערפאַרען פון משה, אַז זיין ברודער אהרן איז באַשטימט געוואָרען צו זייך דער כהן גדול, האָבען זיי זיך שטאַרק געוואונדערט: ווי עס איז מעגליך, אַז איינער, וואָס האָט מיטגעהאָלפען אין דעם גרויסען פאַרברעכען, זאָל שטיין אין שפּיץ פון דער הייליגער עבודה!

די ערשטע זיבען טעג נאָכדעם ווי דער משכן איז אויפגעשטעלט געוואָרען, זיינען די אידען ניט צוגעלאָזען געוואָרען צוצוקומען נאָענט צו דער הייליגער געביידע און זעהן וואָס דאָרט קומט פאָר. די דאָזיגע זיבען טעג זיינען באַקאַנט אין דער טראַדיציע אלס „שבעת ימי המלואים" — די זיבען טעג פון דער־פילונג, ווייל משה האָט זיי אויסגענוצט צו לערנען זיין ברודער אהרן מיט זיינע קינדער ווי אויסצופילען די פליכטען פון דער כהונה. „ביום השמיני", אויף דעם אַכטען טאָג, האָט זיך דער משכן געעפענט פאַר דעם גאַנצען פאָלק. און משה זאָגט צו אהרן: „קח לך עגל בן בקר לחטאת" — נעם פאַר דיר אַ קאַלב פון אַ רינד פאַר אַ קרבן חטאת. „על ידי העגל נתפקקה הכהונה בידך, ובעגל היא מתבוססת בידך" — צוליב אַ קאַלב איז די פאַסיגקייט דיינע פאַר דער כהונה געוואָרען צווייפעלהאַפט, און מיט דעם קאַלב וועט זי צוריק פעסט־געשטעלט ווערען אין דיינע הענט. אַט דער קרבן חטאת וועט דינען אַלס אַן אָפּענע דערקלערונג, אַז דו און דאָס פאָלק האָבען גענצליך חרטה אויף דעם גרויסען פאַרזעהן און פון היינט אָן און ווייטער „ירא אליכם כבוד ה׳" — וועט איבער אייך זיך ווייזען ג׳ס כבוד (מדרש תנחומא).

די גאַנצע צייט, וואָס די עבודה פון מקריב זיין דעם עגל־החטאת איז אָנגעגאַנגען, זיינען די אידען געשטאַנען פאַרגאַפט, אין אוהל־מועד און מיט האַרצקלאַפעניש געוואַרט צו זעהן, צי וועט דער אויבערשטער מקבל זיין דעם קרבן. „ותצא אש מלפני ה׳ ותאכל על המזבח את העולה ואת החלבים, וירא כל העם וירנו ויפלו על פניהם" — איז אַרויס אַ פייער פון ג׳ און האָט פאַרברענט אויפ׳ן מזבח דעם קרבן עולה און די פעטס, און דאָס פאָלק האָט געזעהן און האָט אויסגעבראָכען אין אַ געזאַנג און געפאַלען אויף זייערע געזיכטער פאַר דעם

כבוד פון ג׳. אין מיטען פון דער גרויסער שמחה האָט אָבער פּאַסירט אַ שרעקליכע טראַגעדיע. נדב ואביהו, די צוויי עלטערע זין פון אהרן, זיינען פלוצלינג געשטאָרבען ביים מזבח. דאָס גאַנצע פאָלק איז אויפגעטרייסעלט געוואָרען פון דעם גרויסען אומגליק. ווי משה אַליין זאָגט: „כל בית ישראל יבכו את השרפה אשר שרף ה׳״ — דאָס גאַנצע הויז פון ישראל וועט באַקלאָגען די שרפה, וואָס ג׳ האָט פאַרברענט. דער פריצייטיגער טויט פון נדב און אביהו איז אַ גרויסער נאַציאָנאַלער פאַרלוסט און אַ גרויסע פאָלקס־טראַגעדיע.

נדב און אביהו זיינען געווען שטאַרק געאַכט און באַליבט פון אַלע אידען. נאָך משה און אהרן זיינען זיי באַטראַכט געוואָרען אַלס די גרעסטע מענשען פון פאָלק, וועלכע וועלען מיט דער צייט ווערען זייערע שטעל־פאַרטרעטער. זיי זיינען אויף אַזוי ווייט געווען געאַכט און געשעצט פון אַלעמען, אַז ווען משה און אהרן, צוזאַמען מיט די זקנים, זיינען אַרויף אויפ׳ן באַרג סיני מקבל צו זיין די תורה, האָט מען זיי אויך מיטגענומען, און זיי האָבען דאָרט געזעהן דעם כבוד פון ג׳ (שמות כ״ד). וואָרום האָט זיי געקומט אַזאַ שרעקליכער טויט, ווי פאַרברענט צו ווערען אין מיטען פון דער עבודה ביים מזבח? וואָרום זיינען זיי אַזוי גרויזאַם געשטאָרבען אין דער צייט פון אַזאַ הערליכער און גרויסער פאָלקס־פייערונג?... אונזערע חז״ל גיבען אַן פאַרשיידענע דערקלערונגען איבער דעם. מאַנכע זאָגען, אַז דאָס האָט זיי געקומט צוליב קנאה. זיי האָבען שטאַרק ניט פאַרגונען משה און אהרן דעם גרויסען כבוד, וואָס דאָס פאָלק טיילט זיי צו (סנהדרין נ״ב). אַנדערע ווידער זאָגען, אַז זיי זיינען געווען גרויסע בעלי גאוה, און האָבען דערפאַר ניט געהייראַט, ווייל זיי האָבען צווישען דעם גאַנצען פאָלק ניט געפונען קיין פאַסענדע פרויען פאַר זיך (מדרש תנחומא).

אין פסוק ווערט אָבער אָנגעגעבען אַ פיל טיפערע אורזאַך פאַר׳ן שנעלען טויט פון נדב און אביהו: „ויקריבו לפני ה׳ אש זרה אשר לא צוה אותם״ — זיי האָבען געבראַכט פאַר ג׳ אַ פרעמדען פייער, וואָס ער האָט זיי ניט געהייסען. דער „ספרא״ דערקלערט, אַז די אורזאַך, וואָרום זיי האָבען עס געטאָן, איז געווען, ווייל זיי האָבען זיך ניט געקענט דערוואַרטען אויף דעם „אש ה׳״ — דעם געטליכען פייער, וואָס דער אויבערשטער האָט געדאַרפט אַרונטערשיקען אויפ׳ן מזבח. זיי האָבען מורא געהאַט, אַז די אידען וועלען פאַרלירען זייער געדולד און וועלען זיך פאַנאַנדערגיין. כדי זיי צו האַלטען אין משכן, האָבען זיי אַריינגעבראַכט אַן אויסערליכען פייער, ווי עס טוען היינט די, וועלכע זוכען אַריינצובריינגען נייע רעפאָרמען אָדער מנהגים אין די שוהלען, כדי צוצוציען

דעם עולם. דאָס איז קעגען דעם באַפעל פון גאָט, וועלכער וויל ניט ביי זיין עבודה קיין פרעמדע השפעות, און דערפאַר זיינען זיי אויפ'ן אָרט באַשטראָפט געוואָרען.

די אידישע אמונה פאַרטראָגט ניט קיין פרעמדס. הויבען די אידען אָן אַריינצוברייינגען „אש זרה", פרעמדע פייערן, אין זייער עבודה פאַר ג', הויבט אידישקייט אָן פאַלען. פרעמדע אידייען, גענומען פון אַנדערע אמונות, מאַכען וואַכעדיג דעם גלויבען און פאַרשוועכען די הייליגקייט פון דער טראַדיציע. די גמרא זאָגט, אַז ביי נדב און אביהו איז געווען „שריפת נשמה והגוף קיים" — זייערע נשמות זיינען פאַרברענט געוואָרען און זייערע קערפּערס זיינען געבליבען גאַנץ (שבת קי"ג ע"ב). מיט דער איינפירונג פון פרעמדע מנהגים און מעטאָדען אין די שולען און טעמפּלען גראָבט מען אונטער דעם גייסטיגען יסוד פון פאָלק און מען פאַרברענט זיין נשמה, און אַ קערפּער אָהן אַ נשמה קאָן ניט לעבען. אונזער אמונה איז אַ בריק, וואָס פאַראייניגט דאָס פאָלק מיט זיין ג'. מיט פרעמדע השפעות ברעכט מען די בריק און די אידישע קהלות ווערען בלויז „אברים מדולדלים" — צעוואָרפענע גלידער, ווען עס פעלט דער „כוח החיוני" — די לעבענסקראַפט, וואָס זאָל זיי האַלטען צוזאַמען.

אויך אין דעם נאַציאָנאַלען זין שאַדען אונז זעהר שטאַרק די פרעמדע השפעות, וואָס מיר כאַפּען אויף פון די פעלקער, צווישען וועלכע מיר געפינען זיך. גיבען אידען אויף זייער אייגענאַרטיג לעבען און טיילען זיך אָפּ פון זייער גרויסער פאַרגאַנגענהייט, בלייבען זיי שאָטענלאָזע מענשען. דוכט זיך אַ קערפּער מיט אַלע קערפּערס צוגלייך, דאָך פעלט אים עפּעס, וואָס זאָל אים פאַראייניגען מיט אַן אָפּשטאַם, מיט אַ פאַרגאַנגענהייט, אָהן אַ שאָטען איז נאָך ערגער ווי ארויסצוגיין אַ נאַקעטער אין גאַס. דער נאַקעטער איז דאָך נאַקעט פון דרויסען. אינווייניג איז ער מיט אַלע מענשען צוגלייך. דער וואָס האָט אָבער קיין שאָטען ניט, ווערט באַטראַכט ווי איינער, וואָס וואָלט געווען נאַקעט פון אינווייניג, אַ מין „שריפת נשמה וגוף קיים" — די פאָלקס־נשמה איז פאַרברענט, בלויז דער ערדישער קערפּער בלאָנקעט אַרום.

אַ פאַרטרעפליך וויציגע שילדערונג וועגען דער שאָטענלאָזיגקייט פון דעם אַסימילאַטאָרישען געזינדעל געפינען מיר אין אַ קליין ביכעל פון דעם פּאָעט „שאמיסאָ", מיט'ן נאָמען „פעטער שלומיאל", וואָס האָט זיך געדרוקט אין דייטשלאַנד אין דעם לעצטען יאָרהונדערט. „פעטער שלומיאל" ווערט גע־שילדערט אַלס אַ גרויסער אינדוסטריאַליסט, וואָס זוכט זיך אַריינצורייסען אין דער העכערער געזעלשאַפט. מיט אים פּאַסירט אָבער אַן אומגליק. ערגעצוואו

האָט ער פאַרלוירען זיין שאָטען, און זינט דאַן איז ער אויס מענש. זיין שאָטענ־לאָזיגקייט פאַרשאַפט אים גרויסע אומאַנגענעמליכקייטען און ער געפינט זיך קיין אָרט ניט. וואו ער גייט, אין וועלכער געזעלשאַפט ער קומט, נעמט מען אים אויף מיט אַ שוידערליכער קאַלטקייט. מען טאָלערירט אים בלויז צוליב זיין גרויס רייכטום, אָבער קיין צופיל דרך־ארץ האָט מען פאַר אים ניט, ווייל נאָך אַלעמען איז ער דאָך אַ שאָטענלאָזער מענש, אַ מענש אָהן אַ יחוס.

פאַלט ער אויף אַ המצאה. ער גייט אַוועק צו אַ גרויסען קינסטלער, אַ באַרימטען מאָלער, און באָט אים אָן אַ גרויסע מטבע, ער זאָל פאַר אים שאַפען אַ קינסטליכען שאָטען במקום דעם, וואָס ער האָט בידים פאַרלאָרען. דער קינסטלער אין נשתומם געוואָרען. פאַרשיידענעס האָט ער שוין אין זיין לעבען פאַרזוכט איבערצוטראָגען אויפ'ן לייוועגט — דאָס גאָלד פון דער זון, דאָס גרין פון די ביימער, דאָס זילבער פון דעם רוישענדען וואַסער, אָבער מאָלען אַ שאָטען — דאָס איז אים נאָך קיינמאָל ניט פאַרגעקומען. אויף זיין פראַגע, וואו האָט ער אַהינגעטאָן זיין אייגענעם שאָטען, שעמט זיך שלומיאל אים אויס־צוזאָגען דעם גאַנצען אמת. ער דערציילט אים, אַז אויף זיינע רייזען אין די קאַלטע לענדער איז זיין שאָטען צוגעפרוירען צו דער ערד, און איילענדיג זיך אָפּצופאָרען, האָט ער זיך פון אים אָפּגעריסען...

און דער קינסטלער ענטפערט מיט פאַראַכטונג: „ווי קאָן מען דיר אָנפאַר־טרויען אַ קונסטווערק, ווען דו האָסט אַ נאַטירליכע זאַך ניט געקאָנט איינהיטען? דו ביזט אַן אומגליקליכער מענש, ווייל דו ביזט אָפּגעריסען פון דיין פאַרגאַנגענ־הייט. אַ מענש אָהן אַ שאָטען איז אַ נאַקעטער; טאָקע אָנגעטאָן ווי אַלע מענשען, אָבער דיין נאַקעטקייט איז אַן אינווייניגע. וויפיל קינסטליכע שאָטענס דו וועסט פאַר זיך זוכען צו מאַכען, וועסטו אַלץ בלייבען אַ נאַקעטער".

די דאָזיגע מעשה פאַסט זיך זעהר פאַר אונזערע אסימילאַטאָרען אויך אין דער היינטיגער צייט. דעם שאָטען פון זייער פאָלק'ס גרויסער פאַרגאַנגענ־הייט האָבען זיין ערגעצוואו אַוועקגעוואָרפען. זיי האָבען זיך אָפּגעריסען פון די אַלטע אידישע טראַדיציעס, אויפגעגעבען אַלע נאַציאָנאַלע שטרעבונגען און זוכען זיך איינצוהילען אין אַ קינסטליכען שאָטען, וואָס זיי האָבען געבאָרגט פון די פרעמדע פעלקער, צווישען וועלכע זיי וואוינען. אָרימע אַסימילאַטאָרען! אָט דער קינסטליכער שאָטען וועט אייך ווייניג־וואָס העלפען. אויך ביי די גוים זענט איר הוילע און נאַקעטע. איר מעגט טאָקע שרייען, אַז איר זענט אַמערי־קאַנער, ענגלענדער אָדער פראַנצויזען פון אידישען גלויבען, איר ווערט אָבער פון

זיי אויסגעלאכט אלס אינערליך נאקעטע. ווי זאגט די גמרא: „האוחז ספר תורה ערום נקבר ערום" — דער וואס האלט די אידישע ספר תורה, ווען ער איז אינערליך נאקעט, וועט באגראבען ווערען א נאקעטער (שבת קי"ד).

דער דובנער מגיד, ז"ל, גיט א טיפזינע דערקלערונג איבער דעם אויבען־ציטירטען מאמר. ער זאגט: דאס ווארט „יהי" איז אייגענטליך אן עתיד, א צוקונפטיגע זאך, בלויז דער „ואו המהפך", דער אומלויף „ואו" מאכט אים פאר אן עבר, פאר א זאך פון דער פארגאנגענהייט. דאגעגען דאס ווארט „היה" איז אן עבר און באצייכענט א געוועזענע פאסירונג, בלויז דער אומלויף „ואו" מאכט אים פאר אן עתיד, פאר א זאך, וואס וועט ערשט פאסירען. אזוי איז עס תמיד ביי אונז אידען: אויב מיר פארלירען אונזער געדולד און זוכען אלץ צו ווערען מער „עתיד", מער מאדערען, ניט רעכענענדיג זיך מיט די אידישע דערפארונגען פון אונזער גלאררייכען עבר, דער לאנג־יאריגער אידישער פארגאנגענהייט, דערפירען מיר אונזער פאלק צו א צרה. אויב אבער מיר האלטען זיך אין די טראדיציעס פון אונזער עבר, שיקט דער אויבערשטער א מזל־ברכה אין אונזערע אונטערנעמונגען און פון „ויהי" ווערט א „והיה", א פריילירע אנטוויקלונג, וואס פארבינדט אונזער גרויסען עבר מיט אונזער נאך גרעסערען עתיד.

הפטרה

א טראגעדיע צוליב א טעות פון דוד המלך.

ויחר לדוד על אשר פרץ ה' בעוזא.

„אמר לו אחיתופל לדוד: היה לך ללמוד ממשה רבך, שלא נשאו הלויים את הארון אלא בכתף", אחיתופל האט געזאגט צו דוד'ן: דו האסט געדארפט לערנען פון דיין רבי'ן משה, וועלכער האט ניט דערלויבט די לויים צו טראגען דעם ארון, נאר אויף זייערע אקסלען (ספרי).

א ענליכע טראגעדיע צו דער, וואס האט פאסירט מיט נדב ואביהו, ווערט געשילדערט אין היינטיגער הפטרה.

דוד המלך באזיגט דעם „יבוסי" און מאכט ירושלים פאר דער הויפט־

שטאַט פון זיין מלוכה. כדי צו געבען ירושלים אַ גרעסערען פאַרנעם ביים פאָלק, באַשליסט ער אַריינצוברייגגען דעם הייליגען ארון פון דעם פאַרוואָרפענעם שטעטעל „גבעה", וואו ער איז איבערגעלאָזען געוואָרען נאָכדעם ווי די פלשתים האָבען אים געפאַנגען און דער נביא שמואל האָט אים פון זיי צוריקגעקראָגען. דוד אַראַנזשירט אַ גרויסע פּראָצעסיע פון 30,000 יונגע לייט פון אַלע טיילען פון לאַנד און מיט גרויס פּאַראַד מאַרשירען זיי צום פּלאַץ, וואו דער ארון געפינט זיך.

צו פירען דעם ארון האָט דוד געלאָזט מאַכען אַ נייעם שיינעם וואָגען, וואָס איז געגאַנגען פאָראויס, און עוזא און אחיו, די קינדער פון אבינדב, וועמען שמואל האָט באַשטימט צו היטען דעם ארון, האָבען אים באַגלייט. די פּראָצעסיע איז געווען אַ העכסט פייערליכע. גרויסע אָרקעסטרען מוזיק האָבען געשפּילט און אַלע אידען האָבען געטאַנצט פאַר שמחה. ווען זיי זיינען געקומען ביז „גרן נכון", האָט עוזא אויסגעשטרעקט זיין האַנט אונטערצוהאַלטען דעם ארון, ווייל עס האָט זיך אַרונטערגערוקט פון וואָגען, און איז פּלוצלינג געפאַלען טויט. דוד און די אידען זיינען אויפגעשוידערט געוואָרען פון דער טראַגעדיע, און די פּראָצעסיע פון ברייגגען דעם ארון צו זיין באַשטימטען פּלאַץ איז אָפּגעשטעלט געוואָרען.

עוזא, אַזוי גוט ווי נדב און אביהו אין משה׳ס צייטען, איז געווען אַ געאַכטעטע פּערזענליכקייט. די ראיה איז, אַז ער איז אָנפאַרטרויט געוואָרען מיט׳ן אַמט צו היטען דעם ארון — אַ פּאָזיציע פון גרויס כבוד און פאַראַנטוואָרטליכקייט. וואָרום איז ער אַזוי גרויזאַם באַשטראָפט געוואָרען — צו שטאַרבען פּלוצלינג, אין דער צייט פון אַ גרויסער פאָלקס־פייערונג? פון פּסוק ווייזט אויס, אַז זיין הויפּט חטא איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט געוואָלט אונטערהאַלטען דעם ארון, ער זאָל ניט אַרונטערפאַלען. אַלס אידישער געלערנטער האָט ער געדאַרפט וויסען, אַז דער ארון טראָגט זיך אַליין און דאַרף ניט קיינעמ׳ס הילף.

די חז"ל ווילען אָבער האָבען, אַז דער הויפּט שולדיגער איז גאָר געווען דוד המלך אַליין. ער האָט געדאַרפט וויסען, אַז דעם ארון טאָר מען ניט פירען, נאָר מען מוז אים טראָגען. מיט דעם וואָס דוד המלך האָט דעם ארון געלאָזט פירען אויף אַ וואָגען, האָט ער איינגעפירט אַ פרעמדען מנהג, וואָס איז ניט דערלויבט. צוליב דעם טעות פון דוד המלך איז עוזא געפאַלען אַ קרבן. דערפאַר

זאָגט איינער פון אונזערע חכמים, אַז עוזא וועט געוויס האָבען עולם הבא. ער לערנט עס אַרויס פון די ווערטער: „וימת שם עם ארון אלקים" — ער איז דאָרט געשטאָרבען מיט דעם ארון פון ג׳. אַזוי ווי דער ארון לעבט אייביג, אַזוי אויך וועט עוזא בלייבען לעבען לעולם הבא (סוטה קי"ד).

ב.

פרעמדע פייערען פאַרצערען די אידישע נשמה.

ותצא אש מלפני ה׳ ותאכל אותם.

„אתם הכנסתם לפני אש טמאה, אני אשרוף אתכם באש טהורה" — איר האָט צו מיר אַריינגעבראַכט אַן אומריינעם פייער, איך וועל אייך פאַרברענגען מיט אַ ריינעם פייער (ספרא).

אין דער עבודה פאַר ג׳, אַזוי גוט ווי אין אַלע עניני אמונה ודת, טאָר קיין פרעמדס ניט צוגעלאָזען ווערען. פרעמדע פייערען, פרעמדע אידייען, גענומען פון אַנדערע קוואַלען, מאַכען וואַכעדיג דעם גלויבען און פאַרשוועכען די הייליגקייט פון דער טראַדיציע.

מיט דער איינפירונג פון פרעמדע מעטאָדען און מנהגים אין דער עבודה פון אונזערע שוהלען, אין דעם אידישען חנוך און אין דער ארבייט פון גאולת הארץ, גראָבט מען אונטער דעם גייסטיגען יסוד פון אונזער פאָלק און מען שטעלט אין סכנה זיין גאַנצען קיום. גייסטיגע פייערען, וואָס קומען פון פרעמדע מקורים, האָבען בלויז אַן אויסערליכען גלאַנץ, אינערליך זיינען זיי „טמא" און פאַראומרייניגען די אידישע אייגענאַרטיגקייט. אַז מען באַנוצט זיך מיט זיי, ברייגגט מען דאָס פאָלק צו אַ צושטאַנד פון „שריפת נשמה וגוף קיים", די נשמה ווערט פאַרברענט און בלויז דער קערפער פאַרבלייבט. און אַ גוף אָהן אַ נשמה קאָן לאַנג ניט עקזיסטירען. זיינע גלידער, די יונגע קינדער, ווערען פון אים ביסלעכווייז אָפּגעריסען און גייען אַוועק צו די לאַגערען פון וואַנען די פרעמדע פייערען האָבען זיך גענומען.

אונזערע חז"ל גיבען אַן פאַרשיידענע דערקלערונגען וואָרום נדב און אביהו זיינען פאַרברענט געוואָרען אין מיטען דער עבודה ביים מזבח. איין

מיינונג איז דאָ, אַז זיי זיינען פאַרברענט געוואָרען פון קנאה. זיי האָבען ניט פאַרגונען משה'ן און אהרנ'ען דעם גרויסען כבוד, וואָס זיי קריגען פון גאַנצען פאָלק. אַז זיי זיינען צוגעקומען צום אוהל מועד און געזעהן ווי אַלע אידען שטעהען אויסגעשטעלט און וואַרטען מיט גרויס יראת הכבוד אויף זייערע פירער און לערער, משה און זיין ברודער אהרן, האָבען זיי געזאָגט איינער צום אַנדערען: „מתי שני זקנים הללו מתים ואנו נוהגים שררה תחתיהם?" — ווען וועלען די צוויי אַלטע שטאַרבען און מיר וועלען איבערנעמען די פירערשאַפט? ווען גב"ה האָט דאָס דערהערט, האָט ער זיך אָנגערופען: „נראה מי קובר את מי" — מיר וועלען זעהן ווער וועט וועמען באַגראָבען. „יצאו שני חוטים של אש ונכנסו בנחירי נדב ואביהו ונשרפו" — זיינען ארויסגעקומען צוויי פייערדיגע פעדים און זיינען אַריין אין די נאָזלעכער פון נדב און אביהו און זיי זיינען פאַרברענט געוואָרען (סנהדרין נ"ב, ע"א).

אַן אַנדער אַגדה וויל האָבען, אַז זיי זיינען פאַר'משפט געוואָרען צו שטאַרבען יונג, ווייל זיי זיינען געווען גרויסע בעלי גאוה. זיי האָבען זיך אַזוי גרויס געהאַלטען, אַז זיי האָבען זיך אָפּגעזאָגט פון הייראַטען. „אמרו: אחי אבינו מלך, אבינו כהן גדול, ואנחנו סגני כהונה, איזו אשה הגונה לנו?" — זיי האָבען געזאָגט: אונזער פאָטער'ס ברודער, משה, איז דער אידישער פירער, אונזער פאָטער אהרן איז דער כהן גדול און מיר זיינען זייערע געהילפען, וועלכע פרוי פאַסט זיך פאַר אונז (מדרש תנחומא).

אין פסוק אָבער ווערט אָנגעגעבען אַ פיל טיפערע אורזאַך פאַר דעם שנעלען טויט פון אהרנ'ס קינדער נדב און אביהו: „ויקריבו לפני ה' אש זרה אשר לא צוה אותם" — זיי האָבען געבראַכט פאַר ג' אַ פרעמדען פייער, וואָס ער האָט זיי ניט געהייסען. דאָס איז קעגען דעם באַפעל פון ג', וועלכער וויל ניט ביי זיין עבודה קיינע פרעמדע השפעות, און דערפאַר זיינען זיי אויפ'ן אָרט באַשטראָפט געוואָרען. אָבער ווייל זיי זיינען געווען גרויס און געאַכטעט ביים פאָלק, האָבען זיי געהאַט די זכיה צו שטאַרבען ביי דער עבודה, ווי דער ספרא זאָגט: „אתם הכנסתם לפני אש טמאה" — איר האָט פאַר מיר געבראַכט אַן אומרייִנעם פייער, גענומען פון דרויסען. „אני אשרוף אתכם באש טהורה" — איך אָבער וועל אייך פאַרברענען מיט אַ ריינעם פייער, גענומען פון הימעל.

הפטרה פרשת החודש

די חדשים פון אַ גלות־פאָלק זיינען ניט זיינע.

בראשון באחד לחודש תקח פר בן בקר.

„אמר רבי יוחנן, פרשה זו אליהו עתיד לדורשה, ועד שיבא אליהו ויפרשנה לנו אין אנו יודעים לדורשה" — רבי יוחנן זאָגט: אַט דאָס קאַפּיטעל פון יחזקאל וועט אליהו מוזען דערקלערען, ווייל ביז אליהו וועט קומען און פאַר אונז קלאָר מאַכען דעם גאַנצען ענין, ווייסען מיר ניט ווי אים צו דערקלערען (מנחות מ"ה, רש"י).

ווענען דעם מאָנאַט ניסן זאָגט אונז משה רבנו אין דער תורה: „החודש הזה לכם" — דער דאָזיגער מאָנאַט איז אייערער. „אין לכם חודש גדול מזה" — איר האָט ניט קיין גרעסערען מאָנאַט פאַר דעם. אַלע חדשים, וואָס די אידען האָבען געלעבט אין מצרים, זיינען ניט געווען זייערע. די מאָנאַטען, וואָס אַ פאָלק אין גלות גיט אַוועק פאַר אַנדערע, ווערען ניט פאַררעכענט אויף זיין חשבון. פאַר דעם שקלאַף, פאַר דעם אונטערדריקטען זיינען אַלע מאָנאַטען גליך. ער האָט פון זיי גאָרנישט, און פון דער אַרבייט, וואָס ער האָט אין זיי אויפגעטאָן, בלייבט אים גאָרנישט.

אין דער פרעמד מוז מען ציילען די טעג נאָך דער צייט־רעכענונג פון דאָס לאַנד, וואו מען געפינט זיך. די שיין פון די לבנה, נאָך וועלכער די אידען ציילען זייערע מאָנאַטען, באַלאַנגט ניט צו זיי. איבער פרעמדער ערד הענגען פרעמדע הימלען. „כל זמן שאורו של עשו מבהיק, אין אורו של יעקב מתפרסם" — כל זמן דאָס ליכט פון עשו'ן שיינט אין פולען גלאַנץ, איז דאָס ליכט פון יעקב'ן ניט באַוואוסט (ילקוט שמעוני ב'). אַ פאָלק, וואָס לעבט אין גלות, לעבט אין דער פינסטער. די זון בייטאָג און די לבנה ביינאַכט שיינען פאַר אַנדערע, אָבער ניט פאַר אים. דער געבורט פון אַ פרעמדער לבנה קאָן ניט באַצייכענען דעם אָנפאַנג פון אַן אייגענעם מאָנאַט, וואָס באַלאַנגט אויך ניט צו אים.

עס טרעפט אַמאָל, אַז אויך אין די גלות לענדער זיינען יחידים, איינצעלנע מענשען, אפשר רייך און גליקליך און געניסען פון דער שיין פון דער זון אָדער דער לבנה, אָבער ניט דאָס גאַנצע פאָלק. „אין היחיד מקדש את החודש" — יחידים אָבער קאָנען ניט באַשטימען דעם אָנפאַנג פון זייער פאָלק'ס מאָנאַטען

(ר״ה כ״ה). דער געבורט פון אַ פאָלק׳ס לבנה קאָן ניט באַשטימט ווערען פון איינצעלנע מענשען אָדער גרופען. „החודש הזה לכם״ — אַ פאָלק׳ס מאַנאַט מוז באַלאַנגען צו אַלעמען, דאַן ערשט קאָן ער פאַררעכענט ווערען פאַר דאָס אייגענטום פון דאָס גאַנצע פאָלק.

איידער אַ פאָלק גייט פייערן זיין „זמן חרותנו״, זיין באַפרייאונגס יום־טוב, מוז ער צוערשט זעהן, אַז די מאַנאַטען זאָלען זיין זיינע. ער מוז אויפגעבען די אַרבייט פאַר אַנדערע און קאָנצענטרירען אַלע זיינע כחות פאַר דער גאולה. פאַר דעם „שבת הגדול״, ווען עס הויבט זיך אָן זיין באַפרייאונג, מוז קומען די „פרשת החודש״, אַ פרשה פון אַרבייטען פאַר זיך און ניט אויסלאָזען קיין געלעגענהייט, וואָס קאָן דערנעענטערן די גאולה. „כדרך שאין מחמיצין את המצה, כך אין מחמיצין את המצוה״ — אַזוי ווי מען טאָר ניט לאָזען זויער ווערען דאָס טייג פון דער מצה, אַזוי טאָר מען אויך ניט לאָזען זויער ווערען די פליכטען. פיל גרויסע מאַנאַטען אין דעם אידישען לעבען זיינען פאַרפאַלען געוואָרען, ווייל מען האָט פאַרשפעטיגט די צייט. מען האָט געלאָזט די געלעגענהייט זויער ווערען, אַלט ווערען, און פון זיי האָט זיך גאָרנישט אויסגעלאָזט. צו ווערען פריי, מוז זיין „ושמרתם את המצות״ — ניט פאַרפעלען די געלעגענהייט.

אויך די קרבנות, וואָס אַ פאָלק מוז ברייגגען, כדי ער זאָל קאָנען מקרב זיין די גאולה, מוזען קומען פון אַלע קלאַסען מענשען. אַלע זיינע קינדער מוזען זיך פאַראייניגען צו אַרבייטען פאַר דעם „בנין האומה״, פאַר דעם אויפבוי פון דאָס פאָלק. אויב דער „קרבן פסח״, דער באַפרייאונגס קרבן ווערט געבראַכט פון דעם גאַנצען פאָלק און איז צוגעגרייט געוואָרען לויט די פאָרשריפטען און געזעצען פון דעם פאָלק, איז ער „דוחה את הטומאה״ — שטויסט ער פון זיך אָפּ אַלע אומרייניקייטען (פסחים מ״ה ע״ב). די פרעמדע השפעות, וואָס האָבען פאַראומרייניגט זיין גייסט און אים געהאַלטען פאַרשקלאַפט, ווערען פאַרשטויסען און זיין נשמה ווערט אויסגעלייטערט און באַפרייט.

אין דער היינטיגער הפטרה רעדט דער נביא יחזקאל איבער די פאַר־שיידענע קרבנות, וואָס דאָס אידיש פאָלק זאָל ברייגגען, ווען זיין באַפרייאונגס מאַנאַט וועט קומען. דער מלבי״ם ז״ל באַמערקט, אַז פיל פון די קרבנות זיינען נייע, וואָס ווערען גאָרניט דערמאָנט אין דער תורה. דערפאַר זאָגט אונז רבי יוחנן, אַז די פרשה וועט מוזען דערקלערט ווערען פון אליהו הנביא, וואָס וועט צו אונז קומען אַנצוזאָגען די צייט פון „ביאת המשיח״, דעם אָנקום פון אונזער דערלייזער.

רש"י הקדוש באַמערקט אויף דעם: „עד שיבוא אליהו ויפרשנה לנו אין אנו יודעים לדורשה" — ביז אליהו וועט קומען און עס דערקלערען פאַר אונז, ווייסען מיר ניט דעם טעם דערפון. כל זמן מיר זיינען איינגעקלאַמערט אין גלות איז שווער פאַר אונז צו באַגרייפען דעם פולען זין פון אַ „פרשת החודש", אַ באַפרייאונגס מאָנאַט, און וועלכע קרבנות מיר דאַרפען ברייגגען אום צו דער־נענטערען זיין קומען.

ג.

דורך כבוד פאַר מענשען זעהט זיך אַרויס דער כבוד פאַר ג'.

זה הדבר תעשו — וירא אליכם כבוד ה'.

„אמר משה: דין פתגמא דתעבדון: אעברו ית יצרא בישא מן לבכון, ומן יד יתגלו לכון איקר שכינתא ד'" — משה האָט געזאָגט: דאָס איז די זאַך, וואָס איר זאָלט טאָן: פאַרטרייבט דעם יצר־הרע פון אייער האַרצען און באַלד וועט זיך פאַר אייך ווייזען די פראַכט פון דער גאָטהייט (תרגום יונתן בן עוזיאל).

די פאַרשיידענע צערעמאָניעס און מנהגים, וואָס האָבען געמוזט דורכ־געפירט ווערען ביי דער עבודה אין משכן אָדער בית־המקדש, זיינען הויפטזעכליך געווען געצילט אַרויסצורופען אין יעדען אידען אַ געטליכע שטימונג און אַ „הכנעה", אַן אונטערוואַרפענקייט צו דעם ווילען פון דעם רבונו של עולם. די עבודה אַרום די קרבנות האָט געדאַרפט דעמאָנסטרירען די איבערגעבענקייט פון די אידען צו דעם גרויסען געדאַנק פון „אחדות הבורא". „כשם שהוא יחיד בעולם, כך תהא עבודתכם מיוחדת לפניו" — פונקט ווי ער איז אַן אויסנאַם אין דער וועלט, אַזוי מוז אויך אייער עבודה פאַר אים זיין אַן אויסנאַם (ספרא).

כדי די כהנים זאָלען וויסען ווי אַנצוגייען מיט דער אַרבייט, האָט דער אויבערשטער באַפוילען משה'ן, אַז ער זאָל פאַרהאַלטען זיין ברודער אהרן מיט זיינע קינדער פאַר גאַנצע זיבען טעג און זיבען נעכט אין אוהל מועד און פראַקטיצירען די אַלע דינים פון מקריב זיין קרבנות. די זיבען טעג ווערען אין פסוק אָנגערופען „שבעת ימי המלואים" — די זיבען טעג פון דערפילונג, ווייל דורך דער צייט האָבען זיי זיך געדאַרפט אויסלערנען ווי צו דערפילען זייערע

פליכטען אלס רעליגיעזע פירער פון פאלק. דורך דער גאנצער וואך האט משה אליין פארטראטען די שטעלע פון כהן גדול. און כאטש ער איז געוויס געווען ראוי און פאסיג פאר דעם אמט, האט ער אבער באמערקט, אז די ארבייט גייט ניט אן ווי עס באדארף צו זיין. „כל שבעת ימי המלואים היה משה משמש בכהונה גדולה ולא שרתה שכינה על ידו" — די גאנצע זיבען טעג, וואס משה האט פארטראטען דעם אמט פון כהן גדול, האט די שכינה ניט גערוט ביי זיין האנט (ירושלמי יומא פ"א). ער האט פארשטאנען, אז דער אמט איז ניט זיינער, אז ער פארנעמט דא א הויכע שטעלע, וואס איז לכתחילה באשטימט געווארען פאר אן אנדערען.

ג׳ אליין איז אויך ניט געווען צופרידען פון דעם. ער זאגט צו משה׳ן: „מה אתה סבור שאתה נעשה כהן גדול?" — וואס דענקסטו, אז אויך דער אמט פון כהן גדול באלאנגט צו דיר? צו זיין א „משתמש בשני כתרים" — צו באנוצען זיך מיט צוויי קרוינען און פארטרעטען די צוויי גרעסטע עמטער פון א פאלק, די פון „פירער" און פון „כהן גדול", איז צופיל פאר איין מענשען צו קאנען זיי דורכפירען ווי געהעריג (מדרש תנחומא). און משה האט זיך טאקע גלייך איבערצייגט, אז ניט ער, נאר זיין ברודער אהרן איז באשטימט געווארען צו זיין דער כהן גדול פון פאלק. „כיון שלבש אהרן בגדי כהונה ושמש, שרתה שכינה על ידו" — אזוי גיך ווי אהרן האט אנגעטאן די קליידער פון כהן גדול און האט אנגעפאנגען צו טאן די עבודה, האט די שכינה גערוט ביי זיין האנט (ירושלמי יומא פ"א).

אויסער די פארשיידענע מנהגים און צערעמאניעס, וואס די כהנים האבען געדארפט דורכפירען ביי דער עבודה, האבען זיי אויך געמוזט טראגען „בגדים שהם מתוקנים לעבודה" — פאסיגע קליידער, וועלכע זאלען הארמאנירען מיט דער גראד ארבייט, וואס זיי דארפען טאן, און אויך מיט דער פאזיציע וואס זיי האבען פארטראטען (יומא י"ג). די כהנים איז געווען פארבאטען זיך צו בייטען מיט זייערע קליידער. „כהן גדול שלבש בבגדי כהן הדיוט ועבד, עבודתו פסולה" — א כהן גדול, וואס טוט אן די קליידער פון א פראסטען כהן און פראוועט די עבודה, איז זיין עבודה א פסול׳ע (זבחים י"ח). כהנים זיינען די רעליגיעזע פירער פון פאלק און מוזען מאכען א גוטען איינדרוק אויפ׳ן עולם. שיינע קליידער גיבען־צו חן און רופען ארויס רעספעקט פאר דעם, וואס טראגט זיי. ווי מיר געפינען: „ר׳ יוחנן קרא למאניה מכבדותי" — רבי יוחנן פלעגט אנרופען זיינע קליידער „מיינע כבוד געבער" (שבת קי"ג ע"ב).

דער רמב״ם זאָגט אין „מורה נבוכים״, אַז די אורזאַך וואָרום אַ כהן „אשר יהיה בו מום לא יקרב״ — אויב ער איז אַ קאַליקע אָדער ער האָט אַ בולט׳ן פעלער, זאָל ניט גענעהענען צו דער עבודה, איז עס דערפאַר, ווייל ער דאַרף זיין געאַכטעט ביים פאָלק, און דער המון האָט נאָר דרך־ארץ פאַר דעם, וואָס זעהט אויס קערפערליך שיין און גייט נעט געקליידעט. מיט דעם קאָן מען אויך דערקלערען דעם מערקווירדיגען מאמר אין דער גמרא: „תלמיד חכם שנמצא רבב על בגדו חייב מיתה״ — אַ גרויסער געלערענטער, ביי וועמען עס געפינט זיך אַ פלעק אויף זיין בגד, איז ווערט דעם טויט (שבת קי״ד ע״א). דער תלמיד חכם, דער רב אָדער כהן, איז דער פאָרשטייער פון דער געטליכער תורה און דעם רעליגיעזען גייסט. אין דעם כבוד, וואָס ער קריגט, ווערט אויך רעפלעקטירט און אָפגעשפּיגעלט דער כבוד פאַר גאָט. דעריבער מוז זיין האַנדלונג און קליידונג זיין אַזאַ, אַז זיי זאָלען ניט אַרויסרופען קיין גרינגשעצונג און אומ׳כבוד.

דער כהן גדול דאַרף זיין שטאַרק אָפּגעהיט אין זיינע אויפפירונגען: „שלא לכנס למקדש שתוי יין״ — ער טאָר ניט אַריינגיין אין מקדש באַטרונקען מיט ווייין (כריתות י״ג ע״ב). ניט דערפאַר, ווייל אַ כהן טאָר קיין ווייין ניט טרינקען. אויב ער איז ניט ביי דער עבודה, מעג ער דאָס טאָן. אונזערע כהנים זיינען ניט קיין „נזירים״ און זיי האָבען זיך ניט געטאָרט נוהג זיין אַזוי ווי די קריסטליכע מאַנאַכען. אין געגענטייל, אונזערע גייסטיגע פירער האָבען זיך ניט געטאָרט אָפּטיילען פון פאָלק און האָבען געדאַרפט לעבען און פאַרברייינגען מיט׳ן פאָלק. בלויז ווען ער גייט צו דער עבודה האָט ער ניט געטאָרט זיין פאַרטרונקען, ווייל מיט דעם קאָן ער נאָך אַרויסרופען דעם אומ׳כבוד פון פאָלק און ברייינגען אַ גרויסע באַליידיגונג פאַר דער רעליגיע, וואָס ער רעפּרעזענטירט.

כהנים האָבען געמוזט זיין פאַרהייראַט. איבערהויפט האָט אַ כהן גדול ניט געטאָרט גיין צו דער עבודה, אויב ער האָט ניט געהאַט קיין ווייב. מאַנאַכען אָדער מאַנאַשקעס זיינען ביי אונז פאַרבאָטען. דער „זהר הקדוש״ זאָגט, אַז איינע פון די הויפּט אורזאַכען וואָרום נדב און אביהו זיינען געשטאָרבען פאַר דער צייט, איז ווייל זיי זיינען געגאַנגען צו דער עבודה ניט פאַרהייראַטערהייט. „מאן דלא אנסיב פגום הוא, ולא הוא כדאי לאשתכחא ברכן בעלמא על ידו, עליו לא שריין, כל שכן על ידו לאחרים״ — דער ניט־פאַרהייראַטער איז פעלער־האַפט און איז ניט ווערט, אַז דורך אים זאָלען קומען ברכות אויף דער וועלט. אַז די ברכות רוען ניט אויף אים אַליין, ווי קאָנען זיי דען קומען צוליב אים אויף

אַנדערע? דער כהן איז אויך דער פאָרשטייער פון פאָלק פאַר ג׳. ער מוז בעטען ג׳ פאַר זיין פאָלק. דער ניט־פאַרהייראַטער פאַרשטייט ניט וואָס דאָס פאָלק דאַרף האָבען. טאָ ווי קאָן מען אַזאַ מענשען אָנפאַרטרויען אַזאַ פאַראַנטוואָרטליכען אַמט ווי צו זיין אַ כהן, אַ גייסטיגער פירער, אַ מתפלל, אַ בעטער פאַר זיין פאָלק?

דער כהן וואָס פירט אָן מיט דער עבודה אין משכן אָדער אין בית המקדש, איז דער רעליגיעזער לערער און גייסטיגער פירער פון זיין דור. „נזר אלקיו עליו״ — ער טראָגט אויף זיך אַ קרוין פון ג׳, און דערפאַר איז „מה אני בקדושתי אף הוא בקדושתו״ — אַזוי ווי איך האַלט אָן מיין הייליגקייט, אַזוי מוז ער אויך אימער אָנהאַלטען זיין הייליגקייט (ירושלמי סנהדרין פ״ב ה״א). איבערהויפּט מוז ער זיין אָפּגעהיט פון זוכען פּערזענליכע נוצען אין דער דורכפירונג פון זיינע פליכטען. אַ כהן, וואָס איז אַ „מחזיר על הגרנות״, וואָס לויפט אַרום צווישען די שייערען און זוכט תרומות און מעשרות פאַר זיך, ווערט באַרעדט פון דעם עולם און זיין כבוד פאַלט אין די אויגען פון פאָלק. דאָס פאַראורזאַכט אויך אַ גרינגשעצונג צו די רעליגיעזע לערען, וואָס ער רעפּרעזענטירט, און אַן אומ׳כבוד פאַר ג׳.

אויף דעם אַכטען טאָג, ווען משה האָט איבערגעגעבען די עבודה אין משכן צו זיין ברודער אהרן און צו זיינע קינדער, זאָגט ער צו זיי: „אעברו ית יצרא בישא מן לבכון״ — פאַרטרייבט דעם יצר־הרע פון אייער האַרץ, זוכט ניט קיין פּערזענליכע נוצען, ווערט ניט באַהערשט פון אייערע תאוות. זאָלען אייערע געדאַנקען און געפילען זיין גערינכט צו איין מיטעלפּונקט, צו דינען אייער גאָט און אייער פאָלק, „ומן יד איתגלו לכון איקר שכינתא ד׳״ — און גלייך וועט זיך פאַר אייך ווייזען די פּראַכט פון דער גאָטהייט (תרגום יונתן בן עוזיאל). דורך דעם כבוד, וואָס איר וועט אַרויסרופען אין די מענשען אַרום אייך, וועט זיך אויך אַרויסזעהן דער כבוד פון ג׳.

ביי דער געלעגענהייט וויל איך דאָ ברייגנען זעהר אַ שיינעם געדאַנק פון הרב שרגא הכהן ראָזענבערג פון קליוולאַנד. ער זאָגט: „פיל גרויסע און דערהאָבענע זאַכען זיינען אויפגעטאָן געוואָרען אין דער וועלט דורך דער שטרעבונג גרויס־צו־מאַכען דעם כבוד פון ג׳. צו דער זעלבער צייט אָבער זענען אויך פאָרגעקומען פיל מחלוקות און בלוט־פאַרגיסונג אונטער דעם אויסרייד, אַז דאָס ווערט געטאָן צוליב זיין כבוד וועגען. און די שאלה איז: וואָס איז דער „אבן הבוחן״, דער פּרוביר־שטיין, צו קאָנען אונטערשיידען וועלכער צד פאַרטרעט דעם אמת? און אין וואָס אייגענטליך באַשטייט דער כבוד פון ג׳?

דער ענטפער צו דער פראַגע האָט געגעבען דער חכם מכל אדם, שלמה המלך: „כבוד אלקים הסתר דבר וכבוד מלכים חקור דבר" — דער כבוד פון ג׳ איז צו פאַרבאַרגען אַ זאַך און דער כבוד פון מלכים איז אויסצופאָרשען אַ זאַך (משלי כ״ה).

„מענשליכע הערשער שרעקען זיך תמיד פאַר זייער הערשאַפט און האַלטען אָן געהיימע פאָליציסטען אויפצודעקען וועלכע ניט איז קאָנספּיראַציע, וואָס ווערט געפּלאַנט קעגען זיי, כדי צו באַשטראָפען די ווידערשפּעניגע און דערמיט פאַרשטאַרקען זייער ממשלה. דער אויבערשטער איז אָבער זיכער מיט זיין ממשלה און וויל ניט אַזעלכע חטאים־זוכער. ער האָסט די, וועלכע זוכען זיך צו גריבלען אין די מעשים פון אַנדערע און דערגייך, צי זיי זיינען פרום געגנוג און קומען נאָך די מצות, „בין אדם למקום", פון מענש צו גאָט. צו פאַר־שפּרייטען קלאַנגען, אַז איינער איז ניט פרום גענוג, איז קעגען דעם ווילען פון אונזער תורה. אונזערע חז״ל זאָגען: „דרכן של שרצים לגלות" — דער שטייגער פון שרצים, וואָס רויען זיך אין בלאָטע, איז אויפצודעקען און פאַנאַנדערצושפּריי־טען דעם שמוץ (חולין י׳). מענשען, וועלכע רעדען לשון־הרע אויף אַנדערע, זיינען ווי אָט די שרצים, פון וועלכע מען דאַרף ווייכען. „כבוד ה׳ הסתר דבר" — דער כבוד פון ג׳ פאָדערט, אַז מען זאָל פאַרבאַרגען זאַכען, ווייל לשון־הרע פירט צו חלול־השם (כנפי שחר).

הפטרה פרשת החודש

עס ווענדט זיך אין ד׳ אייגענע מעשים.

החודש הזה לכם.

„לא היה צריך להתחיל את התורה אלא מזה, שהיא מצוה ראשונה שנצטוו ישראל, ומה טעם פתח מבראשית? משום כח מעשיו הגיד לעמו" — אייגענטליך האָט משה רבנו געדאַרפט אָנפאַנגען די תורה מיט דעם פּסוק, ווייל דאָס איז דאָך די ערשטע פאָלקס־מצוה, וואָס די אידען זיינען אָנגעזאָגט געוואָרען. צוליב וועלכען טעם האָט ער אָנגעפאַנגען פון בראשית? דאָס איז נאָר צוליב דעם, ווייל ער האָט געוואָלט דערציילען זיין פאָלק דעם כוח פון זיינע מעשים (מדרש רבה).

ערב ראש חודש ניסן, ווען די גאולה האָט זיך דערנענטערט, זאָגט ג' צו משה און אהרן אין מצרים: „לאמר", אַזוי זאָלט איר זאָגען צו די אידען: „החודש הזה לכם", דער באַפרייאונגס־חודש איז אייערער, ער וועט זיין דאָס, וואָס איר וועט פון אים מאַכען. דאָס איז געגליכען, זאָגט דער מדרש, צו אַ קעניג, וועלכע האָט געהאַט אוצרות פול מיט זילבער און גאָלד און האָט עס געהאַלטען פאַר זיין קליינעם זון. „הגדיל הבן ועמד על פרקו", ווען דער זון איז אונטער־געוואַקסען און געוואָרען פול־יעריג, זאָגט צו אים זיין פאָטער: „כל זמן שהיית קטן, אני הייתי משמר את הכל, עכשיו שעמדת על פרקך הכל מסור לך" — כל זמן דו ביזט געווען יונג, האָב איך אַלץ געהיט פאַר דיר; איצט, אַז דו ביזט געוואָרען פול־יעריג, גיב איך אַלץ איבער צו דיר (שמו"ר ט"ו). כל זמן פרעה איז געווען איינגע'עקשנ'ט, האָט ג' אַליין, דורך זיינע גרויסע נסים, אים געמוזט צווינגען פרייצולאָזען אייך; אָבער איצט, אַז דער געווינשטער מאָמענט איז געקומען, איז עס אייער אייגענע אויפגאַבע. „החודש הזה לכם" — דער מאָנאַט פון באַפרייאונג איז אייערער, די ענדגילטיגע גאולה איז אין אייערע אייגענע הענט.

אויך אין משנה תורה ווידערהאָלט משה דיזעלביגע וואָרנונג צו די אידען: „שמור את חודש האביב" — זייט אָפּגעהיט מיט דעם פרילינג־מאָנאַט. „כי בחודש האביב הוציאך ד' ממצרים" — ווייל אין דעם פרילינג־מאָנאַט האָט אייך ג' אַרויסגענומען פון מצרים (דברים ט"ז). ניסן, וואָס איז דער אָנפאַנג פון פרילינג, איז אויך באַשטימט געוואָרען צו זיין דער פרילינג־חודש פון דער אידישער גאולה. „בניסן נגאלו ובניסן עתידים להגאל" — אין ניסן זיינען די אידען איינמאָל אויסגעלייזט געוואָרען און אין ניסן וועלען זיי ווייטער אויס־געלייזט ווערען (ר"ה י'). דער מאָנ דאַרף ביי אונז שטענדיג זיין אַ מאָנאַט פון האָפענונג, פון באַציאַנאַלע ע ַבזנגען, פון גייסטיגער דערוואַכונג. מיט דעם מאָנאַט ניסן קאָן זיך ב"ה ווייטער אָנפאַנגען אַ נייע תקופה אין דער אידישער געשיכטע — אַ תקופה, אין וועלכער עס זאָלען פאַרווירקליכט ווערען די טרייסט־ווערטער פון אונזערע נביאים, און נאָך דעם לאַנגען און שווערען ווינטער פון גלות זאָל זיך פאַר אונז אָנפאַנגען אַ נייער און ליכטיגער פרילינג.

„אָבער מיר מוזען זיין שטאַרק פאַרזיכטיג אין דעם פרילינג פון אונזער גאולה", זאָגט הרב יצחק ניסנבוים. „פונקט ווי דער אָנפאַנג פון פרילינג אין דער נאַטור דעקט פאַר אונז אויף אַלע אומרייגע זאַכען, וואָס זיינען דעם גאַנצען ווינטער געווען באַהאַלטען און פאַרדעקט מיט שניי, אַזוי אויך דער פרילינג

פון אַ פאָלקס־באַפרייאונג דעקט פאַר אונז אויף פיל אומריינע, אומגעטרייע מענשען, וואָס דער גלות האָט פּראָדוצירט און זיי זוכען צו שטערען די גאולה פון פאָלק. אַזוי איז עס געווען אַמאָל און אַזוי איז עס אויך היינט. אַזוי גיך ווי עס ווייזען זיך שטראַלען פון דער אידישער גאולה איבער די פינסטערע הימלען, וואָס הענגען איבער אונזערע קעפּ, אַזוי שנעל ווערט אַ גערודער צווישען די מיטגלידער פון דעם אַסימילאַטאָרישען געזינדעל און זיי לויפען אַרום ווי פאַר׳־סמ׳טע מייז, וועלכע שטעלען זיך ניט אָפּ פאַר קיין נידערטרעכטיגער טאַט צו שטערען אונזער ציל״.

ווי אַקטועל און ריכטיג אויסגעהאַלטען זיינען די שילדערונגען פון דעם מדרש איבער דער דאָזיגער טרויעריגער דערשיינונג פון אונזער פאָלק. זיי זאָגען: „בשעה שבא משה ואמר לישראל בחודש הזה אתם נגאלים, אמרו לו: האיך אנו נגאלים והלא אמר הקב״ה לאברהם: ועבדום וענו אותם ארבע מאות שנה, ועדיין אין בידינו אלא רד״ו שנה?״ — ווען משה איז געקומען און געזאָגט צו די אידען, אַז אין דעם מאָנאַט וועלען זיי אויסגעלייזט ווערען, האָבען מאַנכע פון זיי געטענה׳ט: ווי קאָנען מיר אויסגעלייזט ווערען? דער אויבער־שטער האָט דאָך געזאָגט צו אונזער פאָטער אברהם, אַז מיר וועלען מוזען דינען און געפּייניגט ווערען פיר הונדערט יאָר, און ביז איצט זיינען מיר ערשט דאָ אין מצרים בלויז צוויי הונדערט מיט צען יאָר? דער גלות האָט זיך אַזוי איינגע־געסען אין זייערע ביינער, אַז זיי ווילען זיך פון אים ניט שיידען. אָבער משה ענטפערט זיי: „הואיל והוא חפץ בגאולתכם אינו מביט בחשבונותיכם, ובחודש הזה אתם נגאלים״ — וויבאַלד ג׳ וויל אייך אויסלייזען, קוקט ער זיך ניט אין אייערע חשבונות, און אין דעם מאָנאַט וועט איר באַפרייט ווערען.

אַנדערע ווידער טענה׳ן צו משה׳ן: „האיך אנו נגאלים והלא אין בידינו מעשים טובים, וכל ארץ מצרים מטונפת מעבודה זרה שלנו״ — ווי קאָנען מיר אויסגעלייזט ווערען, אַז מיר זיינען עס ניט ווערט; זעה ווי גאַנץ מצרים איז פאַרשמוצט פון אונזערע עבודה־זרה׳ס. דיינע ציוניסטלאַך, וואָס אַרבייטען מיט דיר צוזאַמען אין דער באַפרייאונגס־באַוועגונג, זיינען דאָך אַפּיקורסים, אומ־גלויבערס — ווי קאָנען מיר גיין מיט זיי צוזאַמען? און משה ענטפערט זיי: „הואיל והוא חפץ בגאולתכם אינו מביט במעשיהם הרעים ובמי מביט בצדיקים שבהם ובמעשיהם״ — וויבאַלד ער וויל אייך באַפרייען, פאַרקוקט ער זייערע שלעכטע מעשים און זעהט בלויז די ערליכע פון זיי און שאַצט־אָפּ זייער איבערגעבענקייט און זייערע אויפטואונגען (מדרש חזות ב׳ ח׳).

זעהען מיר ניט אין אַט דער שילדערונג אַ בילד אויך פון היינטיגער צייט ? הערען מיר דען ניט אויך היינט דיזעלבע טענות פון אונזערע פאַרשיידענע פאַרטייען, וועלכע זוכען צו שטערען אונזער גאולה־אַרבייט און לייגען שטיינער אין אונזער וועג ? „החודש הזה לכם" — אַט דער מאָנאַט קאָן ווערען אייערער אין פירען צו דער ענדגילטיגער גאולה. און דאָס איז אייגענטליך די ערשטע מצוה, וואָס אונזער פאָלק איז אָנגעזאָגט געוואָרען, און מיט דעם האָט זיך געדאַרפט אָנפאַנגען די תורה. אָבער משה הויבט אָן די תורה פון בראשית, וואו עס ווערט געשילדערט דער קאַמף, וואָס אונזערע אבות האָבען אָנגעפירט פאַר דער שאַפונג פון דעם פאָלק, „משום כח מעשיו הגיד לעמו" — ווייל ער וויל, אַז זיי זאָלען זיך לערנען צו וויסען, אַז אין זייערע אייגענע מעשים און כוחות איז געווענדט די צוקונפט פון דעם פאָלק.

ד.

פירער און כהן גדול.

היום ה' נראה אליכם.

„כל שבעת ימי המלואים היה משמש משה בכהונה גדולה ולא שרתה שכינה על ידו, כיון שלבש אהרן בגדי כהונה, שרתה שכינה על ידו" — די גאַנצע זיבען טעג, וואָס משה האָט אויסגעפילט דעם אַמט פון כהן גדול, האָט די שכינה ניט גערוט ביי זיין האַנט. אַזוי גיך ווי אהרן האָט אָנגעטאָן די קליידער פון כהן גדול און האָט אָנגעפאַנגען צו טאָן די עבודה, האָט די שכינה גערוט ביי זיין האַנט. (ירושלמי יומא פ"א).

אין מדרש ווערט איבערגעגעבען, אַז ווען אַלע טיילען פון דעם משכן און זיינע כלים זיינען פאַרטיג געוואָרען, האָבען די אידען זיך געאַיילט אים אויפצושטעלען, כדי וואָס גיכער אַראָפּצוברענגען די שכינה צווישען זיי. זיי האָבען אויסגעקליבען אַ גרויסע צאָל „חכמי לב", קלוגע און פאַרנעמע באַלעבאַטים און זיי באַאויפטראַגט דעם משכן צוזאַמענצושטעלען. אַזוי גיך אָבער ווי זיי זיינען פאַרטיג געוואָרען מיט דער אַרבייט, זיינען די געבידעס אייגעפאַלען. זיינען זיי אַוועק צו בצלאל און אהליאב און האָבען צו זיי געזאָגט : „איר האָט די פאַר־

שיידענע טיילען פון דעם משכן געבויט, גייט און שטעלט אים צוזאַמען. מיר האָבען פּרובירט עס צו טאָן, אָבער ער איז צוזאַמענגעפאַלען.

בצלאל און אהליאב האָבען צוזאַמענגערופען אַלע זייערע מיטאַרבייטער און זיך גלייך גענומען דעם משכן צוזאַמענשטעלען. אָבער אַזוי שנעל ווי זיי זיינען פאַרטיג געוואָרען, איז די געביידע ווייטער איינגעפאַלען. דאָס האָט אַרויסגערופען גרויס פאַרצווייפלונג צווישען די אידען. „ויביאו את המשכן אל משה" — האָבען זיי געבראַכט דעם משכן צו משה'ן און געזאָגט צו אים: „כל מה שאמרת לנו עשינו, וכל מה שצויתנו ליתן נתננו, למה אינו עומד?" — אַלץ וואָס דו האָסט אונז געהייסען האָבען מיר געטאָן, און וואָס דו האָסט אונז געזאָגט צו געבען, האָבען מיר געגעבען, וואָרום שטייט ער ניט? זיי האָבען זיך געשראָקען, ווייל זיי האָבען אין דעם געזען אַ צייכען, אַז ג' האָט זיי נאָך ניט מוחל געווען דעם שרעקליכען חטא מיט דעם עגל הזהב.

משה איז געוואָרען שטאַרק איבערראַשט און האָט געהאַט גרויס צער דערפון, ביז גאָט האָט צו אים געזאָגט: גיי דו אַליין און שטעל אויף דעם משכן. בצלאל, אהליאב און אַלע „חכמי לב" וועלען ניט העלפען; דער משכן וועט נאָר דאַן קאָנען שטיין, אויב דו אַליין וועסט אים אויפשטעלען. „כדי שידעו כל ישראל, שאם על ידך אינו עומד, שוב אינו עומד לעולם" — איך וויל, אַז אַלע אידען זאָלען וויסען, אַז אויב ער וועט ניט אויפגעשטעלט ווערען פון דיין האַנט, וועט ער קיינמאָל ניט קאָנען זיך אויפהאַלטען (תנחומא פקודי).

אַזוי שנעל ווי אים איז געלונגען דעם משכן צוזאַמענשטעלען, האָט ער זיך גענומען אָנצופירען די עבודה אויפ'ן מזבח. גאַנצע זיבען טעג האָט ער אַליין אויסגעפילט דעם אַמט פון כהן גדול און האָט זיין ברודער אהרן ניט גערופען אים צו העלפען אין דער אַרבייט. די חז"ל דערקלערען עס מיט דעם, וואָס ער האָט געצווייפעלט אויב אהרן איז פּאַסיג פאַר דעם אַמט צוליב דעם חטא, וואָס ער האָט געהאָלפען די אידען מאַכען דעם עגל. ער האָט אָבער באַמערקט, אַז די אַרבייט גייט ניט אַן ווי עס באַדאַרף צו זיין. די שכינה וויכט פונ'ם מזבח און עס פילט זיך אַ וואַכעדיגקייט אין דער עבודה. אויב אַזוי, האָט ער ביי זיך געטראַכט, וואָס האָב איך פועל געווען מיט דעם גאַנצען געבוי פון דעם משכן? דער הויפּט ציל פאַר דעם איז געווען דער „ושכנתי בתוכם", אַז ג' זאָל קאָנען רוען צווישען די אידען, און אַז די שכינה וויכט פון מזבח און ווייזט זיך ניט אין משכן, טאָ צו וואָס האָט זיך געלוינט די גאַנצע אַרבייט?

אויף דעם אַכטען טאָג האָט משה גערופען אהרן מיט זיינע קינדער, אויך

די „זקני ישראל״, די פירער פון די אידען, און האָט געהייסען אהרנ׳ען, ער זאָל טאָן די עבודה און מקריב זיין די פאַרשיידענע קרבנות צו ג׳. און אַז אהרן האָט זיך גענומען צו דער עבודה און האָט אויסגעפילט אַלע באַפעלען, וואָס משה האָט אים געגעבען, „וירא כבוד ה׳ אל כל העם״, האָט זיך געוויזען די עהרע פון ג׳ צו דעם גאַנצען פאָלק.

אונזערע בעלי־אגדה וואונדערען זיך שטאַרק איבער דער דאָזיגער אומ־פאַרשטענדליכער געשעהעניש. איז דען משה ניט געווען ראוי און פאַסיג צו טאָן די עבודה? וואָרום האָט די שכינה געוויכט פון אים די גאַנצע זיבען טעג? אויך אהרן האָט עס ניט געקאָנט פאַרשטיין. ווען משה איז געקומען צו אים און האָט אים געזאָגט: „כך אמר לי הקב״ה למנותך כהן גדול״, אַזוי האָט מיר אָנגעזאָגט ג׳, אַז איך זאָל דיר באַשטימען צו זיין דער כהן גדול, האָט אהרן מיט פאַרוואונדערונג אויסגערופען: „אתה יגעת במשכן ואני נעשה כהן גדול״ — דו האָסט זיך געמיט איבער דעם משכן, דו האָסט אים צוזאַמענגעשטעלט און איך זאָל ווערען דער כהן גדול? (תנחומא שמיני ג׳). וואָרום האָט זיך די גאָטהייט ניט געוויזען צו די אידען די גאַנצע צייט, וואָס משה איז אָנגעגאַנגען מיט דער הייליגער אַרבייט?

די חז״ל גיבען איבער דעם פאַרשיידענע דערקלערונג פון וועלכע מיר וועלען דאָ אַרויסנעמען בלויז צוויי, וויל זיי וואַרפען אַ מערקווירדיג־קלאָרע ליכט איבער דעם געדאַנקענגאַנג פון אונזערע גרויסע לערער אין אויסטייטשען די פסוקים פון דער תורה. אייניגע ווילען האָבען, אַז דאָס איז געווען אַ שטראָף פאַר משה׳ן פאַר דעם, וואָס ער האָט זיך צופיל געלאָזט בעטען פון ג׳, ער זאָל איבערנעמען די שליחות פון גיין אין מצרים און זוכען צו באַפרייען די אידען. זיי זאָגען: „כל שבעת הימים שהיה משה בסנה א״ל הקב״ה לך בשליחותי והוא אומר לו שלח נא ביד תשלח״ — די גאַנצע זיבען טעג, וואָס משה האָט זיך געפונען ביים „סנה״, לעבען באַרג חורב, האָט דער אויבערשטער געהאַלטען אין איין בעטען אים: נעם אָן מיין שליחות און גיי רייד צו פרעה׳ן, ער זאָל אַרויסלאָזען די אידען פון מצרים. אָבער משה האָט אַלץ געענטפערט: איך בעט דיך, שיק דאָס דורך אַן אַנדערען. „אמר לו הקב״ה חייך, למחר אני פורע לך. כשיעשה המשכן תהא סבור בעצמך שאתה משמש בכהונה גדולה, ואני אומר לך קרא לאהרן שישמש״ — האָט אים דאַן ג׳ געזאָגט: ווי דו לעבסט, שפּעטער וועל איך דיר פאַר דעם באַצאָלען. אַז דער משכן וועט פאַרטיג ווערען, וועסטו דענקען אַז דו

וועסט זיין דער יעניגער, וואָס וועט טראָגען דעם אַמט פון כהן גדול, איך וועל אָבער דאַן רופען אהרנ'ען, ער זאָל דעם אַמט פאַרטרעטען (תנחומא שם).

אַ צווייטער טעם, וועלכער איז אויך היסטאָריש אויסגעהאַלטען, ווערט אָנגעגעבען פון די חז"ל, וואָרום די שכינה האָט ניט גערוט אויפ'ן משכן די גאַנצע צייט, וואָס משה האָט אויסגעפילט דעם אַמט פון כהן גדול. זיי זאָגען: „אמר הקב"ה למשה: מה אתה סבור שאתה נעשה כהן גדול?" וואָס דענקסטו, אַז אויך דער אַמט פון כהן גדול באַלאַנגט צו דיר? צו זיין אַ „משתמש בשני כתרים", צו טראָגען אויף זיך צוויי קרוינען און פאַרטרעטען די צוויי גרעסטע עמטער פון אַ פאָלק, די פון פירער און פון כהן גדול, איז צופיל פאַר איין מענשען צו קאָנען דורכפירען ווי געהעריג איז (תנחומא שם).

און די געשיכטע האָט אונז געוויזען די ריכטיגקייט פון דער דאָזיקער דערקלערונג. אין די שפּעטערדיגע יאָרען, אין די צייטען פון דער חשמונאים־דינאַסטיע, אַז די מלכים האָבען אויך פאַרנומען דעם אַמט פון כהן גדול, האָבען די סנהדרין און די כת־הפרושים שטאַרק פּראָטעסטירט קעגען דעם. זיי האָבען פאָראויסגעזעהן, אַז דאָס וועט ענדליך פירען צו רואינע. ווען אַ קעניג אָדער פירער פון פאָלק פאַרכאַפּט פאַר זיך אַלע הויכע און פאַראַנטוואָרטליכע עמטער, אויך פון דער גייסטיגער פירערשאַפט, ווערט ער מיט דער צייט אַ דיקטאַטאָר, וואָס זוכט אַרויפצוצווינגען אויפ'ן פאָלק זיין אייגענעם ווילען און באַרויבט אים פון אַלע פרייהייטען. און די געשיכטע האָט נאָכדעם קלאָר באַוויזען, אַז זיי זיינען געווען גערעכט מיט זייערע באַהויפּטונגען.

הפטרה

אַז בהמות פירען דעם ארון

ויחר אף ה' בעוזא.

„אמר לו הקב"ה, נושאיו נשא, עצמו לא כל שכן" — גאָט האָט געזאָגט צו עוזא, זיינע טרעגערס האָט דער ארון אימער געטראָגען, זיך אַליין געוויס (סוטה ל"ה, ע"א).

צוויי שרעקליכע טראָגעדיעס ווערן געשילדערט אין דער היינטיגער

סדרה און הפטרה. ביידע האָבען פּאַסירט גראד אין דער צייט, ווען דאָס גאַנצע אידיש פאָלק האָט געפייערט אַ גרויסען נאַציאָנאַלען יום־טוב. אין דער סדרה ווערט דערציילט, אַז גלייך נאָכדעם ווי דער משכן איז פאַרטיג געוואָרען און אַלע אידען האָבען זיך פאַרזאַמעלט אַרום דעם מזבח צו פייערן די גרויסע היסטאָרישע געשעהעניש, וואָס ענדליך איז זיי געלונגען צו בויען אַ גייסטיגען צענטער פאַר דער שכינה, צו קאָנען וואוינען צווישען זיי, איז אַרויס אַ געטליכער פייער און האָט פאַרברענט די צוויי עלטערע זין פון אַהרן, נדב און אביהו. דאָס גאַנצע פאָלק איז אויפגעטרייסעלט געוואָרען פון דער שרעקליכער טראַגעדיע, און משה זאָגט צו אהרן און זיינע צוויי אינגערע זין, אלעזר און איתמר: „אחיכם כל בית ישראל יבכו את השרפה אשר שרף ה׳" — אייערע ברידער פון דעם גאַנצען בית־ישראל באַקלאָגען די גרויסע שרפה, וואָס ג׳ האָט פאַר־ברענט. דער פריצייטיגער טויט פון נדב און אביהו איז אַ גרויסער נאַציאָנאַלער פאַרלוסט און אַ פאָלקס־טראַגעדיע.

פונקט אַזאַ טרויעריגער פאַל ווערט געשילדערט אין דער הפטרה. דער קעניג דוד ברייגנט צוזאַמען דרייסיג טויזענט אידישע יונגעלייט פון אַלע טיילען פון לאַנד און נעמט אויך מיט זיך אַלע אידען פון יהודה אַריבער־צוברייגנען דעם הייליגען ארון פון דעם פאַרוואָרפען שטעטעל „גבעה", וואו ער איז איבער־געלאָזען געוואָרען נאָכדעם ווי די פלשתים האָבען אים געפאַנגען און דער נביא שמואל האָט אים פון זיי צוריקגעקראָגען. דוד האָט געבראַכט אַ בייעם וואָגען און האָט אויף אים אַרויפגעלייגט דעם ארון, וועלכער איז געפירט געוואָרען אין פאַראויס, און עוזא און אחיו, די קינדער פון אבינדב, אין ווענעס הויז דער ארון האָט זיך ביז דאַן געפונען, האָבען אים באַגלייט, און דוד מיט׳ן גאַנצן פאָלק זיינען זיי נאָכגעגאַנגען. די פּראָצעסיע איז געווען אַ העכסטע פייערליכע. גרויסע אָרקעסטערען מוזיק האָבען געשפילט און אַלע אידען האָבען געטאַנצט פאַר שמחה. ווען זיי זיינען געקומען ביז „גורן נכון", האָט עוזא אויסגעשטרעקט זיין האַנט אונטערצוהאַלטען דעם ארון, וועלכער האָט זיך אַרונטערגערוקט פון וואָגען, און איז פלוצלינג געשטאָרבען. דוד און די אידען זיינען אויפגעשוידערט געוואָרען פון דער טראַגעדיע און די פּראָצעסיע פון ברייגנען דעם ארון צו זיין באַשטימטען פּלאַץ איז אונטערגעבראָכען געוואָרען.

נדב און אביהו זיינען געווען שטאַרק באַרימט און באַליבט פון אַלע אידען. נאָך משה און אהרן זיינען זיי באַטראַכט געוואָרען אַלס די גרעסטע מענשען פון פאָלק, וועלכע וועלען מיט דער צייט ווערען זייערע שטעל־פאַרטרעטער. זיי

זייַנען אויף אַזוי פיל געוועזן געאַכט און געשעצט פון אַלעמען, אַז ווען משה און אהרן, צוזאַמען מיט די זקנים, זייַנען אַרויף אויפ׳ן באַרג סיני מקבל צו זיין די תורה, האָט מען זיי אויך מיטגענומען, און זיי האָבן דאָרט געזעהן גאָט אַליין (שמות כ״ט, א. ט.). וואָרום האָט זיי געקומט אַזאַ שרעקליכער טויט — פאַרברענט צו ווערען אין מיטען פון דער עבודה ביים מזבח? אויך עוזא איז, קענטיג, געווען אַ באַרימטע פערזענליכקייט. ווען די אידען האָבן איבערגעלאָזט דעם ארון אין הויז פון אבינדב, זיין פאָטער, האָט מען אים, וועלכער האָט אויך געהייסען אלעזר (יעבץ) „קדשו לשמור את ארון ה׳ ״ — געהייליגט און באַשטימט צו היטען דעם געטליכען ארון — אַן אַמט, וואָס ווערט אָנפאַרטרויט בלויז צו אַ גרויסען מענשען אָדער כהן גדול. וואָרום איז ער אַזוי גרויזאַם געשטאָרבען אין דער צייט פון אַ גרויסער פאָלקס פייערונג?

אין דער סדרה ווערט אָנגעגעבען די פאָלגענדע אורזאַך פאַר דעם שנעלען טויט פון נדב און אביהו: „ויקריבו לפני ה׳ אש זרה אשר לא צוה אותם״ — זיי האָבן געבראַכט פאַר ג׳ פרעמדען פייער, וואָס ער האָט זיי ניט געהייסען. אין דער עבודה פאַר ג׳, אַזוי גוט ווי אין אַלע ענינֵי אמונה ודת, טאָר קיין פרעמדס ניט צוגעלאָזען ווערען. פרעמדע פייערען, פרעמדע אידייען, גענומען פון אַנדערע קוועלען, מאַכען וואַכעדיג דעם גלויבען און פאַרשוועכען די הייליג־קייט פון דער טראַדיציע. די גמרא זאָגט, אַז ביי נדב און אביהו איז געווען „שריפת נשמה והגוף קיים״ — זייערע נשמות זייַנען פאַרברענט געוואָרען און זייערע קערפּער׳ס זייַנען געבליבען גאַנץ (שבת קי״ג ע״ב). מיט דער איינפירונג פון פרעמדע מעטאָדען און מנהגים אין די שוהלען און טעמפלען גראָבט מען אונטער דעם גייסטיגען יסוד פון אַ פאָלק און מען פאַרברענט זיין נשמה, און אַ קערפּער אָהן אַ נשמה קאָן ניט לעבען.

איבערהויפּט טאָרען די פירער פון אַ פאָלק ניט צולאָזען, אַז די עבודה פאַר ג׳ זאָל אין זיך האָבען פרעמדע גייסטער, וואָס זייַנען קעגען די אידישע געזעצען און מנהגים. אַט צוליב דעם, וואָס נדב און אביהו האָבען אַריינגעבראַכט פרעמדע פייערען צו דעם אידישען מזבח, זייַנען זייערע נשמות פאַרברענט געוואָרען, און משה האָט געמוזט באַפעלען זייערע קאָזינס, מישאל און אלצפן, מיט די ווערטער: „שאו את אחיכם מאת פני הקודש אל מחוץ למחנה״ — טראָגט אַרויס אייערע ברידער פונ׳ם הייליגען אָרט און לאָזט זיי איבער אויסער דער אידישער מחנה.

אויך אין דער טראַגעדיע, וואָס איז געשעהן מיט עוזא, געפינען מיר,

אַז די אורזאַך פאַר זיין פלוצימדיגען טויט איז געווען די איינפירונג פון אַ פרעמדען מנהג אין דער אידישער טראַדיציע. דער ארון, אין וועלכען עס ליגען די לוחות, מוז געטראַגען ווערען און ניט געפירט ווערען. דוד האָט אָבער דער־לויבט דעם ארון געפירט צו ווערען פון אָקסען אין אַן „עגלה חדשה", אַ נייעם וואַגען. ווי דער שטייגער איז אויך אין היינטיגע צייטען אין די „עגלות חדשות", די נייע, מאָדערנע טעמפּלען. דאָרטען ווערט דער ארון געפירט פון אומוויסענדע מענשען, וועלכע וויסען פון אידישע דינים און מנהגים אַזוי פיל, ווי אַ קו פון מאַנטאַג. און אַז בהמות פירען דעם ארון, ווערט אַ „שמטו הבקר", דער ארון ווערט אַוועקגערוקט פון פּלאַץ און פרעמדע מנהגים ווערען אײַנגעפירט אין דער אידישער עבודה.

דער חטא פון עוזא איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט דערלאָזען צו אַזאַ נייער איינפירונג און ער האָט נאָך אויסגעשטרעקט זיין האַנט צו העלפען די בהמות פירען דעם ארון. און די חז"ל זאָגען: „נושאיו נשא" — דער ארון, די אידישע אמונה, וועלכע האָט געטראַגען זיינע טרעגערס און האָט אויפגעהאַלטען דאָס אידיש פאָלק אין אַלע צייטען, „עצמו לא כל שכן", קאָן זיך אַליין געוויס טראַגען, און דאַרף ניט אָנקומען צו בהמות, אַז זיי זאָלען אים פירען.

ה.

די טריפ'קייט פון חזיר

ואת החזיר כי מפריס פרסה הוא.

„לעתיד לבוא הקב"ה מוציא כרוז ואומר: כל מי שלא אכל בשר חזיר מימיו יבא ויטל שכרו, והרבה מעכו"ם שלא אכלו בשר חזיר באים ליטל שכרן. באותה שעה הקב"ה אומר: לא דיין שאכלו עולמן, אלא הם מבקשים לאכול עולמן של בני עוד" — אין דער וויטער צוקונפט וועט דער אויבערשטער לאָזען אויסרופען, אַז יעדער איינער, וואָס האָט אין זיין לעבען ניט געגעסען קיין חזיר־פלייש, זאָל קומען און נעמען זיין לוין. וועלען קומען פילע פון די פעלקער, וואָס האָבען אויך קיין חזיר־פלייש ניט געגעסען און וועלען פאָדערען זייער לוין. אין יענער שעה וועט ג' זאָגען: ניט גענוג פאַר זיי, וואָס זיי האָבען

אויפגעגעסען זייער אייגענע וועלט, ווילען זיי נאָך אויפעסען די וועלט פון מיינע קינדער (מדרש רבה קהלת א׳).

די דינים פון „איסור והיתר" — פון מאכלים, וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר ניט עסען, וועלכע די תורה האָט אונז אָנגעזאָגט, דערקלערט דער רמב"ם, זיינען הויפטזעכליך געצילט צו צאַמען דעם אַפּעטיט, כדי צו פאַרהיטען אונזער אייגענעם געזונט. די מאכלים, וואָס אַ מענש עסט, ווערען פאַרוואַנדעלט אין בלוטען, וואָס פּולסירען דורך זיינע אָדערען און ווירקען שטאַרק אויף דעם מצב פון זיין קערפּער. אויך די נערוועץ פון דעם מענשען באַקומען זייער נאָרונג פון דער שפּייז, וואָס ער פאַרצערט. אויב ער עסט אַזעלכע זאַכען, וואָס רעגען־אויף זיינע נערוועץ, איז ער עלול צו באַגיין פאַרברעכענס קעגען זיינע מיט־מענשען און ענדליך אונטערברעכען זיין אייגענעם געזונט. אַלע טריפה בהמות און עופות, וואָס ווערען אויסגערעכענט אין דער תורה, באַשטייען פון „דורסים", פון די, וואָס פאַרצוקען לעבעדיגע פייגלען אָדער חיות. דעריבער זיינען זיי אסור צו עסען, ווייל זייער היציג־בייז בלוט וועט אַריינברייגען אכזריות אין מענשען. דאַגעגען, צווישען די אויסגערעכענטע בהמות טהורות, וועלכע זיינען מעלה־גרה און באַזיצען צעשפּאַלטענע קלויען, געפינט זיך ניט קיין איין דורס, און דעריבער איז דערלויבט צו עסען נאָר אַזעלכע בהמות, וועלכע צייכענען זיך אויס מיט די דערמאָנטע צוויי סימנים (רמב"ן).

דער חזיר, כאָטש ער האָט געשפּאָלטענע קלויען, איז טמא, ווייל ער איז ניט מעלה־גרה, און ווי עס ווערט באַמערקט פון פּראָפעסאָר כהן, איז דער „חזיר היער", דער ווילדער וואַלד־חזיר, אויך אַ „דורס", אַ פאַרצוקענדע חיה. וועגען דעם איסור פון עסען חזיר געפינט זיך אין פיל ספרים אַ מערקווירדיגער מאמר, וועלכען עס איז זעהר שווער צו פאַרשטיין: „למה נקרא שמו חזיר ?" — פאַרוואָס הייסט ער חזיר ? „מפני שעתיד הקב"ה להחזירו לישראל" — ווייל אין דער צוקונפט וועט אים דער אויבערשטער צוריקגעבען און מתיר־מאַכען צו אידען... דער דאָזיגער מאמר ווערט אין פאַרשיידענע ספרים אָנגעגעבען אַלס אַ מדרש. דער „אור החיים" אויף תורה דרינגט אַרויס פון די ווערטער פון פסוק „והוא גרה לא יגר", אַז איצט איז ער ניט קיין מעלה־גרה, אָבער לעתיד לבא וועט דער חזיר פיזיש געענדערט ווערען און וועט באַקומען ביידע סימנים פון טהרה. ער באַציט זיך אויף אַ מדרש, וואָס זאָגט: „למה נקרא שמו חזיר, מפני שעתיד לחזור להיתרו הראשון" — וואָרום ווערט זיין נאָמען אָנגערופען חזיר, ווייל ער וועט אין דער צוקונפט זיך צוריקקערען צו זיין ערשטען „היתר".

אויפ׳ן גרונט פון די כלומר׳שטע מדרשים האָבען זיך אין אַ סך פון אונזערע ספרים אָנגעזאַמעלט פאַרשיידענע קשיות און משונה׳דיגע פלפול׳ישע תירוצים. אין דער אמת׳ן, זאָגט הרב ברוך עפשטיין, אין זיין „תורה תמימה״, איז גאָר אַזאַ מאמר אין ערגעץ ביטאַ. דער מחבר פון „יפה תואר״ זאָגט בזה הלשון: „דער גאַנצער מאמר איז לא היה ולא נברא! די דאָזיגע שטעלע געפינט זיך ניט אין ערגעץ, ניט אין ש״ס בבלי, ניט אין ירושלמי און ניט אין די מדרשים. ניט אַנדערש, אַז נאָר איינער פון די אחרונים האָט אַליין דעמדאָזיגען מאמר פאַרפאַסט, בדרך הלצה, און עס אָנגעגעבען אַלס אַ מדרש״ (פון אונזער אַלטען אוצר).

עס איז אָבער דאָ אין מדרש אַ העכסט שיינע אַלעגאָריע איבער דעם פסוק, וואָס פאַסט זיך פאַר היינטיגער צייט: „את החזיר זו אדום״ — מיט דעם חזיר ווערט געמיינט די מלכות אדום, וועלכע זוכט צו פאַרטיליגען דאָס אידישע פאָלק. „למה נמשלה לחזיר״ — וואָרום ווערט „אדום״ צוגעגליכען צו אַ חזיר? „לומר לך, מה חזיר בשעה שהוא רובץ מוציא טלפיו ואומר ראו שאני טהור״ — דיר צו דערקלערען, אַז פונקט אַזוי ווי דער חזיר, ווען ער לייגט זיך אַוועק, שטרעקט ער אויס זיינע קלויען, ווי ער וואָלט זאָגען: „זעהט, איך בין „כשר״, „כך מלכות אדום מתגאה וחומסת וגוזלת ונראה כאילו היא מצעת בימה״ — אַזוי איז אויך די מלכות אדום, וועלכע האַלט זיך גרויס, רויבט און גזל׳ט, אונטער דעם אויסרייד, אַז זי וויל איינפירען אַ נייע וועלט־אָרדנונג (שמו״ר פ׳ י״ג).

ווען די מערדערליכע נאַציס און פאַשיסטען, אונטער דער פירערשאַפט פון היטלער און מוסאָליני, האָבען זיך אַרויסגעלאָזען איינצונעמען די וועלט, האָבען זיי צוערשט אַרויסגעשטעלט אַ כשר־חזיר־פיסעל. זייערע פראָפּאַגאַנדע־מאַשינען האָבען צעפויקט איבער דער גאַנצער וועלט, אַז זיי האָבען ניט בדעה צו אונטערדריקען קיינע פון די נאַציאָנען, נאָר בלויז איינצופירען אַ נייע און בעסערע וועלט־אָרדנונג. אָבער „וגרה לא יגר״ — די גוטס, וואָס זיי האָבען פאַרכאַפּט און גע׳גזל׳ט פון די שוואַכערע פעלקער, האָבען זיי צוריק ניט אָפּ־געגעבען. דער טריפ׳ער סימן פון דעם חזיר ביי זיי האָט זיך קלאָר אַרויסגעוויזען אין אַלע לענדער, וואָס זייערע ווילדע האָרדעס האָבען פאַרכאַפּט.

זייער בלוטיגען שפיל האָבען זיי אָנגעהויבען מיט די אָרימע אידען, וועלכע זיי האָבען אויסגעמאָרדעט אין די מיליאָנען און צעראַבירט זייער האָב און גוטס. איצט האָבען די גרויסע דעמאָקראַטישע פעלקער אַרויסגעלאָזען אַ „כרוז״, אַן איינלאַדונג צו די פעלקער פון דער וועלט, וואָס זאָגט אַלעגאָריש:

„כל מי שלא אכל בשר חזיר יבא ויטל שכרו" — יעדעס פאָלק, וואָס האָט ניט געגעסען קיין חזיר־פליש און איז ניט צוגעשטאַנען צו דעם חזיר היטלער ימח שמו, זיינען געלאַדען צו קומען און פאַרהאַנדלען וועגען אַ וועלטליכען שלום. אויך אַזעלכע פעלקער, וועלכע האָבען דורך דער גאַנצער צייט פון דער שרעק־ליכער מלחמה ניט אַ קלאַפּ געטאָן אַ פינגער אין אַ פינגער צו העלפען די אַליאירטע מלוכות אין זייער בלוטיגען קאַמף געגען די נאַציס, קומען און פאָדערען אַנערקענונג בלויז פאַר דעם זכות, וואָס „לא אכלו בשר חזיר", וואָס זיי זיינען אַקטיוו ניט צוגעשטאַנען צו דער בלוטיגער „מלכות אדום".

דאָס אידישע פאָלק, וואָס איז געווען דער ערשטער און גרעסטער קרבן, און וועמעס קינדער אין די הונדערטער טויזענטער פאַרגיסען זייער בלוט אויף די שלאַכטפעלדער קעגען דעם אַלגעמיינעם שונא, דאָס פאָלק האָט מען צו דעם שלום־קאָנפערענץ ניט איינגעלאַדען. אין געגענטייל, אפילו די בעסטע פון די דעמאָקראַטישע פירער מאַכען די אידישע פראַגע אַוועק אונטער דער האַנט און זיינען טויב צו זיינע גערעכטע פאָדערונגען. צו זיי זאָגט ג׳: „לא דיין שאכלו עולמן" — ניט גענוג, וואָס איר האָט מיט אייער שטיין פון דער וויטענס אין די ערשטע צייטען געפירט צו דעם, אַז אייער וועלט זאָל אויפגע־פרעסען ווערען פון די ווילדע חיות; איצט, אַז דער זיג איז אויף אייער זייט, ווילט איר אויך „לאכול עולמן של בני", אויפפרעסען און פאַרניכטען די וועלט פון מיינע קינדער? קענטיג, אז די אַלע צוזאָגען, וואָס מיר האָבען באַקומען פון אונזערע כלומר׳שטע פריינט, זיינען בלויז געווען אַ האַלבער סימן פון כשרות — אַ כשר־חזיר־פיסעל...

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם געדאַנק ווילען מיר דאָ ברייגנען אַ מערק־ווירדיגע מעשה׳לע, וואָס רבי הירש ליב וואָלאָזשינער ז"ל האָט ביי אַ געוויסער געלעגענהייט דערציילט:

„ביי איינעם אַ גרויסען אידישען גביר איז אַמאָל שווער קראַנק געוואָרען זיין פרוי, אַ זעהר פרומע און צניעות׳דיגע אידענע. מען האָט געשיקט רופען די גרעסטע דאָקטוירים, וועלכע האָבען אויסגעפונען אַז בכדי צו דערהאַלטען זי ביים געזונד מוז מען זי אומבאַדינגט אָנהויבען שפייזען מיט חזיר־פלייש. קיין אַנדער רפואה איז נישטאָ! פאַרשטייט זיך, אַז ניט דער מאַן, ניט דאָס ווייב האָבען געוואָלט הערען דערפון. די לאַגע פונ׳ם חולה ווערט אָבער וואָס אַמאָל ערגער, און די דאָקטוירים האַלטען זיך ביי זייערע: נישט אַנדערש נאָר חזיר פלייש! איז מען אַוועק צום רב און מען האָט אים דערציילט די גאַנצע געשיכטע.

און ווי דער רב האָט דאָס דערהערט, האָט ער זיך אויפגעהויבען און איז אריבער צום חולה און האָט דערקלערט, אַז על פי דין מעג זי עסען חזיר... נישט זי מעג נאָר זי מוז, ווארום עס איז פקוח נפש...

„מילא, פאַרפאַלען, האָט די פרומע אידענע מסכים געווען. אָבער ווען דער רב האָט שוין געהאַלטען ביים אַוועקגיין, האָט זי אים צוריקגערופען און געבעטען אַז אויב עס איז שוין אויף איר נגזר געוואָרען צו עסען חזיר, פאַרלאַנגט זי כאָטש, אַז דער רב זאָל באַפעלען דעם שוחט, ער זאָל שעכטען דעם חזיר אויף כשר, מיט אַ חלף!... דער רב, איינהאַלטענדיג זיין שמייכעל, האָט איר צוליב געטאָן. מען האָט געשיקט נאָכ'ן שוחט, און נאָכדעם ווי ער איז פאַרטיג געוואָרען מיט דער שחיטה, האָט די אידענע פאַרלאַנגט, ער זאָל בודק זיין די ריאה, ווי דער דין איז.

„און שטעלט זיך פאָר אַן אומגליק: ווי צו להכעיס האָט מען אויף דער חזיר'שער ריאה געפונען אַ שאלה, וועגען וועלכער דער שוחט אַליין האָט ניט געקאָנט באַשליסען, און עס איז געבליבען מען זאָל די ריאה שיקען צום רב... באַטראַכט דער רב די ריאה און שווייגט. ווענדעט מען זיך צו אים עטליכע מאָל, מען וויל וויסען דעם רעזולטאַט. טוט ענדליך דער רב אַ זיפץ און זאָגט: שווער צו ענטפערען!... ווען אַזאַ שאלה זאָל זיך טרעפען ביי אַ בהמה טהורה, וואָלט איך איין רגע ניט געקלערט און וואָלט גלייך געענטפערט „כשר". אָבער דאָ, אין דעם פאַל, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען אַ חזיר, ווי אַזוי קאָן איך זאָגען „כשר", ווערענד מיט זיין גאַנץ כשרות פון אַלע זייטען איז ער דאָך סוף כל סוף אַ חזיר... פאָרט אַ חזיר!... (ב. יאושזאָהן).

הפטרה

מוטערס וואָס מאַכען חוזק פון אידישע שמחות

ולמיכל בת שאול לא היה לה ילד עד יום מותה.

„אמרה לו: משפחתי של בית אבא היתה נאה ממך. אמר לה דוד: בית אביך היו מבקשין כבוד עצמו ומניחין כבוד שמים, ואני איני עושה כן, אלא מניח אני כבוד עצמי ומבקש כבוד שמים. אין את נקראת מן האימהות אלא מן

האמהות״. — זי האָט אים געזאָגט: די אויפפירונגען פון מיין פאָטער׳ס משפחה איז געווען פיל שענער פאַר דיר. האָט איר דוד געענטפערט: דיין פאָטער׳ס פאַמיליע האָט געזוכט אייגענעם כבוד און פאַרנאַכלעסיגט דעם כבוד פון הימעל. איך אָבער טו ניט אַזוי, איך לאָז איבער מיין כבוד און זוך דעם כבוד פון הימעל. דו קאָנסט זיך ניט אָנרופען איינע פון די מוטערס נאָר איינע פון די דינסטען (ילקוט שמעוני).

אין דער סדרה ווערט דערציילט וואָס עס איז פאָרגעקומען ביי דער דערעפענונג פון משכן, און אין דער הפטרה ווערט איבערגעגעבען וואָס איז פאָרגעקומען ווען דוד המלך האָט צום ערשטען מאָל עטאַבלירט דעם משכן אין ירושלים און האָט אַהין געבראַכט דעם ארון הקודש פון בית „עובד אדום הגיתי״.

דוד און אַלע אידען זענען אַרויס קעגען דעם ארון מיט שאַלונגען און מיט שופר־בלאָזען, און ווען דער ארון איז געבראַכט געוואָרען אין שטאָט אַריין האָט דוד המלך געשפרונגען און געטאַנצט פון שמחה. זיין פרוי מיכל, די טאָכטער פון שאול, האָט אַרויסגעקוקט דורכ׳ן פענסטער און געזעהן ווי דוד האָט זיך אויפגעפירט, „ותבז לו בלבה״ — האָט זי אים פאַראַכטעט אין האַרצען. אַז דוד איז צוגעקומען צו זיין הויז איז מיכל אַרויסגעקומען אים באַגעגענען און האָט אים געזאָגט: „וואָס פאַר אַ כבוד האָט זיך היינט אָנגעטאָן דער מלך פון ישראל, ווען ער האָט זיך היינט אַרויסגעוויזען פאַר די אויגען פון די דינסטען און פון זיינע קנעכט אזוי ווי איינער פון די פוסטע יונגען. און דער מדרש לייגט צו, אַז זי האָט אים דערביי אויך געזאָגט: מיין משפחה איז שענער פאַר דיר, זיי וואָלטען זיך ניט אַזוי דערנידעריגט פאַר׳ן המון ווי דו האָסט עס געטאָן.

דוד האָט איר געגעבען זעהר אַ שאַרפען ענטפער און האָט געזאָגט: פאַר גאָט, וואָס האָט מיך אויסדערווילט איידער דיין פאָטער און איידער דיין גאַנץ הויז מיר צו באַשטימען פאַר דעם הערשער פון זיין פאָלק, פאַר אים וויל איך מיך פריילין מאַכען. ער האָט איר אויך געזאָגט, ווי דער מדרש גיט איבער: דיין פאָטער׳ס פאַמיליע האָט געזוכט איר אייגענעם כבוד און האָט איבערגעלאָזט דעם כבוד פון הימעל, איך אָבער טו ניט אַזוי. דער כבוד פון גאָט שטייט ביי מיר העכער פאַר מיין אייגענעם כבוד.

אידישע מוטערס לאַכען ניט אָפּ פון אידישע מנהגים און שמחות מיט דער תורה. די וואָס טוען עס, ווייזען אַז זיי זענען דינסטען, וואָס דינען פרעמדע

און שעמען זיך מיט זייערע אייגענע. און ווי דער פסוק פירט אויס: „למיכל בת שאול לא היה לה ילד עד יום מותה” — מיכל, די טאָכטער פון שאול, האָט ניט געהאַט קיין קינדער ביז איר טויט. אַזעלכע מאַמעס, וואָס מאַכען חוזק פון אידישע זאַכען און אויפפירונגען, האָבען קיין קינדער ניט. זייערע קינדער זענען ניט זייערע, ווייל נאָך אַ דערציהונג וואָס אַזאַ מוטער קאָן געבען אירע קינדער, וועלען זיי קיין אמת׳ע אידען ניט פאַרבלייבען. זיי וועלען זיך דערווייטערן פון זייער פאָלק און פון זייערע עלטערען.

תזריע־מצורע

א.

הייליגקייט און ריינליכקייט

אדם כי יהיה בעור בשרו שאת או ספחת.

„עשר פרשיות של נגעים הן כנגד עשרת הדברות, שאם יקיימו ישראל אותם, הקב״ה מצילם מהם״ — די צען פרשיות איבער אַנשטעקענדיגע קראַנק־הייטען זיינען קעגן די צען געבאָט. אויב אידען וועלען מקיים זיין די לעצטע, וועט זיי דער אויבערשטער אויסהיטען פון די ערשטע (מדרש תדשא).

„קדשים״ און „טהרות״ זיינען צוויי סדרים פון אונזערע רעליגיעזע פאַרשריפטען, וואָס פאָלגען נאָך איינע די אַנדערע. הייליגקייט און ריינליכקייט מוזען זיין געבונדען און משלים זיין איינע די צווייטע, אויב דער איד וויל אָנהאַלטען זיין אייגענאַרטיג לעבען. די „עשרת הדברות״, די צען געבאָט, וועלכע זיינען אונז געגעבען געוואָרען אויפ׳ן באַרג סיני, זיינען די גרונט־אידייען פון דער אידישער אמונה. זיי זיינען גענומען געוואָרען פון דעם „אוצר פון לעבען״, און זייער הויפט ציל איז צו פאַרשענערען און פאַרבעסערען דאָס מענשליכע לעבען. די וואָס פירען זיך לויט זייערע לערען, באַהעפטען זיך מיט דער גאָטהייט, וועלכע וועט זיי פאַרהיטען פון אַלע אומריינליכקייטען און באַשיצען קעגען אַלערליי קראַנקהייטען.

„נקיות מביאה לידי פרישות, פרישות מביאה לידי טהרה, טהרה מביאה לידי חסידות״ — ריינליכקייט ברייננגט צו אָפּזונדערען זיך פון שמוץ און אָפּשייליכקייט, אָפּזונדערונג פירט צו זויבערקייט און זויבערקייט ברייננגט צו פרומקייט (ע״ז כ׳, ע״א). אָט אין דעם צויבער־קרייז ליגט די אומשטערבליכקייט פון אונזער פאָלק. זיין אמונה איז ניט באַגרעניצט בלויז צו תפלות און גאָט־בעטען. צו זיין פרום מיינט ניט נאָר צו גיין אין שוהל און דאַווגען ווי אַ איד.

מען מוז אויך לעבען ווי א איד, און א אידיש לעבען מוז זיין ריין קערפערליך אזוי גוט ווי גייסטיג.

די פארשיידענע דינים פון טומאה און טהרה, וואס ווערען אויסגערעכענט אין די סדרות „תזריע" און „מצורע", זיינען געצילט צו לערנען די אידען ווי איינצופירען סאניטארע איינריכטונגען אין לאנד, וועלכע זאלען זיי פארהיטען פון עפידעמישע קראנקהייטען. איבערהויפט ווארענט אונז די תורה צו זיין שטארק פארזיכטיג מיט אנשטעקענדיגע קראנקהייטען, וועלכע קאנען זיך לייכט פארשפרייטען צווישען פאלק, אויב מען איזאלירט זיי ניט און מען דערלויבט דעם קראנקען פריי צו פארקערען אין דער געזעלשאפט.

מיט די געזעצען — זאגט דער רמב"ם אין זיין הקדמה צו טהרות — האט משה דערהויבען די אידען אין יענער צייט און אויך די שפעטערדיגע דורות צו דער העכסטער שטופע פון ריינליכקייט און געזונטקייט. ער ראט אונז: „לא יספיק לך הקריאה והעברה עליהם, שזה בלתי מספיק, עד שיהיה רגיל על לשונך כמו קריאת שמע" — עס איז ניט גענוג בלויז צו לייענען און זיך לייכט באקענען מיט די סאניטארע און היגיענישע געזעצען פון טומאה און טהרה. מען מוז זיי גרינטליך שטודירען און זיין אין זיי געניט ווי אין קריאת־שמע.

מאנכע פון אונזערע חז"ל האבען באטראכט די דינים פון טומאה און טהרה פאר העכסט וויכטיג, און האבען געפאדערט, זיי זאלען גרינטליך געלערענט ווערען אין אלע ישיבות און אידישע לערן־אנשטאלטען. מיר געפינען, אז ר' אלעזר בן עזריה זאגט צו רבי עקיבא'ן: מה לך אצל אגדה, כלך מדברותיך ולך אצל נגעים ואהלות" — וואס באשעפטיגסטו זיך אזוי מיט דיינע תלמידים אין אגדה? נעם דיינע רייד און גיי בעסער צו „נגעים ואהלות", לערן מיט זיי די דינים ווי זיך אפצוהיטען פון אנשטעקענדיגע קראנקהייטען (חגיגה י"ד, ע"א).

אלע דינים פון טומאה און טהרה, פון פירען א ריין פאמיליען־לעבען, אויסצוהיטען זיך פון עפידעמישע קראנקהייטען, וועלכע קאנען שטעלען אין סכנה דאס גאנצע עקזיסטענץ פון פאלק, ווי אויך זיך אליין האלטען קערפערליך, אזוי גוט ווי גייסטיג, ריין און זויבער, זיינען א וויכטיגער טייל פון דער אידישער אמונה. דער רמב"ם ז"ל גיט אונז א העכסט פילאזאפישען טעם איבער דעם, וואס משה רבנו האט מקדיש געווען גאנצע צוויי סדרות פון דער תורה פאר היגיענישע און געזונטהייט מיטלען. ער זאגט:

„דער אויבערשטער האט פארשפראכען די אידען: „ושכנתי בתוכם", אז ער וועט וואוינען צווישען זיי. דאס דארף זיין דער ווילען און שטרעבען פון

יעדען איינציגען אידען. דאָס קאָן אָבער נאָר געשען, אויב זיי וועלען זיך האַלטען היילינג, און קדושה פאָדערט „טהרה“, „ריינליכקייט“.

די „עשרת הדברות“, די צען געבאָט, וואָס אידען האָבען מקבל געווען אויפ׳ן באַרג סיני, זיינען ניט נאָר די גרונט־געזעצען פון אונזער אמונה, זיי זיינען אויך די הויפט־זיילען פון אונזער אייגענאַרטיג לעבען. זיינען די אידען מקיים די צען געבאָט און פירען זיך לויט זייערע אידעאַלען, וועלען זיי אויסגעהיט ווערען פון אַלע קראַנקהייטען, וואָס ווערען אויסגערעכענט אין די צען פרשיות פון נגעים.

ביי דער געלעגענהייט וויל איך דאָ איבערגעבען אַ העכסט־וויציגע דערקלערונג איבער אַ וואונדערבאַרען מדרש, וואָס איך האָב געהערט פון דעם נאַציאָנאַלען פאָעט חיים־נחמן ביאַליק ע״ה, אויף זיין לעצטע באַזוך אין אמעריקע:

„זעהענדיג, אַז דאָס גאַנצע קהל׳שע לעבען ביי אייך אין אַמעריקע שטייט אויף היגערשע פיסלעך, אַז אָהן באַנקעטען ווערט ביי אייך קיין זאַך ניט געבויט, איז ביי מיר רעכט געוואָרען אַ מערקווירדיגער מדרש: „כששמעו ישראל פרשת נגעים נתיראו, אמר להם משה, אל תתיראו, אלו לעכו״ם, אבל אתם לאכול ולשתות“ — אַז די אידען האָבען אויסגעהערט די פרשה פון קראַנקהייטען, זיינען זיי פאַרציטערט געוואָרען. זאָגט זיי משה, שרעקט אייך ניט, דאָס איז פאַר די גוים, אָבער איר עסט און טרינקט (ילקוט).

„היגיענישע און סאַניטאַרישע איינריכטונגען קאָסטען פיל געלט און מי, וואָס זיינען ניט אַלעמאַל לייכט צו באַקומען און דורכצופירען. די אידען האָבען זיך געשראָקען, אַז מיט זייערע באַשרענקטע מיטלען וועלען זיי דאָס ניט קאָנען באַווייזען, האָט זיי משה באַרוהיגט: פאַר די גוים וועט עס זיין אַ שווערע אויפגאַבע. איר אָבער וועט פראַווען באַנקעטען, עסען און טרינקען, און אויף אַזאַ אופן וועט איר בויען און אויפהאַלטען אייערע האָספּיטעלער און אַנדערע קהל׳שע אַנשטאַלטען“.

הפטרה

„גאוה״ איז אַ מום, וואָס פאַראורזאַכט קראַנקהייטען

ונעמן היה איש גדול — גבור חיל מצורע.

„מהו גדול שהיתה רוחו גסה מפני שהיה גבור חיל ועל ידי כך נצטרע״ — וואָס ווערט געמיינט מיט דעם וואָרט „גרויס״? ער האָט זיך גרויס געהאַלטען צוליב זיין העלדישקייט און דערפאַר איז ער קרעציג געוואָרען (במ״ר פ״ז).

אונזערע בעלי אגדה, וועלכע זיינען געווען גרויסע מאָראַליסטען און האָבען אין יעדען פסוק פון דער תורה אָדער די נביאים געזוכט צו דערגיין אויך די מאָראַלישע כוונה, זעהען אין די „פרשות נגעים״ פיל מער ווי טרוקענע דינים פון טומאה און טהרה. זיי אינטערעסירט צו וויסען פונוואַנען עס נעמען זיך די קראַנקהייטען אויף די מענשען, און קומען צום שלוס, אַז די אַלע נגעים און עפּידעמיעס זיינען אייגענע געמאַכטע. זיי זיינען אַ טייל פון דעם „שכר ועונש״, פון פאַרדינטע שטראָפען אָדער באַלוינונגען, וואָס דער אויבערשטער טיילט אויס די מענשען פאַר זייערע אויפפירונגען.

„על שבעה דברים נגעים באים: על לשון הרע, על שפיכת דמים, על שבועת שוא, על גילוי עריות, על גסות הרוח, על גזל ועל צרות עין״ — צוליב זיבען זאַכען ווערען מענשען באַשטראָפט מיט קראַנקהייטען: צוליב באַרעדען איינער דעם אַנדערען, צוליב בלוט־פאַרגיסונג, פאַר שווערען פאַלש, צוליב אַן אומריינעם פאַמיליען־לעבען, פאַר גרויסהאַלטען זיך, צוליב רויב און צוליב ניט פאַרגינען יענעם וואָס ער האָט (ערכין ט״ז, ע״א).

איבערהויפּט — זאָגען אונז די בעלי אגדה — זיינען עפּידעמיעס פון אַנשטעקענדיגע קראַנקהייטען דער רעזולטאַט פון אַזעלכע עבירות ווי „לשון הרע״ און „גסות הרוח״. באַריידען איינער דעם צווייטען, אָדער זיך גרויס־האַלטען איבער אַ חבר, פאַראורזאַכען גייסטיגע עפּידעמיעס. זיי ברעכען די גאַנצקייט פון פאָלק און ברייינגען רייבונגען און שפּאַלטונגען, וועלכע שטערען דעם וואוקס אָדער די אַנטוויקלונג פון זיינע אייגענשאַפטען און פעהיגקייטען. זיי שטעלען אויך אין סכנה זיין גאַנצע עקזיסטענץ, ווייל בלויז מיט פאַראייניגטע כוחות קאָן אַ פאָלק ווידערשטייז די דרוקען און פאַרפאָלגונגען פון זיינע שונאים.

אַזעלכע מענשען זיינען מטמא די מחנה און מוזען אויסגעשלאָסען ווערען פון דער געזעלשאַפט.

„כל אדם שיש בו גסות הרוח לסוף נפחת" — יעדער מענש, וואָס האַלט זיך גרויס, ווערט צום סוף דערנידעריגט (סוטה ה׳ ע״א). פוסטע גאוה איז אַן אָנגעבלאָזענער געשוויר, וואָס אויב מען פאַרלאָזט עס, ווערט אויף דעם אָנגע־וואַקסען ווילד־פלייש, וואָס איז עקלהאַפט אָנצוקוקען און מענשען וויכען פון אים. מיין פאָטער ע״ה פלעגט זאָגען: „דער אונטערשייד פון אַ „בעל־גאוה" ביז אַ „מצורע" באַשטייט אין דעם, וואָס דער ערשטער דערווייטערט זיך אַליין פון דער געזעלשאַפט, ווייל אים שטייט ניט אָן מיט קיינעם צו פאַרקערען און דער צווייטער, ווערט אויסגעשלאָסען פון דער געזעלשאַפט, ווייל קיינער וויל מיט אים ניט פאַרקערען. „הצד השוה שבהם" — זיי גלייכען זיך אָבער ביידע אויס אין דעם, וואָס זיי לעבען איזאָלירט און אָפגעזונדערט פון דער מחנה, און שטאַרבען אין עלענד און איינזאַמקייט".

אין דער הייניגער הפטרה ווערט איבערגעגעבען אַן אינטערעסאַנטע פּאַסירונג, וואָס האָט געטראָפען צו אַ געוויסען „נעמן", וואָס איז געווען דער פעלד־מאַרשאַל פון דעם קעניג ארם. דער פסוק דערציילט, אַז ער איז געווען א „איש גדול ונשוא פנים" — אַ גרויסער מענש און אַ פאַרנעמע פערזענליכקייט און דורך אים האָט גאָט געגעבען גרויס הילף צו ארם. ער איז אויך געווען אַ „גבור חיל מצורע", אַ גרויסער העלד, אָבער אַ קרעציגער. די בעלי המדרש פרעגען, וואָרום איז ער באַשטראָפט געוואָרען מיט אַזאַ אַבשייליכער מחלה? און דעם תירוץ געפינען זיי אין דעם ערשטען טייל פון פסוק: „מהו גדול, שהיתה רוחו גסה" — מיט דעם וואָרט גרויס ווערט געמיינט, אַז ער איז געווען אַ בעל גאוה. ער האָט צופיל שטאָלצירט מיט זיין העלדישקייט און דערפאַר איז ער באַשטראָפט געוואָרען מיט דער שרעקליכער מחלה פון קרעץ.

צוליב זיין גאוה וואָלט ער פאַרבליבען אַ קרעציגער זיין גאַנצען לעבען. זיין גליק אָבער איז געווען, וואָס דעמאָלט האָט ער זיך געלאָזט איבעררעדען און איז אויסגעהיילט געוואָרען. אָט ווי די הפטרה גיט איבער די געשיכטע.

ביי נעמנ׳ען האָט געדינט אַ אידישע מיידעל. זעהענדיג ווי איר האַר ליידט פון אַזאַ שרעקליכער קראַנקהייט, האָט זי געראַטען זיין פרוי, זי זאָל בעטען איר מאַן צו פאָרען צו דעם נביא אלישע אין שמרון, און ער וועט אים אויסהיילען. נאָך אַ באַראַטונג מיט דעם קעניג איז נעמן געפאָרען נאָך שמרון

און איז געקומען פאַר דעם אידישן קעניג מיט אַ בריוו פונ׳ם מלך ארם, אין וועלכען ער פאַדערט פון אים אויסצוהיילען זיין פעלדמאַרשאַל פון זיין שרעק־ליכער קראַנקהייט.

דער אידישער קעניג איז געוואָרען אַ פאַרציטערטער, ווייל ער האָט געמיינט, אַז דער קעניג פון ארם זוכט אַן אויסרייד אים צו באַפאַלען און צעשטערען זיין מלוכה. דער נביא אלישע האָט זיך דערוואוסט פון דעם און האָט געשיקט זאָגען צום קעניג: ווארום האָסטו זיך אַזוי דערשראָקען? שיק אים צו מיר און זאָל ער וויסען, אַז עס איז דאָ אַ נביא ביי אידען. נעמן איז אַוועק צו אלישע׳ס הויז און ווען ער איז צוגעקומען צו דער טיר, האָט אים אַ באַדינער איבער־געגעבען אין דעם נאָמען פון אלישע, אַז ער זאָל געהן און זיך וואַשען זיבען מאָל אין ירדן און זיין לייב וועט ווערען רייך.

נעמנ׳ען, וועלכער איז געווען אַ גרויסער בעל גאוה, איז ניט אָנגעשטאַנען, ווי אַזוי אלישע האָט אים באַהאַנדעלט. „ויקצוף וילך״, איז ער געוואָרען אין כעס און אַוועק, זאָגענדיג, איך האָב געמיינט, אַז ער וועט אַרויסקומען צו מיר, אַרויפלייגען זיין האַנט אויף דעם קרעציגן פלאַץ און תפלה טאָן צו ג׳, צום סוף הייסט ער מיר גאָר זיך גיין באָדען אין דעם קליינעם ירדן. זיינען דען די טייכען פון דמשק ניט ריינער און בעסער פאַר אַלע וואַסערען אין ארץ־ישראל?

זיינע באַדינער אָבער האָבען אים געגומען איינריידען, אַז ער זאָל פאָלגען דעם אידישען נביא. זיי האָבען אים געפרעגט: ווי וואָלט געווען, אַז ער וואָלט דיר געהייסען צו טאָן אַ שווערע זאַך, וואָלסטו דאָך אים געפאָלגט; ווארום ניט פרובירען אַזאַ קלייניגקייט ווי זיך צו וואַשען אין ירדן? דעמאָלט האָט ער זיך געלאָזט איבעררעדען און האָט זיך געטובל׳ט אין ירדן זיבען מאָל, און זיין לייב איז געוואָרען אַזוי צאַרט און ריין, ווי די לייב פון אַ קליין קינד. קומענדיג צוריק צום נביא האָט ער אים געזאָגט: „הנה נא ידעתי כי אין אלקים בכל הארץ כי אם בישראל״ — איך האָב זיך איבערצייגט, אַז אין דער גאַנצער וועלט איז ניטאָ קיין גאָט, נאָר ביי אידען.

ב.

קראַנקהייטען זיינען אַ שטראָף פון גאָט

אדם כי יהיה בעור בשרו שאת או ספחת.

„מדת בשר ודם, כשסרח עליו עבדו מביא אדם אחר ומכהו, אבל הקב״ה אינו כן, אלא מגופו של אדם רודה אותו ומכהו״ — דער שטייגער פון אַ מענשען איז, אז אויב זייער אַ קנעכט פאַרברעכט קעגען אים, ברייננט ער אַן אַנדער מענשען, אַז ער זאָל אים שלאָגען. ג׳ אָבער פירט זיך ניט אַזוי, נאָר פון זיין אייגענעם גוף באַצווינגט ער דעם מענשען און שלאָגט אים (ילקוט שמעוני רמז תקנ״ו).

„מיט די דינים פון טומאה און טהרה״, זאָגט דער רמב״ם אין זיין הקדמה צו טהרות, „האָט ג׳ דערהויבען די אידען אין יענער צייט צו דער העכסטער שטופע פון ריינליכקייט און געזונטקייט״. דער רמב״ם, וועלכער איז געווען אַ באַרימטער דאָקטאָר, האָט מער געהאַלטען פון אויסהיטען די מענשען פון קראַנקהייטען, ווי זיי צו היילען. איבערהויפט האָט ער געראָטען צו זיין שטאַרק פאָרזיכטיג מיט אַנשטעקענדיגע קראַנקהייטען, וועלכע קאָנען זיך לייכט פאַר־שפרייטען צווישען פאָלק, אויב מען איזאָלירט זיי ניט און מען דערלויבט דעם קראַנקען פריי צו פאַרקערען אין דער געזעלשאַפט. די סדרות „תזריע״ און „מצורע״ זיינען געווידמעט צו לערנען דעם אידישען פאָלק ווי איינצופירען סאַניטארע איינריכטונגען אין לאַנד, וועלכע זאָלען פאַרהיטען די אידען פון אַזעלכע קראַנקהייטען.

אין מדרש ווערט איבערגעגעבען, אַז ווען ג׳ האָט אָנגעזאָגט משה׳ן, ער זאָל דערקלערען די אידען די פאַרשיידענע דינים פון נגעים, האָט משה געענט־פערט: „משבעים אומות שלך אי אתה מצוני אלא על ישראל בלבד: אמר אל בני ישראל, דבר אל בני ישראל, צו את בני ישראל. א״ל מפני שהם דבוקים בי״ — פון אַלע זיבעציג פעלקער, וואָס דו באַזיצט, באַפעלסטו מיר ניט וועגען קיינעם פון זיי, בלויז וועגען אידען. שטענדיג איז: אָדער זאָג צו די אידען, רעד צו די אידען, באַפעל די אידען. האָט אים ג׳ געענטפערט: דאָס איז, ווייל זיי זיינען באַהעפט מיט מיר (ילקוט שמעוני תל״ג). אין דיזער באַמערקונג פון דעם מדרש ליגט די פילאָזאָפיע פון דער אידישע אמונה. אונזער גלויבען באַשטייט

ניט בלויז פון תפלה טאָן. אונזער תורה איז אַ „תורת חיים", וועלכע זוכט צו פאַרשענערן און פאַרבעסערן דאָס מענשליכען לעבען, און אַ ריכטיג אידיש לעבען מוז זיין ריין קערפערליך, אַזוי גוט ווי גייסטיג.

ביי אונז אידען ווערט ניט אָפּגעטיילט די אמונה פון דעם לעבען. מיר זיינען „דבוקים בו", באַהעפט מיט דער גאָטהייט, און ווילען, אַז די שכינה זאָל אימער זיין מיט אונז. דעריבער „לפני ה' תטהרו", פאַר ג' דאַרפט איר זיך רייניגען. „והייתם קדושים כי קדוש אני, ולא תטמאו את נפשותיכם" — איר מוזט זיין הייליג, ווייל איך בין הייליג, און איר זאָלט ניט פאַראומרייניגען אייערע זעלעס. אַלע אַנשטעקענדיגע קראַנקהייטען זאָלט איר איזאָלירען און אָפּטיילען פון אייערע „מחנות". „ולא יטמאו את מחניכם, כי אני שוכן בתוכם" — די אַנגעשטעקטע פון פאַרשיידענע קראַנקהייטען זאָלען ניט פאַראומרייניגען זייערע לאַגערען, ווייל איך וואוין צווישען זיי.

אַלע קראַנקהייטען, פון וועלכע אַ מענש ליידט, זיינען אַן אָנשיקעניש פון ג', וועלכער שטראָפט אים פאַר זיינע עבירות. אויב ער האָט געטאָן אַן „עבירה בין אדם למקום", און געזינדיגט קעגען ג' אַליין, באַשטראָפט ער אים מיט אַ ווייטאָג אין אַ פאַרבאָרגענעם פלאַץ, וואו קיינער זעהט ניט. האָט ער אָבער באַגאַנגען אַן „עבירה בין אדם לחבירו", און געזינדיגט אויך קעגען מענשען, דאַן באַקומט ער אַן אָנזעהעוודיגע קראַנקהייט, וועלכע אַלע קאָנען באַמערקען, און זיי מיידען אים אויס. ווי שיין באַמערקט אויף דעם דער זוהר הקדוש: „קב"ה כד אוכח לבר נש אוכח ברחימותא" — אַז ג' שטראָפט אַ מענשען, טוט ער עס מיט רחמנות. „בקדמיתו מחי ליה בגרמיה דלגו" — צוערשט שלאָגט ער אים מיט אַ פאַרבאָרגענער קראַנקהייט, וואָס קיינער זעהט ניט. „אי הדר ביה מוטב, ואם לאו מחי ליה תחות תותביה בעורו" — אויב ער האָט חרטה אויף זיינע זינד, איז גוט, אַז ניט — שטראָפט ער אים מיט אַ וואוקס אויף זיין הויט, אונטער זיינע קליידער, וואָס איז שוין אַ ביסעל מערקבאַר. „אי הדר ביה מוטב, ואי לאו מחי ליה באתגליה באנפוי קמא כלא" — טוט ער תשובה, איז גוט, אויב ניט פלאָגט ער אים מיט אַן עפענטליכער קראַנקהייט, וואָס אַלע קאָנען זעהן, און מענשען היטען זיך פאַר אים און פאַרטרייבען אים פון דער געזעלשאַפט.

אויך די עבירות, וואָס אַ פאָלק באַגייט קעגען זיין אייגענער באַציאָנאַ־ליטעט, גייען ניט פאַרביי אומבאַשטראָפט. „על שבעה דברים נגעים באים: על לשון הרע, על שפיכת דמים, על שבועת שוא, על גילוי עריות, על גסות הרוח, על גזל ועל צרות עין" — צוליב זיבען זאַכען ווערען מענשען באַשטראָפט

מיט קראַנקהייטען; צוליב באַרעדען דעם אַנדערען, צוליב בלוט־פאַרגיסונג, פאַר שווערען פאַלש, צוליב אַן אומריינעם פאַמיליען־לעבען, פאַר גרויסהאַלטען זיך צוליב רויב און צוליב ניט פאַרגינען יענעם, וואָס ער האָט (ערכין ט״ז ע״א). אַזעלכע עבירות ברייגגען אויף דעם מענשען אַלערליי קרעץ, און אויב דאָס גאַנצע פאָלק פירט זיך אַזוי אויף, ברייגגט עס אויף זיך אַלערליי צרות, וועלכע איזאָלירען אים און טיילען אים אָפּ פון אַלע אַנדערע פעלקער און ער ליידט איבעראַל.

איבערהויפּט, זאָגען אונז די בעלי אגדה, זיינען עפּידעמיעס פון אַנשטעק־קעדיגע קראַנקהייטען דער רעזולטאַט פון אַזעלכע עבירות, ווי „לשון הרע״ און „גסות הרוח״. באַריידען איינער דעם צווייטען און האַלטען זיך גרויס איבער אַ חבר פאַראורזאַכען גייסטיגע עפּידעמיעס. זיי ברעכען די גאַנצקייט פון פאָלק און ברייגגען צו רייבונגען און שפּאַלטונגען וועלכע שטערען דעם וואוקס פון זיינע אייגענשאַפטען און פעהיגקייטען. דער בעש״ט זצ״ל טייטשט דעם פּסוק „לא תלך רכיל בעמך״ אזוי: „רייד ניט קיין רכילות אויף דיין פאָלק״. ליידער, זיינען ביי אונז פאַראַן פילע, וועלכע האָבען ליב צו קריטיקירען אידען אויך אין דער געזעלשאַפט פון ניט־אידען. זיי פאַרשטייען ניט, אַז מיט דעם פאַרשפּרייטען זיי האָס צו זייער פאָלק און פאַראַכטונג פאַר זיך אַליין. עס זיינען, ליידער, ביי אונז פאַראַן אויך אַ סך אידען, וועלכע מאַכן חוזק פון אידישע מנהגים און טראַדיציעס אין דער געגענוואַרט פון זייערע אייגענע קינדער. זיי באַגרייפען ניט, אַז דערמיט גראָבען זיי אונטער זייער רעספּעקט פאַר דעם אידישען פאָלק און דערווייטערען זיי פון דער אידישער מחנה.

ג׳ שטראָפט דעם מענשען „מגופו״, פון זיין אייגענעם קערפּער. אויב ער פירט זיך ניט אויף ווי עס באַדאַרף צו זיין, הויבט ער אָן צו ליידען פון איבערליכע קראַנקהייטען, וועלכע פאַרמיאוס׳ען זיין לעבען. אויך אַ פאָלק, וואָס פירט זיך ניט אויף ווי זיין תורה פאַרלאַנגט פון אים, ליידט „מגופו״, פון איבערליכע ברוכען. זיינע יונגע דורות דערווייטערען זיך פון אים, זיינע כוחות ווערען אויסגעצערט און ער ווערט אויסגעזעצט צו אַלערליי פאַרפאָלגונגען און רדיפות.

הפטרה

די נגע צרעת פון גאוה.

וארבעה אנשים היו מצורעים.

„זה גחזי ושלשה בניו — דוחה היה את התלמידים מפני אלישע כשהיה משמש לפניו" — דאָס זיינען געווען גחזי און זיינע דריי זין — ער פלעגט פאַרטרייבן די תלמידים פון אלישע'ן, ווען ער האָט אים באַדינט (סנהדרין ק"ז ע"ב).

אין דער היינטיגער הפטרה ווערט איבערגעגעבן אַ מערקווירדיגער נס, וואָס האָט פאַסירט אין אַ מלחמה קעגען די אידען אין דער צייט פון קעניג יהורם בן אחאב:

דער קעניג פון ארם האָט צוזאַמענגעקליבען אַ גרויסע אַרמיי און האָט באַלאַגערט די אידישע מלוכה־שטאָט שומרון. די באַלאַגערונג האָט אָנגעהאַלטען אַ לאַנגע צייט און אין שטאָט האָט אויסגעבראָכען אַ שרעקליכער הונגער. איין נאַכט אָבער איז פּלוצלינג אָנגעפאַלען אַ שרעק אויף די מחנות פון ארם, און איבערלאָזענדיג זייער געווער מיט זייער גאַנצען האָב־און־גוטס, זיינען זיי זיך צעלאָפען פון שלאַכטפעלד.

פיר קרעציגע מענשען, וועלכע האָבען זיך דעמאָלט געפונען אין אַן איזאָלירטען פּלאַץ אויסער'ן שטאָט, זיינען די נאַכט צוגעקומען נאָענט צום לאַגער פון דער ארמי'שער אַרמיי און האָבען אויסגעפונען, אַז די גרויסע חיילות זיינען זיך צעלאָפען. זיי האָבען די נייעס איבערגעגעבען צום וואַכמאַן, וועלכער איז געשטאַנען איבער'ן טויער פון שומרון, און ער האָט דאָס געלאָזט וויסען אין קעניגליכען הויף.

צוערשט האָט דער קעניג געצעגערט צו נעמען וועלכע עס איז שריט און אַרויסשיקען זיינע אַרמייען. ער האָט חושד געווען, אַז די גענעראַלען פון ארם האָבען דאָ געמאַכט אַ סטראַטעגישען צוג און ווילען אַרויסנאַרען די אידישע אַרמייען פון שטאָט, כדי זיי צו קאָנען פאַרניכטען. אָבער אויף דער עצה פון איינעם פון זיינע אַדיוטאַנטען האָט ער איינגעשטימט צו שיקען אַן אונטערזוכונגס־עקספּעדיציע פון פינף קאַוואַלעריסטען. ווען זיי זיינען געקומען צוריק מיט דער פרייליכער בשורה, אַז דער באַריכט פון די מצורעים איז אַ

ריכטיגער, האָט דער קעניג אַרויסגעשיקט זיין אַרמיי, וועלכע האָט צוריקגע־בראַכט גענוג עסענוואַרג און קליידער צו ברעכען דעם הונגער פון דער שטאָט.

ווער זיינען עס געווען די פיר „מצורעים", וואָס דורך זיי איז געקומען אויף די אידען אַזאַ גרויסע ישועה? און אויב זיי זיינען ווערט געווען צו זיין די גוטע שליחים, וואָרום האָט זיי געקומט צו זיין מצורעים און צו ווערען אויס־געשלאָסען פון דער אידישער געמיינדע?

און די חז"ל זאָגען אונז: זיי זיינען געווען גחזי און זיינע דריי זין, ווי באַקאַנט ווערט אַנגעגעבען אין תנ"ך, אַז די אורזאַך, פאַרוואָס גחזי איז געוואָרען אַ „מצורע", איז ווייל אלישע הנביא האָט אים פאַרשאָלטען פאַר אָפּנאַרען דעם „שר צבא" נעמן פון ארם, וועלכער איז געקומען צו אלישע'ן מיט אַ בקשה, ער זאָל אים אויסהיילען פון זיינע קרעץ. אלישע האָט זיין בקשה דערפילט, און אַז נעמן האָט אים דערפאַר געוואָלט באַפרידיגען, האָט ער זיך, צוליב פּאָליטישע טעמים, אָנטזאָגט צו נעמען פון אים די קלענסטע מתנה.

גחזי אָבער, וועלכער איז געווען שטאַרק געלט־גייציג, איז נאָך אים נאָכגעלאָפען און, אָנגעבענדיג אַ פאַלשען תירוץ, אַז אָט איצט זיינען צו אלישע'ן אָנגעקומען צוויי יונגע נביאים פון הר אפרים און אים געלאָזט וויסען, אַז זיי זיינען אין גרויס נויט, האָט ער פון אים געבעטען אַ גרויסע מתנה. נעמן האָט אים געגעבען דאָפּעלט פון דעם, וואָס ער האָט פאַרלאַנגט. ווען ער איז צוריק־געקומען, האָט אים אלישע פאַרשאָלטען, אַז די קרעץ פון נעמן זאָל איבערגיין אויף אים און זיינע קינדער. אָבער די תאוה זייערע צו געלט איז נאָך ביי זיי פאַרבליבען. אויך אין דעם גרויסען היסטאָרישען מאָמענט, וואָס זיי האָבען געזעהן אַזאַ גרויסע ישועה פאַר דעם פאָלק, האָבען זיי צוערשט זיך געהאַט אין זינען. ווי עס ווערט בפירוש געזאָגט אין פסוק: זיי זיינען אַרומגעגאַנגען פון איין געצעלט צום צווייטען, „וישאו משם כסף וזהב וילכו ויטמינו", זיי האָבען פון דאָרט ארויסגעטראָגען זילבער און גאָלד און זיינען אַוועק מיט דעם צו באַהאַלטען עס פאַר זיך.

און זיין געלט־גייץ האָט זיך צו אים גענומען צוליב זיין „גאוה". „דוחה היה את התלמידים מפני אלישע", גחזי האָט זיך גרויס געהאַלטען איבער די תלמידים פון אלישע און האָט זיי געדריקט און גע'רודפ'ט. זיין פוסטע „גאוה" איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ווען אלישע האָט נאָכדעם חרטה געהאַט און האָט אים געבעטען „חזור בך", „טו תשובה אויף דיינע זינד און איך וועל דיך

אויסהיילען פון דיין קראַנקהייט", איז אים ניט אָנגעשטאַנען צוצוגעבען, אַז ער איז געווען אומגערעכט, און ער איז דערפאַר פאַרבליבען קרעציג זיין גאַנצען לעבען לאַנג (סוטה מ"ז ע"א).

ג.

קערפּערליכע און גייסטיגע קראַנקהייטען

וראה הכהן את הנגע.

„אין רואין את הנגע ביום המעונן! כהן שסומא באחת מעיניו אסור לראות את הנגעים" — מען זאָל ניט נאָכזעהן די נגע אין אַ וואָלקענדיגען טאָג; אַ כהן, וואָס איז בלינד אויף איין אויג, טאָר ניט זעהן די נגעים (מסכת נגעים פ"ב).

סאַניטאַרע איינריכטונגען, וועלכע זאָלען פאַרהיטען דאָס פאָלק פון קראַנקהייטען, זיינען, ווי געוויינליך, צווישען די אויפגאַבען פונ'ם שטאַט. די רעגירונג פון אַ לאַנד איז פאַרפליכטעט צו זאָרגען פאַר דעם געזונט פון די אונטערטאַנען. היגיענישע געזעצען, וואָס זאָלען איזאָלירען אַנשטעקעדיגע קראַנקהייטען, כדי זיי זאָלען זיך ניט פאַרשפּרייטען צווישען דער באַפעלקערונג, ווערן ביי די אומות העולם דורכגעפירט פון די ממשלות. זייערע קירכעס זאָרגען זיך גאַנץ ווייניג פאַר דעם. ביי זיי איז די אמונה בלויז אַ ג' זאַך און האָט צו טאָן נאָר מיט די גייסטיגע און מאָראַלישע פליכטען. ביי אונז אידען אָבער זיינען אויך היגיענישע געזעצען אַ טייל פון אונזער אמונה, וועלכע שטאַמט פון דעם קוואַל פון לעבען, און איר הויפּט ציל איז צו פאַרגרינגערען און פאַרבעסערען דאָס מענשליכע לעבען.

די סדרות „תזריע" און „מצורע", וועלכע זיינען געווידעמט צו לערנען דעם אידישען פאָלק די פאַרשיידענע דינים פון „טומאה" און „טהרה", ווי אויך אָפּצוהיטען פון שמוץ, וואָס קאָן פאַרשפּרייטען קראַנקהייטען, און ווי זיך צו האַלטען ריין, כדי צו פאַרהיטען אַנשטעקענדיגע קראַנקהייטען, זיינען די אידען געגעבען געוואָרען אין דער מדבר, נאָך איידער זיי זיינען אַריין אין זייער אייגען לאַנד. די חז"ל באַמערקען, אַז די ביידע סדרות קומען גלייך נאָך

דער סדרה „שמיני", וואו מיר ווערען געלערענט וואָס מיר קענען עסען און וואָס מיר טאָרען ניט עסען, ווייל טרפה עסענס ברייגגען קראַנקהייטען אויפ'ן מענשען. די מיקראָבען פון אַלע לעבעדיגע חיות ליגען אין זייערע בלוטען, און אויב מען איז ניט אָפּגעהיט, זיינען זיי עלול איבערצוגעבען פאַרשיידענע קראַנקהייטען, אויב מען עסט זיי.

די סדרה „שמיני" ענדיגט זיך מיט דער געטליכער דערקלעהרונג: „אל תשקצו את נפשותיכם" — באַשמוצט ניט אייערע זעלעס, „והייתם קדושים כי קדוש אני" — איר זאָלט זיין היילינ, ווייל איך בין הייליג. איידער איר גייט אַריין אין אייער לאַנד, וואו „עיני ה' בה מראשית השנה ועד אחרית השנה" — וואו ג'ס אויגען זיינען אויף דעם געריכטעט פון אָנפאַנג יאָר ביז'ן סוף יאָר, „פרושים תהיו" — זאָלט איר זיך אָפּשיידען פון יעדער אומריינ־ליכקייט. איך לערן אייך דעריבער: „להבדיל בין הטמא ובין הטהור, ובין החיה הנאכלת ובין החיה אשר לא תאכל" — צו קענען אונטערשיידען צווישען אַ אומריינער זאַך און אַ ריינער זאַך, אויך צווישען אַ חיה, וואָס איר מעגט עסען, און אַ חיה, וואָס זאָל ניט געגעסען ווערען (מדרש רבה).

„ולא יטמאו את מחניכם כי אני שוכן בתוכם" — זיי זאָלען ניט פאַר־אומרייניגען זייערע לאַגערען, ווייל איך וואוין צווישען זיי. אין דעם, זאָגט דער כוזרי, באַשטייט דער הויפּט געדאַנק פון דער אידישער אמונה. דאָס אידישע לעבען מוז זיין אַ סינטעז פון געטליכקייט און מענשליכקייט. ג' וויל וואוינען צווישען די אידען און ווערען אַ טייל פון זייער לעבען. די אידישע רעליגיע איז ניט בלויז אַ הימלישער ענין, וואָס באַגרעניצט זיך נאָר צו „דברים שבין אדם למקום" — פליכטען, וואָס האָבען צו טאָן בלויז מיט גאָט־זאַכען. ביי אידען איז די אמונה אַ „תורת חיים" — אַ לערע ווי צו לעבען אויף דער ערד און צו קענען געניסען פון אַלץ, וואָס די רייכע נאַטור האָט צו אָפּערען דעם מענשען. די אידישע רעליגיע איז דעריבער ניט נאָר אַ גייסטיגע פאַר־בינדונג צווישען ג' און מענש. זי איז הויפּטזעכליך אַ פאָלקס־קאָנסטיטוציע, וואָס נעמט אַרום אַלע פאַזען פון דעם מענשליכען לעבען. אירע דינים זיינען באַקאַנט אין דער אידישער טראַדיציע אונטער דעם נאָמען „הלכות", וואָס מיינט — גאַנגען, ווייל זיי לערנען אונז דעם אידישען „הלוך", דעם גאַנג ווי זיך צו פירען, כדי צו קענען דערגרייכען דעם אמת'ן תכלית פון דעם מענשליכען לעבען. כדי אָבער, אַז ג' זאָל קענען וואוינען צווישען די אידען,

מוזען זיי זיך גייסטיג און קערפערליך רייַן. "לפני ה׳ תטהרו" — פאַר ג׳ מוזט איר זיך רייניגען.

די „אגדה", וועלכע זוכט צו דערגיין אויף די מאָראַלישע כונה פון יעדען געזעץ אין דער תורה, זעהט אין די פרשות־נגעים פיל מער ווי די טרוקענע דינים פון טומאה וטהרה. איר אינטערעסירט צו וויסען פאַרוואָס ג׳, וועלכער איז אַ „בעל רחמן", שיקט אַן אויף די מענשען אַזעלכע קראַנקהייטען. און זי קומט צום שלוס, אַז די אַלע נגעים און עפידעמיעס זיינען אַ טייל פון דעם „שכר ועונש", פון פאַרדינטע באַלוינונגען, אָדער שטראָפען, וואָס דער אויבער־שטער טיילט אויס די מענשען פאַר זייערע אויפפירונגען. „הנגעים אינם באים אלא על אדם שעבר על מצות בוראו" — קראַנקהייטען קומען נאָר אויף דעם מענשען, וואָס האָט פאַרבראָכען קעגען די געזעצען פון זיין באַשעפער, און זיינען אַ וואָרנונג פאַר אים צו פאַרבעסערען זיינע וועגען (מדרש אגדה).

דער רמב"ם, אין „הלכות צרעת", דריקט אויס דעם פאָלגענדען שיינעם געדאַנק: „לשון הרע הויבט זיך אָן געוויינליך מיט באַריידען איינעם ביי זיך אין הויז פאַר דער אייגענער פאַמיליע. פאַר דעם חטא ווערט דאָס הויז געשטראָפט מיט אַ נגע־צרעת. די קינדער און דאָס גאַנצע הויזגעזינט ווערען אָנגעשטעקט מיט דער זעלבער מחלה און ברייגגען אַרויס לשון הרע אויף די אַנדערע, דאָס ברעכט דעם שלום־בית. אויב ער טוט ניט קיין תשובה, דאַן ווערט ער געשלאָגען מיט אַ קרעץ אויף זיינע קליידער, ער פאַרלירט דעם צוטרוי פון מענשען און מען היט זיך צו רעדען אין זיין געגענוואַרט. אויב ער באַמערקט עס ניט און זעצט פאָרט זיין רכילות־טרייבעריי, דעמאָלט ווערט ער געשטראָפט מיט אַ קרעץ אויף זיין אייגענעם גוף, וואָס שליסט אים אויס פון דער געזעלשאַפט און איזאָלירט אים פון אַלע געוועזענע פריינד און באַקאַנטע".

דער געדאַנק, אַז די נגעים, וואָס באַפאַלען אַ מענשען, זיינען אַ שטראָף פון ג׳ פאַר די חטאים, וואָס ער איז באַגאַנגען, ווערט שטאַרק אויסגענוצט אין די אַלטע דרוש־ספרים. פון די פאַרשיידענע נגעים, איבער וועלכע עס ווערט גערעדט אין דער תורה, און אויך פון די פיל דינים אין דער גמרא, ווי מען זאָל זיך באַגיין מיט אונטערזוכען און היילען זיי, ציען די דרשנים הויכע מאָראַלישע שלוסען, וואָס ברייגגען אַרויס אַ מוסר השכל פאַר יעדען מענשען. מיר וועלען דאָ פרובירען איבערצוגעבען אייניגע פון זייערע טיפע געדאַנקען, וועלכע וואַרפען אַ קלאָר ליכט איבער דער מאָראַל פון אידישען גלויבען, וואָס

האָט באַשיצט און געהאַלטען פאַראייניגט דאָס אידיש פאָלק אויף אַלע זיינע וואַנדערונגען:

אין אונטערזוכען די נגעים אָדער חטאים פון אַ מענשען מוז מען זיין העכסט פאָרזיכטיג: „וראה הכהן את הנגע" — דער כהן מוז זעהן די נגע. „אין רואין את הנגעים ביום המעונן" — מען זאָל ניט זעהן די נגע אין אַ פאַרוואָלקענדיגען טאָג. איידער מען גיט אַרויס דעם אורטייל, צי איז דער מענש טמא אָדער טהור, זאָל מען שטודירען זיינע אומשטענדען. אויב זיינע טעג זיינען פאַרוואָלקענט און זיין לאַגע איז זעהר אַ געדריקטע, זאָל מען אים ניט פאַראורטיילען אויסגעשלאָסען צו ווערען פון דער געזעלשאַפט. ווידער, „כהן שסומא באחת מעיניו אסור לראות את הנגעים" — אַ כהן, וואָס איז בלינד אויף איין אויג, טאָר ניט אורטיילען איבער די נגעים־חטאים (נגעים פ"ב). מען מוז זיינע מעשים באַטראַכטען מיט ביידע אויגען. איין אויג דאַרף זעהן די נגע און די צווייטע — די סיבות, די אורזאַכען, וועלכע האָבען די נגע אַרויסגערופען (מדרש החיים).

„ושער בנגע הפך לבן" — אויב די האָר אַרום דער נגע זיינען געוואָרען ווייס, איז עס אַ „נגע צרעת", אַ שלעכטע קרעץ. אויב אַ מענש זינדיגט אין זיין יוגענט, איז נאָך דאָ אַ האָפנונג, אַז ער וועט עלטער ווערען און וועט קומען צום שכל און תשובה טאָן אויף זיינע חטאים. אויב אָבער די חטאים האָבען שוין גרויע האָר, איז ער שוין אַן אַלטער מאַן און האַלט נאָך אין זינדיגען, „טמא הוא" — איז ער אַ אומריינער. אַזאַ בעל־עבירה איז שוין אַ פאַרפאַלענער און מוז באַזייטיגט ווערען פון דער אידישער מחנה (תפארת יונתן).

„ומראה הנגע עמוק מעור בשרו — נגע צרעת הוא" — אויב דער אויסזעהן פון דער נגע איז טיפער אין לייב פון זיין פלייש, איז עס אַ שלעכטע קרעץ. כל זמן די נגע ליגט ביי דעם מענשען פון אויבען, איז נאָך דאָס אומגליק ניט אַזוי גרויס, איז נאָך דאָ אַ האָפנונג, אַז ער וועט זיך אויסהיילען. קוים אָבער איז די נגע שוין אַריינגעקראָכען טיפער ווי אין דעם פלייש, אין די מחשבות, אין מוח — איז עס אַ נגע צרעת, אַ שווערע נגע, אויף וועלכער עס איז שוין קיין תקנה ניטאָ (רבי יוסף שאול נאַטאַנסאָן).

הפטרה

אַ פאַרדינטע שטראָף.

וירמסוהו העם בשער וימת.

„מאי בשער? על עסקי שער“ — וואָרום דערציילט אונז דער פסוק, אַז מען האָט אים צעטראָטען אויפ'ן מאַרק? דאָס איז צוליב דעם, וואָס ער האָט אָפּגעשפּאָט פון אלישע'ס נבואה, אַז מיט ג'ס הילף וועט מען באַקומען עסענוואַרג פאַר זעהר ביליגע פרייזען (סנהדרין צ' ע"ב).

כל זמן דער קעניג אחאב האָט געלעבט, איז די אידישע מלוכה אין שומרון געווען די פירענדע מאַכט אין דעם גאַנצען אָריענט. ווי עס ווייזט אויס פון די פאַרשידענע פסוקים אין דברי הימים און אויך אין דער גמרא און מדרש, איז אחאָב געווען איינער פון די פינף גרויסע מלכים, וואָס האָבען באַהערשט כמעט די גאַנצע וועלט. זיין אימפעריע האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער פיל ימ'ען און לענדער. אָבער נאָך זיין טויט האָט די אימפעריע גענומען זיך צעפאַלען. איין פאָלק נאָך דעם אַנדערען האָט רעוואָלטירט און זיך דערקלערט אומאָפּהענגיג פון דער מלוכה אין שומרון, צו וועלכער זיי האָבען געצאָלט צינזען פאַר אַ לאַנגער צייט.

יהורם דער זון פון אחאב, וועלכער האָט איבערגענומען די מלוכה, איז געווען אַ שוואַכלינג און אַ קנאַפּער סטראַטעג. ער האָט ניט געהאָט דעם מוט צו באַקעמפען די פעלקער, וועלכע האָבען זיך אָפּגעריסען, און אים האָט אויך געפעלט דער צוטרוי פון די ברייטע אידישע מאַסען. ער איז געווען פאַרהאַסט ביים פאָלק, ווייל ער האָט זיך אויפגעפירט אין די וועגען פון זיין מוטער איזבל און האָט געדינט צו אַלע אָפּגעטער, וועלכע זי האָט פאַרהייליגט. ווי מיר זעהן עס אַרויס פון פסוק, וואָס דערציילט אונז, אַז ווען ער איז איינמאָל געקומען צו אלישע הנביא ביי אים פרעגען אַן עצה ווי זיך צו באַשיצען קעגען דעם אָנפאַל פון מואב, האָט אים אלישע מיט צאָרן געפרעגט: „מה לי ולך? לך אל נביאי אמך“ — וואָס פאַר אַן עסק האָסטו מיט מיר? גיי צו ד' נביאים פון דיין מוטער (מלכים ב' ד').

די לאַגע פון דער מלוכה אין שומרון איז געוואָרען אַלץ שווערער. די

שכנ׳ישע פעלקער האָבען אָנגעהויבען טעראָריזירען דאָס לאַנד. איבערהויפּט האָבען די אידען שטאַרק געליטען פון ארם, וועלכע פלעגט גאַנץ אָפט באַפאַלען די גרעניץ־שטעט און נעמען געפאַנגען אידישע מענער און פרויען פאַר צוואַנג־אַרבייט. דער קעניג יהורם, דער שוואַכלינג האָט ניט אַרויסגעוויזען קיין צו־גרויסען ווידערשטאַנד. דאָס האָט דערמוטיגט בן הדד, דעם קעניג פון ארם, און ער האָט צוזאַמענגענומען זיין גאַנצע אַרמיי און באַלאַגערט די אידישע הויפּטשטאָט שומרון. די באַלאַגערונג האָט אָנגעהאַלטען אַ לאַנגע צייט, וואָס האָט פאַראורזאַכט אַ שרעקליכען הונגער. דער קעניג יהורם האָט זיך דעמאָלט געווענדט צום נביא אלישע און פון אים שטרענג געפאָדערט, אַז ער זאָל תפילה טאָן צו ג׳, אַז ער זאָל ראַטעווען די שטאָט. אלישע האָט דאַן נביאות געזאָגט, אַז מאָרגען אין דער צייט וועט אין שטאָט ווערען אַ זול אויף אַלערליי עסענוואַרג.

איינער פון דעם קעניג׳ס באַדינער, הערענדיג אָט די נבואה פון אלישע, האָט זיך אויסגעלאַכט פון אים און באַמערקט: „הנה ה׳ עושה ארובות בשמים היהיה הדבר הזה?״ — ווען אפילו ג׳ זאָל עפענען פענסטער אין הימעל, קען דען אַזאַ זאַך פּאַסירען? האָט אים אלישע געענטפערט: „הנה רואה בעיניך ומשם לא תאכל״ — דו וועסט עס זעהן מיט דיינע אויגען, אָבער דו אַליין וועסט פון דעם ניט עסען. אין דער זעלבער נאַכט איז פּלוצים אָנגעפאַלען אַ שרעק אויף די מחנות פון ארם, און איבערלאָזענדיג זייער געווער און פּראָוויאַנט, זיינען זיי זיך צעלאָפען פון דעם שלאַכטפעלד. ווען מען האָט די אַלע עסענוואַרגס געבראַכט אין שטאָט אַריין, איז געוואָרען אַ גרויסער זול, ווי דער נביא האָט פאַרשפּראָכען. ווען דער באַדינער פון דעם קעניג, וואָס האָט אָפּ־געלאַכט פון אלישע, איז געקומען אויפ׳ן מאַרק, איז ער אומגעוואָרפען געוואָרען פון דעם געדראַנג און איז צעטראָטען געוואָרען אויף טויט.

זאָגען אונז די חכמים, אַז זיין שטראָף איז ניט געווען צוליב דער קללה, וואָס אלישע האָט אים געשאָלטען. דאָס איז אים געקומען צוליב דעם, וואָס ער האָט אָפּגעלאַכט פון אַ געטליכער נבואה. דערפאַר איז ער געפאַלען „בשער״, אויפ׳ן מאַרק, ווייל ער האָט גע׳חוזק׳ט „על עסקי שער״ — פון די ביליגע פרייזען, וואָס אלישע האָט פאַרשפּראָכען אין נאָמען פון ג׳.

ד.

סאַניטאַרע געזעצען זיינען אַ טייל פון דער אידישער אמונה

זאת תורת נגע צרעת.

„קשה לפני הקב״ה לפשוט ידו באדם הזה, ומה הוא עושה? מתרה בו תחלה ואחר כך מלקה אותו. בתחלה מלקה ביתו, שנאמר „ונתתי נגע צרעת בבית ארץ אחוזתכם״. חזר בו מוטב, ואם לאו מלקה בגדיו, שנאמר „והבגד כי יהיה בו נגע צרעת״. חזר בו מוטב, ואם לאו באים בגופו, שנאמר „אדם כי יהיה בעור בשרו״ — שווער איז פאַר ג׳ אויסצושטרעקען זיין האַנט צו שלאָגען דעם מענשען. וואָס־זשע טוט ער? וואָרענט ער אים צוערשט און נאָכדעם שלאָגט ער אים. צוערשט שלאָגט ער זיין הויז, ווי עס ווערט געזאָגט: איך וועל געבען אַ שווערע קראַנקהייט אין דעם הויז פון אייער וואוין־לאַנד״. האָט ער חרטה אויף זיינע זינד, איז גוט; אויב ניט, שלאָגט ער אים אין זיינע בגדים, ווי עס ווערט געזאָגט: „און דאָס קלייד, וואָס וועט אין אים זיין אַן אַנשטעקענדיגע קראַנקהייט״. האָט ער תשובה געטאָן, איז גוט; אויב ניט, קומען די קראַנקהייטען אויף זיין גוף, ווי עס ווערט געזאָגט: „אַ מענש, וואָס וועט אויף דער הויט פון זיין פלייש ווערען אַ קרעץ״ (מדרש רבה).

„רעליגיע, ווי עס ווערט אין אַלע ווערטער־ביכער דערקלערט, מיינט גלויבען אין ג׳ און תפילה טאָן צו אים. די דאָזיגע דערקלערונג״, זאָגט פּראָפעסאָר הערמאַן כהן, „מעג זיך גוט פּאַסען פאַר אַלע אַנדערע רעליגיעס, אָבער ניט פאַר דער אידישער. דער דאָזיגער באַגריף איז צו־קליין און צו־מאָגער צו קאָנען איבערגעבען די ריכטיגע באַדייטונג פון „אמונת ישראל״. ביי אונז אידען איז די רעליגיע ניט בלויז אַ הימלישע זאַך, וואָס באַגרעניצט זיך נאָר צו „דברים שבין אדם למקום״, פליכטען וואָס האָבען צו טאָן מיט גאָט־זאַכען. ביי אידען איז די אמונה א „תורת חיים״, אַ לערע ווי צו לעבען אויף דער ערד און צו קאָנען געניסען פון אַלץ, וואָס די רייכע נאַטור האָט צו אָפּערען דעם מענשען. די אידישע רעליגיע איז דעריבער ניט נאָר אַ גייסטיגע פאַרבינדונג צווישען ג׳ און מענש. זי איז הויפּטזעכליך אַ פאָלקס־קאָנסטיטוציע, וואָס נעמט אַרום אַלע פאַזען פון דעם מענשליכען לעבען. אירע דינים זיינען באַקאַנט אין דער טראַדיציע אונטער דעם נאָמען „הלכות״, וואָס מיינט „גאַנגען״, ווייל זיי לערנען

אונז דעם אידישען „הלוך", דעם גאַנג ווי זיך צו פירען, כדי צו קאָנען דער־גרייכען דעם אמת'ן תכלית פון דעם מענשליכען לעבען.

„נעמט, צום ביישפּיל, די דינים פון טומאה און טהרה", זאָגט ווייטער פּראָפעסאָר הערמאַן כהן, „די דינים ווי איינצופירען סאַניטאַרע איינריכטונגען, וועלכע זאָלען פאַרהיטען די מענשען פון אַנשטעקענדיגע קראַנקהייטען, וואָס קענען זיך לייכט פאַרשפּרייטען צווישען פאָלק, אויב מען איזאָלירט זיי ניט און מען דערלויבט דעם קראַנקען פריי צו פאַרקערען אין דער געזעלשאַפט. ביי אַלע אַנדערע פעלקער זיינען אַזעלכע געזעצען אַ טייל פון דעם שטאַט, וואָס דאַרף זיך זאָרגען פאַר דעם היגיענישען מצב פון זיינע אונטערטאַנען. אָבער ביי אונז אידען זיינען זיי אַ טייל פון דער רעליגיע, ווען די דאָזיגע דינים זיינען געגעבען געוואָרען, זיינען די אידען געווען אַ פאָלק אָהן אַ לאַנד, וואו זיי צו קאָנען איינפירען און פּראַקטיצירען. אויסער דעם האָבען די דאַמאָלסדיגע פעלקער געהאַט אַ קנאַפּע אַהנונג פון היגיענע און סאַניטאַציע. סאַניטאַרע איינריכטונגען אין לאַנד קאָסטען פיל געלט און מי. היגיענישע מיטלען פאָדערען געוויסע באַשרענקונגען, וואָס זיינען ניט אַלעמאָל לייכט נאָכצוקומען און דורכצופירען, און צו דעם זיינען די מענשען פון יענע דורות ניט געווען גענוג דערצויגען און דערוואַקסען.

„די אידישע תורה אָבער זוכט צו פאַרהיטען דאָס געזונט פון אירע נאָכפאָלגער. און כדי זיי זאָלען שטרענג אָפּגעהיט ווערען פון פאָלק, האָט משה די אַלע דינים פון טומאה און טהרה געמאַכט פאַר אַ טייל פון דער אידישער אמונה. זיין דערקלערונג צום פאָלק וועגען דעם איז געווען: ג' וויל וואוינען צווישען די אידען, און די אידען ווילען דאָך טאַקע, אַז ג' זאָל זיין מיט זיי, אָבער דאָס קאָן נאָר געשעהן, אויב זיי וועלען זיך האַלטען הייליג, און קדושה פאָדערט „טהרה", ריינליכקייט. „לפני ה' תטהרו" — פאַר ג' דאַרפט איר זיך ריינינגען. „והייתם קדושים כי קדוש אני, ולא תטמאו את נפשותיכם" — איר מוזט זיין הייליג, ווייל איך בין הייליג, און איר זאָלט דערפאַר ניט פאַראומ־ריינינגען אייערע זעלעס. „ולא יטמאו את מחניכם", כי אני שוכן בתוכם" — די אָנגעשטעקטע פון פאַרשיידענע קראַנקהייטען זאָלען ניט פאַראומריינינגען זייערע מחנות, ווייל איך וואוין דאָרט".

אָט טאַקע צוליב דעם, וואָס ג' אַליין פאַרלאַנגט ריינליכקייט און אָנטזאָגט זיך צו וואוינען צווישען זיי, אויב זיי וועלען ניט אָפּהיטען די סאַניטאַרע געזעצען, האָבען די אידען, וועלכע ווערען באַהערשט פון דער אמונה, שטענדיג

שטאַרק אָפּגעהיט די דינים פון טומאה און טהרה און פאַרוואַנדעלט ארץ־ישראל אין אַ ריין און געזונט לאַנד, וואָס „עיני ה׳ בה מראשית השנה ועד אחרית השנה" — וואו ג־ס אויגען זיינען אויף איר געריכטעט פון אָנפאַנג יאָר ביז׳ן סוף פון יאָר. דער גרויסער אידישער פּאָעט און געלערענטער חיים נחמן ביאליק ע"ה האָט מיר אַמאָל געזאָגט: „כדי מענשען זאָלען קאָנען ריכטיג אָפּשאַצען וואָס די סדרות „תזריע" און „מצורע" האָבען אויפגעטאָן פאַר די אידען, זאָלען זיי, איידער זיי קומען קיין ארץ־ישראל, פריער באַזוכען עגיפּטען, וועלכע איז נאָך ביז היינטיגען טאָג שטאַרק הינטערשטעליג בנוגע סאַניטאַרע איינריכטונגען".

ווען איר מאַכט אַ רייזע דורך מצרים, וואַרפען זיך אייך אין די אויגען טויזענטער מענשען מיט קרעציגע געזיכטער, אויסגערונענע אויגען פון טראַכאָמאַ און אַנדערע „אָנשטעקעדיגע קראַנקהייטען. אפילו אין דעם „אלכזר", וואָס איז דער גרעסטער טעאָלאָגישער סעמינאַר פון די מאַכמעדאַנער אין קאַירע, מצרים, וועט איר צווישען די טויזענטער תלמידים געפינען הונדערטער מיט פאַרפּעסטעטע געזיכטער און קראַנקע אויגען. איך האָב באַזוכט אָט דעם גרויסען לערן־אַנשטאַלט אין דער באַגלייטונג פון אַ באַוואוסטען עגיפּטישען דאָקטאָר, וואָס האָט געשטודירט אין אמעריקע. באַמערקענדיג זייערע קרעציגע געזיכטער און אויסגערונענע אויגען, האָב איך אים געפרעגט: „דאָס זענען דאָך שוין די געבילדעטע פון פאָלק, וואָרום באַזוכען זיי ניט אַ דאָקטאָר?" האָט ער מיר געענטפערט: „דאָס איז קעגען זייער אמונה. זיי גלויבען, אַז אויב דער מענש ווערט אָנגעשטעקט מיט אַ מחלה איז עס אַ סימן, אַז אַזוי איז דער ווילען פון ג׳, און דער מענש טאָר קיין זאַך ניט טאָן צו ענדערען זיין רצון".

אין דעם באַשטייט דער אונטערשייד פון אונזער אומה אין פאַרגלייך צו אַנדערע. ביי די אידען איז די אמונה ניט באַגרעניצט צו תפילות און ג׳־בעטען. די אידישע אמונה איז אַן אוצר פון לעבען און זי זוכט צו פאַרשענערן און פאַרבעסערען דאָס מענשליכע לעבען. צו זיין פרום מיינט ניט נאָר צו גיין אין שוהל דאַווענען ווי אַ איד. מען מוז אויך לעבען ווי אַ איד, און אַ אידיש לעבען מוז זיין ריין קערפּערליך אַזוי גוט ווי גייסטיג...

מאַנכע פון אונזערע האַלב־אויפגעקלערטע האָבען ליב חוזק צו מאַכען פון די פאַרשיידענע דינים און מנהגים ביי אידען. „נטילת ידים", וואַשען די הענט פאַר׳ן עסען, אָדער „מים אחרונים", וואַשען די הענט נאָכ׳ן עסען, ווערט פון זיי גרינג געשעצט, ווייל אונזערע תלמוד׳יסטען האָבען דערקלערט, אַז

מיט דעם העלפט מען אוועקצוטרייבן דעם „רוח רעה", דעם שעדליכען גייסט, וואָס שוועבט איבער די הענט. זיי פאַרשטייען ניט, אַז מיט דעם „רוח רעה" ווערען געמיינט די באַצילען, וואָס טראָגען איבער קראַנקהייטען פון איינעם צום צווייטען. „ידים שניות הן לטומאה" — די הענט זענען אימער נאָענט צו טומאה, צו אומריינליכקייטען. איבערהאַלטענדיג פאַרשיידענע געגענשטאַנדען אַ טאָג קאָן זעהר זיין, אַז זיי האָבען באַרירט עפּעס אַנשטעקענדיגס און דעריבער איז וואַשען די הענט אַ גוטער מיטעל קעגען פאַרשפּרייטען פאַרשיידענע מחלות.

צו מיין פאָטער ע"ה איז אַמאָל געקומען אַ באַוואוסטער משכיל אין מינסק און אים געפרעגט: „אויב איהר גלויבט שוין יאָ אין אַ שלעכטען רוח און דערפאַר זענט איהר שטרענג מיט דער מצוה פון „נטילת ידים", וואָרום־זשע פסק'ענט די גמרא, אַז „מים ראשונים רשות", און „מים אחרונים חובה"? אַז וואַשען די הענט פאַר'ן עסען איז בלויז אַ פרייוויליגע זאַך, אָבער וואַשען די הענט נאָכ'ן עסען איז אַ פליכט?"

„וואָס איז דאָ ניט צו פאַרשטיין?" האָט אים מיין פאָטער געענטפערט, „די מצוה איז דאָך געמיינט צו פאַרהיטען דאָס געזונט פון די מענשען. ווען דו גייסט עסען און דו האָלסט וויניג פון דער מצוה פון נטילת ידים, קאָנסטו טאָן וואָס דו ווילסט, איבער דיין אייגען געזונט ביזטו באַלעבאָס. אויב דו ווילסט זיך נישט וואַשען פאַר'ן עסען איז עס דיין פריוויליגיע. ווען אָבער דו פאַטשקעסט איין דיינע הענט אין די פאַרשיידענע מאכלים און גייסט אַרויס אין גאַס מיט די באַצילען, וואָס קאָן זיין אַז זיי האָבען דיך אָנגעשטעקט, ביזטו נאָך אימשטאַנד צו ברענגען קראַנקהייטען אויף אַנדערע, דאָס איז פאַרבאָטען. אָט דערפאַר איז „מים אחרונים חובה" — וואַשען די הענט נאָכ'ן עסען איז אַ חוב, אַ פליכט".

אונזערע חכמים, וועלכע זענען געווען גרויסע מאַראַליסטען, זאָגען, אַז אַלע קראַנקהייטען פון וועלכע אַ מענש ליידט זענען אַן אָנשיקעניש פון ג', וואָס שטראָפט אים פאַר זיינע עבירות. „על שבעה דברים נגעים באים: על לשון הרע, על שפיכות דמים, על שבועת שוא, על גילוי עריות, על גסות הרוח, על גזל ועל צרות עין" — צוליב זיבען זאַכען ווערען מענשען באַשטראָפט מיט אַנשטעקענדיגע קראַנקהייטען: צוליב רעדען לשון הרע אויף זיין חבר, צוליב בלוט־פאַרגיסונג, פאַר שווערען פאַלש, צוליב אַן אומריינעם פאַמיליע־לעבען, פאַר גרויסהאַלטען זיך, צוליב רויב און צוליב ניט פאַרגינען יענעם וואָס ער האָט (ערכין ט"ו ע"א). אַזעלכע עבירות, וואָס פאַראורזאַכען אַ שפּאַל־

טונג אין דער געזעלשאַפט און שטערען דעם צוזאַמענלעבען, ברייננגען דעם מענשען אַלערליי קרעץ, וועלכע וועלען אים אַליין מיט דער צייט איזאָלירען און אויסשליסען פון דער געזעלשאַפט.

איבערהויפט איז די עבירה פון לשון הרע זעהר אַ האַרבע, ווייל זי פירט צו מחלוקת און ברעכט די גאַנצקייט פון פאָלק. פאַר אַזאַ עבירה איז די שטראָף זעהר אַ האַרבע, און אַזוי ווי דער רבונו של עולם וויל ניט באַשטראָפען דעם מענשען מיט שווערע קראַנקהייטען גיט ער אים צוערשט אַ וואָרנונג, אַז ער זאָל חרטה האָבען אויף זיינע זינד און תשובה טאָן.

הפטרה

אַן אַרויפגעצוואונגענע עבירה.

בהשתחויתי בית רמון יסלח נא ה׳ לעבדך.

„מרגלא בפומיה דרבא: תכלית חכמה תשובה ומעשים טובים, שנאמר: ראשית חכמה יראת ה׳, שכל טוב לכל עושיהם — לעושים לשמה ולא לעושים שלא לשמה״. — רבא פלעגט שטענדיג זאָגען, אַז דער תכלית פון חכמה איז תשובה און מעשים טובים, ווי עס ווערט געזאָגט אין פסוק: דער אָנפאַנג פון חכמה איז מורא פאַר ג׳, דאָס איז אַ גוטער איינפאַל פאַר יעדען וואָס טוט עס אין ערנסט, אָבער ניט פאַר דעם וואָס טוט עס צוליב אַנדערע מאָטיוועז (ברכות י״ז ע״א).

די הפטרה גיט אונז איבער אַן אינטערעסאַנטע פאַסירונג, וואָס האָט געטראָפען אין די צייטען פון אלישע הנביא. אין יענער צייט איז די אידישע מלוכה פון שומרון שטאַרק אונטערדריקט געוואָרען פון ארם, וועלכע פלעגט אָפט באַפאַלען דאָס אידישע לאַנד. דער פעלדמאַרשאַל פון ארם איז דאַן געווען „נעמן״, אויף וועלכען דער פסוק זאָגט, אַז ער איז געווען „גבור חיל מצורע״, אַ גרויסער העלד, אָבער אַ קרעציגער. ביי זיין פרוי האָט געדינט אַ אידיש מיידעל, וועלכע זיין אַרמיי האָט גענומען געפאַנגען אין איינעם פון די אָנפאַלען קעגען דער אידישער מלוכה. זעענדיג ווי איר האַר ליידט פון אַזאַ אָפשייליכער מחלה, האָט זי געזאָגט צו איר האַרענטע: „אחלי אדוני לפני הנביא אשר

בשומרון, אז יאסף אותו מצרעתו״ — זאָל מיין האַר זיך ווענדען צו דעם אידישען נביא אין שומרון און ער וועט אים אויסהיילען פון זיין קרעץ.

אַז נעמן איז געקומען צו אלישע׳ס הויז, האָט אים אַ באַדינער איבער־געגעבען אין נאָמען פון אלישע׳ן, אַז ער זאָל גיין און זיך באָדען זיבען מאָל אין ירדן און זיין לייב וועט ווערען ריין. „ויקצף וילך״, איז ער געוואָרען אין כעס און איז אַוועק, זאָגענדיג: „איך האָב געמיינט, אַז ער וועט אַרויסקומען צו מיר, אַרויפלייגען זיין האַנט אויף דעם קרעציגען פלאַץ און תפילה טאָן צו זיין ג׳, צום סוף שיקט ער מיר אַ משרת צו זאָגען, אַז איך זאָל גיין זיך באָדען אין ירדן. זענען די טייכען אבנה און פרפר פון דמשק ניט ריינער און בעסער פאַר אַלע וואַסערען פון דעם אידישען לאַנד?״ ער האָט זיך אָבער געלאָזט איבעררעדען פון זיינע באַדינער און האָט זיך גע׳טובל׳ט זיבען מאָל אין ירדן און זיין לייב איז געוואָרען אַזוי צאַרט און ריין ווי דאָס לייב פון אַ קליין קינד.

דאַן איז ער צוריק אַוועק צו אלישע׳ן און האָט אים געזאָגט: „הנה נא ידעתי כי אין אלקים בכל הארץ כי אם בישראל״ — איך האָב זיך איצט איבערגעצייגט, אַז אין דער גאַנצער וועלט איז ניטאָ קיין אַנדער ג׳ ווי דער אידישער. איך נעם אָן דעם אידישען גלויבען און פאַרשפּרעך דיר, כי לא יעשה עוד עבדך עולה וזבח לאלקים אחרים כי אם לד׳״ — אַז דיין קנעכט וועט מער ניט ברענגען קיינע קרבנות צו פרעמדע געטער, נאָר צו ג׳ אַליין. איך פאַרלאַנג אָבער, אַז ג׳ זאָל מיר מוחל זיין אויב גייענדיג מיט מיין קעניג צו דעם הויז פון זיין אָפּגאָט „רמון״ און זייענדיג אָנגעלעגט אויף מיין האַנט ווען ער בוקט זיך צו אים וועל איך עס אויך מוזען טאָן. „בהשתחויתי בית רמון יסלח נא ה׳ לעבדך בדבר הזה״ — פאַר מיין בוקען זיך אין דעם הויז פון דעם אָפּגאָט „רמון״ זאָל ג׳ פאַרגעבען צו זיין קנעכט איבער דער זאַך.

און אלישע ענטפערט אים: „לך לשלום״, גיי צו פרידען. ער זאָגט אים ניט, אַז ער מעג עס לכתחילה טאָן, אָבער אויב ער איז געצוואונגען דערצו וועט עס ניט פאַררעכענט ווערען פאַר אַ חטא. ווי רבא פלעגט זאָגען: „דער תכלית פון חכמה איז צו טאָן תשובה און דינען ג׳ לשמה, פאַר דער מצוה אַליין. אויב איינער איז מקיים אַ „מצוה שלא לשמה״, ווייל ער האָט אַנדערע מאָטיוען דערביי, האָט ער ווייניג דערגרייכט. דאָס זעלבע אויב איינער באַגייט אַ פאַרברעכען ניט־ווילענדיגערהייט איז עס פאַר אים ניט קיין גרויסע זינד.

ה.

„לשון הרע״ איז אַ קראַנקהייט, וואָס מוז איזאָלירט ווערען

זאת תהיה תורת המצורע.

„אל תקרי המצורע, אלא המוציא שם רע. אין הנגעים באים על האדם אלא על לשון הרע. רוח הקודש צווחת ואומרת: אל תתן את פיך להלקות את גופך״ — לייענט ניט דעם וואָרט „מצורע״ ווי ער איז, נאָר אלס ראשי תיבות פון צוויי ווערטער „מוציא שם רע״, דער וואָס פאַרשפּרייט אַ שלעכטען נאָמען אויף זיין חבר. דער הייליגער גייסט שרייט און וואָרענט דעם מענשען: לאָז ניט דיין מויל צו שלאָגען דיין קערפּער (מדרש תנחומא).

ר׳ ישראל סאַלאַנטער, ע״ה, פלעגט זאָגען: „החיים והמות ביד הלשון״, דאָס אידישע לעבען, אָדער חו״ש זיין טויט, זיינען שטאַרק אָנגעווענדט אָן זייער צונג. רעדען זיי אַלע די זעלבע שפּראַך און זיינען פאַראייניגט צווישען זיך, דאַן קאָנען זיי האָפען אויף גרויסע דערגרייכונגען, וואָס זאָלען פאַרזיכערען זייער עקזיסטענץ. אַלע אידישע אויפטואונגען אין אונזער אייגען לאַנד און אויך אין די גלות־לענדער זיינען געוועזען די רעזולטאַטען פון אחדות, פון צוזאַמענ־גענומענע כוחות, פון אויספאַלגען די דירעקטיוועז פון זייערע לערער און פירער. הויבען זיי אָבער אָן צו רעדען לשון הרע איינער אויף דעם צווייטען, און מיט זייערע בייזע צינגער זוכען זיי מבטל צו זיין די מיינונגען פון זייערע מנהיגים, ברייגען זיי שפּאַלטונגען אין די אידישע רייען און די דורכפאַלען פאַנגען זיך אָן צו שיטען איבער אונזערע קעפּ. לעבען אידען בשלום צווישען זיך, זיינען זיי בכוח ווידערצושטיין אַלע אָנפאַלען פון זייערע שונאים און זיי מיט דער צייט איבערצולעבען. הויבען זיי זיך אָבער אָן אַרומצוקריגען און באַ׳עולה׳ן איינער דעם אַנדערען, ווערען זייערע כוחות צעפאַלען. זיי טיילען זיך אַיין אין גרופּען, וואָס רייסען זיך אַרום, און יעדע קהלה ווערט אַ „בדד יושב״, אָפּגעזונדערט און אָפּגעטיילט פון דער אידישער מחנה. דאָס שטערט זעהר שטאַרק די אַנטוויקלונג פון פאָלק און פאַרלייגערט זיין גלות״.

דער בעש״ט, זצ״ל, טייטשט דעם פּסוק „לא תלך רכיל בעמך״ אַזוי: „רייד ניט קיין רכילות אויף דיין פאָלק״. לײדער זיינען ביי אונז פאַראַן פיל, וואָס האָבען ליב צו קריטיקירען אידען, אויך אין דער געזעלשאַפט פון ניט־

אידען, זיי פאַרשטייען ניט, אַז מיט דעם פאַרשפּרייטען זיי האַס צו זייער פאָלק און פאַראַכטונג פאַר זיך אַליין. עס זיינען ביי אונז דאָ, ליידער, אויך אַ סך אידען, וואָס מאַכען חוזק פון אידישע מנהגים און טראַדיציעס אין דער געגענ־וואַרט פון זייערע קינדער. זיי באַגרייפען ניט, אַז דערמיט גראָבען זיי אונטער זייער רעספּעקט פאַר'ן אידישען פאָלק און דערווייטערען זיי פון דער אידישער מחנה.

פילע פון אונזערע טאַטעס און מאַמעס זיינען אויף דער עלטער געבליבען אַ „בדד יושב", פאַרלאָזען און פאַרגעסען פון זייערע דערוואַקסענע קינדער בלויז צוליב דעם, וואָס זיי אין דער יוגענט ניט געגעבען קיין אידישע דערציהונג, און זיי אַליין האָבען געהאָלפען איינצופלאַנצען אין זייערע הערצער אַ גרינגשעצונג צו אידען און אידישקייט. די וואָס פאַראַכטען דעם אַפּשטאַם פון זייער פאָלק האָבען אויך ווייניג דרך־ארץ פאַר זייער אייגענעם אַפּשטאַם. אַלע וואָס האַלטען, אַז זייערע זיידעס זיינען געווען ניט מאָדערן און זייער אמונה פאַר אַלט־מאָדיש, באַטראַכטען אויך זייערע טאַטעס און מאַמעס פאַר ניט־פּאַסיג צו פאַרקערען אין זייער געזעלשאַפט, און אויף דער עלטער שיקט מען זיי אין אַ מושב זקנים.

„נגעים באים על לשון הרע — הוא הבדיל בין אין לאשתו, בין איש לרעהו, לפיכך אמרה תורה בדד יושב" — קראַנקהייטען קומען אויף דעם, וואָס רעדט לשון הרע — ער האָט פאַראורזאַכט אַ שפּאַלטונג צווישען מאַן און פרוי, צווישען איין מענשען קעגען זיין חבר, דעריבער האָט די תורה באַפוילען, ער זאָל זיצען אַליין, אָפּגעזונדערט פון דער אידישער מחנה (ערכין ט"ז, ע"ב). וואָס פאַר אַ וואונדערבאַרער געדאַנק דאָ ווערט אויסגעדריקט! די אורזאַך וואָס אַ מצורע, אַ קרעציגער מוז איזאָלירט ווערען פון דער געזעלשאַפט איז, ווייל זיין קראַנקהייט איז אַן אַנשטעקענדיגע, און מיט זיין קומען צווישען מענשען קאָן זיך די קראַנקהייט פאַרשפּרייטען און פאַרוואַנדעלט ווערען אין אַן עפּי־דעמיע. דאָסזעלבע איז אויך מיט דעם, וואָס רעדט „לשון הרע". מיט זיין לויזען צונג פאַרשפּרייט ער האַס און שנאה צווישען די מענשען מיט וועלכע ער קומט אין באַרירונג, צעברעכט דעם שלום בית פון זיינע פריינט און באַקאַנטע און פאַראורזאַכט רייבונגען און קריגערייען צווישען זיינע חברים. אַזאַ מענש מוז מיט דער צייט ווערען אַ „בדד יושב", אַ פאַרטריבענער פון דער געזעל־שאַפט, ווייל אַלע וואָס דערקענען אים צעלויפען זיך פון אים.

דער „מוציא שם רע", דער וואָס פאַרשפּרייט רכילות און באַרעדט זיינע

פריינט, איז ווי אַ „מצורע", אַ קרעציגער, וועמעס קראַנקהייט ווערט באַמערקט פון יעדען, און קיינער וויל מיט אים ניט האָבען צו טאָן. און ווי שיין דער מדרש פירט אויס: דער רוח הקודש, דער הייליגער גייסט, שרייט און וואָרענט דעם מענשען: לאָז ניט דיין מויל זאָל שלאָגען דיין קערפּער און אים מאַכען פאַר אַ שטענדיגען בעל־מום.

הפטרה שבת הגדול

שבת הגדול און זיין גרויסע באַדייטונג

לפני בא יום ה' הגדול.

„שבת שלפני הפסח קוראים אותו שבת הגדול מפני הנס שנעשה בו" — דער שבת פאַר פסח ווערט אָנגערופען „שבת הגדול" צוליב דעם נס, וואָס איז אין אים געשעען (שו"ע או"ח סימן ת"ל).

בלויז פרייע מענשען קאָנען ריכטיג פאַרשטיין און אָפּשאַצען דעם ווערט פון אַ נאַציאָנאַלען שבת, פון אַן אייגענעם רו־טאָג. מענשען, וועלכע זיינען פאַרשקלאַפט טאָג־און־נאַכט, און זיינען געצוואונגען אָוועקצוגעבען אַלע זייערע כוחות פאַר פרעמדע, וואָס נויטען זיי צו אַרבייטען אַלע זיבען טעג פון וואָך, און האָבען ניט קיין איין טאָג פאַר זיך, זיינען ניט אימשטאַנד צו פאַרשטיין און באַגרייפען די באַדייטונג פון גאולה, פון באַפרייאונג.

דערפאַר — זאָגען אונז די חז"ל — ווערט דער שבת פאַר פסח פאַר־צייכענט אַלס דער „גרויסער שבת", צוליב דעם נס, וואָס איז אין אים געשעען, און דער נס איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס די אידען, וועלכע האָבען פאַר אַ צייט לאַנג ניט געוואָלט הערען משה'ס רוף פאַר באַפרייאונג, האָבען ענדליך אויפ־געוואַכט און באַשלאָסען אַראָפּצוּוואַרפען פון זיך די קייטען פון שקלאַפעריי און פייערן אַן אייגענעם נאַציאָנאַלען שבת. אַזאַ שבת איז ווירקליך גרויס, ווייל ער האָט געפירט צו דער אנטגילטיגער גאולה און ווערט דאַרום צוגערעכענט צו די פסח טעג פון דער גרויסער אידישער באַפרייאונג. אין פרומע אידישע הייזער איז מען זיך זאָגאַר נוהג צו זאָגען אַ טייל פון דער הגדה דעם שבת.

צוליב דער גרויסער וויכטיגקייט פון דעם טאָג, פאַרבייטען מיר די

שטענדיגע הפטרה פון דער וואָך אויף דעם לעצטען קאַפּיטעל אין „מלאכי", וועלכער ענדיגט זיך מיט דעם געטליכען פאַרשפּרעכען: „הנה אנכי שולח לכם את אליהו הנביא, לפני בא יום ה׳ הגדול והנורא" — איך שיק אייך צו אליהו הנביא, איידער עס קומט אָן דער טאָג פון ג׳, דער גרויסער און דער מורא׳דיגער.

איידער דער משיח פון אַ פאָלק קומט, מוז פריער קומען זיין „אליהו הנביא", דער גרויסער פּאַטריאָטישער קעמפער, דער נוקם קנאת ה׳ צבאות", וועלכער דונערט מיט זיין געטליכער שטים קעגען דעם דעספּאָטישען קעניג „אחאב" פאַר זיין אונטערדריקען זיינע אונטערטאַנען און מאָרדען אומ־שולדיגע מענשען צוליב זיינע אייגענע נוצען. ער שרייט אויס מיט צאָרן: „הרצחת וגם ירשת?" פריער האָסטו דערמאָרדעט „נבות היזרעאלי" און איצט ווילסטו אים אויך ירש׳ענען? אַזאַ מלוכה קאָן לאַנג ניט אַנהאַלטען. דער זעלבער שטרייטער אליהו מוז אויך באקעמפען אַלע „נביאי השקר", די פאַלשע נביאים, וועלכע האָבען דאָס פאָלק פאַרפירט מיט פוסטע פראַזען וועגען אינטערנאַציאָנאַלע גליקען און האָבען דערמיט פאַרלייגנערט זיין גלות (הרב עמיאל דרשות אל עמי).

„הנני שולח מלאכי ופנה דרך לפני" — איך וועל שיקען מיין שליח „אליהו הנביא", און ער וועט אָפּראַמען דעם וועג פאַר מיר. „וערבה לה׳ מנחת יהודה וירושלים כימי עולם וכשנים קדמניות" — ערשט דאַן וועט ליב זיין ביי ג׳ דער קרבן פון יהודה און ירושלים, ווי אין די טעג פון אַמאָל און ווי אין די פאַרצייטיגע יאָרען. דער „ספרא" באַמערקט אויף דעם: „כימי עולם — כימי משה, וכשנים קדמניות — כימי שלמה", „די טעג פון אַמאָל" ווערען דאָ געמיינט משה׳ס צייטען, און „די פאַרצייטיגע יאָרען" באַציען זיך אויף די טעג פון שלמה המלך (ספרא, פ׳ שמיני).

אזוי איז עס אימער, אַז אַ פאָלק וויל דערגרייכען זיין פּסח, דעם יום־טוב פון זיין גאולה, מוז ער פריער אָפּראַמען דעם וועג פאַר זיין אמונה און זיין נאַציאָנאַלען רוה־טאָג און זיך אַנטזאָגען צו אַרבייטען פאַר פרעמדע. ער מוז ווידמען אַלע זיינע כוחות פאַר זיך אַליין, פאַר זיין אייגענער צוקונפט, ווי עס איז פאָרגעקומען אין משה׳ס צייטען.

אַזוי אויך, אויב אַ פאָלק וויל געהן דינען זיין אייגען ג׳ און בויען פאַר זיך אַ נאַציאָנאַלען בית־המקדש, מוז ער מיט די קנאות פון אליהו הנביא, פאַר־טרייבען פון זיינע רייען די נביאי השקר, די פאַלשע וואָרט־פירער, וואָס האָבען געפריידיגט, אַז די גלות־לענדער זיינען זיין ציון און ירושלים. דאַן ערשט קאָן

ער האָבען זיין בית המקדש מיט דעם גאַנצען פּראַכט און גלאַנץ, ווי עס איז געשעען אין שלמה המלך׳ס צייטען.

צו די אידען וואָס דענקען, אַז מען דאַרף ניט האָבען קיין אייגענע אידישע מלוכה, ווייל דעם אידענ׳ס מיסיע אויף דער וועלט איז בלויז צו פאַר־שפּרייטען די סאָציאַלע גערעכטיגקייטען פון דער אידישער אמונה, זאָגט דער נביא: „היקבע אדם אלקים, כי אתם קובעים אותי״ — איז דען אַ מענש אימשטאַנד צו באַגרעניצען די גאָטהייט, וואָס איהר זוכט מיך צו באַגרעניצען? „ואמרתם במה קבענוך? המעשר והתרומה״ — און אויב איר וועט מיך פרעגען מיט וואָס באַגרעניצען מיר דיך — מיט מעשר און תרומות, מיט צדקה און טשאַריטי. איר דענקט, אַז מיט דעם, וואָס איהר שטייערט־ביי צו די פאַרשיידענע צדקה פעדעראַציעס אָדער רעליף געזעלשאַפטען, זייט איר שוין יוצא אַלע אייערע פליכטען צו אייער פאָלק. „הנה אנכי שולח לכם את אליהו הנביא״ — איך וועל אייך שיקען מיין גרויסען נביא אליהו, וועלכער וועט אייך אָנזאָגען די בשורה פון אייער גאולה, איידער עס קומט אָן דער גרויסער טאָג פון ביאת המשיח.

ו.

לשון־הרע ברייננט חורבן אויף דער וועלט

זאת תהיה תורת המצורע.

„זאת תהיה תורת המוציא רע — שכל האומר לשון הרע עובר על ה׳ חומשי תורה״ — אזוי זאָל מען זיך אויפפירען מיט דעם, וואָס ברייננט אַרויס שלעכטע רייד, ווייל דער, וואָס רעדט לשון הרע, איז עובר אויף אַלע פינף חומשים פון דער תורה (ויק״ר פ׳ ט״ו).

„דער מענש און זיין מיט־מענש, זאָגט פּראָפעסאָר הערמאַן כהן, פאַרנעמען דעם אויבענאַן אין אַלע מצוות פון דער תורה. די אידישע תורה איז אַקטועל און באַשטייט מער פון מעשים איידער דאָגמען. זי זוכט צו ווירקען אויף דעם „רצון״, אויף דעם ווילען פון דעם מענשען מער ווי אויף זיין „רגש״, זיינע געפילען. די פילאָזאָפיע פון דער אידישער אמונה דריקט זיך אויס אין דעם, וואָס גאָט וויל, אַז דער מענש זאָל אים נאָכטאָן און ניט בלויז טראַכטען אָדער

מורא האָבען פאַר אים. פּונקט ווי גב״ה אַליין איז ניט באַהאַלטען און ווייזט זיך אַרויס אין אַלע דערשיינונגען פון דער נאַטור, און אין די געשעהעניששען פון דער בריאה, אַזוי מוז אויך דער מענש רעפלעקטירען און אַרויסווייזען זיין „חלק אל׳ ממעל״, זיין טייל פון דער גאָטהייט, אין אַלע מעשים, וואָס ער טוט אין זיין לעבען. די השגחה גיט אַכטונג, אַז די פאַרשיידענע עלעמענטען פון דער נאַטור זאָלען לעבען בשלום און ניט אַרויס פון די ראַמען פון זייערע פונקציעס, כדי צו פאַרהיטען קאַטאַסטראָפּעס, אַזוי מוז אויך יעדער מענש אַכטונג געבען, אַז זיינע מעשים זאָלען ניט פאַראורזאַכען קיין שאָדען צו זיינע מיט־מענשען און דערמיט שטערען דעם שלום פון דער געזעלשאַפט. די אידישע „הלכה״ גיט דערפאַר דעם פאָרצוג צו די מצוות אָדער עבירות פון „בין אדם לחברו״, פון מענש צו מענש, איבער די פון „בין אדם למקום״, פון מענש צו ג׳״.

די חכמים לערנען אונז, אַז אַ מענש זאָל זיך תמיד באַטראַכטען פאַר דעם מיטעלפּונקט פון דער גאַנצער מענשהייט, וועלכע איז איינגעטיילט אין צוויי גלייכע טיילען פון גוט און שלעכט, און אַז מיט איין מצוה אָדער עבירה קאָן ער איבערוועגען די וועלט צום גוטען אָדער שלעכטען. אָט־דער געדאַנק, זאָגט רבי ישראל סאַלאַנטער ז״ל, באַטאָנט דעם הויפּט־פּרינציפּ פון אידישען „מוסר״, פון אידישער מאָראַל. די תורה באַטראַכט יעדען יחיד פאַר אַ ציגעל אין דער געביידע פון דעם כלל. מיט דעם צוזאַמענברוך פון איין ציגעל קאָן אַמאָל די גאַנצע געביידע איינפאַלען. עס איז דערפאַר אַ פליכט אויף יעדען איינעם צו האָבען אין זינען זיינע מיטמענשען איידער ער גייט טאָן עפּעס, וואָס קאָן זיך שלעכט אָפּרופען אויף דעם גאַנצען כלל. די גמרא גייט נאָך ווייטער אין דער אָפּשאַצונג פון די מעשים פון יעדען יחיד. זי זאָגט: „לעולם יראה אדם עצמו כאילו חציו חייב וחציו זכאי״ — אימער זאָל אַ מענש זיך אַליין באַטראַכטען אַלס העלפט שלעכט און העלפט גוט. „עשה מצוה אחת, אשריו שהכריע עצמו וכל העולם לכף זכות״ — טוט ער אַ מצוה, איז וואויל צו אים, ווייל ער וועגט איבער זיך און די גאַנצע וועלט אויף דער גוטער זייט. „עבר עבירה אחת, אוי לו שהכריע את עצמו ואת כל העולם לכף חובה״ — טוט ער אָבער אַן עבירה, איז ווי צו אים, ווייל ער וועגט איבער זיך און די גאַנצע וועלט אויף דער שלעכטער זייט (קידושין מ׳ ע״ב).

די גרעסטע עבירה, וואָס אַ מענש קאָן באַגיין קעגען דער געזעלשאַפט, איז צו פאַרשפּרייטען לשון הרע אויף זיין חבר. „קשה לשון הרע משפיכת דמים״ — לשון הרע איז אַ שווערער פאַרברעכען ווי מאָרד, „שכל ההורג אינו

הורג אלא נפש אחת והמספר לשון הרע הורג שלשה, האומרו והמקבלו והנאמר עליו״ — ווייל דער מערדער הרג׳עט בלויז איין נפש, אָבער דער, וואָס דערציילט לשון, הרע, הרג׳עט דריי נפשות — דעם דערציילער, דעם וואָס איז מקבל די לשון־הרע, און דעם, וואָס מען באַרעדט (מדרש תנחומא). לשון הרע פאַרשפּרייט אומצוטרוי אין דער געזעלשאַפט און פאַראורזאַכט מחלוקות און קריגערייען, וואָס פירען צו טרויעריגע רעזולטאַטען. מיט באַרעדען יענעם גראָבט מען אונטער זייך מצב און מען מאַכט אים ביליג אין די אויגען פון זיינע חברים. אָבער אויך דער באַריידער ווערט ניט געשאָנעוועט. מיט דעם וואָס ער רעדט לשון הרע אויף זיין חבר, פאַרשמוצט ער זיך אַליין און ווערט פון קיינעם ניט געטרויט.

די מחלה פון צרעת, פון קרעץ, קומט פאַר לשון הרע, און די תורה הקדושה הייסט, אַז מען זאָל אַ מצורע אויסשליסען פון דער געזעלשאַפט. „הוא הבדיל בין איש לאשתו, בין איש לרעהו, לפיכך אמרה תורה בדד יושב״ — ער האָט פאַראורזאַכט אַ שפּאַלטונג צווישען מאַן און פרוי, צווישען איין מענשען און זיין חבר, דעריבער האָט די תורה באַפוילען, אַז ער זאָל זיצען אַליין, אָפּ־געזונדערט פון דער אידישער מחנה (ערכין ט״ז ע״ב). רבי ישראל סאַלאַנטער ע״ה פלעגט זאָגען: „איבערהויפּט מוזען זיך אידען אין גלות שטאַרק אָפּהיטען פון ריידען לשון־הרע איינער וועגען דעם צווייטען. „החיים והמות ביד הלשון״ — דאָס אידיש לעבען, אָדער חו״ש זיין טויט, איז שטאַרק אָנגעוועגדט אָן זייער צונג. לעבען זיי בשלום צווישען זיך און רעדען נאָר גוטעס איינער אויף דעם צווייטען, זיינען זיי בכוח ווידערצושטיין אַלע אָנפאַלען פון זייערע שונאים און זיי מיט דער צייט איבערצולעבען. הויבען זיי זיך אָבער אָן אַרומצוקריגען און באַ׳עולה׳ן איינער דעם אַנדערען, ווערען זייערע כוחות צעפּאַלען. זיי טיילען זיך אײַן אין גרופּען, וואָס רייסען זיך אַרום, און יעדע קהלה ווערט אַ „בדד יושב״, אָפּגעזונדערט און אָפּגעטיילט פון די אַנדערע אידישע מחנות. דאָס שוואַכט־אָפּ די כוחות פון פאָלק און פאַרלייגגערט זיין גלות״.

קראַנקהייטען זיינען אַ שטראָף פון ג׳ פאַר די עבירות, וואָס מען באַגייט. אויב ער האָט געטאָן אַן „עבירה בין אדם למקום״, געזינדיגט קעגן ג׳ אַליין, באַשטראָפט ער אים מיט אַ ווייטאָג אין אַ פאַרבאָרגענעם פּלאַץ, וואו קיינער זעהט ניט. האָט ער אָבער באַגאַנגען אַן „עבירה בין אדם לחברו״, געזינדיגט אויך קעגען מענשען, דאַן באַקומט ער אַן אָנזעהעוודיגע קראַנקהייט, וואָס אַלע קאָנען באַמערקען און מיידען אים אויס. לשון־הרע, באַטש איינער דערציילט עס „בצנעא״, באַהאַלטענערהייט, איז עס אָבער אַזאַ חטא, וואָס קומט ענדליך

אַרויס אין דער עפּענטליכקייט. דערפאַר באַשטראָפט אים ג׳ מיט צרעת, וואָס אַז עס פאַרשפּרייט זיך, באַמערקען עס אַלע און ער מוז אויסגעשלאָסען ווערען פון דער געזעלשאַפט.

„המספר לשון הרע אין לו חלק לעולם הבא״ — דער, וואָס דערציילט לשון־הרע, פאַרלירט זיין חלק עולם הבא. ער מעג האָבען געטאָן פיל מצוות אין זיין לעבען, אָבער מיט דעם חטא פון לשון־הרע האָט ער אַלץ פאַרלאָרען, ווייל דער, וואָס רעדט לשון־הרע, איז עובר אויף אַלע פינף חומשים פון דער תורה, וועלכע וואָרנען אונז קעגען ברעכען די גאַנצקייט פון דער אידישער געזעלשאַפט.

הפטרה

אין כוח פון צונג

וירמסו אותו העם בשער וימות.

„החיים והמות ביד הלשון״ — דאָס לעבען און דער טויט ליגען אין דער מאַכט פון צונג.

אין היינטיגער הפטרה ווערט דערציילט פון אַ נס, וואָס האָט פּאַסירט מיט די אידען אין די צייטען פון קעניג יהורם דער זון פון אחאב: בן־הדד, דער קעניג פון ארם, האָט צוזאַמענגענומען זיין גאַנצע אַרמיי און באַלאַגערט די אידישע הויפּשטאָט שמרון. די באַלאַגערונג האָט אָנגעהאַלטען אַ לאַנגע צייט און אין שטאָט האָט געהערשט אַ שרעקליכער הונגער. איין טאָג האָט זיך דער קעניג געווענדט צו אלישע הנביא און פון אים שטרענג געפאָדערט, אַז ער זאָל מתפלל זיין צו ג׳ און אים בעטען, אַז ער זאָל ראַטעווען די שטאָט. אלישע האָט אים דערמוטיגט און צוגעזאָגט, אַז מאָרגען אין דער צייט וועט אין שטאָט זיין אַ זול אויף עסענוואַרג און אַז פאַר איין שקל וועט מען קאָנען באקומען אַ מאָס זעמעל־מעל אָדער צוויי מאָס גערשטענע מעל.

דעם קעניג׳ס באַדינער, וואָס האָט געהערט דעם צוזאָג פון אלישע, האָט זיך אויסגעלאַכט און געזאָגט: „הנה ה׳ עושה ארובות בשמים היהיה הדבר הזה״ — ווען אפילו ג׳ זאָל עפענען פענסטער אין הימעל, קאָן דען אַזאַ זאַך

פּאַסירען? אלישע האָט אים געענטפערט: „הנך רואה בעיניך ומשם לא תאכל" — דו וועסט זעהן מיט דיינע אויגען, אָבער דו אַליין וועסט פון דעם ניט עסען.

אין מיטען נאַכט איז פּלוצים אַנגעפאַלען אַ שרעק אויף די מחנות פון ארם און איבערלאָזענדיג זייער געוועהר מיט אַלע שפּייכלערס פון פּראָוויאַנט זיינען זיי זיך צעלאָפען פון שלאַכטפעלד. ווען דאָס פּראָוויאַנט איז געבראַכט געוואָרען אין שטאָט, האָט טאַקע אויסגעבראַכען אַ זול, ווי דער נביא האָט פאַרשפּראָכען. אין געדראַנג צו באַקומען שפּייז איז דער געהילף פון קעניג, וועלכער האָט אָפּגעהוזק'ט פון אלישע הנביא, אומגעפאַלען און איז צוטראָטען געוואָרען אויף טויט.

אין מדרש „שוחר טוב" ווערט דערציילט, אַז אין די צייטען פון שלמה המלך איז דער קעניג פון פּערזיע שטערבליך קראַנק געוואָרען און די דאָק־טוירים האָבען דערקלערט, אַז בלויז איין רפואה אין פאַראַן פאַר אים: ער זאָל טרינקען מילך פון אַ לייבין, וועט ער געזונט ווערען... ווי אַזוי אָבער קאָן מען דאָס דערגרייכען? האָט גענומען דער מלך פון פּרס און האָט אַוועק־געשיקט אַ שליח צו שלמה המלך נאָך אַן עצה. לאָזט שלמה רופען צו זיך זיין קאָמערדינער, בניהו בן יהוידע, און פרעגט אים, צי ווייסט ער נישט אַמאָל ווי אַזוי מען באַקומט מילך פון אַ לייבין. רופט זיך אָן בניהו: גיב מיר, אדוני המלך, צען ציגען און איך וועל דיר ברייגנען לייבין־מילך.

האָט בניהו גענומען צען ציגען און איז אַוועק צו אַ לייבין־גרוב, וואו אַ לייבין האָט געזויגען אירע קינדער. דעם ערשטען טאָג איז ער געשטאַנען פון וויטען און האָט איר צוגעוואָרפען אַ ציג. דעם צווייטען טאָג איז ער שוין צוגעגאַנגען אַביסעל נעענטער און איר ווידער צוגעוואָרפען אַ ציג, און אַזוי יעדען טאָג אַלץ נעענטער, ביז ער איז צו דער סאַמע גרוב צוגעקומען און איז מיט דער לייבין אַזוי היימיש געוואָרען, אַז ער האָט זיך גענומען שפּילען מיט איר און אָנגעצאַפּט מילך פון אירע ברוסטען. ער האָט די מילך געבראַכט צו שלמה'ן, וועלכען האָט עס איבערגעגעבען צום שליח פון מלך פּרס.

אומקערענדיג זיך אַהיים, איז דער שליח אויפ'ן וועג איינגעשלאָפען און עס האָט זיך אים גע'חלומ'ט, אַז די פאַרשידענע אברים פון זיין קערפּער פירען צווישען זיך אַ וויכוח וועמען פון זיי קומט דער דאַנק פאַר דער געלונגענער שליחות. די פיס זאָגען: אונז קומט דער דאַנק; ווען מיר וואָלטען ניט געגאַנגען, ווי אַזוי וואָלט ער דעם וועג דורכגעמאַכט? דערויף ענטפערען די הענט: מיר

זיינען דער עיקר; ווען ניט מיר, ווער וואָלט די מילך געטראָגען? רופען זיך אָן די אויגען: אַ שיין פּנים וואָלט ער געהאַט, ווען מיר ווייזען ניט דעם וועג! מישט זיך אַריין דאָס האַרץ און דערקלערט: דער אמת׳ער יישר־כוח קומט מיר — דאָס האָב איך דאָך אים געגעבען די עצה! נעמט די צונג אַ וואָרט און זאָגט: אָהן מיר, ווען איך זאָל ניט געוועזן רעדען, וואָלט איר אַלע גאָרנישט אויפגעטאָן! דאָ זיינען אַלע גלידער אין כעס געוואָרען און זיינען אַרויס קעגען דער צונג: אַ העזה — זאָגען זיי — צו וועלען זיך גלייכען צו אונז; אין דער פינסטער ליגסטו דאָך, מען זעהט דאָך דיר גאָרנישט אַרויס, אפילו קיין שטיקעל ביין פאַרמאָגסטו נישט אין זיך! באַליידיגט זיך די צונג און ענטפערט: נו, איר וועט שוין זען ווער איבער וועמען עס געוועלטיגט!...

אָנקומענדיג אַהיים, איז דער שליח, אַריין צום מלך און האָט אויסגע־רופען מיט פריידן: אָט איז, אדוני מלך, די מילך פון אַ הונט, וואָס איך האָב דיר געבראַכט אַלס רפואה!...

דערהערט די דאָזיגע ווערטער, ווערט דער מלך שרעקליך אין כעס און ער באַפעלט, מען זאָל דעם שליח אויפהענגען... נעמט מען דעם בחור אונטער די אָרעמס און מען פירט אים צו דער תליה, און אַלע אברים אין אים טרייסלען זיך נעבאָך און שוידערען פון שרעק. רופט זיך אָן צו זיי די צונג: נו, וואָס זאָגט איר? איצט זעהט איר שוין, אַז אָהן מיר האָט איר אַלע קיין שום ווערט ניט... אויב איך וויל קאָן איך נאָך אייך ראַטעווען, אָבער בתנאי, אַז איר זאָלט אָנערקענען, אַז איך בין אייער מושל. שטימט איר איין דערמיט? — יאָ, ענטפערען פאַרשעמט די דערשראָקענע אברים...

ווערט די צונג רעדעוודיג און זי פאַרלאַנגט פון דעם תליון, מען זאָל תיכף ומיד צוריקפירען דעם שליח צום מלך, ווייל עס האַנדעלט זיך אין גאָר אַ וויכטיגער זאַך.

אַריינגעקומען צום מלך, ווענדט זיך צו אים די צונג און זאָגט: אדוני מלך, ערשטענס, האָב איך דעם כבוד צו באַמערקען, אַז אין יענע ווייטע מקומות רופט מען אַ לייב — הונט; צווייטענס, וואָס איז אייגענטליך די נפקא־מינה, ווי אַזוי די מילך הייסט, אַבי מען האָט פון איר די אמת׳ע רפואה... פּרוביר, אדוני מלך!

האָט דער מלך אַזוי געטאָן: ער האָט פּרובירט, געטרונקען און איז גלייך געהאָלפען געוואָרען....

און דאָ האָבען אַלע אברים אָהן אויסנאַם אַנערקענט, אַז דערווירקליכער מושל איבער דעם מענשליכען קערפּער איז ניט קיין אַנדערער ווי נאָר די צונג, וואָרים — החיים והמות ביד הלשון...

ז.

ניט־ערליכע פאַרמעגענס פאַרפּעסטען די הייס

רצוה הכהן ופנו את הבית.

„תניא: פגעים באים על הגזל — הוא כנס ממון שאינו שלו, יבא הכהן ויפזר ממונו" — מיר האָבען געלערענט: עפּידעמיעס קומען צוליב רויב — ער האָט אַנגעזאַמעלט געלט, וואָס באַלאַנגט ניט צו אים, זאָל קומען דער כהן און פאַרשווענדען זיין געלט (ערכין ט"ז ע"א).

„עס האָט גענומען דער מעדיצינישער וועלט טויזענטער יאָרען", שרייבט דר. י. ל. קאַצענעלענסאָן (בוקי בן יגלי), „ביז זי איז געקומען צו דער איבער־צייגונג, אַז די דינים פון טומאה און טהרה, וואָס ווערען אויסגערעכענט אין די סדרות „תזריע" און „מצורע", זיינען אימשטאַנד צו פאַרהיטען די מענשען פון אַנשטעקענדיגע קראַנקהייטען. די לערע פון תורת־משה, אַז קראַנקהייטען קאָנען איבערגעטראָגען ווערען פון איינעם צום צווייטען דורך שעדליכע באַצילען, אָדער ווי אונזערע תלמודיסטען רופען עס „רוח רעה", איז ניט אַזוי לייכט אַנערקענט געוואָרען פון די וועלטליכע מעדיציניקער. דער דין פון „סגירה", פון איזאָלירען און אָפּזונדערען דעם, וואָס ליידט פון אַן אַנשטעקענדיגער קראַנק־הייט, כדי צו פאַרהיטען איר פאַרשפּרייטונג, ווי אונזער תורה האָט רעקאָמענדירט מיט טויזענטער יאָרען צוריק, איז ערשט אַנגענומען געוואָרען פון דער זאָגע־נאַנטער ציוויליזירטער וועלט אין די לעצטע פאָר הונדערט יאָר. און ביז היינטיגען טאָג געפינען זיך נאָך פיל לענדער מיט הונדערטער מיליאָנען איינוואוינער, וואו אָט דער געזעץ גילט ניט".

די כהנים, וועלכע האָבען געמוזט זיין באַהאַוועוונט אין הלכות נגעים, אין די אַלע דינים פון היגיענע, ווערען שטרענג באַפוילען צו אונטערזוכען יעדע „נגע צרעת" און אויסגעפינען, צי זי איז אַנשטעקענד. אויב זיי זיינען אין

צוויפעל, „והסגירו הכהן שבעת ימים״ — זאָל דער כהן איזאָלירען דעם קראַנקען פאַר זיבען טעג, און דאַן אים ווידער אונטערזוכען, צו דערגיין „אם פשה הנגע״ — אויב די מחלה האָט זיך מער אויסגעשפרייט. דאָס האָט געמוזט געטאָן ווערען, כדי צו פאַרמיידען עפּידעמיעס, „ולא יטמאו את מחנותיכם״ — און זיי זאָלען ניט פאַראומרייניגען די אידישע מחנות, וועלכע האָבען געמוזט זיין ריין, „כי אני שוכן בתוכם״ — כדי ג׳ זאָל קאָנען וואוינען צווישען זיי.

„והבגד אשר יהיה בו נגע צרעת״ — אויב עס געפינט זיך אַן אַנשטעקענדיגע קראַנקהייט אין אַ קלייד, אָדער „נגע צרעת כי יהיה בבית״ — אַ הויז, וואָס איז פאַרפעסטעט פון קראַנקהייטען, מוז מען עס אויך ווייזען צום כהן און גוט אויסרייניגען. דאָ האָט איר צום ערשטען מאָל דעם ערשט ניט אַזוי לאַנג אָנגענומען געזעץ אין דער היגיענע, אַז ניט נאָר מענשען אָדער חיות קאָנען איבערטראָגען קראַנקהייטען פון איינעם צום צווייטען, נאָר אַז אויך קליידער, הייזער און אַנדערע געגענשטאַנדען זיינען אימשטאַנד דאָס צו טאָן. אויב אַזאַ זאַך טרעפט, מוז מען דאָס הויז אָדער דעם בגד פיומיגירען, אויסרויכערען, מיט אַזאַ גראָז, וואָס הייסט „אזוב״, וואָס פאַרניכטעט די באַצילען און רייניגט דאָס הויז אָדער דעם בגד, אַז מען זאָל זיי קאָנען נאָכדעם באַנוצען.

אונזערע חכמים האָבען באַטראַכט די דינים פון טומאה און טהרה פאַר העכסט וויכטיג, ווי מיר געפינען: רבי אלעזר בן עזריה זאָגט צו רבי עקיבא׳ן: „מה לך אצל אגדה? כלך מדברותיך אצל נגעים ואהלות״ — וואָס באַשעפטיגסטו זיך אַזוי מיט אגדה? נעם דיינע רייד און גיי בעסער צו „נגעים ואהלות״. לערען דיינע תלמידים צו וויסען ווי אָפּצוהיטען דעם עולם פון אַנשטעקענדיגע קראַנקהייטען (חגיגה י״ד ע״א). דער רמב״ם, וועלכער איז געווען אַ באַרימטער דאָקטאָר און האָט מער געהאַלטען פון אויסהיטען די מענשען פון קראַנקהייטען, ווי זיי צו היילען, גייט נאָך ווייטער און ראָט, אַז יעדער איד זאָל גרינטליך שטודירען די דינים פון „טומאה וטהרה״. ער זאָגט: „לא יספיק לך הקריאה והעברה עליהם, שזה בלתי מספיק, עד שיהיה רגיל על לשונך כמו קריאת שמע״ — עס איז ניט גענוג בלויז צו לייענען און זיך לייכט באַקענען מיט די סאַניטאַרע און היגיענישע געזעצען, מען מוז זיי גרינטליך שטודירען און זיין אין זיי געניט ווי אין קריאת־שמע (יד החזקה הל׳ צרעת). און די היינטיגע היגיענע לערענט אויך, אַז „איין אונץ פון פאַרמיידען קראַנקהייטען איז ווערט מער ווי אַ גאַנץ פונט פון „רפואות״.

די חז״ל, וועלכע זיינען אויך געווען מאָראַליסטען און האָבען אין יעדען פסוק פון דער תורה אָדער די נביאים געזוכט צו דערגיין די מאָראַלישע כונה, זעהען אין די פרשות נגעים פיל מער ווי די טרוקענע דינים פון טומאה וטהרה. זיי אינטערעסירט צו וויסען פאַרוואָס ג׳, וועלכער איז אַ בעל־רחמן, שיקט אַן אויף די מענשען אַזעלכע קראַנקהייטען? און זיי קומען צום שלוס, אַז די אַלע נגעים און עפּידעמיעס זיינען אַ טייל פון דעם „שכר ועונש״, פון פאַרדינטע שטראָפען אָדער באַלוינונגען, וואָס דער אויבערשטער טיילט אויס די מענשען פאַר זייערע אויפפירונגען. „הנגעים אינם באים אלא על אדם שעבר על מצות בוראו״ — קראַנקהייטען קומען נאָר אויף דעם מענשען, וועלכער האָט פאַר־בראָכען קעגען די געזעצען פון זיין באַשעפער (מדרש אגדה).

איינער פון די חטאים, פאַר וועלכען ג׳ באַשטראָפט אַ מענשען׳ס הויז מיט אַלערליי נגעים, איז „גזל״ — אַנגערויבטע פאַרמעגענס. ווען מענשען גיבען זיך אָפּ מיט אַריינכאַפּען גרויסע קאַפּיטאַלען דורך שווינדעל אָדער אונטערדריקונג פון אַרבייטער, ווערען זיי באַשטראָפט דורך דעם, וואָס זייער הויז, זייער היים ווערט פאַרפעסטעט. די קינדער פון אַזאַ פאָטער וואַקסען אויס אָהן תורה און אָהן דרך־ארץ. ביי זיי איז קיין זאַך ניט הייליג. אַלץ וואָס זיי וויסען, איז צו לעבען אַ גוטען טאָג אויף דעם חשבון פון זייער רייכען טאַטען. די אינטערעסען פון זייער פאָלק זיינען זיי פרעמד, און ביסלעכוויז הויבען זיי אויך אָן צו פאַראַכטען זייערע עלטערען אַלס אַלט־מאָדישע און צוריקגעשטאַנענע. ווען אַזאַ מענש קומט צום כהן זיך באַקלאָגען: „כנגע נראה לי בבית״ — מיר ווייזט אויס, אַז מיין הויז איז פאַרפעסטעט, מיינע קינדער זיינען אַנגעשטעקט מיט דער מחלה פון אַסימילאַציע און שעמען זיך מיט דעם נאָמען איד, „וצוה הכהן ופנו את הבית״ — דאַן זאָל דער כהן באַפעהלען אויסצורייניגען אַזאַ הויז.

די ערשטע זאַך, וואָס מען דאַרף זאָגען אַזאַ מענשען, איז: „הוא כנס שאינו שלו״ — דעם גאַנצען לעבען האָסטו זיך אָפּגעגעבען מיט זאַמלען פאַר־מעגענס, וואָס באַלאַנגען ניט איינגאַנצען צו דיר. דו האָסט זיך ווייניג אינטע־רעסירט מיט דער לאַגע פון דיינע נויטבאַדערפטיגע ברידער, און פאַר די נאַציאָנאַלע אינטערעסען פון דיין פאָלק האָסטו ווייניג־וואָס בייגע־שטייערט. „יפזר ממונו״ — פאַנג אָן אויסצוטיילען דיין געלט. זאָלען אַנדערע אויך הנאה האָבען פון דיינע קאַפּיטאַלען. צדקה וועט פּיומיגירען און אויסרויכערען דיין הויז און פאַרטרייבען פון איר די שעדליכע באַצילען. ווען

דיינע קינדער וועלען זעהן, אַז דו אינטערעסירסט זיך מיט כלל זאַכען און דורך דעם ווערסטו רעספּעקטירט פון דיינע מיטמענשען, דאַן וועלען זיי אויך אָנפאַנגען צו האָבען דרך־ארץ פאַר דיר און דיין היים וועט אויסגעהיילט ווערען פון די שלעכטע קראַנקהייטען.

הפטרה שבת הגדול

דער גרויסער שבת פאַר דער גאולה

אני ה׳ לא שניתי ואתם בני יעקב לא כליתם.

„אמר הקב״ה: מעולם לא הכיתי אומה ושניתי לה, אבל אתם בני יעקב לא כליתם, היסורין כלין והם במקומם עומדים״ — ג׳ זאָגט: איך האָב קיינמאָל ניט געשלאָגען אַ נאַציע און עס געדאַרפט ווידערהאָלען. איר אָבער, די קינדער פון יעקב, זענט ניט אונטערגעגאַנגען. די יסורים פאַרשווינדען און די אידען בלייבען שטיין אויף זייער פּלאַץ (מדרש תנחומא).

דער שבת פאַר פסח ווערט אין דער אידישער טראַדיציע אָנגערופען „שבת הגדול״, דער גרויסער שבת, ווייל אין אים האָט פּאַסירט אַן אויסער־געוויינליכער נס, וואָס האָט מקרב געווען די גאולה. און דער נס איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס אַלע אידען האָבען זיך פאַראייניגט און יעדע פאַמיליע האָט צוגעגרייט אַ שעפּס פאַר׳ן קרבן פסח (שולחן ערוך אור״ח סימן ת״ל). ווען מיר פאַרטיפען זיך אין דעם טעם, וואָס ווערט אונז אָנגעגעבען פון די חז״ל, זעהען מיר ווי טיף זיי האָבען פאַרשטאַנען די גלות־פּסיכאָלאָגיע פון די אידען און די אורזאַכען, וואָס האָבען געהאַלטען דאָס פאָלק פאַרשקלאַפט פאַר הונדערטער יאָרען. ביז דעם גרויסען שבת זיינען די אידען ניט געווען פאַראייניגט און האָבען ווייניג וואָס צוגעהאָלפען צו דערנענטערען זייער באַפרייאונג. משה און אהרן האָבען געמוזט שווער אַרבייטען אָנצוהאַלטען זייער אינטערעס און פאַרהיטען, אַז זיי זאָלען כאָטש ניט שטערען די גאולה.

„ווען משה איז צוערשט געקומען צו די אידען און זיי איבערגעגעבען די פריילינע בשורה, אַז ג׳ האָט זיך צוגעקוקט צו זייער פּיין און ער האָט אים

געשיקט אַנצוזאָגען זיי, אַז „אעלה אתכם מעני מצרים אל ארץ זבת חלב ודבש" — איך וועל אײַך אַרויסברענגען פון דער פּיין פון מצרים אין אַ לאַנד, וואָס פליסט מיט מילך און האָניג. האָבען די אידען זיך זעהר שטאַרק דערפרייט. זיי האָבען פאַרשטאַנען פון זיינע ווערטער, אַז די גאולה וועט באַלד קומען, אַז אין אַ גאַנץ קורצער צייט וועט ער זיי באַפרייען פון מצרים און זיי באַלד ברענגען אין דעם שיינעם לאַנד פון זייערע אבות. דאַן האָבען זיי געגלויבט די בשורה און האָבען זיך גערן צוגעהערט צו אַלץ, וואָס משה האָט זיי געהאָט צו זאָגען.

„אַזוי גיך אָבער ווי משה האָט פאַר זיי אויסגעלייגט דעם פּראָגראַם פון דער גאולה, ווי ג' האָט אים דערקלערט, וועלכע באַשטייט פון „והוצאתי אתכם מתחת סבלות מצרים" — צוערשט וועט איר מוזען באַפרייט ווערען פון דער שווערער אַרבייט פון מצרים. אַ פאָלק, וואָס וויל ווערען פריי, זאָל ניט אָפּגעבען זיינע כוחות פאַר פרעמדע. „והצלתי אתכם מעבודתכם" — איר וועט אויך מוזען געראַטעוועט ווערען פון אייער גייסטיגער שקלאַפעריי. כל זמן איר וועט באַטראַכטען די מצריים פאַר העכער פון אײַך און איר וועט זיך אונטערוואַרפען צו זייערע השפעות און אײַנפלוסען, וועט איר קיינמאָל ניט פריי ווערען. „וגאלתי אתכם בזרוע נטויה" — איך וועל אײַך אויסלייזען מיט אַן אויסגעשטרעקטען אָרעם, דאָס הייסט, אַז אויב עס וועט נויטיג זיין, וועט מען מוזען קעמפען פאַר דער גאולה. „ולקחתי אתכם לי לעם והייתי לכם לאלקים" — און איך וועל אײַך נעמען צו מיר פאַר אַ פאָלק, און איך וועל זיין אייער ג', וואָס מיינט צו זאָגען, אַז אויב איר וועט זיך אויסאיידלען און וועט ווערט זיין, דאַן „והבאתי אתכם אל הארץ" — וועל איך אײַך ברענגען אין דעם לאַנד אַריין.

„אַז די אידען האָבען דערהערט, אַז דאָס איז אַ לאַנגע פּראָצעדורע, וואָס וועט נעמען פיל צייט און איז פאַרבונדען מיט גרויסע אָנשטרענגונגען און אָפּפערוויליגקייט, האָבען זיי געקראָגען קאַלטע פיס. „ולא שמעו אל משה מקוצר רוח ומעבודה קשה" — האָבען זיי מער ניט געהערט משה'ן, צוליב קורצען געדולד און צוליב דער שווערער אַרבייט. באַפרייט צו ווערען דורך נסים איז עפּעס אַנדערש, אָבער האַרעווען פאַר דער גאולה — אויף דעם האָבען זיי קיין געדולד ניט. „עבודה קשה" — שווער צו אַרבייטען פאַר מצרים איז מען שוין געוואוינט דערצו, אָבער אָוועקצוגעבען כוחות פאַר זייער אייגען פאָלק, פאַר זיין באַפרייאונג — דאָס איז צופיל בדרך־הטבע'דיג, צו נאַטירליך פאַר אַ פאָלק, וואָס וואַרט אויף נסים"... (דרשות לשבתות השנה).

„שבת שלפני הפסח קוראים אותו שבת הגדול, מפני הנס שנעשה בו, שלקחו כל אחד שה" — דער שבת פאַר פסח ווערט אָנגערופען שבת הגדול צוליב דעם נס, וואָס איז אין אים געשעהן, ווען יעדער איד האָט גענומען אַ שעפּס און עס צוגעגרייט פאַר דעם קרבן פסח. אַז אַלע אידען האָבען זיך פאַראייניגט, כדי געמיינשאַפטליך בייצושטייערען פאַר דעם באַפרייאונגס־קרבן פון זייער פאָלק, איז עס דער גרעסטער נס פון אַלע נסים, און דער שבת, אין וועלכען עס איז געשעהן, זאָל אין דער געשיכטע פאַררעכענט ווערען אַלס דער גרויסער שבת.

צוויי קרבנות ווערען אין דער אידישער טראַדיציע אָנגערופען מיט דעם נאָמען „קרבנות צבור" — פאָלקס־קרבנות: דער „קרבן־תמיד", וואָס מען פלעגט מקריב זיין יעדען פרימאָרגען און יעדען אָווענט, און דער „קרבן־פסח", וואָס מען פלעגט מקריב זיין ערב פסח. דער אונטערשייד פון זייביידען איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס דער קרבן־תמיד איז בלויז געווען איין שעפּס, וואָס איז געקויפט געוואָרען פון די שקלים־געלדער, וואָס אלע אידען האָבען בייגעשטייערט און מען האָט אים געמוזט מקריב זיין אין בית־המקדש, און דער קרבן־פסח האָט געדאַרפט זיין אַ „שה לבית אבות" — אַ שעפּס פאַר יעדער פאַמיליע באַזונדער, אָבער האָט געדאַרפט געגעסען ווערען צוזאַמען מיט דעם גאַנצען קהל אין יעדער געגענט, וואו זיי האָבען זיך געפונען. אָבערביידע ווערען אָנגערופען פאָלקס־קרבנות און זיינען „דוחה את הטומאה" — שטויסען פון זיך אָפּ אַלע אומריינקייטען (פסחים צ"ו).

דער „קרבן־תמיד" איז געווען אַ רעליגיעזער פאָלקס־קרבן, וואָס האָט געדינט אַלס סימבאָל פון גייסטיגער פאַראייניגונג. ער האָט אונז דערמאָנט צוויי מאָל אַ טאָג, אַז מיר זיינען קינדער פון איין אומה און גלויבען אין איינאיינציגען ג'. דער קרבן־תמיד האָט אונז טאָג־טעגליך פאַראייניגט מיט דער שכינה און געמאַכט פאַר אַ „גוי קדוש" — אַ הייליג פאָלק. „אמר רבי יודא ברבי סימן" — רבי יודא דער זון פון רבי סימן פלעגט זאָגען: „מעולם לא לן אדם בירושלים ובידו עון. הא כיצד? תמיד של שחרית היה מכפר על עבירות שנעשו בלילה, ותמיד של בין הערבים היה מכפר על עבירות שנעשו ביום" — קיינמאָל האָט אַ מענש ניט איבערגענעכטיגט אין ירושלים און איז געבליבען אַ זינדיגער. ווי איז עס מעגליך? דאָס איז צוליב דעם, וואָס דער „קרבן תמיד" פון אין דער פרי האָט מכפר געווען אויף די עבירות, וואָס זיינען באַגאַנגען געוואָרען דורך דער נאַכט, און דער „קרבן תמיד" פון אָווענט האָט מכפר געווען

אויף די עבירות, וואָס זיינען באַגאַנגען געוואָרען דורכ׳ן טאָג (פסיקתא רבתי). אַ קרבן פון דעם גאַנצען פאָלק רייניגט אַלע עבירות, וואָס ווערען באַגאַנגען בשוגג, אומבאַוואוסטערהייט.

אַזאַ קרבן, וואָס האָט אַרום זיך פאַראייניגט די היילינגטימער פון דעם גאַנצען פאָלק, האָט געמוזט געבראַכט ווערען פון דעם גאַנצען פאָלק. „אין יחיד מקריב קרבן תמיד" — קיין יחיד, ווי גרויס און רייך ער זאָל ניט זיין, האָט ניט געטאָרט מקריב צו זיין אָט דעם קרבן תמיד. דער „קרבן פסח" אָבער האָט געדיינט פאַר אַ סימבאָל פון נאַציאָנאַלער פאַראייניגונג. פאַר דער אויפהאַלטונג פון אחדות האומה, פון פאָלק׳ס סאָלידאַריטעט מוז יעדער צוטראָגען זיין חלק. וועגען דעם „קרבן פסח" ווערט אין דער תורה געזאָגט, אַז ער האָט געמוזט געבראַכט ווערען „במכסת נפשות", לויט דער צאָל פון די נפשות אין יעדער פאַמיליע, ניט נאָך זייער פאַרמעגען, „שהרי החוב מוטל אפילו על עני המחזיר על הפתחים", ווייל דער חוב בייצושטייערען פאַר דעם באַפרייאונגס־קרבן פון פאָלק ווערט אויך אַרויסגעוואָרפען אַפילו אויף אַן אָרימאַן, וואָס גייט אַרום איבער די הייזער (העמק דבר).

ווען אַלע אידען פאַראייניגען זיך אַרום זייער „קרבן פסח" און זיינען באַשלאָסען צו קעמפען פאַר זייער גאולה, זאָגט דער נביא פון היינטיגער הפטרה: „וערבה לה׳ מנחת יהודה וירושלים" — אַזאַ קרבן איז זעהר זיס פאַר ג׳. „אמר הקב״ה, ג׳ זאָגט: „אני ה׳ לא שניתי" — איך ווידערהאָל זיך ניט. „מעולם לא הכיתי אומה ושניתי לה" — קיינמאָל האָב איך ניט געשלאָגען אַן אומה און עס געדאַרפט ווידערהאָלען נאָכאַמאָל. קוים האָט זי פאַרלאָרען איר לאַנד און דעם עקאָנאָמישען באַזיס, איז זי אונטערגעגאַנגען און אירע קינדער זיינען איינגעשלונגען געוואָרען צווישען די פעלקער, וועלכע האָבען זי באַזיגט. „אתם בני יעקב לא כליתם" — אָבער איר, די קינדער פון יעקב, זענט ניט אונטער־געגאַנגען. דאָס אידיש פאָלק לעבט און עקזיסטירט. „היסורין כלין והם במקומם עומדים" — די יסורים נעמען זיך אויס און די אידען בלייבען שטיין אויף זייער פלאַץ (תנחומא).

די געשיכטע ווייזט אונז טאַקע, אַז נאָך יעדען אויסגוס פון האַס און פאַרפאָלגונג אויף די קעפ פון די אידען, זיינען זיי גאָר אַרויסגעקומען שטאַרקער און קאָמפּסלוסטיגער ווי פריער. די רדיפות האָבען זיי געהאָלפען צו ווערען פאַראייניגט, האָבען צעמענטירט איבעראַל די פאַרשידענע טיילען פון פאָלק

און געשטאַרקט זייער אייגענעם נאַציאָנאַלען גייסט. „אתם בני יעקב לא כליתם״ — קוים ווערען די אידען נאַציאָנאַל באַוואוסטזיניג און זיי קערען זיך אום צו זייער פאָלק, צו זייער תורה און אמונה, זיינען זיי אומשטערבליך און וועלען קיינמאָל ניט אונטערגייך. וועלען מיר באַשליסען, איינמאָל פאַר אַלעמאָל, צו פייערען אַ „שבת הגדול״ און מיט פאַראייניגטע כוחות ברייגגען אונזערע „קרבנות פסח״ צו דער באַפרייאונג פון אונזער פאָלק, וועט דער פסח, דער „זמן חרותנו״ זיכער קומען.

אחרי מות - קדושים

א.

אידען מוזען ברייִנגען קרבנות צו ג׳ און צו דעם עזאזל

ונתן אהרן על שני השעירים גורלות.

„תנו רבנן: שני שעירי יום הכפורים ששחטן בחוץ, עד שלא הגריל עליהם חייב על שניהם, משהגריל עליהם חייב על של שם ופטור על של עזאזל" — די רבנן האָבען געלערענט: די צוויי ציגען־בעק פון יום־כפור, וואָס זיינען געקוילעט געוואָרען אין דער פרעמד, ווענדט זיך אַזוי, אויב דאָס איז געטאָן געוואָרען פאַר׳ן גורל, איז מען שולדיג פאַרביידען; אויב אָבער נאָכ׳ן גורל, איז מען בלויז שולדיג פאַר דעם, וואָס איז באַשטימט געוואָרען פאַר ג׳, און מען איז פטור פאַר דעם וואָס דאַרף גיין צום עזאזל (יומא ס״ב ע״ב).

די ערשטע עטליכע פרשות פון היינטיגער סדרה ווערען אויך געליינט אין אַלע שוהלען אום יום־כפור, ווייל אין זיי ווערט גערעדט וועגען די צוויי פאָלקס־קרבנות, וואָס די אידען האָבען געמוזט מקריב זיין דעם טאָג: „אחד לה׳ ואחד לעזאזל" — איינעם פאַר ג׳ און איינעם פאַר דעם עזאזל. די פּראָצעדור פון מקריב זיין דיזע צוויי קרבנות איז פאָרגעקומען אויף אַזאַ אופן: מען האָט צוגעגרייט צוויי גלייכע ציגען־בעק און איבער זיי געוואָרפען גורל, וועלכער זאָל גיין פאַר אַ קרבן צו גאָט און וועלכער פאַר׳ן עזאזל. דעם ערשטען האָט דער כהן מקריב געווען אויפ׳ן מזבח אין בית־המקדש אַלס אַ זינד־אָפּפער, מכפּר צו זיין אויף די עבירות, וואָס די אידען זיינען דעם יאָר באַגאַנגען קעגען זייער אמונה. דעם צווייטען האָט מען אַוועקגעשיקט „ביד איש עתי" — דורך איינעם, וואָס איז באַשטימט געוואָרען פאַר דעם צוועק, אַז ער זאָל אים אַרונטערוואַרפען פון אַ הויכען באַרג אין דער מדבר. אײדער מען האָט אים אַוועקגעשיקט, האָט דער כהן־גדול געדאַרפט אויף אים אָנלעהנען זיינע הענט און איבער אים אויס־

רעכענען אַלע חטאים פון די אידען, „ונתן אותם על ראש השעיר" — און זיי אַרויפוואַרפען אויף דעם קאָפּ פון דעם ציגען־באָק.

וואָס איז געווען דער „עזאזל" און וואו האָט ער זיך געפונען? איבער דעם זיינען דאָ פאַרשיידענע מיינונגען. מאַנכע פון אונזערע חכמים ווילען האָבען, אַז דאָס איז געווען אַ באַרג ניט ווייט פון באַרג סיני, וואָס האָט געטראָגען דעם נאָמען „עזאזל". אַנדערע, ווידער, זאָגען, אַז דאָס וואָרט „עזאזל" מיינט סתם אַ גרויסער, שטאַרקער באַרג, פון וועלכען מען האָט אים געדאַרפט אַראָפּוואַרפען. דער אבן־עזרא און דער רמב"ם — באַהויפּטען, אַז „עזאזל" איז דער נאָמען פון אַ שד, וואָס הערשט איבער דער מדבר. מיט דערדאָזיגער מערקווירדיגער מיינונג שטימען גראַד איין ניט־אידישע זאָגענאַנטע ביבעל־קריטיקער, וועלכע האָבען ליב צו אונטערשעצען די אידישע אמונה אין אחדות הבורא און ווילען אויף איר אַרויפצוויגגען דעם גלויבען אויך אין אַנדערע כוחות, אין שדים און רוחות.

דידאָזיגע אַפּיקורסישע מיינונגען, וועלכע די זאָגענאַנטע קריטיקער ווילען אַרויסלערנען פון די ווערטער פון דעם אבן עזרא און דעם רמב"ם זיינען שקר וכזב, ווייל זיי זיינען קעגען אַלע פּרינציפּען פון דעם אידישען גלויבען. קיינער פון אונזערע חכמים האָט חו"ש ניט געמיינט צו זאָגען, אַז אידען דאַרפען ברייגגען קרבנות צו וועלכען ניט איז שד אָדער רוח. די תורה זאָגט דאָך אונז בפירוש, אַז דער געדאַנק פון קרבנות איז געווען: „למען אשר יביאו בני ישראל את זבחיהם לד' ולא יזבחו עוד לשעירים" — כדי אידען זאָלען ברייגגען זייערע קרבנות צו ג' און זאָלען מער ניט שעכטען צו שדים. אין זייערע דער־קלערונגען איבער דעם עזאזל און דעם ציל פון אָט דעם אומפאַרשטענדליכען קרבן ליגט אַ פּיל טיפערע כוונה ווי די, וואָס די ביבעל־קריטיקער ווילען האָבען. כדי צו פאַרשטיין די אמת'ע באַדייטונג פון זייערע ווערטער, מוזען מיר שטודירען די אידישע געשיכטע און זיך באַקענען גענוי מיט דעם שיקזאַל פון אונזער פאָלק זינט די תורה איז געגעבען געוואָרען אויף דעם באַרג סיני ביז היינטיגען טאָג.

ווען די תורה איז געגעבען געוואָרען צו די אידען, האָבען זיי זיך געפונען אין דער מדבר, ווייט אַוועק פון זייער אייגען לאַנד און אַרומגערינגעלט פון פיינטליכע פעלקער. פאַר הונדערטער יאָרען נאָכדעם, ווען זיי זיינען שוין אַריין אין ארץ־ישראל, איז נאָך דאָס לאַנד ניט געווען אין גאַנצען זייערס. זיי האָבען נאָך געהאַט דורכצומאַכען פיל שווערע קאַמפען מיט די אַרומיגע פעלקער, וועלכע

פלעגען זיי גאַנץ אָפט באַפאַלען און האַלטען זיי אונטערדריקט פאַר לאַנגע יאָרען. פון די פיר טויזענט יאָר, וואָס מיר עקזיסטירען אַלס אַ פאָלק, האָבען מיר בלויז געגויע טויזענט יאָר געלעבט אַלס זעלבסטשטענדיגע נאַציע, אונטער אַן אייגענער מלוכה. די איבעריגע דריי טויזענט יאָר איז אונזער ביטערער שיקזאַל געווען צו זיין נע ונד צווישען די פעלקער פון דער וועלט און אונזער לעבען איז געווען אַ שטענדיגער געראַנגעל זיך צוצופאַסען צו אימער נייע אומשטענדען און פאַרשיידענאַרטיגע לעבענס־באַדינגונגען.

„ניט אומזיסט", זאָגט איינער פון אונזערע גרויסע היסטאָריקער, „זיינען די אַלגעמיינע מצוות פון דער תורה פיל מער און גרעסער אין צאָל, ווי די „מצוות התלויות בארץ" — די געבאָטען, וואָס מיר זיינען מחויב דורכצופירען זיצענדיג אין אונזער אייגען לאַנד. דער גרעסטער טייל פון די „מצוות מעשיות" די טאַטזעכליכע געבאָטען, וואָס מיר זיינען אַנגעזאָגט געוואָרען, ווערען אין דער תורה אָנגערופען „אותות", צייגנישען, אָדער סימבאָלען, ווייל זיי זיינען הויפטזעכליך געמיינט צו ציען אונזער אויפמערקזאַמקייט און אָנהאַלטען אונזער באַוואוסטזיין, אַז מיר זיינען אַן „עם לבדד ישכון" — אַ באַזונדער פאָלק, מיט באַזונדערע אויפגאַבען און מיט אַן אייגענאַרטיגען דרך אין לעבען, וואָס מיר מוזען אָנהאַלטען אונטער אַלע אומשטענדען, אָפגעזעהן פון דעם פלאַץ, אין וועלכען מיר געפינען זיך".

עס איז אָבער שווער צו זיין אימער באַוואוסטזיניג. אַ געזונטער מענש פילט ניט זיינע גלידער. די איינציגע צייט, ווען ער הויפט אָן צו ווערען באַוואוסט־זיניג, אַז ער האָט אַ קאָפּ, אַ האַנט, אַ פוס, איז דאַן ווען ער שלאָגט זיך אָפּ אָדער דערשפירט פלוצלינג אַ ווייטאָג אין זיי. און ווי עס גייט מיט דעם פרט, אַזוי גייט עס אויך מיט דעם כלל. ווען אַ פאָלק לעבט רוהיג און נאָרמאַל און זיצט אויף זיין אייגען לאַנד, דאַרף ניט יעדער בירגער שטענדיג האָבען אין זינען זיינע פליכטען צו זיין נאַציע. אויב ער אַרבייט אין פעלד, אין געשעפט, אין פאַבריק, אין אוניווערזיטעט, אָדער וואו ניט איז, ביישטייערט ער במילא יעדען טאָג זיין חלק צו דער עקאָנאָמישער, פאָליטישער און אויך קולטורעלער אַנטוויקלונג פון זיין פאָלק און לאַנד.

דאָס אידישע פאָלק אָבער איז צעזייט און צעשפרייט אויף אַלע שבעה ימים. אומבאַוואוסטזיניגערהייט טראָגט יעדער איד צו זיין חלק צו דער אַנט־וויקלונג פון די לענדער, וואו ער געפינט זיך. די איינציגע צייט, ווען אַ איד קאָן ביישטייערן פאַר זיין אייגען פאָלק, איז ווען ער איז באַוואוסטזיניג אויף

זיין ספעציעלער לאַגע. אָבער דאָס איז ניט אַזאַ לייכטע זאַך און קאָן ניט אַנגע־האַלטען ווערען שטענדיג. אויב אַ אידישע געמיינדע אין אַ פרעמד לאַנד האָט ניט געטאָן איר פולע פליכט צו איר ג׳ און צו איר פאָלק, מוז איר פאַרגעבען ווערען, „כי לכל העם בשגגה" — מענשען זיינען געוויינליך שוגגים, אומבאַ־וואוסטזיניג, און אין אַזאַ צושטאַנד איז שווער צו דערוואַרטען גרויסע אויפ־טואונגען.

פעלקער, וועלכע לעבען אונטער נאָרמאַלע אומשטענדען און געפינען זיך אויף זייער אייגען לאַנד, אויב זיי זוכען אַ כפרה פאַר זייערע זינד, דאַרפען זיי בלויז ברייגען אין קרבן צו זייער ג׳, צו זייער גלויבען, ווייל קעגען זייער אייגענער נאַציע האָבען זיי ווייניג געזינדיגט. אומבאַוואוסטזיניג האָבען זיי אויסגעפילט זייערע פליכטען און בייגעשטייערט זייער חלק צו דעם וואוקס פון זייער נאַציע. אידען לעבען אָבער אונטער אומנאָרמאַלע אומשטענדען. אין דעם טאָג פון זייער יום הכפורים מוזען זיי ברייגען צוויי קרבנות: „אחד לד׳ ואחד לעזאזל" — איינעם פאַר ג׳, פאַר די פאַרברעכענס, וואָס זיי זיינען באַגאַנגען, קעגען זייער אמונה, קעגען זייער גייסט און קולטור, און איינעם „לעזאזל", פאַר די חטאים, וואָס דער שד פון מדבר, די מאַכט, וואָס באַהערשט דעם פינסטערען גלות, האָט זיי געצוואונגען צו באַגיין קעגען זייער פאָלק, קעגען זייער אומה.

ווי שיין דריקט זיך אויס דער מדרש: „ביום הכפורים נוטל הקב"ה עונות ישראל ונותנם על בגדיו של עשו" — יום־כפור נעמט ג׳ ארונטער די זינד פון די אידען און לייגט זיי אַרויף אויף די קליידער פון עשו׳ן. די טרויעריגע לאַגע פון דעם אידען ברייגגט אים צו זיין איינגעוויקעלט אין די קליידער, אין די מנהגים און אויפפירונגען פון דעם פאָלק, אין וועמעס לאַנד ער געפינט זיך. דער פראָצעס פון צופאַסונג אין גלות איז פאַר דעם אידען זעהר אַ שווערער. מען קאָן ניט אַלעמאָל גיין קעגען די זיטען פון אַ לאַנד און זיינע מערסטע איינוואוינער. רבי לוי יצחק באַרדיטשעווער ז"ל האָט אַמאָל געזאָגט: „ונתן אותם על ראש השעיר" — אַלע אידישע חטאים און עונות מוזען ארויפגעלייגט ווערען אויף דעם „שד" פון גלות. אויף זיין קאָפּ מוז פאַלען די שולד פון אַלע זינד, וואָס די אידען באַגייען קעגען השי"ת און קעגען זייער אייגען פאָלק. ער — מיט זיינע שטענדיגע רדיפות קעגען אונז — איז פאַראַנטוואָרטליך. אַדרבה, רבונו של עולם! פיר אונז אין אונזער לאַנד און דאַן וועסטו זעהן, צי מיר וועלען ניט שענער און בעסער ווערען."

דער „שעיר לעזאזל" האָט געדאַרפט אַוועקגעשיקט ווערען „אל ארץ

גזרה״ — צו אַ לאַנד פול מיט גזרות קעגען די אידען, צו אַ לאַנד, וואו יעדער מקור פאַר זיין פרנסה איז „מתגזר ויורד״ — ווערט אַלץ גרויזאַמער און גע־פאַלענער. די גזרות און באַשרעקונגען קומען אומדערוואַרט און מאַכען דאָס אידיש לעבען העכסט טרויעריג און אומדערטרעגליך. דאָס וואָרט „לעזאזל״, זאָגען די חז״ל, מיינט, אַז צום שטאַרקען איז עס אַוועק (יומא ס״ז). דער איד, וואָס פילט זיך נעבאַך אימער שוואַך קעגען זיינע שכנים, וואָס זיינען די מערהייט, צאָלט זעהר טייער פאַר זיין אידישקייט. ער מוז נעבאַך איבעראַל ברייגגען די גרעסטע קרבנות. אין די מערסטע לענדער ווערען די מזבחות אויפגעשטעלט פון זיינע שונאים, די פאַרפאָלגער, און דער איד ווערט געצוואונגען אויף זיי מקריב צו זיין טיילען פון זיין נשמה, פון זיין גייסט, אַזוי גוט ווי פון זיין גוף, זיין האָב און גוטס.

אָבער נאָך טרויעריגער איז, וואָס אין מאַנכע לענדער, איבערהויפט אין די פרייערע און מער דעמאָקראַטישע, וואו די אידען האָבען געקאָנט לעבען ווי ג׳ האָט געבאָטען און פיל אויפטאָן פאַר דעם צוריק־אויפבוי פון זייער פאָלק, בויען זיך אידען אייגענע מזבחות, אין די שוהלען, היימען און קהלות, אויף וועלכע זיי ברייגגען אומניצליכע קרבנות, אבי געפעלען צו ווערען זייערע שכנים. און די קרבנות באַשטייען מערסטענס פון זייערע אייגענע קינדער, וועלכע זיי זיינען מקריב אויף דער עקדה פון אַסימילאַציע און שוואַכען אָפּ דערמיט די רייען פון זייער פאָלק. „כמתוקנין בהם לא עשיתם, כמקולקלין שבהם עשיתם״ — ווי די רעכטפערטיגע פון זיי האָט איר ניט געטאָן, נאָר ווי די פאַרדאָרבענע פון זיי האָט איר געטאָן (סנהדרין ל״ט). ליידער, אין דעם געיעג נאָכצוטאָן די שכנים זוכט מען דאָס רוב ניט נאָכצומאַכען די יעניגע, וועלכע זיינע ערליך און געטריי זייער ג׳ און זייער פאָלק. מען טוט־נאָך די, וועלכע זיינען כאַראַקטערלאָז און וואָס קימערען זיך ווייניג פאַר די טראַדיציעס פון זייער גלויבען און זייער נאַציע.

„שני שעירי יום הכפורים ששחטן בחוץ״ — אָט די צוויי פאָלקס־קרבנות, וואָס אידען קוילען אין חוץ לארץ, מוזען באַטראַכט ווערען לויט דעם גורל, דעם שיקזאַל און אומשטענדען, אין וועלכע זיי געפינען זיך דאָרט. „עד שלא הגריל עליהם״ — אויב דער גורל האָט זיי ניט געצוואונגען צו דעם, און דאָך, כדי געפעלען צו ווערען זייערע שכנים, האָבען זיי מקריב געווען טיילען פון זייער אמונה און פון זייער נאַציאָנאַליטעט, „חייב על שניהם״ — זיינען זיי שולדיג פאַר ביידע. זיי וועלען מוזען אָפּגעבען דין וחשבון פאַר דער אידישער

געשיכטע, פאר זייער באַבלעסיגקייט צו דערפילען זייערע פליכטען צו ג׳ און צו זייער פאָלק. אויב אָבער „משהגריל עליהם״ — אויב זייער גורל אין די גלות־לענדער איז אַזאַ, וואָס צווינגט זיי צו ברייגגען קרבנות אַלס אידען, אַלס אומגעווינשטע פרעמדע, דאַן איז מען חייב „על של שם״ — פאַר דעם, וואָס מען איז מקריב טיילען פון דער אמונה, מען דערציט ניט זייערע קינדער צו זיין געטרייע אידען; אָבער מען איז „פטור על של עזאזל״ — פאַר די עבירות, וואָס מען באגייט קעגען דעם פאָלק, מיט דעם וואָס מען איז מקריב פיל געלט און כוחות פאַר דעם „עזאזל״, פאַר דעם שד פון גלות, קאָן מען זיי ניט באַשולדיגען, ווייל די אומשטענדען האָבען זיי געבראַכט דערצו.

הפטרה

אויך אין אונזער אומריינקייט איז ער מיט אונז

והתימותי טומאתך ממך.

„אפילו בזמן שהן טמאין שכינה שרויה ביניהן״ — אפילו אין דער צייט, ווען אידען זיינען אומריין, רוט די שכינה צווישען זיי (יומא נ״ז).

צוויי מאָל איז ירושלים חרוב געוואָרען און די אידען זיינען פון איר אַרויסגעטריבען געוואָרען. צום ערשטען מאָל איז עס געשעהן דורך „בבל״, ווען איר קעניג נבוכדנצר מיט זיין פעלדמאַרשאַל נבוזרדן זיינען באַפאַלען די קליינע יהודה, האָבען צעשטערט דעם בית המקדש, חרוב געמאַכט דאָס לאַנד און פאַרטריבען די אידען נאָך בבל. דעם צווייטען מאָל איז עס געשעהן דורך די רוימער, וועלכע האָבען פאַר אַ לאַנגער צייט געהאַלטען די אידען פאַרשקלאָפט אין זייער אייגען לאַנד, און נאָך דער רעוואָלוציע פון „בר כוכבא״ ווייטער צעשטערט דאָס לאַנד און פאַרטריבען די אידען אין גלות ביז היינטיגען טאָג. „מפני מה חרבה ירושלים?״ — צוליב וועלכע זינד איז ירושלים צוויי מאָל חרוב געוואָרען? — פרעגט די גמרא, און זי גיט דעם פאָלגענדען ענטפער: „בראשונה מפני עבודה זרה, ובאחרונה מפני שנאת חנם״ — צום ערשטען מאָל איז עס געשעהן צוליב דינען פרעמדע געטער, און דעם צווייטען מאָל צוליב

אומזיסטער פיינטשאַפט, וואָס זיי האָבן אַרויסגעוויזן איינע קעגן די אַנדערע (יומא ב״ז).

די הייַנטיגע הפטרה איז געזאָגט געוואָרען פון דעם נביא יחזקאל גלייך נאָכ׳ן ערשטען חורבן, און ער גיט איין איר איבער, אַז ג׳ האָט אים באַפוילען באַקאַנט צו מאַכען זיין אורטייל איבער דער „עיר הדמים״, דער בלוטיגער שטאָט, „והודעתה את כל תועבותיה״, און איר לאָזען וויסען אַלע אירע אומווירדיגקייטען. ער רעכענט אויס אַ היפש צעטעל פון חטאים, איינער גרעסער פאַר דעם אַנדערען, און זאָגט איר, אַז דערפאַר איז זי פאַראורטיילט געוואָרען אונטערצוגיין. „והפיצותי אותך בגוים וזיריתיך בארצות״ — איך וועל דיך פאַרשפּרייטען צווישען די פעלקער און צעוואָרפען איבער אַלע לענדער, „והתימותי טומאתך ממך״ — ביז איך וועל אויסרייניגען דיין שמוץ פון דיר.

מאַנכע פון אונזערע חכמים זיינען געווען שטאַרק דאַגעגען, אַז די פסוקים, וואו עס ווערען אויסגערעכענט די אומווירדיגקייטען און חטאים פון ירושלים, זאָלען פאַרגעלייענט ווערען אַלס הפטרות, עפענטליך אין די שוהלען. זיי זייַנען מיט דער מיינונג, אַז אידען זאָלען ניט רעדען קיין שלעכטס איבער זייער הייליגער שטאָט, כדי אָנצוהאַלטען זייער שטענדיגע ליבע און בענקעניש נאָך איר. איבערהויפּט איז רבי אלעזר געווען אויפגערעגט קעגען די יעניגע, וועלכע לייענען אַזעלכע הפטרות. עס ווערט דערציילט: „מעשה באדם אחד שהיה קורא הודע את ירושלים את תועבותיה״ — עס האָט פּאַסירט מיט איינעם, וועלכער האָט געלייענט אין קהל די פסוקים, וואו עס ווערען אויסגערעכענט די אַלע אומווירדיגקייטען פון ירושלים. האָט אים רבי אלעזר געזאָגט: „עד שאתה בודק בתועבות ירושלים, צא ובדוק בתועבות אמך״ — איידער דו גייסט אונטערזוכען די אומווירדיגקייטען פון ירושלים גיי פריער און אונטערזוך די אומווירדיגקייטען פון דיין אייגענער מוטער. „בדקו אחריו ומצאו בו שמץ פסול״ — האָט מען טאַקע אונטערזוכט און מען האָט געפונען, אַז ער איז ניט אין גאַנצען כשר (מגילה כ״ה ע״ב). ווען מען איז בודק די יעניגע, וועלכע האַלטען אין רעדען שלעכטס איבער ירושלים און דער אידישער היימלאַנד, וועט מען תמיד געפינען אין זיי אַליין אַ „שמץ פסול״ — זיי זיינען קעגען ארץ־ישראל, ווייל זיי זיינען קנאַפּע אידען.

מיט אַלע אירע חסרונות איז ארץ־ישראל דאָס שענסטע לאַנד פאַר אידען. דאָרט איז פאַרזייט געוואָרען די אידישע גרויסקייט און דאָרט וועט זי צוריק אויפבליען. ארץ־ישראל וועט ניט פאַרנומען ווערען פון אַנדערע, ווייל

זי וואַרט אויף אַלע אידען. אויפ'ן פסוק אין דער תוכחה: „והשימותי אני את הארץ, ושממו עליה אויביכם" — איך וועל פאַרוויסטען דאָס לאַנד און עס וועלען פוסטעווען אויף איר אייערע פיינט, זאָגט דער „תורת כהנים": „זו מדה טובה, הארץ לא תתן כחה לזרים" — דאָס איז אַ גוטע זאַך פאַר אידען, די ערד וועט ניט געבען איר קראַפט צו פרעמדע. וויפיל פעלקער עס האָבען געפּרואווט זיך צו באַזעצען אין ארץ־ישראל, האָבען זיי איר ענדליך געמוזט פאַרלאָזען. איר ערד האָט זיך צו קיינעם פון זיי ניט אונטערגעבען, ביז אירע אייגענע קינדער, די אידען, זיינען איצט צו איר געקומען. אונטער אידישע הענט לאָזט זיך די ערד פון ארץ ישראל צוריק אויפלעבען און ווערט די אַלטע „ארץ זבת חלב ודבש".

רעדט ניט קיין שלעכטס אויף ירושלים און אירע אידען, ווייל „אפילו בזמן שהן טמאים שכינה שרויה ביניהן" — אויך ווען זיי זיינען אומריין, רוט די שכינה צווישען זיי (יומא נ"ז).

ב.

קרבנות פאַר'ן גלות זענען אַרויסגעוואָרפן

ונשא השעיר עליו את עונותם אל ארץ גזרה.

„מוליך ומביאו לעזאזל, הר קשה וחד, ודוחפו עד שיתחך חתיכות חתיכות, ולא ישאר בו לא ממשות ולא תועלת" — ער פירט אים אַוועק און ברייננגט אים צו אַן „עזאזל", אַ האַרטער און שאַרפער באַרג, און גיט אים אַ שטויס אַרונטער ביז ער ווערט צעריסען אויף שטיקער, און עס פאַרבלייבט פון אים ניט קיין האַפטיגס אָדער נוצבאַרעס (מדרש אגדה).

אַזוי איז שוין דער טרויעריגער שיקזאַל פון אַ פאָלק, וואָס האָט ניט קיין אייגענעם באָדען אונטער זיינע פיס און מוז זיך נעבאַך וואַלגערען אין דער פרעמד און אַוועקגעבען זיינע כוחות פאַר פיינטליכע גלות־לענדער. זיין גאַנצער לעבען איז אַ גרויסער מזבח, אויף וועלכען ער איז געצוואונגען מקריב צו זיין אַלס קרבנות טיילען פון זיין נשמה, פון זיין גייסט, אַזוי גוט ווי פון זיין גוף, פון זיין האָב און גוטס, אום צו קאָנען עקזיסטירען.

פעלקער, וועלכע לעבען נאָרמאַל, אויף זייער אייגענעם באָדען, דאַרפען

פון צייט צו צייט ברייגנען בלויז איין קרבן „אחד לד׳״, פאַר זייער אייגענער גייסטיגער און עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג. אַלע אָפּפער און אַנשטרענגונגען, וואָס ווערען פון זיי געמאַכט, ווערען פאַרוועגדט פאַר דעם בענעפיט און נוצען פון זייער באַציע. דער מזבח, אַזוי גוט ווי די קרבנות, זיינען זייערע און די רעזולטאַטען וואָס זיי ברייגנען פאַרבלייבען דאָס אייגענטום פון זייער אייגען פאָלק און לאַנד.

אַ גלות פאָלק אָבער, וועלכער לעבט אויף דעם „חסד לאומים״, אויף דעם גוטען ווילען פון די פרעמדע לענדער, אין וועלכע ער געפינט זיך, קאָן ניט אויסקומען בלויז מיט איין קרבן „אחד לד׳״. ער מוז גאַנץ אָפט ברייגנען שווערע קרבנות אויך פאַר דעם „עזאזל״, פאַר דעם האַרטען און שאַרפען גלות. דער פּראָצעס פון צופּאַסונג צו די אימער נייע אומשטענדען וואָס אַ גלות פאַרשאַפט איז אַ שווערער און קאָסטבאַרער. צו געפעלען ווערען די שכנים, אַז זיי זאָלען אים צורוה לאָזען, מוז ער מאַנכעמאָל מפקיר זיין אַ טייל פון זיין אייגענאַרטיגקייט. אַ „תולה בדעת אחרים״, דער וואָס איז אָפּהענגיג אָן דער דעה פון אַנדערע, קאָן ניט אימער זיין אָריגינעל און אויסגעהאַלטען לויט זיינע אייגענע אנשויאונגען און איבערצייגונגען. ער מוז מאַכען פשרות, נאָכגעבען און פאַרבייגען אַ היפּשען חלק פון זיין אייגענעם ווילען, אום ניט צו וואַרפען זיך צופיל אין די אויגען פון זיינע שונאים מיט זיין אָפּגעזונדערטקייט און פאַרשיידענקייט.

און דער גלות האָט אַ ברייטע האַלז. ער שלינגט איין און פאַרצערט דעם גרעסטען טייל פון דער ענערגיע און כחות, וואָס די מינדערהייט, די גלות־מענשען האָבען און פאַרמאָגען. ער פאָדערט אימער, וואָס מער גרעסערע און שווערערע קרבנות פון די אונטערדריקטע.

ווער נאָך ווי מיר אידען ווייסען ווי טייער עס קאָסט אונז דער גלות? וויפיל פון אונזערע כחות מוזען אָוועקגעגעבען ווערען פאַר פרעמדע, וואָס ברייגנען אונז קיינע נוצען ניט? וועגען די צוויי ציגען־בעק פאַר זיבד־קרבנות זאָגט אונז די גמרא: „מצותם שיהיו שניהם שוין במראה, בקומה ובדמים״ — זייער מצוה איז, אַז זיי זאָלען זיין ביידע גלייך אין אויסזעהן, אין הויך און אין פּרייז (יומא ס״ב ע״א). ר׳ אהר׳עלע קאַרלינער זצ״ל האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט „הלואי וואָלטען די קרבנות, וואָס די אידען ברייגנען פאַר ג׳, ניט זיין קלענער און וועלוועלער פאַר די, וואָס זיי ברייגנען צו דעם „עזאזל״, פאַר אַלע נאַריש־קייטען, וואָס דער פינסטערע גלות האָט זיי אויסגעלערענט״. ״עזאזל״, זאָגט

וויטער די גמרא, מיינט: „צום שטאַרקען איז עס אָוועק" (יומא ס"ז). דער איד, וועלכער פילט זיך נעבאַך אימער שוואַך קעגען זיינע שכנים, וואָס זיינען די מערהייט, צאָלט זעהר טייער פאַר זיין אידישקייט. איך אַלע לענדער פון זיינע וואַנדערונגען ווערען פון זיינע שונאים אויפגעשטעלט מזבחות, אויף וועלכע ער מוז ברייגנען שווערע קרבנות. און די קרבנות, וואָס ער ברייגנגט איבעראַל, באַשטייען מערסטענס פון זיינע אייגענע קינדער, וועלכע ער איז מקריב אויף דעם מזבח פון אַסימילאַציע און שוואַכט דערמיט אָפּ זיינע רייען.

און וואָס טרויעריגער איז, אַז די אַלע שווערע קרבנות, וואָס דער איד ברייגנט פאַר'ן גלות, זענען ס'רוב וויניג אָנגעלייגט און ברייגנען אים קיינע נוצען ניט. דאָס פרעמד לאַנד אָדער פאָלק, וואָס נעמט ביי אים דעם קרבן, „דוחפו עד שיתתך חתיכות חתיכות", שטויסט עס אַרונטער ביז עס ווערט צעריסען אויף שטיקלעך, „ולא ישאר בו לא ממשות ולא תועלת", און עס פאַרבלייבט פון אים ניט קיין האַפּטיגעס אָדער נוצבאַרעס. די אַלע כוחות, וואָס דער איד האָט פאַרשוועגדט, כדי געפעלען צו ווערען זיינע שכנים, גייען אין ניוועץ און וואַלגערען זיך אין די טאָלען פון די „הרים קשים וחדים", די האַרטע און שאַרפע בערג, מיט וועלכע דער גלות איז אַרומגערינגעלט.

הפטרה

דער גלות שמעלץ־טאָפּ

היו לי בית ישראל לסיג.

„כאינש דאמר יתמחק שמיה דפלן, דאפקיה לברי לתרבות בישא" — ווי איינער וואָס זאָגט: זאָל אָפּגעמעקט ווערען דער נאָמען פון דעם יעניגען, וואָס האָט אַרויסגעפירט מיין קינד אויף אַ שלעכט וועג (ב"ר ג"ח).

אין דעם שווערען פּראָצעס פון צופאַסונג, אין די פאַרשידענע גלות לענדער, ווערט פיל פאַרלאָרען פון דעם אייגענאַרטיג לעבען, וואָס האָט דעם אידען געמאַכט פאַר אַן עם־סגולה, אַן אויסגעצייכענט פאָלק, צווישען די פעלקער פון דער וועלט. זיך צו קאָנען איינאָרדענען איך יעדען לאַנד וואוהין דער שיקזאַל זאָל זיי ניט פאַרטרייבען און צו דערזעלבער צייט אויך אָנהאַלטען זייער אידישקייט,

איז תמיד געווען דער שווערסטער פּראָבלעם פון דעם אידישען לעבען, און ניט איבעראַל איז עס געלונגען. מענשען, וואָס לעבען אין גלות, זיינען „פּירות תלושים״, אויסגעריסענע פרוכט, וואָס קאָנען זיך ניט איינוואָרצלען אויף די פרעמדע באָדענס און ווערען ביסלעכווייז פאַרוועלקט און אויסגעטריקענט. „דער גלות, זאָגט איינער פון אונזערע גרויסע דענקער, איז אַ כף־הקלע, אַ טיפער תהום וואָס שלינגט איין אַלץ וואָס פאַלט אין אים אַריין. גאָר אַ גרויסער טייל פון דעם ווערט פון אים פאַרדייעט און גייט לטמיון, און דאָס וואָס ער שפּייט פון זיך אַרויס פאַרלירט זיין אָריגינאַלען געשמאַק און קומט אַרויס קרוע־בלוע׳דיג״.

אָט טאָקע דאַרום ווערט אונז אָנגעזאָגט אין היינטיגער סדרה, אַז אידען מוזען יעדען יאָר ברייגען צוויי קרבנות, „אחד לד׳ ואחד לעזאזל״, איינעם פאַר ג׳, פאַר די עבירות, וואָס זיי זיינען אומבאַוואוסטזיניגערהייט באַגאַנגען קעגען זייער אמונה, קעגען זייער גייסט און קולטור, און איינעם פאַר די חטאים, וואָס דער גלות האָט זיי געצוואונגען צו באַגיין קעגען זייער פאָלק, קעגען זייער אייגענער נאַציע. אָבער ניט אַלעמאָל זיינען די זינד, וואָס די אידען באַגייען אין גלות, אַרויפגעצוואונגענע. אין פיל לענדער, איבערהויפּט אין די פרייערע און דעמאָקראַטישע, בויען זיך אידען אייגענע מזבחות, אויף וועלכע זיי ברייגען אומניצליכע קרבנות, אָבי צו געפעלען ווערען זייערע שכנים.

ווי דער נביא אין דער היינטיגער הפטרה באַקלאָגט זיך: „בגלוליך אשר עשית טמאת ותקריבי ימיך ותבא עד שנותיך״ — מיט די אָפּגעטער, וואָס דו האָסט זיך דאָרט געמאַכט, ביזטו אומריין געוואָרען און דערמיט פאַרקירצט דיינע טעג און אונטערגעבראַכט דיינע יאָרען. די קרבנות, וואָס אָט די אָפּגעטער פאָדערען, באַשטייען מערסטענס פון דער אידישער יוגענט, וועלכע מען איז מקריב אויף דער עקדה פון אַסימילאַציע, און דאָס פאָלק הויבט אָן צו ליידען פון אויסצערונג, פון בלוט־אָרימקייט. אין דעם ווילדען גייעג געפעלען צו ווערען די שכנים, איז „כמתוקנין בהם לא עשיתם, כמקולקלין בהם עשיתם״ — ווי די רעכטפערטיגע פון זיי האָט איר ניט געטאָן, נאָר ווי די פאַרדאָרבענע פון זיי האָט איר געטאָן (סנהדרין ל״ט). מען זוכט ניט נאָכצומאַכען די יעניגע, וועלכע זיינען געטריי זייער ג׳ און זייער פאָלק, נאָר די, וועלכע זיינען כאַראַקטערלאָז און קימערען זיך ווייניג פאַר די טראַדיציעס פון זייער גלויבען און זייער נאַציע.

און די קרבנות, וואָס די אידען ברייגען פאַר זייערע גלות־אָפּגעטער, זיינען ניט אָנגעלייגט. אין געגענטייל, „על כן נתתיך חרפה לגוים וקלסה לכל הארצות״ — מיט דעם ווערסטו געמאַכט צו שאַנד ביי די פעלקער און צו שפּאָט

ביי אַלע לענדער. אַז מען טוט אויף זיך אָן אַ מאַסקע, וואָס פאַרשטעלט דעם אייגענעם פּנים, רופט עס אַרויס אַן עקעל ביי יעדען, מיט וועלכען מען קומט אין בארירונג. מען הויבט אָן חושד צו זיין, אַז ער האָט טאַקע וואָס צו באַהאַלטען, אַז ניט, וואָלט ער זיך מיט דעם ניט געשעמט. שפּייט אייבער אין זיין אייגענעם פּנים, מוז ער דערוואַרטען, אַז אַנדערע וועלען עס אויך טאָן. „הקרובות והרחוקות ממך יתקלסו בך" — די נאָענטע און ווייטע פון דיר פאַרשפּאָטען דיך. „טמאת השם רבת־המהומה" — מען רופט דיך מיט שמוציגע נעמען און מען באַשולדיגט דיך אין מאַכען צופיל טומעל.

די היינטיגע הפטרה פאַרענדיגט זיך מיט אַ מערקווירדיגער דערקלערונג. דער נביא זאָגט אין נאָמען פון ג׳:

„היו לי בית ישראל לסיג, כולם נחשת ובדיל וברזל ועופרת בתוך כור" — דאָס הויז פון ישראל זיינען מיר געוואָרען צו פּסולת, אָפּפאַל. זיי אַלע זיינען קופּער און צין, אייזען און בליי אין דעם שמעלץ־אויווען. די גלות־לענדער זיינען פאַר זיי געוואָרען שמעלץ־טעפּ, אין וועלכען אַלע קלאַסען אידען וואַרפען זייערע קינדער. „סיגים כסף היו" — פּסולת פון זילבער זיינען זיי. צוליב דעם ביסעל זילבער, וואָס זיי ווילען פאַר זיך אויסשמעלצען, מאַכט מען די קינדער פאַר אָפּפאַל, וואָס מען וואַרפט אין די שמעלץ־טעפּ פון אַסימי־לאַציע און מען האָדעוועט זיי אויס אַלס רענעגאַטען, וואָס אַנטלויפען פון זייער פאָלק.

עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקען, אַז כאָטש דער נביא זעצט־פאָר זיינע שאַרפע רייד קעגען די אידען אין די ווייטערדיגע פּסוקים, האָבען אָבער די מסדרים פון די הפטרות געפונען פאַר נויטיג איבערצוהאַקען דעם קאַפּיטעל אין מיטען און פאַרענדיגען זיין נבואה מיט די ווערטער: „לכן הנני קובץ אתכם אל תוך ירושלים" — דעריבער וועל איך אייך איינזאַמלען אין ירושלים. געוויינליך איז דער טעם דערפון — ווייל זיי ווילען ניט פאַרענדיגען די הפטרה מיט אַ שלעכטען סוף. מיר גלויבען אָבער, אַז אין דעם ליגט אַ טיפערע כונה:

כדי צו ראַטעווען די אידען פון אונטערגאַנג, איז קיין אַנדער מיטעל ניטאָ, ווי זיי צו ברענגען צוריק אין זייער אייגענער היים. אַן אייגענער שמעלצטאָפּ איז ניט אַזוי סכנה׳דיג. עס מעגען טאַקע אין אים אַריינפאַלען כל׳ערליי פּסולת׳ן, אָבער די שטאָף, וואָס ער שמעלצט אויס, בלייבט דאָך מער אָדער ווייניגער אייגענאַרטיג און טראָגט אַ מער אידישען כאַראַקטער.

ג.

זיך ניט לאָזען אויסשפייען פון לאַנד

ולא תקיא הארץ אתכם.

„אמר רבי יהודה אמר רב: נכרים שצרו על עיירות ישראל אין יוצאין עליהן בכלי זיינן ואין מחללין עליהן את השבת. במה דברים אמורים, כשבאו על עסקי ממון, אבל באו על עסקי נפשות יוצאין עליהן בכלי זיינן ומחללין עליהן את השבת. בעיר הסמוכה לספר אפילו באו על עסקי תבן וקש יוצאין עליהן בכל זיין ומחללין עליהן את השבת" — רבי יהודה גיט איבער, אַז רב האָט געזאָגט: אויב שונאים באַלאַגערען אידישע שטעט, זאָל מען קעגען זיי ניט אַרויס מיט געווער און ניט מחלל שבת זיין. דאָס איז אָבער אַלץ גערעדט, אויב זיי קומען נאָר וועגען עקאָנאָמישע אינטערעסען. זוכען זיי אָבער אומ־צוברייינגען דעם אידישען נפש, מוז מען אַרויס קעגען זיי מיט געווער און מען מעג מחלל שבת זיין. אויב די שטאָט, וואָס זיי באַלאַגערען, איז נאָענט צו דער גרעניץ, מעגען זיי אַפילו קומען וועגען שטרוי און פאַקוליע, זאָל מען זיי באַקעמפען מיט אַלערליי כלי זיין, כאָטש מען דאַרף צוליב דעם מחלל שבת זיין (עירובין מ"ה ע"א).

אידער די אידען לאָזען זיך אַרויס צו גיין איינעמען דאָס לאַנד, וואָס ג' האָט פאַרשפּראָכען צו זייערע אבות, לערנט זיי משה ווי זיי זאָלען זיך דאָרט אויפפירען, כדי דאָס לאַנד זאָל תמיד פאַרבלייבען אין זייער באַזיץ: "כמעשה ארץ מצרים אשר ישבתם בה, לא תעשו" — אַזוי ווי די מעשים פון לאַנד מצרים, וואָס איר זייט דאָרט געזעסען, זאָלט איר ניט טאָן. איר מוזט וויכען פון אַלע זייערע טומאות און אָפשייליכקייטען. זיי האָבען געדינט צו פיל אָפגעטער און מאָראַליש זיינען זיי געזונקען צו דער נידעריגסטער שטופע. איר אָבער זאָלט זיך אַזוי ניט אויפפירען. „את משפטי תעשו ואת חוקותי תשמרו ללכת בהם" — מיינע דינים זאָלט איר דורכפירען און מיינע געזעצען זאָלט איר אָפהיטען צו גיין אין זיי. „עס דאַרף זיין „ללכת בהם" — כסדר גיין פאָרווערטס, כסדר שטייגען. אידישקייט טאָר ניט שטיין אויף אַן אָרט" (כתב סופר).

ביי די מצריים האָט דאָס לעבען פון אַ מענשען געשפּילט אַ קנאַפּע ראָל. האָבען זייערע פרעה'ס געוואָלט בויען גרויסע פּיראַמידען און אָבעליסקען,

איז ביי זיי רעכט געווען צו פאַרשקלאַפן הונדערטער טויזענטער מענשען און זייערע קינדער איינצומויערען אין די ווענט, אויב זיי האָבען די אַרבייט ניט געטאָן אַזוי גיך ווי די אויפזעהער האָבען געוואָלט. מענשליך בלוט האָט ביי זיי אַ קליינע ווערט געהאַט, אַבי צו דערגרייכען זייערע ווילדע אַמביציעס. פון אַזעלכע אוממענשליכע מעשים מוז זיך דאָס אידיש פאָלק אָפּהיטען. זייער לעבען מוז זיין ריין פון מערדערליכע בלוט־פלעקען. „ושמרתם את חוקותי ואת משפטי. אשר יעשה אותם האדם וחי בהם" — איר זאָלט היטען מיינע געזעצען און מיינע דינים, וואָס אַ מענש דאַרף טאָן צו קענען לעבען דורך זיי, „ולא שימות בהם" — און ניט צו שטאַרבען מיט זיי. יעדער מענש האָט אַ פולע רעכט צו געניסען פון דעם לעבען אויף דער וועלט.

פתום און רעמסס, די גרויסע שטעט, און די מעכטיגע פּיראַמידען, וואָס די פּרעה'ס האָבען פאַר זיך געבויט, האָבען זיי ווייניג געהאָלפען צו באַשיצען זיי פון אונטערגאַנג. מיין פאָטער, זצ"ל, האָט מיר אַמאָל געגעבען אַ וואונדער־באַרע דערקלערונג איבער דעם פסוק „ולא תחניפו את הארץ אשר אתם בה" — שמייכעלט ניט דאָס לאַנד, וואו איר געפינט זיך (מסעי ל"ה). חנפה'ט ניט אַ לאַנד צוליב די שיינע שטעט און פּראַכטפולע געביידען. אויב זיי זיינען געשאַפען געוואָרען מיט דעם בלוט פון אונטערדריקטע, וועלען זיי קיין לאַנגען קיום ניט האָבען. „כי הדם הוא יחניף את הארץ" — דאָס בלוט פון די אומשולדיגע מאַכט אַלע דערגרייכונגען פון אַ לאַנד אַלס פוסטע באַרימעריי, און עס וועט זיך מיט דער צייט אָפּרופען צום שלעכטען קעגען די, וועלכע האָבען דאָס אומשולדיג בלוט פאַרגאָסען. „ולארץ לא יכופר לדם אשר שופך בה כי אם בדם שופכו" — דאָס לאַנד וועט ניט פאַרגעבען ווערען פאַר דעם בלוט, וואָס איז אין איר פאַר־גאָסען געוואָרען, סיידען מיט דעם בלוט פון די פאַרגיסער. די צוקונפט וועט זיך אָפּרעכענען פאַר אַלע חטאים, וואָס די פירער פון אַ לאַנד זיינען באַגאַנגען אין דער פאַרגאַנגענהייט.

„וכמעשה ארץ כנען אשר אני מביא אתכם שמה לא תעשו" — און אויך ווי די מעשים פון דעם לאַנד כנען, וואוהין איך ברייננג אייך, זאָלט איר ניט טאָן. זיי לעבען פון רויב און מאָרד און זיינען „שטופי זמה" — פאַרשייט פון זנות און פאָרנאָגראַפיע, ניט נאָר מיט מענשליכע טעכטער, נאָר אויך מיט חיות און בהמות. מיט אַזוינע אָפּשייליכע מעשים האָבען זיי פאַראומרייניגט דאָס לאַנד, „ותקיא הארץ את יושביה" — און דערפאַר האָט די ערד אויסגעשפּיגען אירע איינוואוינער. איר אָבער מוזט זיך אָפּהיטען פון אַזוינע מיאוס'ע מעשים,

אייער פאַמיליען־לעבען מוז זיין ריין. דאָס וועט האַלטען דאָס גאַנצע פאָלק מאָראַליש הויך און דאָס לאַנד וועט ווערען אַ מוסטער פון טוגענד.

„די ערד פון ארץ ישראל״, זאָגט רבי צבי הירש קאַלישער ז״ל, „איז פאַרשיידען פון אַלע אַנדערע לענדער. זי קאָן ניט פאַרטראָגען קיינע אומ־רייניגקייטען, רציחות אָדער אונטערדריקונגען. זי וויל ניט זיין דאָס אייגענטום פון גזלנים, וואָס זאָלען איר פאַרכאַפּען און עקספּלואַטירען פאַר זייערע אייגענע נוצען בלויז. ארץ־ישראל האָט אין זיך אויך די אייגענשאַפט, אַז דער, וואָס איז ניט ראוי צו זיצען אין הייליגען לאַנד און דאָס לאַנד וויל אים ניט האָבען ביי זיך, גיט אים די השגחה אריין אַ שנאה און עקעל צו דעם לאַנד. ער רעדט וועגען דעם לאַנד מיט פאַראַכטונג און וויכט פון יעדער באַוועגונג עס צוריקבויען פאַר אַ אידיש היימלאַנד. ער ווייסט אָבער ניט, אַז דאָס טוט ער אַזוי, ווייל דאָס לאַנד האָט אים אויסגעשפּיגען״.

ווען איך בין געווען אין ארץ ישראל אין 1927, האָט מען מיר דערציילט, אַז צו הרב קוק, ז״ל, איז אַמאָל אַריינגעקומען אַ געוויסער ראַביי פון ניו יאָרק און האָט זיך שטאַרק באַקלאָגט, אַז דאָס לאַנד געפעלט אים ניט, ווייל ער האָט געזעהן פיל אידישע יונגעליים, וועלכע זיינען ניט פרום און זיינען מחלל שבת עפענטליך. הרב קוק האָט אים גאַנץ געלאַסען אויסגעהערט, און אַז ער איז פאַרטיג געוואָרען מיט זיין קריטיק, פרעגט ער אים, אויב ער ווייסט פון אַ גוטען קור־אָרט אין אַמעריקע פאַר די, וואָס ליידען פון שווינדזוכט.

— יאָ, דענווער קאָלאָראַדאָ — ענטפערט אים דער ראַביי.

— עט, מאַכט הרב קוק, — זייענדיג אין אַמעריקע בין איך גראָד געווען אין דעמדאָזיגען קור־אָרט, אָבער אויף שריט און טריט האָב איך דאָרט באַגעגענט לונגען־ליידענדע מענשען, וואָס שפּייען, לא עלינו, מיט בלוט. טאָ וואָס איז עס פאַר אַזאַ גוטער קור־אָרט?

— אדרבה, — גיט אים דער אַמעריקאַנער ראַביי צו פאַרשטיין, — ווייל די לופט דאָרט איז אַזוי גוט, קומען אַהין אַלע קראַנקע געהיילט צו ווערען.

— זעהר ריכטיג, — איז הרב קוק מיט אים מסכים געווען, — מיט ארץ־ישראל איז אויך אַזוי: „אוירא דארץ ישראל מחכים״ — די לופט פון ארץ־ישראל מאַכט קלוג און געזונט. דערפאַר זעהט מען דאָ אַזוי פיל קראַנקע אידען — אין רעליגיעזען זין. זיי זיינען געקומען זיך אויסצוהיילען פון דער דאָזיגער קראַנקהייט, און איר קענט זיין זיכער, אַז מיט דער צייט וועלען זיי דאָ האָבען אַ רפואה שלמה און וועלען פולשטענדיג געזונט ווערען.

ארץ־ישראל, זאָגט משה צו די אידען, איז אַ הייליג לאַנד און פאַרטראָגט ניט קיין אומווירדיגקייטען. דערפאַר „קדושים תהיו" — זאָלט איר אויך זיין הייליג. אייער לעבען און אייערע אויפפירונגען מוזען זיין אַנדערש פון דעם, וואָס איר האָט געזעהן אין מצרים אָדער צווישען די איינוואוינער פון כנען. „פרושים תהיו" — איר מוזט זיין אָפּגעשיידט פון אַלע טומאות, ווייל איר זייט אַן „עם סגולה" — אַן אויסדערוויילט פאָלק פון ג׳. „כשם שהוא פרוש כך תהיו פרושים" — און אַזוי ווי ער איז פאַרשיידען פון אַלע אַנדערע געטער, אַזוי מוזט איר אויך זיין פאַרשיידען פון אַלע אַנדערע פעלקער (ויק"ר כ"ד). די שטאַרקייט און אייביגקייט פון דעם אידען ליגט אין זיין פאַרשיידענקייט, אין זיין אָפּגעזונדערקייט. גיט ער אויף די אייגענאַרטיגקייט פון זיין לעבען און הויבט אַן נאָכצומאַכען זיינע שכנים, פאַרלירט ער זיין אינדיווידואַליטעט און זיין נאַציאָנאַלע שטאַרקייט.

„כי תבואו אל הארץ ונטעתם כל עץ מאכל" — ווען איר וועט קומען אין דעם לאַנד, זאָלט איר פלאַנצען אַלערליי ביימער פון עסענוואַרג. טוט ניט ווי די אָרטיגע איינוואוינער, וואָס קימערען זיך גאַנץ ווייניג פאַר דער פרוכט־באַרקייט פון דעם באָדען און האָבען אים געלאָזט פוסטעווען פאַר הונדערטער יאָרען. „כשתכנסו לארץ לא תתעסקו אלא במטע תחילה" — אַז איר וועט אַריינ־קומען אין לאַנד, זאָלט איר זיך ניט באַשעפטיגען מיט אַנדערע זאַכען, נאָר בלויז מיט פלאַנצען (ויק"ר כ"ד). גיט זיך ניט אָפּ מיט פאָליטישע פאַרטייען, וועלכע בריינגען שפּאַלטונגען אין די רייען פון דעם פאָלק. אייער ערשטע פליכט איז „מטע תחילה" — פריער פלאַנצען, בויען און פאַרפעסטיגען אייערע פּאָזיציעס. דאָס וועט אייך געבען די מעגליכקייט זיך איינצובירגערען אין לאַנד און מיט דער צייט קענען דורכפירען אין לעבען די הויכע אידעאַלען פון מיין תורה.

„ולא תקיא אתכם הארץ אשר אני מביא אתכם שמה לשבת בה" — לאָזט זיך ניט אויסשפייען פון דעם לאַנד, אין וועלכען איך בריינג אייך צו בלייבען דאָרט זיצען. אויב פרעמדע שונאים באַלאַגערען אייערע שטעט, מיינען זיי בלויז „עסקי ממון" — אויסצופּרעסען פון אייך געלט, באַנוצט ניט קעגען זיי קיין געוועהר; אויב אָבער זיי קומען צוליב „עסקי נפשות" — זיי ווילען דערשטיקען דעם נפש פון אייער פאָלק און אים באַרויבען פון זיין נאַציאָנאַליטעט, דאַן קעמפט קעגען זיי מיט אַלערליי כלי־זיין אפילו ווען דאָס בריינגט צו חלול שבת. „ובעיר הסמוכה לספר" — ווילען די שונאים פאַרנעמען די שטעט, וואָס זיינען נאָענט צו

די גרעניצען, אויב זיי זוכען צו באַשרענקען דאָס אידישע היימלאַנד און באַ־רויבען דאָס פאָלק פון זיין נאַציאָנאַלען באָדען, דאַן קעמפט קעגען זיי מיט אַלע כוחות. מעגען זיי טענה'ן, אז זיי ווילען בלויז „עסקי תבן וקש" — טיילען פון דעם וויסטען נגב, אָדער אַנדערע ניט באַאַרבייטע געגענטען, „יוצאין עליהן בכלי זיין ומחללין עליהן את השבת" — זאָל מען אַרויס קעגען זיי מיט געווער, ווען מען דאַרף אפילו מחלל שבת זיין. דאָס לאַנד מוז בלייבען אונזערס און מיר טאָרען ניט דערלאָזען, אַז מיר זאָלען אויסגעשפיגען ווערען פון איר.

הפטרה

ארץ ישראל וועט זיין אונזערע

ולא ינתשו עוד מעל אדמתם.

„הקב"ה נתן להם את הארץ כדי שיתעסקו בתורה, והם לא עשו כן אלא ויטמאו אותה בדרכם ובעלילותם, מה עשה להם הקב"ה? הגלה אותם מתוכה והיו זורעין ויגעין ואומות העולם באין ונוטלין. וכשיעשו תשובה לא יבנו ואחר ישב ולא יטעו ואחר יאכל" — קב"ה האָט געגעבען די אידען דאָס לאַנד, כדי זיי זאָלען זיך דאָרט אויפפירען לויט די פאַרשריפטען פון דער תורה. זיי האָבען אָבער אַזוי ניט געטאַן, נאָר זיי האָבען דאָס לאַנד פאַראומרייניגט מיט זייערע ווילדע און שלעכטע מעשים. וואָס־זשע האָט הקב"ה געטאַן? האָט ער זיי פון דעם לאַנד אַרויסגעטריבען און אין די פרעמדע לענדער האָבען זיי געזייט און זיך געמיט, און די פרעמדע פון דער וועלט האָבען עס פון זיי אַוועקגענומען. אַז זיי וועלען אָבער תשובה טאָן, וועלען זיי מער ניט בויען און אַנדערע וועלען דאָרט זיצען: זיי וועלען מער ניט פלאַנצען און אַנדערע וועלען עס עסען (תנחומא קדושים).

די שטראָף־רייד פון דער היינטיגער הפטרה זיינען געריכטעט קעגען דער אידישער מלוכה אין שמרון אונטער דער הערשאַפט פון ירבעם דעם צווייטען, וועלכער איז געווען אַ גרויסער נאָכפאָלגער פון די „עגלים", די קעלבערנע אָפגעטער, וואָס ירבעם דער ערשטער האָט אויפגעשטעלט אין דן און אין בית־אל. אונטער זיין ממשלה האָט זיך די דאָזיגע עבודה־זרה פאַרשפרייט צווישען

דעם פאָלק און האָט אָפּגעצויגען די אידען פון גיין באַזוכען דעם בית־המקדש אין יהודה. אויסער דעם האָט זיך ירבעם פאַראייניגט מיט די אַרומיגע פעלקער, און כדי זיי צו פאַרבינדען שטאַרקער מיט זיין מלוכה, האָט ער אין לאַנד איינגעפירט דאָס גאָטעסדינסט פון זייערע עבודה־זרה׳ס און אַלץ מער דער־ווייטערט די אידען פון זייער גלויבען אין ג׳. דער נביא שטורעמט קעגען די דאָזיגע פאַרברעכענס און זעהט פאַראויס אַ שרעקליכע מפלה, וואָס וועט זיי פאַרטרייבען פון זייער לאַנד אין פרעמדע גלות־לענדער, וואו זיי וועלען גע־שאָקעלט ווערען ווי אין אַ זיפּ, וואָס האָט אַ געלעכערטען באָדען און אַלע זייערע דערגרייכונגען דאָרט וועלען גיין לאיבוד.

ער שרייט צו די אידען און וואָרענט זיי: „הלא כבני כושיים אתם לי״ — איר וועט דאָך ווערען ווי ציגיינער, וואָס בלאָקייען זיך אַרום פון לאַנד צו לאַנד און ווערען ערגעץ ניט אָנערקענט אלס גלייכבאַרעכטיגטע מענשען, וואָס זאָלען קענען געניסען פון די פרייהייטען, וואָס אַ לאַנד גיט צו די אייגענע בירגער. דאָס פאָלק ישראל, וואָס ג׳ האָט אַרויסגענומען פון מצרים און געגעבען אים אַ תורה, וואָס האָט אים געמאַכט פאַר אַן „עם סגולה״, אַן אויסנאַם צווישען פעלקער, ווערט איבעראַל געטרודפ׳ט און געדריקט און האָט ניט וואו דעם קאָפּ אָנצושפּאַרען. וויפיל די אידען אין זייערע גלות־לענדער זאָלען זיך ניט איינרעדען, אַז מיט דעם וואָס זיי וועלען זיך אַסימילירען צווישען זייערע שכנים און זיך דערווייטערען פון זייער אַלטען מקור, וועט עס זיי העלפען צו באַקומען אָנער־קענונג און גלייכבאַרעכטיגונג, מאַכען זיי אַ פאַטאַלען טעות. „בחרב ימותו כל חטאי עמי האומרים לא תגיש ותקדים בעדנו הרעה״ — דורכ׳ן שווערד וועלען געטויט ווערען די אַלע זינדיגע פון מיין פאָלק, וועלכע האָבען זיך איינגערעדט, אַז קיין שלעכטס וועט אונז ניט גרייכען.

אויף צו פאַלען אויף די שלאַכטפעלדער זיינען די אידען אומעטום גלייכ־באַרעכטיגט, אָבער צום שלום לאָזט מען זיי ניט צו. זעהען מיר דאָך אויך איצט ווי די פעלקער, פאַר וועלכע מיר האָבען געשיקט אונזערע קינדער גע׳הרג׳עט צו ווערען אויף די שלאַכטפעלדער און פאַר וועלכע מיר האָבען מיט אַלערליי מסירת נפש געקעמפט, האָבען אונז אינגאַנצען פאַרגעסען איצט, ווען זיי קומען זיך צוזאַמען צו פאַרהאַנדלען וועגען שלום. אין געגענטייל, שוין באַלד צוויי יאָר ווי די שרעקליכע מלחמה האָט זיך פאַרענדיגט, און אונזערע אומגליקליכע ברידער שמאַכטען נאָך אַלץ אין פינסטערע קאָנצענטראַציע לאַגערן און אַלע גרעניצען זיינען געשלאָסען פאַר זיי. ארץ־ישראל, וואָס איז אונז הייליג פאַרשפּראָ־

כען געוואָרען פון אַלע פעלקער נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז שטרענג פאַרמאַכט קעגען אונזערע אומגליקליכע פליטים. צו די מיטינגען און קאָנ־פערענצען, וואו עס ווערט פאַרהאַנדעלט דער גורל פון פעלקער, לאָזט מען אונזער אָרים פאָלק ניט צו, טראָץ די פילע הבטחות, וואָס מיר האָבען באַקומען פון די זאָגענאַנטע דעמאָקראַטישע פעלקער, פאַר וועלכע מיר האָבען אונזער בלוט פאַרגאָסען.

„א״ר יוחנן: כל הנביאים לא נתנבאו אלא לימות המשיח״ — רבי יוחנן זאָגט, אַז אַלע נביאים האָבען אין זייערע נביאות אויך פאָראויסגעזאָגט וואָס וועט מיט אונז פאַסירען אין די צייטען פון משיח (ברכות ל״ט). אָט אַזוי זיינען אונזערע נביאים — זיי שטראָפען, זיי שטורמען קעגען די חטאים פון די אידען און זאָגען פאָראויס שרעקליכע חורבנות, אָבער צו דער זעלביגער צייט טרייסטען זיי אויך דאָס פאָלק און פאַרשפּרעכען אים אַ בעסערע צוקונפט. „ביום ההוא אקים את סוכת דוד הנופלת״ — אין אַ באַשטימטען טאָג וועל איך צוריק אויפשטעלען דאָס איינגעפאַלענע ביידעל פון בית דוד. דאָס אידיש לאַנד וועט זיכער צוריק־געבויט ווערען. אין גלות האָבען זיי זייערע כוחות אַוועקגעגעבען פאַר פרעמדע און זיי איז גאָרניט געבליבען, אָבער אין זייער אייגען לאַנד, „ונטעתים על אדמתכם, ולא ינתשו עוד מעל אדמתם״ — וועל איך זיי איינפלאַנצען אויף זייער ערד און זיי וועלען שוין מער ניט אויסגעריסען ווערען פון זייער לאַנד. וואָס זיי וועלען זיך דאָרט דערווערבען, וועט פאַרבלייבען זייערס און קיינער וועט עס פון זיי ניט אַוועקנעמען.

ד.

די עשרת הדברות אויסגעברייטערט און דערקלערט

דבר אל כל עדת בני ישראל.

„תני רבי חייא, פרשה זו נאמרה בהקהל, מפני שרוב גופי תורה תלויים בה. רבי לוי אומר, מפני שעשרת הדברות כלולין בתוכה״. — ר׳ חייא האָט געלערענט: די דאָזיגע פרשה איז געזאָגט געוואָרען אויף אַ פאַרזאַמלונג פון אַלע אידען, ווייל די הויפּט־פּרינציפּען פון דער תורה געפינען זיך אין איר.

ר׳ לוי זאָגט: אַז די אורזאַך איז, ווייל זי אַנטהאַלט אַלע צען געבאָט (ויק״ר כ״ד).

די דינים, וואָס ווערען דערקלערט אין דער דאָזיגער סדרה, נעמען אַרום דעם גאַנצען אידישען לעבען אין הויז און אין גאַס. זיי צייכענען אָן די באַציהונגען פון דעם אידען צו דער געזעלשאַפט, אין וועלכער ער פאַרקערט. זיי באַשפּרעכען אויך זיינע פליכטען צו זיין פאָלק און צו אנדערע פעלקער, מיט וועלכע ער קומט אין באַרירונג. אָט די דינים האָט דער אויבערשטער געוואָלט, אַז אַלע אידען זאָלען הערען און אויספאָלגען, כדי „קדושים תהיו״, זיי זאָלען זיין הייליג און אייגענאַרטיג.

די אַלע דינים זיינען אָנגעצייכענט געוואָרען אין די עשרת הדברות, וועלכע זיינען די הויפּט־פּרינציפּען פון דער תורה, און וועלכע ווערען איבער־גע׳חזר׳ט אין דער היינטיגער סדרה, אָבער מיט אייניגע שינויים, וואָס מען דאַרף פאַרשטיין, ווייל זיי ברייטען אויס און דערקלערען טיפער זייער הויפּט־געדאַנק.

דאָ האָט איר די עשרת הדברות און ווי זיי ווערען איבערגעגעבען אין דער היינטיגער סדרה:

א) אנכי ה׳ אלקיך — אני ה׳ אלקיכם.

ב) לא יהיה לך אלקים אחרים — אל תפנו אל האלילים.

ג) לא תשא את שם ה׳ לשוא — לא תשבעו בשמי לשקר.

ד) זכור את יום השבת — את שבתותי תשמורו.

ה) כבד את אביך ואת אמך — איש אביו ואמו תיראו.

ו) לא תרצח — לא תעמוד על דם רעך.

ז) לא תנאף — מות יומת הנואף והנואפת.

ח) לא תגנוב — לא תגנובו.

ט) לא תענה ברעך עד שקר — לא תלך רכיל בעמך.

י) לא תחמוד — ואהבת לרעך כמוך.

די חז״ל גיבען אונז אינטערעסאַנטע דערקלערונגען איבער די ענדערונגען וואָס ווערען דאָ געמאַכט. מיר וועלען פּרובירען איבערגעבען אייניגע פון זיי, אָנווייזענדיג די מקורים, פון וואַנען מיר האָבען זיי גענומען.

אין דעם אָריגינאַל ווערט דער ערשטער געבאָט אָנגעפאַנגען מיט׳ן וואָרט „אנכי״, און אין דער היינטיגער סדרה מיט׳ן וואָרט „אני״. ביידע מיינען „איך״, דער אונטערשייד אָבער באַשטייט אין דעם „במלת אנכי מדייק את הנושא, ובמלת אני מדייק את הנשוא״, — אין דעם וואָרט „אנכי״ ווערט מער באַטאָנט דער סוביעקט, און אין דעם וואָרט „אני״ ווערט מער באַטאָנט דער אָביעקט

(מלבי"ם יתרו). „אנכי" ווערט געמיינט די גאָטהייט אין אַבסטראַקט, אָפּגע־זונדערט און אָפּגעטיילט פון אַלע אַנדערע כחות, ווייל זי איז אַלמעכטיג און באַהערשט אַלעס. „אני", אָבער, איז מער אָביעקטיוו און ווערט פאַראייניגט מיט'ן פאָלק. די הייליגקייט פון גאָט'ס נאָמען מוז רעפלעקטירט ווערען אין דעם טאָג־טעגליכען לעבען פון די אידען. „אם מקדשים אתם עצמכם מעלה אני עליכם כאילו קדשתם אותי", — אויב איר וועט זיך האַלטען הייליג, וועל איך עס באַטראַכטען ווי איר האַלט מיך הייליג (ספרא). דאָס אידיש פאָלק איז באַשטימט געוואָרען פון ג' צו פראָקלאַמירען די הייליגקייט פון זיין תורה און זיין אמונה.

דער צווייטער געבאָט לייענט זיך אין דעם אָריגינאַל: „לא יהיה לך אלקים אחרים" — עס זאָל ביי דיר ניט זיין קיין אַנדערע געטער. אין דער הייַנטיגער סדרה ווערט געזאָגט: „אל תפנו אל האלילים" — איר זאָלט ניט קערן צו די אָפּגעטער. זאָגט אויף דעם דער „ספרא": „תחילתם אלילים הם", אין אָנפאַנג ווערען זיי טאַקע באַטראַכט פאַר אָפּגעטער, אָבער אַז מען קערט זיך צו זיי און מען הויבט אָן צו באַוואונדערען זייער אויסערליכע שיינקייט איז דאָ אַ סכנה, אַז מען זאָל זיי נאָכדעם זוכען צו דינען. אַלע נייע איינפירונגען, וואָס די רעפאָרמער האָבען געמאַכט אין זייערע טעמפּלען, נעמען זיך פון באַוואונדערען די שיינקייט, וואָס זיי זעהען אין פרעמדע רעליגיעס. דערפאַר טאַקע פירט אויס דער פסוק: „ואלקי מסכה לא תעשו לכם", — אויסגעפּוצטע געטער זאָלט איר פאַר זיך ניט מאַכען. אויסערליכער גלאַנץ מיינט גאָרנישט. תוכן, אינהאַלט, איז וואָס דער איד דאַרף שעצען און אָפּהיטען.

דער פינפטער געבאָט לייענט זיך אין דעם אָריגינאַל: „כבד את אביך ואת אמך", — דו זאָלסט רעספּעקטירען דיין פאָטער און דיין מוטער. אין דער הייַנטיגער סדרה ווערט געזאָגט: „איש אמו ואביו תיראו", — יעדער מענש זאָל פירכטען זיין מוטער און זיין פאָטער. וואָרום מוטער צוערשט און נאָכדעם פאָטער, ניט ווי אין אָריגינאַל? דאָס קומט צו לערנען, אַז „שניהם שקולין", — זיי זיינען ביידע גלייך (כריתות כ"ח ע"א). א קינד טאָר ניט פאַרערן איינעם פון זיין עלטערן מער ווי דעם צווייטען, ער מוז ביידען גלייך רעספּעקטירען און פאָלגען.

דער זעקסטער געבאָט זאָגט: „לא תרצח", דו זאָלסט ניט מאָרדען. אין דער הייַנטיגער סדרה איז געשריבען: „לא תעמוד על דם רעך", — דו זאָלסט ניט שטיין אויף דעם בלוט פון דיין חבר. דאָס מיינט, דערקלערען אונז די חז"ל, אַז מען טאָר אויך ניט באַליידיגען אַ חבר. אַז איינער ווערט באַליידיגט קומען

אַריין זײַנע בלוטען אין זיין געזיכט, און דאָס הייסט אויך רציחה. ניט בלויז טאָר איינער ניט באַליידיגען זיין חבר, נאָר ער זאָל אויך ניט שטיין און צוזעהן ווי זיינער אַ חבר ווערט באַליידיגט פון אַנדערע. אויב ער טוט עס, איז ער אויך עובר אויף דעם „לא תעמוד על דם רעך". די גמרא דערציילט אונז, אַז ווען ר' אליעזר בר' שמעון איז געשטאָרבען איז זיין קערפער פאַר אַ לענגערער צייט געבליבען ליגען אין זיין צימער. זיין פרוי פלעגט אים באַזוכען יעדען טאָג. איינמאָל האָט זי באַמערקט „ריחשי דקא נפיק מאוניה", אַ קליין ווערימעל קריי־כענדיג פון זיין אויער. זי האָט זיך שטאַרק דערשראָקען, און אום איר צו באַרוהיגען האָט זיך ר' אליעזר צו איר געוויזען אין חלום און איר דערקלערט די אורזאַך פאַר דעם: „יומא חד שמעתי בזילותא דצורבא מרבנן ולא מחאי כדבעי", איין טאָג האָב איך געהערט, ווי מען האָט באַליידיגט איינעם פון די געלערענטע און איך האָב ניט פּראָטעסטירט שטאַרק גענוג (בבא מציעא פ"ד ע"ב).

דער ניינטער געבאָט, „לא תענה ברעך עד שקר", דו זאָלסט ניט פאַלש עדות זאָגען קעגען דיין פריינט, ווערט אין דער היינטיגער סדרה אויסגעדריקט מיט די ווערטער: „לא תלך רכיל בעמך", — דו זאָלסט ניט טרייבען רכילות צווישען דיין פאָלק, — „אזהרה למוציא שם רע", — דאָס איז אַ פאַרזאָג קעגען די, וואָס באַריידען אַ חבר און פאַרשפּרייטען וועגען אים שלעכטע קלאַנגען (כתובות מ"ו ע"א).

דער צענטער געבאָט „לא תחמוד", — דו זאָלסט ניט גלוסטען, וואָס דו זעהסט ביי יענעם, ווערט אין דער סדרה איבערגעגעבען מיט די ווערטער „ואהבת לרעך כמוך", — דו זאָלסט ליב האָבען דיין פריינט ווי זיך אַליין. מיט דעם, זאָגען אונז די חז"ל, ווערט געמיינט, אַז ניט בלויז זאָל זיך דיר ניט געלוסטען אַוועקצונעמען פון יענעם אַ זאַך, וואָס יענער האָט און דיר פעלט עס, נאָר דו זאָלסט אויך ניט גלוסטען צו פאַרהאַלטען אין גאַנצען פאַר זיך אַ זאַך, וואָס דו האָסט און יענער האָט עס ניט. וואָס דו קאָנסט שפּאָרען פון דיין אייגענעם גיב עס צו דיין באַדערפטיגען חבר (הכתב והקבלה).

הפטרה

דעם אידענ׳ס פאַרשיידענקייט זיכערט זיין קיום

הלא כבני כושיים אתם לי בני ישראל.

„וכי כושיים שמן, והלא ישראל שמן? אלא מה כושי משונה בעורו, אף ישראל משונין במעשיהן מכל האומות״, — הייסען זיי דען כושים, זייער נאָמען איז דאָך גאָר ישראל? נאָר אַזוי ווי דער כושי איז מיט זיין הויט פאַרשיידען פון אַלע אַנדערע מענשען, אַזוי זיינען אויך די אידען מיט זייערע מעשים פאַר־שיידען פון אַלע אַנדערע פעלקער (מו״ק ט״ז ע״ב).

דער נביא עמוס, פון דער היינטיגער הפטרה, האָט זיינע נביאות געזאָגט אין די צייטען פון עוזיהו, קעניג פון יהודה, און ירבעם דעם צווייטען, קעניג פון שומרון. עוזיהו איז, קענטיג, געווען אַ שוואַכלינג, וואָס האָט זיך געלאָזט פירען פון זיינע קאַבינעט־מענשען, וועלכע האָבען פאַרכאַפּט די ממשלה און געדריקט די אָרימערע קלאַסען פון פאָלק. ישעיה הנביא, וואָס האָט אויך געלעבט אין יענער צייט, רופט זיי אָן „די האַרען פון סדום״, ווייל זיי האָבען די געטליכע שטאָט ירושלים פאַרוואַנדעלט אין אַ זינדיגער סדום, וואו „משפח וצעקה״, עפּידעמיעס פון פאַרברעכענס און וויי־געשרייען פון אונטערדריקטע פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון „משפט וצדקה״, גערעכטיגקייט און ערליכקייט.

ירבעם דער צווייטער, וועלכער האָט דאַן געהערשט איבער די צען שבטים, וואָס האָבען זיך נאָך שלמה׳ס טויט אָפּגעריסען פון יהודה און גע־גרינדעט אַ באַזונדער מלוכה מיט שומרון אַלס די הויפּטשטאָט, איז געווען אַ גרויסער נאָכפאָלגער פון די „עגלים״, די קעלבערנע אָפּגעטער, וואָס ירבעם דער ערשטער האָט איינגעפירט אין לאַנד. אין זיין צייט האָט זיך דער געצענדינסט שטאַרק פאַרשפּרייט און „בית־אל״, וואו דער טעמפּעל פון דעם הויפּט־אָפּגאָט האָט זיך געפונען, איז געוואָרען אַזוי פּאָפּולער צווישען די צען שבטים, ווי, להבדיל, ירושלים מיט׳ן בית־המקדש אין יהודה.

עמוס האָט דאַן געוואוינט אין תקוע, אַ קליין שטעטעל אין יהודה, און דאָרט זיך באַשעפטיגט מיט האָדעווען שעפּסען. פּלוצלינג ווערט ער אויפגע־פאָדערט פון אַ געטליכען דראַנג צו פאַרלאָזען זיין הויז און גיין נאָך ירושלים. וואו ער האָט פאַראויסגעזאָגט, אַז צוליב זייערע זינד וועט אין אַ פּאָר יאָר אַרום

אויסברעכען אין לאַנד אַ שטורעם, וואָס וועט ברענגען אַ גרויסען עקאָנאָמישען קריזיס. פון ירושלים איז ער אַוועק נאָך שומרון, און ריזיקירענדיג מיט זיין לעבען, שטעלט ער זיך קעגען דעם קעניג און זיינע פאַלשע כהנים, און זאָגט אַרויס זיין נבואה, אַז „בחרב יומת ירבעם, וישראל גלה יגלה מעל אדמתו", — דורכ'ן שווערד וועט שטאַרבען ירבעם און די אידען וועלען פאַרטריבען ווערען פון זייער לאַנד.

איבערהויפט שטורעמט ער דאָרט קעגען דער געצענדינעריי, וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט צווישען פאָלק. ער פאַרגלייכט זיי צו די שוואַרצע אַפריקאַנער, וואו די פרויען פלעגען לעבען מיט עטליכע מענער אין איין צייט, און האָבען אַליין ניט געוואוסט, ווער די טאַטעס פון זייערע קינדער זיינען (מדרש הגדול). ער באַמערקט סאַרקאַסטיש: „הלא כבני כושיים אתם לי", — איר זענט אַזוי ווי די קינדער פון די שוואַרצע אַפריקאַנער, וועלכע זוכען אַרום זייערע טאַטעס. איר דינט פרעמדע אָפּגעטער און פאַרגעסט אָן דעם ג', וואָס האָט אייך אַרויס־גענומען פון מצרים.

„הנה עיני ה' בממלכה החטאה", — איר זאָלט וויסען, אַז ג' האָט געוואָרפען אַ בייז אויג אויף אייער זינדיגער מלוכה און וועט איר חרוב מאַכען. „אפס כי לא אשמיד את בית יעקב" — אָבער דאָס הויז פון יעקב וועל איך ניט פאַר־טיליגען. די אידען וועלען טאַקע פאַרטריבען ווערען אין גלות און דאָרט וועלען זיי געשאָקעלט ווערען ווי אין אַ זיפּ, אָבער בלויז די „פסולת", דער אָפּפאַל, וועט פון זיי אַרויסגעטרייסעלט ווערען. די זינדיגע און די שוואַכע כאַראַקטערען וועלען פאַרלוירען גיין, אָבער „ולא יפול צרור ארצה", די געזונטע קערענדלעך וועלען ניט אַרויספאַלען. זיי וועלן אייך אַרויסנעמען פון גלות, „ונטעתים על אדמתם", און זיי צוריק איבערפלאַנצען אויף זייער אייגען לאַנד.

אָט אַזוי זיינען אונזערע נביאים. זיי שטראָפען, זיי שטורמען קעגען די חטאים פון די אידען און זאָגען פאָראויס שרעקליכע חורבנות, אָבער צו דער זעלבער צייט טרייסטען זיי אויך דאָס פאָלק און פאַרשפּרעכען אים אַ בעסערע צוקונפט. אונזערע בעלי־אגדה מאַכען אונז אויפמערקזאַם, אַז אויך אין זייגע זידעל־ווערטער ווערט אָנגעדייטעט, וואָרום דער „בית־יעקב", דאָס אידיש פאָלק וועט קיינמאָל ניט אונטערגיין: „הלא כבני כושיים אתם לי", — ער פאַר־גלייכט זיי צו די שוואַרצע אַפריקאַנער. פונקט ווי זיי זיינען פאַרשיידען פון אַלע מענשען מיט זייער שוואַרצער הויט, אַזוי זיינען אויך די אידען פאַרשיידען פון אַלע פעלקער מיט זייערע מעשים און אייגענאַרטיגען לעבען.

און אין זייער פאַרשיידענקייט ליגט זייער שטאַרקייט און אייביגקייט. איך האָב ערגעץ־וואו געזעהן אַ שיינעם געדאַנק איבער דעם פסוק „הן עם לבדד ישכון ובגוים לא יתחשב״, — דער איד איז ערשט דאַן אַ פאָלק, אויב ער לעבט „לבדד״, אַליין, אָפּגעשיידט פון אַנדערע, און פירט זיך לויט זיינע אייגענע טראַדיציעס. קוים אָבער הויבט ער זיך אָן צו מישען צווישען די פעלקער, וואו ער געפינט זיך, און נאָכטאָן זייערע וועגען, דאַן איז „לא יתחשב״, רעכענט מען זיך מיט אים ניט און ער פאַרלירט זיין ווערט אַלס אַ פאָלק, אַלס אַ באַזונדער נאַציע.

נאָך אַ שענערן טרייסט־וואָרט פאַר אידען ווערט פון מדרש ארויס־געדרונגען פון דער היינטיגער הפטרה. ער זאָגט: „הלא כבני כושים אתם בפניכם״, — איר זענט נעבאַך נידערגעשלאָגען און האַלט זיך ווי די שוואַרצע ציגיינער, וואָס האָבען ניט קיין ווערט צווישען די פעלקער, „אבל אתם לי כבני ישראל״, — איר זאָלט אָבער וויסען, אַז איך באַטראַכט אייך נאָך אַלץ פאַר ישראל׳ס קינדער, פאַר מיין אויסדערוויילט פאָלק, וועלכער וועט נאָך דערלעבען זיין ענדגילטיגע גאולה, „ולא ינתשו עוד מעל אדמתם אשר נתתי להם״, — און זיי וועלען שוין מער ניט אויסגעריסען ווערען פון דער ערד, וואָס איך האָב זיי געגעבען (שהש״ר א׳).

ה.

די טאָכטער דערציילט אים

ויראת מאלקים אני ה׳!

„הקב״ה דן את האדם ואומר לו כך וכך עשית, והוא עומד ומתמיה ואומר: מי הודיעו שעשיתי כל אלה? והם מושיבין אותו: שוטה שבעולם, בתו אתה נשאוי, נפשך מגדת לו כל הדברים״ — דער אויבערשטער משפט דעם מענשען און זאָגט אים אזוי און אַזוי האָסטו געטאָן, און ער שטייט און וואונדערט זיך און פרעגט: ווער האָט אים געלאָזט וויסען אָט די אַלע זאַכען? און די מלאָכים ענטפערען אים: „דו, וועלט־נאַר, דו ביזט געוועזן פאַרהיירַאט צו זיין טאָכטער, דיין נשמה דערציילט אים די אַלע זאַכען (פסיקתא רבתי).

אין היינטיגער סדרה ווערען איבערגע'חזר'ט און דערקלערט די „עשרת הדברות", די צען געבאָט, וואָס די אידען האָבען געהערט ביים באַרג סיני און וואָס נעמען אַרום דאָס גאַנצע אידישע לעבען, אין הויז און אין גאַס, אין זיין אייגען לאַנד און אין דער פרעמד. „פרשה זו נאמרה בהקהל מפני שרוב גופי תורה תלוים בה", — די פרשה איז געזאָגט געוואָרען אויף אַ פאַרזאַמלונג פון אַלע אידען, ווייל די הויפט פרינציפּען פון דער תורה געפינען זיך אין איר (תו"כ). עס ווערען אין איר אָנגעצייכענט די באַציאונגען פון דעם אידען צו זיין ג', צו זיין פאַמיליע און צו דער געזעלשאַפט, אין וועלכער ער פאַרקערט. זיי באַשפּרעכען אויך זיינע פליכטען צו זיין פאָלק און צו אַנדערע פעלקער, מיט וועלכע ער קומט אין באַרירונג. אַט דערפאַר האָט משה רבנו געפונען פאַר נויטיג צו פאַרזאַמלען אַלע אידען, כדי זיי זאָלען אַלע הערען און פאַרשטיין די גרונט־אידייען פון דידאָזיגע געזעצען, וועלכע מאַכען זיי פאַר אַן „עם קדושים", אַ הייליג און געטליך פאָלק.

דער אידישער באַגריף פון קדושה איז ניט באַגרעניצט בלויז צו „דברים בין אדם למקום" — אַזעלכע זאַכען וואָס האָבען צו טאָן מיט הימלישע ענינים. דער באַגריף פון הייליגקייט אין דער תורה איז ניט קיין אַבסטראַקטער און מיסטישער. ער נעמט אַרום אַלע פאַזען פון לעבען, עטישע און סאָציאַלע, אַזוי גוט ווי רעליגיעזע און גייסטיגע. „איש אמו ואביו תיראו ואת שבתותי תשמורו" — דער עטישער געזעץ צו רעספּעקטירען טאַטע און מאַמע איז פונקט אַזוי הייליג ווי דער רעליגיעזער געזעץ צו היטען שבת און יום־טוב. ניט צו לאָזען קיין „לקט", „שכחה" און „פאה" פאַר אָרימעלייט איז פונקט אַזאַ „לאו", אַ פאַרבאָט, ווי „אל תפנו אל האלילים" — זיך ניט צו קערען צו פרעמדע אָפּגעטער. גנב'ענען, ליגען־זאָגען קעגען אַ חבר און שווערען פאַלש זיינען אַזעלכע עבירות, וואָס ברייגנען צו „וחללת את שם אלקיך" — צו פאַרשוועכען ג'ס נאָמען. שעלטען אַ טויבען, לייגען שטרויכלונגען אין וועג פון אַ בלינדען, צו באַצאָלען אין צייט, ניט צו פאַרשפּרייטען רכילות, ניט פיינט צו האָבען אַ ברודער אין האַרצען און מקרב זיין אַ גר, אַן אימיגראַנט, זיינען דינים, וואָס ווערען איינגעשלאָסען אין דעם אידישען באַגריף פון קדושה.

„קדושים תהיו כי קדוש אני" — הייליג זאָלט איר זיין, ווייל איך בין הייליג, זאָגט ג' צו די אידען. איך האָב אייך אויסגעקליבען פון אַלע פעלקער צו זיין מיין „עם סגולה", מיין אויסדערווײלט פאָלק, און איר מוזט אימער רעפלעקטירען מיין גייסט, מיין הייליגקייט. „פרושים תהיו" — פאַרשיידען זאָלט

איר זיין. „כשם שאני פרוש כך תהיו פרושים" — ווי איך בין אנדערש, אזוי זאלט איר אויך זיין אנדערש (ויק"ר ס"ד). אייער לעבען, אייערע אויפפירונגען מוזען זיך אונטערשיידען פון דעם לעבען און די אויפפירונגען פון אנדערע פעלקער. איר מוזט אייער גאטהייט מיט זיך טראגען וואו איר גייט און וואו איר שטייט, אין אלע אייערע טעטיגקייטען און אונטערנעמונגען. אייער לעבען באדארף זיין א סינטעז פון הימעל און ערד. אפילו אין אייערע טאג־טעגליכע מעשים מוז זיך אפשפיגלען א טייל פון דעם הימעל.

די אידישע אמונה פארלאנגט ניט פון דעם אידען, אז ער זאל זיך אינגאנצען אפגעבען מיט הימלישע זאכען. ווען די געזעצען פון דער תורה ווערט געזאגט: „וחי בהם" — מען זאל לעבען מיט זיי, אבער ניט פאר זיי. „בזירות" — אפ־שיידען זיך פון דעם אלגעמיינעם לעבען און זיך אינגאנצען אפגעבען מיט תפילות און ג' בעטען איז קעגען אלע באגריפען פון דער אידישער אמונה. אפילו דער כהן גדול ביי אידען האט זיך ניט געטארט אפזונדערען פון דעם אלטעגליכען לעבען. אויב ער איז ניט געווען פארהייראט, האט ער ניט געטארט גיין צו דער עבודה. מקדש השם זיין מיינט צו נעמען ג' פאר א ביישפיל און אים נאכטאן אין אלע זיינע מדות און זיטען. „מה הוא רחום אף אתה רחום" — ווי ער איז א דערבארמדיגער, אזוי מוזטו אויך זיין א דערבארמדיגער און באַ־האנדלען דיין חבר מיט צדק און יושר. „אם מקדשים אתם עצמכם מעלה אני עליכם כאלו קדשתם אותי" — אויב איר וועט זיך אליין האלטען הייליג, וועל איך עס באטראכטען ווי איר האלט מיך הייליג (ספרא). אין דער הייליגקייט פון יעדען אידען ליגט די הייליגקייט פון ג'.

„ויראת מאלקיך, אני ה'" — דו זאלסט מורא האבען פאר דיין גאט, איך בין ג'. דינען ג' זאל מען „מאהבה ומיראה" — אויס ליבע און אויס פורכט. מיט דעם וואס מען ליבט ג', וועט מען אפהיטען אלע מצוות, און צוליב דער מורא פאר ג' וועט מען ניט באגיין קיין פארברעכענס. די „מצוות עשה'ס" — די פליכטען, וואס א מענש מוז אויספירען צו זיין ג' און צו זיינע חברים, זיינען געוויינליך די, וואס ער טוט „מאהבה" — אויס ליבע צו זיין אמונה און צו אירע טראדיציעס. די „מצוות לא תעשה'ס" — די פארבאטען אבער קעגען פארברעכענס זיינען די, וואס ער זאל ניט טאן צוליב „יראה" — אויס מורא, אז ער וועט דערפאר באשטראפט ווערען. אזעלכע עבירות ווי „חלול שבת", „עסן טרפות", א. ד. גל. זיינען חטאים, וואס א מענש באגייט בלויז קעגען ג', זיינע חברים ברייגנט ער דערמיט קיין שאדען ניט. דאגעגען אבער, אזעלכע עבירות ווי

„גנבה", „גזלה", „רציחה", „נאַרעריי" וכדומה זיינען שוין פאַרברעכנס, וואָס גראָבען אונטער די געזעלשאַפט און פאַראורזאַכען פיל שאָדען צו זיינע מיט־מענשען. אַזעלכע עבירות זיינען די, וואָס די גמרא רופט אָן „חטאו בכפלים" — טאָפעל געזינדיגט. אַז איינער פאַרברעכט קעגען ג׳, איז ער באַגאַנגען בלויז איין עבירה, אויב אָבער ער זינדיגט קעגען זיין חבר, באַגייט ער צוויי עבירות — איינע קעגען מענשען און איינע קעגען ג׳. „על זה נאמר ויראת מאלקיך" — אויף דעם ווערט געזאָגט: דו זאָלסט מורא האָבען פאַר דיין ג׳.

יעדער מענש איז פאַראַנטוואָרטליך פאַר זיינע מעשים. אַלץ וואָס ער טוט, ווערט פאַרצייכענט און ווערט פאַר אים אויסגערעכענט ווען ער ווערט געשטעלט צום משפט פאַר ג׳. אין „זוהר הקדוש" ווערט געבראַכט, אַז אידער אַ מענש ווערט געבוירען, רופט־צו ג׳ איינע פון זיינע נשמות און זאָגט איר: „זילי עולי בדוך פלן, בגוף פלן" — גיי אַריין אין יענעם אָרט, אין יענעם קערפער. די נשמה וויל ניט פאַרלאָזען די הימלען און פּראָטעסטירט: „לא איהך לעלמא אחרא דישתעבדון בי ואהא מלוכלכא ביניהו" — איך וויל ניט אַרונטער אין דער אַנדערער וועלט, וואו מען וועט מיך פאַרשקלאַפען און איך וועל נאָך פאַראומרייניגט ווערען צווישען זיי. ג׳ אָבער זאָגט צו איר: „ברתא חביבא", ליבע טאָכטער, דו מוזט אַזוי טאָן, „על דא איתבריאת למהוי בההיא עלמא" — צוליב דעם ביזטו באַשאַפען געוואָרען, אַז דו זאָלסט זיין פאַר אַ געוויסער צייט אין יענער וועלט (זוהר משפטים). אָט די נשמה, וועלכע איז ג׳ס טאָכטער, איז פאַר־הייראָט צום מענשען אַזוי לאַנג ווי ער לעבט און זי לאָזט וויסען איר פאָטער איבער אַלע מעשים, וואָס ער טוט אין זיין גאַנצען לעבען.

הפטרה

משיח געפינט זיך צווישען די ליידענדיגע אָרימעלייט

ביום ההוא אקים את סוכת דוד הנופלת.

„שאל רבי יהושע בן לוי לאליהו: אימתי אתי משיח? אמר לו, זיל שייליה לדידיה. והיכי יתיב? בין עניי סובלי חולאים. אמר לו לאימת אתי מר? אמר לו: היום — אם בקולי תשמעו" — רבי יהושע בן לוי האָט געפרעגט ביי אליהו:

ווען קומט משיח? האָט ער אים געענטפערט: גיי פרעג אים. און וואו זיצט ער? — צווישען די אָרימעלייט, וואָס ליידען פון קראַנקהייטען. איז ער אַוועק צו אים און געפרעגט: ווען קומסטו, מיין האַר? האָט ער אים געענטפערט: היינט — אויב איר וועט זיך צוהערען צו מיין שטים (סנהדרין צ״ח ע״ב).

דער נביא עמוס פון היינטיגער הפטרה ווידמעט זיין נבואה קעגען דער אידישער מלוכה פון שמרון אונטער ירבעם דעם צווייטען, וועלכער האָט דאַן געהערשט איבער דעם לאַנד און איז געווען אַ גרויסער נאַכפאָלגער פון די „עגלים״, די קעלבערנע אָפּגעטער, וואָס ירבעם דער ערשטער האָט אויפגעשטעלט אין דן און אין בית־אל. אָט די עבודה־זרה האָט זיך שטאַרק פאַרשפּרייט צווישען פאָלק און האָט אָפּגעצויגען די אידען פון גיין באַזוכען דעם בית המקדש אין יהודה. דער נביא איז שטאַרק אויפגערעגט קעגען דער זינדיגער מלוכה און זאָגט פאָראויס, אַז זי וועט גאָר אין גיכען חרוב ווערען און די אידען וועלען פאַרטריבען ווערען פון זייער לאַנד. ער פאַרגלייכט זיי צו שוואַרצע אַפריקאַנער, וואו די פרויען פלעגען לעבען מיט עטליכע מענער אין איין צייט און האָבען אַליין ניט געוואוסט ווער די טאַטעס פון זייערע קינדער זיינען (מדרש הגדול). ער באַמערקט סאַרקאַסטיש: „הלא כבני כושיים אתם לי״ — איר זענט אַזוי ווי די קינדער פון די שוואַרצע אַפריקאַנער, וועלכע זוכען אַרום זייערע טאַטעס. איר דינט פרעמדע אָפּגעטער און איר פאַרגעסט אָן דעם ג׳, וואָס האָט אייך אַרויסגענומען פון מצרים און געבראַכט אין אייער אייגען לאַנד. דערפאַר זאָלט איר וויסען, אַז די אויגען פון ג׳ זיינען געריכטעט קעגען דער זינדיגער מלוכה, „והשמדתי אותה מעל פני האדמה״ — און איך וועל איר אָפּראַמען פון דער ערד.

„אפס כי לא השמד אשמיד את בית יעקב״ — איך וועל אָבער אינגאַנצען ניט פאַרטיליגען דאָס הויז פון יעקב. די אידען וועלען טאַקע פאַרטריבען ווערען אין גלות און דאָרט וועלען זיי געשאָקעלט ווערען ווי אין אַ זיפּ, אָבער בלויז די „פסולת״, דער אָפּפאַל פון זיי, וועט אויסגעטרייסעלט ווערען, „ולא יפול צרור ארצה״ — די געזונטע קערענדלאַך אָבער וועלען ניט פאַלען צו דער ערד. זיי וועלען געראַטעוועט ווערען. „ביום ההוא אקים את סוכת דוד הנופלת״ — אין אַ באַשטימטען טאָג וועל איך צוריק אויפשטעלען די איינגעפאַלענעביידעל פון „בית דוד״. די אידישע מלוכה וועט צוריק אויפגעריכט ווערען, „וגדרתי את פרציהן, והריסותם אקים ובניתיה כימי עולם״ — איך וועל פאַרריכטען

אירע ברוכען אוף זיינע חורבות וועל איך אויפשטעלען און וועל עס אויפבויען ווי אין די אמאליגע צייטען.

מאנכע פון אונזערע חכמים ווילען האבען, אז מיט דער איינגעפאלענער סוכה ווערט געמיינט דאס גאנצע אידישע פאלק. זינט מיר זיינען פארטריבען געווארען פון אונזער לאנד זיינען מיר געווארען די „סוכתו של עולם“, די וועלטליכע סוכה. קיין פערמאנענטע און שטענדיגע היים האבען מיר ניט געקאנט בויען פאר זיך אין די אלע לענדער פון אונזער לאנגען גלות. אלע חלומות פון אונזערע אסימילאטארען, אז די ציוויליזאציע און דעמאקראטיע וועלען ברענגען א ישועה אויף אונזער פאלק און מיר וועלען קריגען גלייכע רעכט אין די גלות־לענדער, האבען געפלאצט ווי א זייפען־בלאז. אונזערע רעכט ווערען אנערקענט בלויז אויף די שלאכט־פעלדער, וואו אונזער יוגענט פארגיסט איר בלוט גלייך מיט אלע אנדערע. ווען עס קומט אבער צו געניסען פון דעם שלום, וואס מען האט אויסגעקעמפט, דאן פארגעסט מען אין אונז. מיר דארפען זיך נאך אלץ ארומטראגען מיט די געראטעוועטע ברעטלאך צו קאנען אויפשטעלען אונזער ארימע סוכה אין נייע פלעצער.

אין דער גמרא ווערט אונז איבערגעגעבען, אז „לעתיד לבא“, אין דער ווייטער צוקונפט, וועלען זיך די פעלקער פון דער וועלט ארומקלייבען ארום דעם כסא־הכבוד און זאגען צו ג׳: „תנה לנו מראש ונעשנה“ — גיב אונז דיין תורה פון דאס ניי און מיר וועלען איר אויספאלגען. זאגט ער צו זיי: „מצוה קלה יש לי וסוכה שמה, לכו ועשוה“ — איך האב א גרינגע מצוה׳לע און זי הייסט סוכה, גייט און זייט איר מקיים. פרעגט די גמרא: „אמאי קרי לה מצוה קלה?“ — ווארום רופט ער עס אן א גרינגע מצוה? און ענטפערט: „משום דלית בה חסרון כיס“ — ווייל מען דארף צו איר קיין סך ניט דערלייגען. „מיד כל אחד עושה סוכה בראש גגו“ — באלד נעמט זיך יעדער בויען א סוכה אויפ׳ן שפיץ פון זיין דאך. „מה עושה הקב״ה?“ — וואס טוט אבער ג׳? „מקדיר עליהם חמה, וכל אחד בועט בסוכתו ויוצא“ — מאכט ער פאר זיי זעהר הייס די זון און יעדער פון זיי גיט א בריק זיין סוכה און גייט אוועק (ע״ז ד׳ ע״א).

אויב איר ווילט, קאנען מיר אין אט דער שילדערונג זעהן א בילד פון דעם, וואס איז געשעהן מיט אונזער פאלק פאר די לעצטע 25 יאר: גלייך נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה זיינען די פעלקער פון דער וועלט זיך צוזאמענגעקומען אין סאן רימא און אין איין קול אויסגעשריען: „תנה לנו מראש ונעשה“ — לאמיר אלע אננעמען דעם געדאנק פון די אידישע נביאים צו

אנטוואָפּענען אַלע פעלקער און דערמיט זיכערען דעם שלום פון דער וועלט. דערזעלבער געטליכער געדאַנק האָט אָבער געפאָדערט אויך אַן ענטפער אויף דער אידישער פראַגע: „מצוה קלה יש לי וסוכה שמה" — צווישען אַיך וואַלגערט זיך אַרום מיינע אַ גרינגע מצוה׳לע, וואָס הייסט סוכה — דאָס אידיש פאָלק, וואָס איז נעבאַך געדריקט צו זיין נע ונד און בויען צייטווייליגע סוכות אין אַלע מדינות פון דער וועלט. „לכו ועשוה" — גייט און זייט איר מקיים. אויב איר זוכט שלום אויף אַן אמת, זעהט איינמאָל פאַר אַלעמאָל צו פאַר־ענטפערען אָט די אָנגעווייטאָגטע אידען־פראַגע.

איצט, נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, קומען זיך ווידערמאָל צוזאַמען די פעלקער פון דער וועלט צו זוכען דעם וועג פון שלום, און מיר ווילען זיי דערמאָנען, אַז קיין שלום אויף דער וועלט וועט ניט זיין, סיידען זיי וועלען אָננעמען די תורה פון שלום און שמידען זייערע שווערדען אין אַקער־אייזענס און אויך העלפען אויפצושטעלען די „סוכת דוד הנופלת" — די געפאַלענע אידישע סוכה׳לע אויף איר אייגענעם באָדען אין ארץ־ישראל. זאָלען זיי זיך ניט צוהערען צו די פאַלשע משיחים פון אונזערע אידען, וועלכע גלויבען, אַז מיט אַ „ביל אָוו ראַיטס", מיט אַ פאַפּירענעם פאַרשפּרעכען פון אידישער גלייכ־באַרעכטיגקייט, וועט מען פאַרענטפערען די אידישע פראַגע. דער אמת׳ר משיח געפינט זיך „בין עניי סובלי חולאים" — צווישען די אָרימע קראַנקע אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערען, וועלכע רייסען זיך צו גיין נאָך זייער אייגען לאַנד. דאָרט וועט מקוים ווערען די נבואה פון היינטיגער הפטרה, וועלכע ענדיגט זיך מיט דעם פאַרשפּרעכען: „ונטעתים על אדמתם, ולא ינתשו עוד מעל אדמתם" — איך וועל זיי צוריק איינפלאַנצען אויף זייער ערד און זיי וועלען שוין מער ניט אויסגעריסען ווערען פון זייער ערד.

ו.

מען דינט נאָך אַלץ דעם אָפּגאָט מולך

אשר יתן מזרעו למולך.

„מפני מה תפסה תורה לשון מולך? כל שהמליכוהו עליהם אפילו צרור ואפילו קיסם" — וואָרום רופט די תורה אָן די עבודה־זרה מיט'ן לשון מולך? ווייל דאָס מיינט יעדע פרעמדע זאַך, פון וואָס אידען לאָזען זיך באַהערשען, אפילו אַ שטיינדעל אָדער אַ שפּענדעל (סנהדרין ס"ד ע"א).

דער אָפּגאָט מולך ווערט אין תנ"ך באַצייכענט אַלס „שקוץ בני עמון" — דאָס שמוץ פון די עמונים. די עבודה צו אים איז באַשטאַנען פון מקריב זיין יונגע קינדער, וועלכע מען פלעגט פאַרברענען לעבעדיגערהייט. ווען אידען האָבען אָנגעהויבען גלויבען אין דעם ווילדען און גרויזאַמען אָפּגאָט איז שווער צו באַשטימען. מיר ווייסען אָבער, אַז אויף דער עלטער האָט שלמה המלך דערלויבט זיינע פרעמדע ווייבער צו בויען אַ בימה, אַן אַלטאַר, פאַר דעם אָפּגאָט אויף דעם הר הזיתים (מלכים א' י"א). און ווי עס ווייזט אויס, האָט אַט דער ווילדער גלויבען אָנגעהאַלטען ביי אידען פאַר אַ גאַנץ לאַנגער צייט, ביז עס איז געקומען דער פרומער און גאָטספאָרכטיגער קעניג יאשיהו, „וטמא את התופת אשר בגי בן הנם לבלתי העביר איש את בנו ואת בתו באש למולך" — און ער האָט אָפּגעראַמט דעם שייטערהויפען, וואָס איז געשטאַנען אין דעם טאָל פון בן הנם, כדי קיינער זאָל מער ניט קאָנען דורכפירען זיין זון אָדער טאָכטער אין פייער פאַר'ן אָפּגאָט מולך (מלכים ב' י').

אָבער דער גלויבען אין אַט־דעם משונה'דיגען אָפּגאָט האָט ניט אויפגעהערט מיט דער צעשטערונג פון זיין אַלטאַר. אַ קורצע צייט נאָכ'ן טויט פון קעניג יאשיהו זיינען אויפגעבויט געוואָרען אַנדערע בימות פאַר דעם בלוט־דורשטיגען מולך און זיי האָבען עקזיסטירט די אַלע יאָרען פון די קומענדיגע קעניגען יהואחז, יהויקים, יהויכין און צדקיהו. זאָגאַר אין גלות־בבל האָבען פיל אידען פאַרטגעזעצט די דאָזיגע אַבשייליכע עבודה־זרה, ווי מיר געפינען, אַז דער נביא יחזקאל מוסר'ט זיי מיט די ווערטער: „בהעביר בניכם באש אתם נטמאים לכל גלוליכם עד היום" — מיט דעם, וואָס איר פאַרברענט אייערע

קינדער אין פייער, פאַראומריינינגט איר זיך מיט אַלע אייערע שמוצען ביז היינטי־גען טאָג (יחזקאל כ׳).

ווי קומט צו אידען אַזאַ אַבשייליכע עבודה־זרה, איז שווער צו פאַרשטיין. מיר ווייסען, אַז אין די אוראַלטע צייטען איז געווען שטאַרק פאַרשפּרייט צווישען די פעלקער דאָס מקריב זיין מענשליכע קרבנות צו זייערע געטער. דער רמב״ם זאָגט: „וועלענדיג דערוויטערען די אידען פון אַזעלכע גרויזאַמע עבודה־זרות און אַבערגלויבענישען, איז דעריבער באַפוילען געוואָרען צו בויען אַ משכן און מקריב זיין אַזעלכע קרבנות, וואָס זאָלען זיי דערהויבען צו אַ העכערער שטופע און דערנעענטערען צו דעם השם יתברך. דער געדאַנק ווערט דייטליך אויסגעדריקט אין די פאָלגענדע פסוקים: „למען אשר יביאו בני ישראל את זבחיהם לה׳ — ולא יזבחו עוד לשעירים״ — אום די אידען זאָלען ברייגנען זייערע קרבנות צו גאָט און זאָלען מער ניט שעכטען צו די שדים״ (מורה נבוכים פ׳ ל״ב).

מאַנכע פון אונזערע רעליגיעזע פאָרשער ווילען האָבען, אַז אויך מיט דער מעשה פון דער עקדה האָט גב״ה דורך אברהמ׳ען געוואָלט לערנען דער וועלט, אַז ער וויל ניט קיין מענשליכע קרבנות (ע״ע יצחק). אַנשטאָט מקריב צו זיין די בכורים, האָט דער אויבערשטער אָנגעזאָגט די אידען זיי אויסצוקויפען מיט דעם, וואָס זיי זאָלען געבען פינף שקלים אויסלייז־געלט דעם כהן. דאָס אייגענטליך, זאָגען חוקרים, איז דער געדאַנק פון דעם פסוק: „האתן בכורי פשעי. פרי בטני חטאת נפשי?״ — זאָל איך געבען מיין ערשט־געבוירענעם פאַר מיין זינד, די פרוכט פון מיין בויך פאַר מיינע אייגענע פאַרברעכענס?

יאָ, עס איז ווירקליך שווער צו פאַרשטיין ווי אַזוי האָט אַזאַ מיאוס׳ע געצענדינסט זיך געקאָנט אַריינדרייסן צווישען דעם אידישען פאָלק, וואָס איז אַזוי פיל יאָרען דערצויגען געוואָרען אויף די הומאַנישע געזעצען פון דער תורה הקדושה.

לויט די חז״ל, ווייזט טאַקע אויס, אַז דיזע משונה׳דיגע עבודה־זרה איז ניט געווען אַזוי גרויזאַם, ווי זי ווערט פאַרגעשטעלט אין תנ״ך. באמת האָבען די אידען זייערע קינדער ניט פאַרברענט, בלויז דורכגעפירט זיי צווישען צוויי פייערען. אַביי דערקלערט, אַז אַזוי איז געווען די עבודה פון דעם אָפּגאָט מולך: „שרגא דליבנה במיצעי, נורא מהאי גיסא ונורא מהאי גיסא, ומעבירין את הילדים דרך הלבנים ממעל ללהב״ — אַ בריק פון ציגעל אין מיטען, אַ פלאַם פייער פון איין זייט און אַ פלאַם פייער פון דער צווייטער זייט, און מען פירט

דורך די קינדער אויף דעם ציגעלנעם בריקעל איבער די פלאַמען (סנהדרין ס״ד ע״ב). דער גרויסער קאָמענטאַטאָר רש״י ז״ל נעמט אויך אָן די מיינונג פון אַביי, ווי ער זאָגט: „כך היא עבודת המולך, עושה מדורת אש מכאן ומכאן ומעבירו בין שתיהן — אַזוי איז דער געצענדינסט פון דעם מולך: מען מאַכט פייערן פון ביידע זייטן און מען פירט דאָס קינד דורך אין מיטן (רש״י נדרים י״ח).

עס איז זאָגאַר דאָ אַ דעה, אַז דער מולך איז ניט געווען קיין עבודה־זרה (סנהדרין ס״ד ע״א), און פון די דינים וועגען די שטראָפען, וואָס מען דאַרף אויסטיילען צו די, וועלכע דינען צו אים, איז צו זעהן, אַז אונזערע חז״ל האָבען באַטראַכט יעדע פאָרמע פון אַסימילאַציע פאַר אַן אָפגאָט און רופען עס מיט דעם נאָמען „מולך״.

„מפני מה תפסה תורה לשון מולך? כל שהמליכוהו עליהם אפילו צרור ואפילו קיסם״ — וואָרום רופט די תורה אָט־די פאָרמע פון געצענדינסט מיט דעם נאָמען „מולך״? ווייל דאָס מיינט יעדע פרעמדע אידייע, פון וועלכער אידען לאָזען זיך באַהערשען, אַפילו אַ שטיינדעל אָדער אַ שפּענדעל (סנהדרין שם).

דער וועג פון דער אידישען געשיכטע האָט זיך כמעט תמיד געצויגן צווישען צוויי פייערן: צווישען אָנהאַלטען דעם אידישען שטייגער און, צו דער זעלבער צייט, זיך אויך צוצופּאַסען, אויף וויפיל מעגליך, צו די אומשטענדען פון דער אויסערליכער סביבה. האָבען אידען אָנגעהאַלטען דעם פייער פון זייער אייגענער אמונה און געלעבט לויט אירע פּרינציפּען, האָט זיי דער פייער פון דער צווייטער זייט ווייניג געשאַדט. האָבען זיי אָבער זיך געצויגען צו דעם פרעמדען פייער און גענומען נאָכמאַכען זייערע שכנים, איז זייער לאַגע געוואָרען אַ געפערליכע. „כל המשתף שם שמים ודבר אחר, דהיינו המאמין בשניות, נעקר מן העולם״ — ווער עס מאַכט אַ שותפות צווישען זיין הימלישען גלויבען מיט עפּעס אַנדערש, דאָס הייסט, אַז ער גלויבט אויך אין אַ צווייטער אמונה, ווערט ער אויסגעריסען פון דער וועלט (שם ס״ג ע״ב מהרש״א). הויבט מען אָן צו רעפאָרמירען דעם אייגענעם גלויבען און איינפירען פרעמדע מנהגים אין די שוהלען און טעמפלען, צרייסט מען דערמיט דאָס אידיש לעבען און מען גראָבט אונטער דעם יסוד פון דעם פאָלק.

„אינו חייב עד שימסרנו למשרתי עבודה זרה״ — ער איז ניט חייב, סיידען ער גיט איבער זיין קינד צו די באַדינער פון דער עבודה־זרה (סנהדרין ס״ד ע״ב). הויבען אָן אידען צו פאַרהייליגען די פרעמדע קולטורען און מנהגים פון אַ לאַנד

און גיבען זייערע קינדער איבער בידים צו אזעלכע מלמדים, וועלכע דינען דעם מולך פון אַסימילאַציע, זיינען זיי חייב, ווייל דערמיט שטעלען זיי אין סכנה די עקזיסטענץ פון זייער פאָלק. דער שמעלץ־טאָפּ פון דעם גלות, וואָס הענגט צווישען די צוויי פייערן, וועט זייער קינד פאַרשלינגען און זיי וועלען מיט דער צייט איינגאַנצען פאַרלאָזען אונזערע רייען. דער סוף פון אַזעלכע קינדער איז: „נושא גויה ומעמיד ממנו אויבים למקום" — זיי פאַרהייראַטען זיך צו גוי'עס און שטעלען־צו פיינט פאַר אונזער ג' און פאַר אונזער פאָלק (ירושלמי מגילה פ"ד י').

הפטרה

איר וועט אויסהאַלטען, פאַרזיכערט דער נביא

היעמד לבך, אם תחזקנה ידיך לימים אשר אני עושה?

„למה הדבר דומה? לגבור שהעמיד את הקורה והיה זורק בו את החצים. חציו כלין והקורה במקומה עומדת" — צו וואָס איז דאָס גלייך? צו אַ גבור, וואָס שטעלט אויף אַ ציל־ברעט און וואַרפט אין דעם זיינע פיילען. די פיילען נעמען זיך אויס און דאָס ציל־ברעט בלייבט שטיין (תנחומא נצבים).

אין היינטיגער סדרה ווערט שטרענג פאַרבאָטען דאָס עסען פון בלוט און פירן אַן אומריינעם פאַמיליען־לעבן. פאַר אָט־די אומווירדיגקייטען האָט דאָס לאַנד אויסגעשפּיגען אירע אַלטע איינוואוינער. און אויב די אידען וועלען זיי נאָכטאָן, וועט דאָס לאַנד זיי אויך אויסשפּייען. כאָטש עס איז דערלויבט צו עסען פליייש פון בהמות און עופות, טאָר מען אָבער זייער בלוט ניט עסען, „כי נפש הבשר בדם היא", ווייל דאָס לעבען פון יעטווידער פליייש איז אין דעם בלוט, און עסען לעבענס איז צו־גרויזאַם, צו־מערדערליך. אויך דאָס קוילענען פון אַ בהמה אָדער אַן עוף מוז געטאָן ווערען אויף דעם לייכטסטען אופן, כדי ניט צו פאַרשאַפען קיין איבעריגע שמערצען. „דער וואָס איז גרויזאַם צו חיות און עופות, זאָגט דער באַוואוסטער פראַנצויזישער דענקער אַ. לעראַי באַליע, וועט אויך זיין חבר און שכן ניט בעסער באַהאַנדלען. באַטראַכט דעם פאַקט, אַז קיין אידישע מוטער האָט קיינמאָל ניט געטויט אַ

הוהן מיט אירע אייגענע הענט, און איר וועט פאַרשטיין וואָרום מאָרד איז אַ זעלטענקייט צווישען די אידען אין פאַרגלייך צו די אַנדערע טיילען פון דער באַפעלקערונג".

אויך אַן אומריינער פאַמיליען־לעבען פירט צו טרויעריגע רעזולטאַטען און ברעכט די מאָראַל פון דער געזעלשאַפט. ניט וויסענדיג וועמעס קינד עס איז, האָבען די טאַטעס ווייניג ליבע צו זייערע קינדער און די קינדער האָבען דערפאַר ווייניג אַכטונג פאַר זייערע טאַטעס. „למה הדבר דומה?" צו וואָס איז די זאַך געגליכען? „לאדם משמר פרדס, משמרו מבחוץ כולו משתמר, משמרו מבפנים, שלפניו משתמר, שלאחריו אינו משתמר" — צו איינעם, וואָס היט אַ וויינגאָרטען: היט ער אים פון דרויסען, ווערט ער אינגאַנצען אָפּגעהיט; היט ער אים אָבער בלויז פון אינווייניג, איז דער טייל, וואָס פ אַ ר אים אָפּגעהיט, אָבער דער טייל, וואָס איז הינטער אים, ווערט ניט אָפּגעהיט (יבמות כ"א ע"א). די יעניגע, וואָס פירען אַן אַנשטענדיגען לעבען אויך אויסער די קרייזען פון זייערע פאַמיליעס, בלייבען זייערע קינדער ריין און אַנשטענדיג, אָבער די יעניגע, וואָס יאָגען זיך נאָך פרעמדע פרויען, קאָנען זייערע אייגענע פאַמיליעס ניט אָפּהיטען פון דיזעלבע פאַרברעכענס.

אַט צוליב די דאָזיגע אומווירדיגקייטען, זאָגט דער נביא אין היינטיגער הפטרה, איז ירושלים שטרענג געמשפּט געוואָרען. „בדמיך אשר שפכת אשמת, ובגלוליך אשר עשית טמאת" — מיט דיין בלוט, וואָס דו האָסט פאַרגאָסן, האָסטו זיך באַשולדיגט, און מיט די אָבשויליכקייטען, וואָס דו ביזט באַגאַנגען, ביזטו פאַראומרייניגט געוואָרען. „ותקריבי ימיך ותבוא עד שנותיך" — מיט דעם האָסטו דערנעענטערט דיינע טעג און געקומען צום סוף פון דיינע יאָרען. „על כן נתתיך חרפה לגוים וקלסה לכל הארצות" — אַט צוליב דעם האָב איך דיך געגעבען צו שאַנד ביי די פעלקער און צו שפּאָט ביי אַלע לענדער. דערפאַר האָב איך דעם אידישען שטאָט אַזוי שטרענג באַשטראָפט און אים פאַרטריבען אין גלות אריין.

אין גלות וועלען אידען שטאַרק ליידען. מענשען, וואָס לעבען אין גלות, זיינען „פירות תלושים", אויסגעריסענע פרוכט, וואָס קאָנען זיך ניט איינ־וואָרצלען אויף פרעמדע באָדענס און ווערען ביסלאַכווייז פאַרוועלקט און אויסגעטריקענט. „דער גלות", זאָגט איינער פון אונזערע גרויסע דענקער, „איז אַ כף־הקלע אַ טיפער תהום, וואָס שלינגט איין אַלץ, וואָס פאַלט אין אים אריין. גאָר אַ גרויסער טייל פון דעם, וואָס ער פאַרשלינגט, גייט אוועק לטמיון

און ווערט פון אונז פאַרפאַלען, און דאָס, וואָס ער שפּייט פון זיך אַרויס, פאַרלירט זיין אָריגינעלען געשמאַק און קאָן זיך ניט איינפּאַסען אין די ראַמען פון דעם פאָלק".

און דער נביא איז שטאַרק באַזאָרגט, צי וועלען מיר דאָס קאָנען אויס־האַלטען. „היעמד לבך, אם תחזקנה ידיך לימים אשר אני עושה אותך?" — וועט דיין האַרץ באַשטיין, צי וועלען דיינע הענט שטאַרק זיין אין די טעג, וואָס איך רעכען זיך מיט דיר? ער קריגט אָבער די פאַרזיכערונג פון ג', אַז די אורזאַך, וואָרום ער האָט צעשפּרייט די אידען צווישען די פעלקער און זיי צעוואָרפען איבער אַלע לענדער איז, „והתמותי טומאתך ממך" — כדי צו פאַר־לענדען דיין אומריינקייט פון דיר. טראָץ אַלע אומגליקען, וועלען זיי בלייבען לעבען. זיי זיינען טאַקע פאַר אַ געוויסע צייט דאָס ציל־ברעט פאַר די פיילען פון ג'. אָבער די פיילען וועלען זיך אויסנעמען און דאָס אידיש פאָלק וועט בלייבען שטיין. „ונחלת בך לעיני הגוים וידעת כי אני ה'" — דו וועסט פאַר־בלייבען אַ באַזונדער נחלה פאַר די אויגען פון אַלע פעלקער און דו וועסט וויסען, אַז איך בין גאָט.

ז.

דער באַדייט פון ג—ט'ס נאָמען

את משפטי תעשו ואת חוקותי תשמרו — אני ה' אלקיכם.

„לא כשהוא נכתב הוא נקרא — בעולם הזה נכתב ביו"ד ה"י ונקרא באל"ף דל"ת, אבל לעולם הבא נכתב ביו"ד ה"י ונקרא ביו"ד הי". — דעם אוי־בערשטענס נאָמען ווערט ניט געלייענט ווי ער איז געשריבען — אויף דער וועלט ווערט ער געשריבען מיט אַ יו"ד און אַ ה"י און ווערט געלייענט מיט אַן אל"ף און אַ דל"ת, אין דער קומענדער וועלט אָבער וועט ער געלייענט ווערען ווי ער איז געשריבען (פסחים ב', ע"א).

די אידישע אמונה איז ניט געבויט אויף טרוקענע דאָגמעס. די „עשה'ס" און „לא תעשה'ס" פון דער תורה, די פאַרזאָגען וואָס צו טאָן און וואָס ניט צו טאָן זוכען ניט אַרויפצוצווינגען אויף דעם מענשען דעם רצון פון דער גאָט־הייט. „הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים", דער שיקזאַל פון אַלץ ליגט

אין די הענט פונ'ם אויבערשטען אויסער דער שיקזאל פון יראת שמים (ברכות ל"ג, ע"ב). די „בחירה", דער אויסוואל מורא צו האבען פאר גאט און גיין אין זיינע דרכים, דאס איז איבערגעלאזען געווארען צום מענשען זעלבסט.

דער הויפט תכלית פון אונזער תורה — דערקלערט רבי יצחק ריינעס ז"ל אין זיין „ספר הערכים" — איז צו ברייננען דעם מענשען צו אזא מדרגה, אז זיינע מאראלישע און עטישע באגריפען זאלען אויף אים האבען דיזעלבע ווירקונג ווי זיינע נאטירליכע אינסטינקטען. צוליב אט־דער אורזאך, איז די „בחירה חפשית", דעם מענשענ'ס פרייהייט פאר זיך צו באשטימען וואס ער האט צו טאן, איינע פון די יסודות, אויף וועלכע די אידישע אמונה איז באגרינדעט.

„דער מענש איז א סינטעז פון הימעל און ערד", זאגט ווייטער רבי ריינעס. „ער איז צוזאמענגעשטעלט פון גוף און נשמה. דאס ערשטע איז גענומען געווארען פון דער ערד און דאס צווייטע פון הימעל. די „מחשבה", דער געדאנק און איבערלייגונג, איידער א זאך ווערט פון אים געטאן, איז א טייל פון דער נשמה. דער „רצון", דער וואונש צופרידענצושטעלען זיינע תאוות און ליידענשאפטען, קומט פון דעם גוף. די תורה זוכט ניט צו באצווינגען דעם רצון פון דעם מענשען; זי גיט אים די פולע פרייהייט צו טאן וואס ער וויל; זי וויל ניט פייניגען זיין גוף; זי ראט אים בלויז זיך צו באנוצען אויך מיט דער מחשבה און זיך איבערלייגען איידער ער גייט טאן עפעס, וואס קאן אים אדער אנדערע שאדען טאן".

דער הויפט־ציל פון די חוקים און משפטים פון אונזער אמונה איז צו פארבינדען דעם הימעל מיט דער ערד, צו ברייננען די הימלען נעהענטער צום מענשען און דערהויבען דעם מענשען נעהענטער צום־הימל. דאס וועט פארבינדען די קורצע געגענווארט מיט אן אומענדליכער צוקונפט, א גרויסע און גלארייכע אייביגקייט.

אויב דער מענש זעהט אין דעם נאמען פון דער גאטהייט בלויז „אדנות", הערשאפט, און באטראכט די דינ'ים פון דער תורה אלס באפעלען, וואס זוכען צו באשריינקען זיין פרייהייט, איז עס ווייל זיין קליינער שכל באגרייפט בלויז דעם „עולם הזה", די קורצע געגענווארט. ער פארשטייט ניט, אז דער היינט איז בלויז א פירהויז פאר דעם „עולם הבא", פאר דעם ווייטען עתיד.

דער אמת'ער נאמען פון דעם אויבערשטען איז געשריבען מיט א יו"ד ה"י, וואס מיינט אייביגער עקזיסטענץ, ניט ווי ער ווערט געלייענט מיט אן אל"ף

דל״ת, וואָס באַדייט הערשאַפט. מיט דעם, וואָס מיר האָבען אָפּגעהיט די פאַרשריפטען פון דער תורה, האָבען מיר דערלעבט פילע „עולם הבא׳ס״ לאַנגע צוקונפטען כאָטש אונזערע „עולם הזה׳ס״ די נעכטענס און די היינטס זיינען געווען שרעקליכע אין די לאַנגע און פינסטערע גלות׳ן.

אונזער אידישע תורה הייסט אַ „ספר החיים״ אַ בוך פון לעבען ווייל אירע פרינציפּען ווערען געשעפּט פון דעם „מקור החיים״ דעם קוואַל פון לעבען. אויב די פאַרבייגייענדיגע וועלט באַווייזט עס ניט וועט עס די צוקונפטיגע וועלט באַווייזען.

„ושמרתם את חקותי ואת משפטי אשר יעשה אותם האדם וחי בהם״. —

און איר זאָלט היטען מיינע געזעצען און משפטים וואָס אַ מענש דאַרף טאָן, כדי צו קענען לעבען דורך זיי. „ימים שאתה עוסק בחיים ולא ימים שאתה עוסק במתים״ — טעג אין וועלכע דו באַשעפטיגסט זיך מיט די לעבעדיגע און ניט די טעג אין וועלכע דו באַשעפּטיגסט זיך מיט די טויטע (ירושלמי פ״ג).

די דינים וואָס אַ איד היט אָפּ פאַר דעם כבוד פון טויטע זיינען נאָר דאָן פאַררעכענט פאַר אַ מצוה אויב זיי פירען צו פאַרלייכגערען דאָס אידישע לעבען. פאַראַן אָבער אַזעלכע אידען איבערהויפּט ביי אונז אין אַמעריקע וואָס ווייכען פון אַ שוהל אַ גאַנץ יאָר און נעמען קיין אַנטייל ניט אין אידישע אינטערעסען. די איינציגע צייט וואָס מען זעהט זיי אין אַ שוהל איז צום יאָרצייט פון זייערע עלטערן, אָדער אין די טעג, ווען מען זאָגט „יזכור״. אַזעלכע אידען זיינען אַ טויטער עלעמענט פאַר דעם אידישען פאָלק, אַן „אבר מדולדל״, אַן אָפּגע־שטאָגענע גליד, וואָס שלעפּט זיך נאָך דעם אידישען קערפּער און ברייגנט קיינע נוצען ניט דער אידישער אומה.

אין דער תפלה „יזכור״ בעטען מיר, אַז דער אויבערשטער זאָל געדענקען די נעמען פון אונזערע פאַרשטאָרבענע און זיי אַריינגעמען „בצרור החיים״, אין דעם קוויל פון לעבען. דער גאַנצער לעבען פון אונזער פאָלק איז איין לאַנגער פאָדים, וואָס ציט זיך פון באַרג סיני און האַלט זיך אין איין וויקלען אין אַ גרויסען קנויל. אויב די קינדער שטייען אָוועק פון די אידישע אינטע־רעסען אַ גאַנץ יאָר, רייסען זיי זיך אָפּ פון׳ם אידישען „צרור החיים״, און דאָס האָבען זייערע עלטערען געוויס ניט געוואָלט.

עס איז מיר אַמאָל אויסגעקומען צו לייענען אַ צוואה פון אַ פרומען אידען, וועלכער איז מיט יאָרען צוריק געשטאָרבען אין באָסטאָן. ער זאָגט אָן זיינע קינדער אַז זיי זאָלען באַלאַנגען צו אַ שוהל און דאָרט גיין דאַווענען אַזוי אָפט

ווי מעגליך. „אויב איר וועט אבער א גאנץ יאר וויכען פון א שוהל,״ פאר־ענדיגט ער זיין צוואה צו זיי, „און שטיין פונדערוויטענס צו אלע אידישע אינטערעסען, פאדער איך פון אייך, איר זאלט דעם יארצייט פון מיין טויט ניט אפהיטען. אויב מיין לעבען מיינט פאר אייך גארניט א גאנץ יאר, און ווען עס קומט צו לעבעדיגע אידישע זאכען בין איך פאר אייך א געשטארבענער, לאזט מיך צורו אויך אינ׳ם יארצייט־טאג. ווארום זאלט איר נאך דערמאנען מיין טויט ?...״

הפטרה

אידישע גרים

בגלוליך אשר עשית טמאת — הקרבות והרחוקות ממך יתקלסו בך.

„אפילו בשעה שהקב״ה מחזיר נשמות לפגרים מתים, נשמתן קשה להם״ — אויך אין דער צייט וואס דער אויבערשטער קערט צוריק די נשמות צו די טויטע קערפערס, ליידט זייער נשמה זעהר פיל (סנהדרין ק״ח, ע״א).

אין דער היינטיגער סדרה ווערט גערעדט וועגען די צוויי ספעציעלע קרבנות וואס אידען דארפען בריינגען יום־כפור פון יעדען יאר „אחד לה׳״, איינעם פאר גאט „ואחד לעזאזל״ און איינעם פאר דעם שטארקען בארג. מיט דעם „עזאזל״, זאגען אונז די בעלי אגדה, ווערט געמיינט דער שטארקער און שווערער גלות, וואס פארצערט די אידישע כוחות. א פאלק, וואס לעבט אויף דעם „חסד לאומים״, אויף דעם גוטען ווילען פון די פרעמדע פעלקער, צווישען וועלכע ער געפינט זיך, קאן ניט אויסקומען בלויז מיט איין קרבן „אחד לה׳ ״, ער מוז גאנץ אפט בריינגען שווערע קרבנות אויך פאר דעם „עזאזל״, פאר דעם הארטען און שארפען גלות. דער פראצעס פון צופאסונג צו די אימער נייע אומשטענדען, וואס א גלות פארשאפט, איז א שווערער און קאסטבארער. צו געפעלען ווערען די שכנים, אז זיי זאלען אים צורו לאזען, מוז ער מאנבעסמאל מפקיר זיין א טייל פון זיין אייגענארטיגקייט. א „תולה בדעת אחרים״, דער וואס איז אפהייגניג אן דער דעה פון אנדערע, קאן ניט אימער זיין אריגינעל און אויסגעהאלטען לויט זיינע אייגענע אנשויאונגען און איבערצייגונגען. ער

מוז מאַכען פשרות, נאָכגעבען און פאַרבייגען אַ היפשען חלק פון זיין אייגענעם ווילען, אום ניט צו וואַרפען זיך צופיל אין די אויגען פון זיינע שונאים מיט זיין אָפּגעזונדערטקייט און פאַרשיידענקייט.

דער איד, וועלכער פילט זיך, נעביך, שוואַך קעגען זיינע שכנים, וואָס זיינען אַ מערהייט, צאַלט זעהר טייער פאַר זיין אידישקייט. אין אַלע לענדער פון זיינע וואַנדערונגען ווערען פון זיינע שונאים אויפגעשטעלט מזבחות, אויף וועלכע ער מוז ברייגען שווערע קרבנות, אום צו קאָנען עקזיסטירען. ניט אַלע קרבנות אָבער, וואָס די אידען האָבען מקריב געווען צום „עזאזל" אין זייערע גלות־לענדער, זיינען געווען אַרויפגעצוואונגענע. פאַר מאַנכע פון די אידען, איבערהויפט אין די פרייע לענדער, איז דער גלות געוואָרען אַ קולט, אַן עבודה זרה, צו וועלכער זיי זיינען העכסט געטריי און זוכען עס צו באַרעכ־טיגען אַלס געטליכע מיסיע פאַר דעם אידישען פאָלק צו פאַרשפרייטען די געדאַנקען פון זיין תורה אין דער וועלט. אָט די מינים אידען האָבען פריי־ווילליג געבויט גרויסע און קאָסטבאַרע מזבחות פאַר׳ן גלות, אין זייערע שוהלען, היימען אָדער קהלות, אויף וועלכע זיי האָבען געבראַכט און ברייגען נאָך איצט אומניצליכע קרבנות, אַבי געפעלען צו ווערען זייערע שכנים.

אין זייער ווילדען געיעג צו געפינען חן אין די אויגען פון די גוים האָבען זיי געשטעלט דעם „קרבן לעזאזל" העכער פאַר דעם „קרבן לד'". אין אַלץ האָט מען געזוכט נאָכצומאַכען דעם ניט־איד און צו פאַרדעקען און באַהאַלטען דעם אייגענעם איך, זייער פאָלק׳ס אינדיווידואַליטעט. „כמתוקנין בהם לא עשיתם, כמקולקלין שבהם עשיתם" — ווי די רעכטפאַרטיגע פון זיי האָט איר ניט געטאָן, נאָר ווי די פאַרדאָרבענע פון זיי האָט איר געטאָן (סנהדרין ל"ט). מ׳האָט ניט געזוכט נאָכצומאַכען די ערליכע גויים, די יעניגע וואָס זיינען געטריי זייער אמונה און זייער פאָלק. צוליב זייער פאַלשען באַגריף פון פאַטרי־אָטיזם צום גלות האָבען זיי זיך איינגערעדט, אַז ערשט דאַן וועלען זיי די גויים באַטראַכטען פאַר גלייכע ברידער אויב זיי וועלען נאָכטאָן די „מקולקלין שבהם", די כאַראַקטערלאָזע, וועלכע קימערען זיך ווייניג פאַר די טראַדיציעס פון זייער גלויבען און זייער נאַציע.

די היסטאָריע אָבער באַווייזט אונז דעם גרויסען טעות, וואָס זיי האָבען געמאַכט. אַנשטאט אָנערקענונג און גוט־ברודערשאַפט ווערען אָט די אידען פאַראַכטעט פון זייערע ניט־אידישע שכנים. ווי דער נביא זאָגט אין היינטיגער הפטרה: „בגלוליך אשר עשית טמאת, הקרבות והרחוקות ממך יתקלסו בך" —

צוליב דיינע אומווירדיגקייטען, וואָס דו האָסט זיך געשאַפען, ביזטו פאַראומ־רייניגט געוואָרען. די נאָענטע און די ווייטע שפּאָטען אָפּ פון דיר. דו מיינסט דאָך, אַז צוליב דעם, וואָס דו פאַראַכטעסט דיינע אייגענע און שמייכעלסט זיך צו אַלץ וואָס דער גוי טוט וועט ער דיך דערפאַר ליב האָבען, מאַכסטו אַ טעות. אַזאַ האַנדלונג פאַראומרייניגט און דערנידעריגט דיך. ביידע, אי די צו וועמען דו ווילסט זיך דערנעענטערען, אַזוי גוט ווי די פון וועלכע דו זוכסט זיך צו דערווייטערען „יתקלסו בך", שפּאָטען אָפּ פון דיר און באַטראַכטען דיך פאַר אומווירדיג.

אין אַ „שעת חירום", אין אַ צייט פון גרויסע וועלט־איבערקערענישען, אַז עס ברעכט אויס אַ גרויזאַמע כוואַליע פון אידענהאַס, וועלכע פאַרפלייצט פילע מדינות און דאָס אידישע לעבען ווערט הפקר, זיינען די אַסימילאַטאָרען די ערשטע צו ליידען און רואינירט צו ווערען. זייער דערווייטערען זיך פון זייער אייגען פאָלק און זייער ווילדער געיעג צו שטופּען זיך אין דער ניט־אידישער געזעלשאַפט, רופט קעגען זיי אַרויס דעם וואוט און צאָרן פון די שאָוויניס־טישע פּאַטריאָטען, וועלכע באַטראַכטען זיי פאַר רענעגאַטען. די וואָס זיינען ניט געטריי זייער אייגען פאָלק, שטייען אונטער'ן חשד, אַז זיי זיינען פאַררעטער אויך צום לאַנד, וואָס האָט זיי אַדאָפּטירט.

דאַן הויבען־אָן פילע פון זיי צוריקצוקומען צו דער אידישער מחנה. זיי קומען אָבער ניט אַלס אמת'ע בעלי־תשובה, מיט אַ חרטה פאַר'ן עבר און אַ קבלה אויף להבא, צו זיין געטריי זייער פאָלק און זיינע טראַדיציעס. זיי קומען ניט אונז צו העלפען בויען און פאַרשטאַרקען די יסודות פון אונזער עקזיסטענץ. זיי באַטראַכטען זיך נאָך אַלץ אַלס די פאַרגעשריטענע און גיבען אונז עצות ווי איבערצובויען דאָס אידישע לעבען לויט דעם מוסטער פון זייערע פאַלשע אָנשויאונגען.

אָט אויף אַזעלכע אידען, וועלכע זיינען, צוליב אויסערליכען דרוק, געוואָרען אידישע גרים, באַמערקט די גמרא: „אפילו בשעה שהקב"ה מחזיר נשמות לפגרים מתים", זיי, וועלכע זיינען ביז איצט געווען טויט פאַר'ן אידישען פאָלק, ווען זיי ווערען שוין באַוואוסטזיניג אויף זייער אידישער נשמה, „נשמתן קשה להם", איז זייער נשמה שווער פאַר זיי און קאָן זיך ניט אַריינ־פּאַסען אין דעם אידישען קערפּער (סנהדרין ק"ח, ע"א).

אמור

א

די קליינע מאַכען נאָך די גרויסע

אמר אל הכהנים בני אהרן ואמרת אליהם.

„אמר ואמרת, להזהיר גדולים על הקטנים, דלא ליטמי להוא בידים", — צוויי מאָל זאָלסטו זיי אָנזאָגען, איינמאָל פאַר זיי אַליין און איינמאָל צוליב זייערע קליינוואַרג, זיי זאָלען זיי ניט מטמא מאַכען בידים (יבמות קי"ד ע"א).

קליינע קינדער זיינען פון דער נאַטור גרויסע נאָכאַמערס. זיי האָבען ליב נאָכצומאַכען די גרויסע אין אַלע זייערע וועגען. זייערע קליינע אויגעלעך זיינען שאַרף און זיי באַמערקען אַלץ, וואָס עס קומט פאָר אין הויז. מאַנכעסמאָל דוכט זיך אויס, אַז זיי זיינען אַריינגעטאָן אין זייער שפּיל און זעהען ניט און הערען ניט, וואָס אַרום זיי טוט זיך. דאָס איז אָבער אַ גרויסער טעות אַזוי צו דענקען. קינדער זיינען אַזוי ווי אַ שוואָם, וואָס זויגען אין זיך אַריין אַלץ, וואָס עס געשעהט אַרום זיי. אויב די עלטערע מענשען אין אַ הויז דערלויבען זיך צו טאָן עטוואָס ניט פּאַסענדיגס, וועלען עס די קליינע נאָכטאָן, און אַזוי אַרום זיינען זיי מטמא און פאַרדאַרבען בידים דעם כאַראַקטער פון זייערע קינדער.

לעוו טאָלסטאָי, דער גרויסער רוסישער שריפטשטעלער, דערציילט דעם פאָלגענדען פאַבעל, אין וועלכען עס שפּיגעלט זיך אָפּ דער אויבענדערמאָנטער געדאַנק:

„אַן אַלטער סוחר האָט איבערגעגעבען זיינע געשעפטען צום זון און איז אַוועק וואוינען ביי אים אין הויז. צוערשט איז ער געווען אַ חשוב'ער גאַסט און מ'האָט אים באַהאַנדעלט מיט גרויס ליבע און דרך־ארץ. שפּעטער־צו אָבער האָבען די קינדער גענומען באַטראַכטען דעם אַלטען אַלס אַן איבעריגען אין הויז. איבערהויפּט האָט די שנור ניט געקאָנט פאַרטראָגען די קאַפּריזען פון דעם שווער, וועלכען זי האָט געהאַלטען פאַר אַן אַנשיקעניש אויף איר.

„ביסלעכווייז איז איר באהאנדלונג פון דעם אלטען געווארען מער און מער אומפריינטליך. אנשטאט צו עסען צוזאמען מיט דער פאמיליע האט זי אים סערווירט אין קיך, אפגעזונדערט פאר זיך אליין. מיט דער צייט האט זי אים אין גאנצען אויפגעהערט צו סערווירען, און ער האט זיך שוין אליין געמוזט נעמען דאס עסען. איינמאל, טראגענדיג דעם טעלער צום טיש, איז ער ארויס־געפאלען פון זיינע הענט און האט זיך צעבראכען. די שנור האט געמאכט א גאנצען סקאנדאל און האט געשריען, אז ער שטעלט איר בדלות. אום צו פאר־היטען, אז א צווייטען מאל זאל עס ניט געשעהן, האט זי פאר אים געקויפט הילצערנע טעלער און לעפעל.

„דער זון האט זיך געמאכט ניט־וויסענדיג איבער דעם, ווי שלעכט זיין וויב באהאנדעלט זיין פאטער, וואס האט אים רייך געמאכט, און ווען דער טאטע פלעגט זיך פאר אים באקלאגען, פלעגט ער עס אוועקמאכען מיט דער האנט. איינמאל, אבער, קומענדיג פון געשעפט, באמערקט ער, ווי זיין אייגענער קליינער זון זיצט אויפ׳ן דיל און שניצט א שטיקעל האלץ. פרעגט ער אים: „וואס מאכסטו?" — ענטפערט ער אים: „איך מאך א הילצערן טעלערל פאר דיר, אז ווען דו וועסט אלט ווערען זאלסטו האבען פון וואס צו עסען".

עס איז דא א פאלקס־ווערטעל, אז די קינדער צאלען אפ די טאטעס די חובות, וואס זיי זיינען שולדיג צו זייערע זיידעס און באבעס. אויב מען וויל, אז די קינדער זאלען זיין גוט און פרום, מוז מען עס אליין פראקטיצירען. מיט אנזאגען, אדער לערנען די קינדער, זיי זאלען טאן וואס גוט איז, און אליין טוט מען וואס מען וויל, איז מען קיין זאך ניט פועל. די קליינווארג וועלען נאכטאן די גרויסע און וועלען מיט דער צייט נאך זיין ערגער פון זיי.

אונזערע אידען אין אמעריקע לייגען דעם הויפט־געוויכט אויף לערנען אידישקייט בלויז צו די קליינע. דער גרעסטער טייל פון זיי שיקען זייערע קינדער אין א תלמוד־תורה, אדער האלטען פאר זיי א רבי׳ן ביז זיי ווערען בר־מצוה. גייט דער זון, אדער די טאכטער, שוין אריין אין האי־סקול, אדער קאלעדזש, ווערען זיי שוין פריי צו טאן וואס זיי ווילען בנוגע זייערע רעליגיעזע פליכטען. אין דעם ליגט דער הויפט־פעלער פון אונזער גאנצער אידישער דערציהונג. די גמרא זאגט אונז: „כבד את אביך ואת אמך, וא"ו לרבות את אחיך הגדול" (קדושין ל"ט). דער עלטערער ברודער ווערט איינגעשלאסען אין דעם רעספעקט, וואס א קינד זאל האבען פאר זיין טאטע־מאמע. און די

פסיכאָלאָגיע לערנט אונז, אַז די השפּעה, וואָס אַן עלטערער ברודער האָט אויף דעם אינגערן, איז אַ פיל גרעסערע ווי די פון די עלטערן.

אויב דער גרעסערער ברודער לייגט ניט קיין תפילין, וועט עס דער קלענערער אויך ניט טאָן. אויב די עלטערע קינדער היטען ניט אָפּ שבת, וועלען קיין שום לערעס פון די רביים אין די תלמוד־תורה׳ס ניט העלפען. די קליינע קינדער וועלען נאָכטאָן זייערע עלטערע ברידער און שוועסטער, און די גאַנצע מי און קאָסטען, וואָס די טאַטעס און מאַמעס האָבען געמאַכט צו לערנען זיי אידישקייט, זיינען אַרויסגעוואָרפען.

„להזהיר גדולים על הקטנים", — די גרויסע מוזען זיין אָפּגעהיט צוליב די קליינע. אויב מיר ווילען, אַז די אידישע דערציהונג פון אונזערע קינדער זאָל אויף זיי האָבען אַ ווירקונג, מוז מען די גרעסערע לערנען „דלא ליטמי להוא בידים", זיי זאָלען מיט זייערע אויפפירונגען ניט מטמא מאַכען און פאַרדאַרבען אונזערע תינוקות של בית רבן.

הפטרה

קליידער מאַכען ניט דעם מענשען

ולבשו בגדים אחרים ולא יקדשו את העם בבגדיהם.

„כהן הדיוט שלבש בגדי כהן גדול ועבד, עבודתו פסולה", — אַ פּראָס־טער כהן, וואָס טוט אָן די קליידער פון אַ כהן־גדול און פראַוועט די עבודה, איז זיין עבודה אַ פסול׳ע (זבחים י"ח ע"א).

די אידישע אמונה האָט ניט קיין פעסטגעזעצטע דאָגמעס. אונזער גאָט־הייט „אין לו דמות הגוף", — האָט ניט קיין קערפּערליכען אויסזעהן, אָדער אַ באַשטימטען געשטאַלט. זי איז אַ סינטעז, אַ צוזאַמענהאַנג פון אַלע גע־שטאַלטען און דערשיינונגען. צו דינען גאָט מיינט ניט צו דאַווענען אויף דעם אָדער יענעם נוסח, דורכצופירען די אָדער אַנדערע צערעמאָניעס אין אונזערע בתי־מקדש אָדער שוהלען. דאָס זיינען בלויז אויסערליכע פאָרמען, וואָס זיינען געשאַפען געוואָרען אום צו ברענגען דאָס פאָלק צום הויפּט־ציל, צום הויפּט־געדאַנק פון זיין אמונה און גלויבען.

די עבודה אין בית־המקדש איז איינער פון די מיטלען אַרויפצוהויבען דעם מענשען צום אידעאַל פון „עבודת הבורא", און זיך פאַרטיפען אין זיינע לערעס און פאַרשריפטען. דער הויפּט־געדאַנק פון קרבנות איז: „לקרב את האדם במחשבותיו אל ה'", — צו דערנענטערן דעם מענשען אין זיינע געדאַנקען צו גאָט. דערפאַר זאָגען טאַקע אונזערע חכמים, אַז „קרבן דליכא תשובה הוא זבח רשעים תועבה", — אויב ביים ברייגנען דעם קרבן טוט ניט דער מענש תשובה אויף זיינע זינד, ווערט ער באַטראַכט ווי אַ „זבח רשעים", וואָס איז אומווירדיג (זבחים ז' ע"ב).

די תפילות און צערעמאָניעס אין די שוהלען, וועלכע פאַרנעמען איצט דעם פּלאַץ פון די קרבנות און עבודה אין בית־המקדש, זיינען אויך געצילט צום זעלבען צוועק. אָן און פאַר זיך האָבען זיי ניט קיין גרויסע רעליגיעזע וויכטיגקייט, סאַידען זיי ווערען געטאָן מיט כוונה, מיט דעם באַוואוסטזיין, אַז עס איז דאָ אַ גרויסער געטליכער כח, וואָס זעהט אַלץ, הערט אַלץ און ווייס אַלץ. אָט די באַוואוסטזיניגקייט, וואָס וועקט דעם מענשען צו זיין ערליך און ניט צו באַגיין קיין פאַרברעכענס „בין אָדם למקום", פון מענש צו גאָט, אָדער „בין אדם לחברו", פון מענש צו מענש.

צו זיין אַ איד מיינט ניט נאָר דאַוונען ווי אַ איד, מען מוז אויך לעבען ווי אַ איד, מען מוז טראָגען די גאָטהייט מיט זיך וואו מען גייט און וואו מען שטייט, אין אַלע טעטיגקייטען און אונטערנעמונגען. דאָס אידישע לעבען, אַזוי גוט ווי זיין אמונה, באַדאַרף זיין אַ סינטעז פון הימעל און ערד. אַפילו אין זיינע טאָג־טעגליכע מעשים מוז זיך אָפּשפּיגלען אַ טייל פון דעם הימעל.

עס טרעפט אָבער אַמאָל, אַז אַ געוויסער טייל פון פאָלק פאַלט אַרונטער אונטער דער השפעה פון פרעמדע אמונות און קולטורען, וועלכע באַטראַכטען זייערע דאָגמעס און צערעמאָניעס אַלס דעם יסוד פון זייער גלויבען. אום געפעלען צו ווערען זייערע שכנים הויבען זיי אויך אָן צו אַקצענטירען און פאַרהייליגען בלויז דעם צערעמאָניאַלען טייל פון זייער רעליגיע. דאַן הויבט אָן דער מהות פון אידישקייט צו פאַלען. די עבודה אין בית־המקדש ווערט באַנאַל און די פּאָזיציע פון כהן־גדול ווערט אַ פּאָליטישע אָדער סאָציאַלע שטעלע, וועלכע ווערט אָנפאַרטרויט צו „כהנים הדיוטים", פּראָסטע כהנים, וואָס זיינען ווייניג געלערנט און ווייניג באַהאַוועגט אין די חוקים און משפטים פון אונזער תורה, ווי עס איז פאָרגעקומען אין די צייטען פון די העלעניסטען, איידער די חשמונאים האָבען זיי באַזיגט.

אין די גלות־לענדער, איבערהויפּט אין די פּרייערע מדינות, ווערען די שוהלען פאַרוואַנדעלט אין טעמפּלען, וואו די פּוסטע צערעמאָניעס פאַרנעמען דעם אויבען־אָן. „מפטיר", אַנשטאָט תורה, ווערט די הויפּט־לערע, וואָס מען לערנט אונזערע יונגע קינדער; „קדיש", „יאָרצייט" און „לויות" פאַר טויטע ווערען באַטראַכט אַלס די עיקרים, די הויפּט־זיילען פון אונזער אמונה; און אַז מען דאַרף אויפנעמען אַ רב, האָט מען קודם־כל אין זינען, אַז ער זאָל אויסנעמען ביי די גאַנצע אָדער האַלבע גויים. ער דאַרף ניט קענען פּסק'ענען שאלות, ער מוז אָבער האָבען אַ טאַלאַנט צום רעדען. אַנשטאָט צו קאָנען לערנען, דאַרף ער זיין אַ „סאָשעל וואָירקער", אַ גוטער שלום־עליכם געבער און זיין העפליך צו די באַאַמטע און מיטגלידער פון זיין געמיינדע.

אָט קעגען אַזעלכע זאָגט דער נביא אין היינטיגער הפטרה, אַז ווען די כהנים געהען אַרויס צום פאָלק, זאָלען זיי אויסטאָן די קליידער פון דער עבודה, „ולא יקדשו את העם בבגדיהם", זיי זאָלען ניט זוכען צו הייליגען דאָס פאָלק מיט זייערע עבודה־קליידער פון פּוסטע צערעמאָניעס. קליידער מאַכען ניט דעם מענשען. אויב ער איז ניט פּאַסיג פאַר דעם אַמט לויט זיינע ידיעות, זאָל ער די שטעלע ניט פאַרטרעטען. „כהן הדיוט שלבש בגדי כהן גדול, עבודתו פסולה" — אַ פּראָסטער כהן, וואָס טוט אָן די קליידער פון אַ כהן גדול, איז זיין עבודה אַ פּסול'ע און דערנידעריגט די הויכע שטעלע, וואָס אַ כהן גדול פאַרנעמט אין אונזער לעבען.

ב

אַלץ אַרום כהן מוז אויסדריקען רעספּעקט

ומלא את ידו ללבוש את הבגדים.

„כהן גדול שלבש בגדי כהן הדיוט ועבד, עבודתו פסולה" — אַ כהן גדול, וואָס טוט אָן די קליידער פון אַ פּראָסטען כהן און פאַראוועט די עבודה, איז זיין עבודה אַ פּסול'ע (זבחים י"ח ע"א).

דער רמב"ם אין „מורה נבוכים" זאָגט, אַז די אורזאַך וואָרום אַ כהן „אשר יהיה בו מום", אויב ער איז אַ קאַליקע אָדער האָט אַ בולט'ן פעלער, זאָל

ניט געגעגענען צו דער עבודה, איז ווייל ער דאַרף זיין געאַכט ביים דעם פאָלק, און דער המון האָט שטאַרק דרך־ארץ פאַר דעם, וואָס זעהט אויס קערפּערליך שיין. ער מוז אויך זיין נעט געקליידט און טראָגען „בגדים שהם מתוקנים לעבודה", קליידער וואָס פּאַסען זיך פאַר זיין אַמט (יומא מ"ג), כדי צו מאַכען אַ גוטען איינדרוק אויף דעם עולם.

דער כהן גדול איז דער רעליגיעזער און גייסטיגער פירער פון זיין דור. „נזר אלקיו עליו", ער טראָגט אויף זיך אַ קרוין פון גאָט, און דערפאַר איז „מה אני בקדושתי אף הוא בקדושתו" — אַזוי ווי איך האַלט אַן מיין הייליגקייט אַזוי מוז ער אויך אָנהאַלטען זיין הייליגקייט (ירושלמי סנהדרין פ"ב ה"ח). און הייליגקייט מיינט: צו זיין ריין פון אַזעלכע פעלערען, וואָס קאָנען אים דערנידעריגען אין די אויגען פון פאָלק און דערמיט שטערען דעם פּראָצעס פון זיין גייסטיגער אַנטוויקלונג.

דער כהן מוז אויך זיין שטאַרק אָפּגעהיט אין זיינע פליכטען צום פאָלק. ניט אין אַלץ קאָן ער זיך באַטייליגען. „לנפש לא יטמא בעמיו", ער זאָל זיך ניט אומרייניג מאַכען צו אַ טויטען פון זיין פאָלק. די הויפּט אויפגאַבע פון א כהן, וועלכער איז אַ רעליגיעזער פירער ביי אידען, איז זיי צו לערנען און באַקאַנט מאַכען זיי מיט די הויכע אידעאַלען און פּרינציפּען פון זייער תורה און זייער אמונה. יעדער דור איז אַ רינגעלע אין דער לאַנגער קייט פון אידישע דערגרייכונגען, און זיינע כהנים, זיינע לערער, מוזען זעהן, אַז די מענשען פון זייער דור זאָלען אויך ביישטייערען זייער חלק צו דער אַנטוויקלונג פון דעם אידישען גייסט.

די פליכטען פון דעם כהן זיינען דעריבער מער מיט די לעבעדיגע, ווי מיט די טויטע. „לא המתים יהללו", די טויטע קאָנען מער ניט דערהויבען די גאָטהייט. זיי געהערען צו דעם נעכטען, צו דער פאַרגאַנגענהייט. דער אידישער אידעאַל אָבער זאָרגט זיך מער פאַר דעם מאָרגען, פאַר דער צוקונפט, און זיי באַלאַנגען צו די לעבעדיגע.

דער „זוהר הקדוש" וויל האָבען, אַז דער כהן, וואָס טוט די עבודה אין בית המקדש, זאָל אויך זיין אַ פאַרהייראַטער מאַן, כדי מען זאָל אים ניט באַריידען און זיין כבוד זאָל ניט פאַלען אין די אויגען פון פאָלק. ער זאָגט: „מאן דלא אנסיב פגום הוא, ולא הוא כדאי לאשתכחא ברכן בעלמא על ידו, עליו לא שריין, כל שכן על ידו לאחרים" — דער ניט פאַרהייראַטער איז פעלערהאַפט און ניט ווערט, אַז דורך אים זאָלען קומען ברכות אויף דער

וועלט. אַז די ברכות רוען אויף אים אַליין ניט, ווי קאָנען זיי דען קומען צוליב אים אויף אַנדערע (זוהר שמיני).

דער כהן מוז זיין דער פאַרשטעהער פון פאָלק פאַר דעם אויבערשטען. ער מוז אויך מתפלל זיין פאַר דעם וואויל און בעסטען פון זיין פאָלק. דער ניט־פאַרהייראַטער פאַרשטייט ניט וואָס דאָס פאָלק דאַרף האָבען. אַז ער עלטערט זיך, ווערט ער מיט דער צייט אויך ענגהאַרציג און האָט מער ווי זיך אַליין ניט אין זינען. ווי קאָן מען אַזאַ מענשען אָנפאַטרויען אַזאַ פאַראַנטוואָרטליכען אַמט צו זיין אַ כהן, אַ גייסטיגער פירער, אַ מתפלל, אַ בעטער פאַר זיין פאָלק?

אויף דעם כהן ווערט געזאָגט „וקדשתו", מען דאַרף אים האַלטען הייליג, און די גמרא לערענט דערפון אַרויס, אַז מען דאַרף אים מכבד זיין „לפתוח ראשון ולברך ראשון", צו זיין דער הויפּט רעדנער אויף אַן אסיפה און דער ערשטער צו בענשען נאָך אַ סעודה (גיטין נ"ט ע"ב). ער איז דער רעליגיעזער לערער און זיין כבוד רעפּלעקטירט דעם כבוד, וואָס דאָס פאָלק האָט פאַר זיין אמונה, פאַר זיין גלויבען. אַלץ אַרום אים מוז אויסדריקען רעספּעקט און דרך־ארץ. דערפאַר איז דער געזעץ, אַז „כהן גדול שלבש בגדי הדיוט ועבד, עבודתו פסולה" — אויב ער טוט אָן די קליידער פון אַ פּראָסטען כהן און גייט טאָן זיין גייסטיגע אויפגאַבע, איז זיין עבודה אַ פּסול'ע (זבחים י"ח ע"א).

וואָס מער כבוד און צוטרוי דאָס פאָלק האָט צו זיין רעליגיעזען און גייסטיגען פירער, אַלץ מער שטייגט זיין אמונה אין גאָט און זיין גייסט ווערט אַנטוויקעלט צו גאָר אַ הויכער שטופע, וואָס מאַכט דעם אידישען מענשען אַ „מעט מאלקים", אַ קליין געשטאַלט פון דער גאָטהייט אויף דער ערד.

„להעלות נר תמיד" — אויפצובריינגען אַ שטענדיג ליכט. „אמר הקב"ה לאדם: „נרך בידי ונרי בידך — אם הארת נרי הרני מאיר נרך" — דער אויבערשטער זאָגט צום מענשען: דיין ליכט, דיין נשמה, איז אין מיינע הענט; מיין ליכט, מיין אמונה, איז אין דיינע הענט; אויב דו וועסט ליכטיג מאַכען מיין ליכט, וועל איך ליכטיג מאַכען דיין ליכט (ויק"ר ל"א).

דער „זוהר הקדוש" זאָגט, אַז ווען די אידען זיינען פאַרטיג געוואָרען מיט'ן מאַכען די מנורה, האָט גב"ה אַ וואונק געטאָן צו די מלאכים, אַז זיי זאָלען אויך מאַכען אַזאַ מנורה און איר אַוועקשטעלען אין הימעל, פונקט קעגענאיבער דער מנורה אין משכן. „בשעתא דכהנא אתכוון לאדלקא בוצינין לתתא, כדי בוצינין עלאין נהרין", ווען דער כהן צינדט אָן די ליכט פון אונטען, ווערען אויך די אויבערשטע ליכט אָנגעצונדען.

עס ווערט ניט געזאָגט „להדליק", אָנצוצינדען, נאָר „להעלות", אַרויפ־צובריינגען, און די כוונה איז, אַז מיט דעם בריינגט מען אַרויף די ליכט אין די הימלען. דער הימעל רעפלעקטירט דעם גייסטיגען צושטאַנד פון די אידען אויף דער ערד. די הימלישע מנורה איז אימער קעגענאיבער דער מנורה פון די אידען אין אַלע לענדער, וואו זיי האָבען געוואוינט. אויב די אידען קלייבען אויס צו גיין אין וועג פון חשך, פון פינסטערניש און אומוויסענקייט, איז אויך אין די הימלען שטאַרק פינסטער. צינדען אָבער די אידען אָן די ליכט פון זייער „נר תמיד" אויף דער ערד, דאַן ווערט אויך ליכטיג אין אַלע הימלען.

און די אידישע געשיכטע ווייסט אונז צו דערציילען, אַז די אורזאַך פאַרוואָס אונזער פאָלק איז געבליבען גאַנץ און האָט איבערגעלעבט זיינע שונאים, איז אימער און איבעראַל געווען זיין איבערגעבענקייט צו זיין גלויבען און זיינע טראַדיציעס. מיט דעם וואָס דער איד בריינגט אַרויף די ליכט פון זיין אמונה „אתה מעלה את עצמך", דערהויבט ער זיך אַליין (ילקוט שמעוני). שטייגט דאָס ליכט פון אידישקייט, שטייגט אויך מיט אים דער עקאָנאָמישער און גייסטיגער מצב פון פאָלק.

גיבען מיר אונזערע קינדער אַ עכט־אידישע דערציאונג, פאַרשטאַרקען מיר דערמיט אונזער אייגענע עקזיסטענץ. די יונגע בלוטען פולסירען דורך די גלידער פון „ישראל סבא", פון דעם אַלטען פאָלק ישראל און האַלטען אים אימער יונג.

הפטרה

די פליכטען פון כהנים ביי אידען

אשר שמרו את משמרת מקדשי בתעות בני ישראל מעלי.

„אי רישי עמא זכאין, טב לעלמא, טב לעמא; ואי לא זכין, ווי לעלמא, ווי לעמא" — זיינען די פירער פון אַ פאָלק פאַסענדע מענשען, איז גוט פאַר דער וועלט און גוט פאַר'ן פאָלק; זיינען זיי אָבער ניט פאַסענד, איז וויי צו דער וועלט און וויי צום פאָלק (זוהר פנחס).

די כהנים זיינען באַשטימט געוואָרען פון אונזער תורה צו זיין די רע־ליגיעזע און גייסטיגע פירער פון די אידען. זייערע פליכטען און אויפגאַבען זיינען פילזייטיג. אויסער „משרתי אלקים״, באַדינער פון גאָט, וואָס דאַרפען אָנפירען מיט דער עבודה אין משכן אָדער בית המקדש, איז זייער אויפגאַבע אויך צו זיין די לערער פון פאָלק. „יורו משפטיך ליעקב ותורתך לישראל״ — זיי זאָלען לערנען דיינע משפטים צו יעקב און דיין תורה צו ישראל. זיי דאַרפען אויך זיין גוט באַהאַוונט אין אַלע דינים פון טומאה און טהרה, כדי צו קאָנען האַלטען די אידישע מחנה ריין פון אַלערליי צרעת׳ן און אָנשטעקענדע קראַנקהייטען. מיר געפינען זאָגאַר, אַז די כהנים זיינען באַטראַכט געוואָרען פאַר די פאָטערס און דערציער פונ׳ם פאָלק (והיית לי לאב ולכהן), וועלכע דאַרפען זיך אָפּגעבען צו דינען אַלע זיינע אינטערעסען.

דער גרויסער אידישער דענקער „אחד העם״ זאָגט אין זיין עסיי „עם וכהן״: „יעדער נייער געדאַנק, סיי אַ רעליגיעזער, טראַדיציאָנעלער אָדער געזעלשאַפטליכער, קאָן ניט געבויט ווערען אָדער עקזיסטירען אָהן דער הילף פון „כהנים״, גייסטיגע פירער, וועלכע זאָלען תמיד שטיין אויף דער וואַך, כדי אָפּצוהיטען פון יעדער שלעכטער ווענדונג. און אין פאַל פון אַ סכנה, זאָלען זיי זיין די ערשטע זיך מוסר־נפש צו זיין פאַר דעם. ניט פון דעם המון־עם, וואָס וויל לעבען, קאָן מען פאָדערען, און ניט אויף אים קאָן מען זיך פאַר־לאָזען, אַז ער זאָל באַשיצען זיינע אידעאַלען מיט מוט און געוואַגטקייט. דאָס מוז געטאָן ווערען פון „כהנים״, וועלכע באַזיצען די גייסטיגע כוחות, וואָס פאָדערט זיך פאַר אַזאַ אויפגאַבע. דאָס פאָלק וועט ערשט דאַן נאָכפאָלגען, ווען דער וועג וועט פאַר אים אויסגעטראָטען ווערען״.

דער כהן מוז שטיין פעסט ביי זיינע רעליגיעזע און גייסטיגע איבערציי־גונגען. ער מוז אָנהאַלטען „את משמרת מקדשי״, מיין הייליגע אויפגאַבע, אויך „בתעות בני ישראל מעלי״, ווען אידען קערען זיך אָפּ פון מיר און זוכען צו דינען פרעמדע געטער אָדער פרעמדע אידעאַלען.

הרב שאַפּירא, דער לובלינער גאון ז״ל, גיט אַ טיפזיניגע דערקלערונג איבער דעם פסוק „אם הכהן המשיח יחטא לאשמת העם״ — אויב דער געזאַלב־טער כהן וועט זינדיגען צום שולד פון פאָלק. ער זאָגט: „אויב אַ כהן גדול, וועלכער איז געזאַלבט געוואָרען צו זיין דער רעליגיעזער פירער און וועגווייזער, וועט זינדיגען מיט דעם, וואָס ער וועט זיך ניט מאַכען וויסענדיג „לאשמת העם״, וועגען די זינד פון פאָלק, און וועט אַרויסווייזען אַ שוואַכקייט צו לאָזען

זיך פירעזן פון דער זינדיגער מאַיאָריטעט, זאָל ער ברייגגען אַ קרבן, וואָס זאָל פאַרברענט ווערען „תמים לה'", אינגאַנצען פאַר גאָט. „על שפך הדשן ישרף" — וואו מען גיסט אויס דעם שמוץ פון מזבח, זאָל מען די איבערגע־בליבענע טיילען פון זיין קרבן פאַרברענען".

ווען די פירער פון אַ פאָלק זיינען „זכאין", פאַסענדע מענשען, זאָגט דער „זוהר הקדוש", איז גוט פאַר דער וועלט און גוט פאַר דעם פאָלק, און פאַסענדע פירער דאַרפען זיך ניט קימערען צופרידענצושטעלען אַלע קלאַסען מענשען. די גמרא דערציילט, אַז רבי יוסי פלעגט זיך באַרימען: „מימי לא אמרתי דבר וחזרתי לאחורי" — קיינמאָל האָט איך ניט געזאָגט אַ זאַך און זיך אומגעקערט צו זעהן הינטער זיך וואָס פאַר אַ רושם מיינע ווערטער האָבען געמאַכט (שבת קי"א). אַ פירער און לערער פון פאָלק דאַרף ניט זוכען געפעלען צו ווערען יעדען איינעם. אים דאַרף ניט קימערען אויב אַפילו די מאַיאָריטעט פון דער געמיינדע שטימט ניט איין מיט זיינע מיינונגען. אויב ער איז איבער־צייגט אין דער גערעכטיגקייט פון זיינע אידייען, זאָל ער זיך ניט לאָזען באַ־איינפלוסען פון קיינעם.

ג

דער אידישער זכות אויף ארץ ישראל

כי תבאו אל הארץ — והבאתם את עמר.

„מאיזו זכות זכו ישראל לירש הארץ? בזכות מצות העמר, דכתיב גבי': כי תבאו אל הארץ" — צוליב וועלכען זכות האָבען אידען פאַרדינט צו באַזיצען דאָס לאַנד? צוליב דער מצוה פון „עמר", וועגען וועלכער עס ווערט געזאָגט, אַז דורך דעם וועט איר קומען אין דעם לאַנד (ויק"ר כ"ח).

דאָס פאָלק, זיין תורה און זיין לאַנד זיינען דער „חוט המשולש", דער אין־דרייען געפלאָכטענער פאָדעם, וועלכער האַלט צוזאַמען דאָס בית־ישראל. גאָט האָט אויסגעקליבען די אידען פאַר זיין „עם סגולה", פאַר זיין אויסדער־ווילט פאָלק, כדי זיי זאָלען דורכפירען אין לעבען די הויכע אידעאַלען פון זיין תורה און מיט דעם דינען אַלס מוסטער פאַר אַלע אַנדערע פעלקער. דער תכלית, די הויפט פונקציעס פון דעם „עם ישראל", זיינען אַנגעצייכענט אין

זיין „תורת ישראל", און אַזוי ווי עס זיינען פאַראַן פיל מצוות, וואָס זיינען „תלויות בארץ", אַנגעווענדט אין דעם לאַנד, און קאָנען אין פרעמדע לענדער ניט דורכגעפירט ווערען, האָט גאָט אים פאַר דערפאַר באַשטימט ארץ־ישראל, אַן אייגענאַרטיג לאַנד, וואו ער זאָל קאָנען פירען זיין אייגענאַרטיג לעבען.

„עומר" און בכורים", צו ברייגנען די ערשטע תבואה פון די פעלדער און די ערשטע פרוכט פון די ביימער פאַר גאָט, זיינען אַזעלכע מצוות, וואָס זיינען אַנגעווענדט אין לאַנד און קאָנען אויסגעפירט ווערען נאָר אין ארץ־ישראל. וועגען דער מצוה פון עומר פסק'ענען אונזערע חכמים: „אינו בא אלא מן הארץ", אַז ער קאָן ניט געבראַכט ווערען נאָר פון אונזער אייגען לאַנד (מנחות פ"ג ע"ב). ער האָט אויך געמוזט געבראַכט ווערען פון תבואות, וואָס די אידען האָבען מיט זייערע אייגענע הענט פאַרזייט. „קצירכם, ולא קציר עובדי כוכבים, מלמד שאין מביאין עומר מתבואה דעייל ביד עובדי כוכבים" — עס ווערט געזאָגט, אַז דער עומר זאָל געבראַכט ווערען פון אייער שניט און ניט פון דעם שניט פון פרעמדע. פון דעם איז געדרונגען, אַז מען טאָר ניט ברייגנען דעם עומר אַפילו פון די תבואות, וואָס די פריעריגע פעלקער האָבען איבער־געלאָזט אויף די פעלדער, איידער מען איז אַריין אין לאַנד (ר"ה י"א ע"א).

אויך וועגען „בכורים" ווערט געזאָגט: „ראשית בכורי אדמתך תביא בית ד' אלקיך" — די ערשט־צייטיגע פרוכט פון דיין ערד זאָלסטו ברייגנען אין דעם הויז פון דיין גאָט (שמות כ"ג י"ט). עס מוז דאַרום זיין „בכורי אדמתך", די פרוכט פון דיין אייגענער ערד, און אין חוץ־לארץ איז די ערד ניט דיינע. זאָגאָר די כהנים, וואָס נעמען איבער די „בכורים", זיינען פאַרבאָטען עס צו עסען אויסער ירושלים (ת"כ פ' ראה). מצוות, וואָס זיינען „תלויות בארץ", מוזען דורכגעפירט ווערען אין ארץ־ישראל. מען קאָן ניט מאַכען אַן ארץ־ישראל פון אַן אַנדער לאַנד, ווי גוט אידען זאָל דאָרט ניט זיין און ווי פריי זיי זאָלען דאָרט ניט לעבען...

די מצוות פון „עומר" און „בכורים" זיינען אַנגעזאָגט געוואָרען צו די אידען: „כי תבאו אל הארץ", אַז איר וועט קומען אין אייער לאַנד. אונ־זערע חכמים ווילען האָבען, אַז דאָס וואָרט „כי" איז אַ תנאי, אויב איר וועט ווערט זיין צו קומען אין אייער לאַנד: „עשה מצוה שבשכרה תכנס לארץ" — טו אַזאַ מצוה, וואָס וועט דיך פאַרדינט מאַכען אַריינצוקומען אין לאַנד (ספרי). „דער הויפט געדאַנק פון „עומר" און „בכורים" — זאָגט דער „עקרים" — איז „לנטוע בלב כל אחד מישראל את ההכרה שמה שיש לו מד' ניתן לו"

— איינצופלאַנצען אין דעם האַרץ פון יעדען אידען די אנערקענונג, אַז וואָס ער פאַרמאָגט, איז עס אים פון גאָט געגעבען געוואָרען. צו קאָנען אַרבייטען — מוז מען זיין געזונט, און געזונטקייט קומט פון גאָט; אַז די ערד זאָל קאָנען פראָדוצירען — מוז זי האָבען רעגען אין צייט, און רעגען קומט פון דעם אויבערשטען; רייכטום איז מערסטענס דער רעזולטאַט פון גליקליכע צופאַלען, און דער צופאַל ליגט אין די הענט פון דעם באַשעפער.

„עומר" און „בכורים" זיינען געמיינט אַרויסצורופען אין יעדען אידען אָט די באַוואוסטזיניגקייט, און דאָס וועט אים ברייגגען צו טאָן זיין פליכט צו זיין פאָלק און צו דער געזעלשאַפט, אין וועלכער ער פאַרקערט. אַז אַ מענש האָט גאָט אין זינען און ער ברייגגט זיין ערשטע תבואה אָדער זיין ערשטע פרוכט פאַר אים, איז מען זיכער, אַז ער וועט געבען זיין „תרומה" צו דעם כהן, זיין „מעשר ראשון" צו דעם לוי און זיין „מעשר שני" צו דעם אָרימאַן. די גייסטיגע און די עקאָנאָמישע הצטרכות׳ן פון דער געזעל־שאַפט וועלען געניסען זייער געהעריגען חלק פון זיין פאַרמעגען, וואָס גב"ה האָט אים געגעבען.

„מפני מה אמרה תורה הוביאו עומר בפסח? מפני שבפסח נידונין על התבואה, אמר הקב"ה: הוביאו לפני עומר בפסח כדי שתתברך לכם תבואה שבשדות" — וואָרום האָט די תורה אָנגעזאָגט צו ברייגגען דעם עומר אום פסח? ווייל פסח איז דער יום־הדין פון תבואות, זאָגט גב"ה: ברייגגט פאַר מיר אַן עומר פסח, כדי עס זאָלען געבענטשט ווערען אייערע תבואות אין די פעלדער (ר"ה ט"ז ע"ב). אַ איד זאָל ניט וואַרטען ביז אַלע זיינע תבואות און פרוכט ווערען צייטיג און דאַן ערשט געבען פון פולער האַנט פאַר גייסטיגע־ און צדקה־זאַכען. נאָך איידער ער ווייסט וואָס עס וועט זיך אים אַליין אָפּשטעלען, זאָל ער האָבען גאָט אין זינען; דאָס וועט אים ברייגגען גליק און רייכטום; מיט דעם שטעלט ער זיך העכער פאַר אַלע אַנדערע ברואים, וועלכע זאָרגען זיך בלויז פאַר זייער אייגענעם גוף און האָבען קיין אַנדער זאַך ניט אין זינען, ווי צופרידענצושטעלען זייערע אייגענע תאוות.

„כיצד מפרישים הבכורים?" — ווי דאַרף מען אָפּשיידען בכורים? ווי דאַרף אַ איד זיך נוהג זיין מיט די ערשט־צייטיגע פרוכט, וואָס ער באַמערקט אין זיין פעלד אָדער גאָרטען? „יורד אדם בתוך שדהו ורואה תאנה שבכרה, אשכול שבכר, רמון שבכר, קושרו בגמי ואומר: הרי אלו בכורים" — אַז אַ מענש גייט דורך זיין פעלד אָדער וויינגאָרטען און ער באַמערקט אַ פייג, וואָס

איז שוין פאַרטיג, אָדער ווינטרויבען, וואָס זיינען צייטיג געוואָרען, אָדער אַ מילגרוים, וואָס איז שוין פאַרטיג, זאָל ער עס אַרומבינדען מיט אַ שנירעל און זאָגען: אָט די זיינען בכורים און באַלאַנגען צו גאָט (מסכת בכורים פ"ג). מיט דעם געדאַנק פון "עומר" און "בכורים" פאַרדינט דאָס אידיש פאָלק דעם עהרען־טיטול "עם סגולה", אַן אויסדערוויילט פאָלק, ווייל בלויז די אידען האָבען אַזעלכע אידעאַלע געזעצען, וואָס מאַכען זיי פאַר אַן אויסנאַם צווישען די פעלקער.

אויך אין גלות זאָלען מיר די דאָזיגע מצוות נישט פאַרגעסען. כאָטש מיר קאָנען זיי נישט מקיים זיין, ווייל דער באָדען אין די פרעמדע לענדער איז ניט אונזערער, און מיר זיינען קיינמאָל ניט זיכער מיט דעם, וואָס מיר האָבען זיך דערוואָרבען, זאָלען מיר כאָטש זיי לערנען. דאָס וועט אונז געבען דעם באַוואוסטזיין, אַז מיר האָבען אַמאָל געהאַט אַן אייגען לאַנד, און עס וועט אין אונז שטאַרקען די האָפענונג, אַז אין דעם "אחרית הימים", אין דער צוקונפט, וועלען מיר צוריק אויפגעריכט ווערען און ווערען אַ פאָלק מיט אַלע פעלקער גלייך. פאַרטיפען מיר זיך אין אונזער פאַרגאַנגענהייט, וועלען מיר זיכער קאָנען ווידערשטיין די טרויעריגע געגענוואַרט און דערלעבען אַ מער גלאַררייכע צוקונפט. ווי עס ווערט איבערגעגעבען אין מדרש:

אַז אחשורוש האָט באַפוילען המנ'ען צו נעמען דעם קעניגליכען פערד און די קעניגליכע קליידער און זיי איבערגעבען צו מרדכי'ן, איז המן אַוועק אים זוכען און ער האָט אים געפונען אין דער ישיבה, וואו מען האָט דאַן געלערענט די דינים פון עומר. פרעגט זיי המן: "במה אתם עוסקים?" — מיט וואָס באַשעפטיגט איר זיך איצט? ענטפערען זיי אים: "במצות העומר שהיו ישראל מקריבים במקדש ביום הזה" — מיט דער מצוה פון עומר, וואָס די אידען פלעגען מקריב זיין אין בית המקדש היינטיגען טאָג. פרעגט ער זיי ווייטער: "במאי הוי, בדהב או בכסף?" — פון וואָס איז דער עומר באַשטאַנען — פון גאָלד, אָדער זילבער? ענטפערען זיי אים, אַז ער איז געווען פון גערשטען. און וויפיל האָט ער אָנגעטראָפען? בלויז "עשרת מנין", אַ צען גילדען. זאָגט ער זיי: "קומו, דנצחו עשרת מנין מנכון לעשרת אלפים קנטרא דכספא דידי" — שטייט־אויף, אייערע צען קליינע גילדען האָבען מנצח געווען מיינע צען טויזענט ככרים זילבער (ויק"ר כ"ח).

איך האָב געהערט אַ העכסט־לאָגישע דערקלערונג איבער דעם מאמר פון הרב בראַדט, דער רב הכולל פון אַנטווערפען, וועלכער געפינט זיך איצט

אין ניו יאָרק. ער האָט געזאָגט: „דער פאַקט, אַז אין אַזאַ עת צרה, ווען די גאַנצע אידישע עקזיסטענץ פון ישראל הענגט אויפ'ן וואָגשאָל, ווערען נאָך אין זייערע ישיבות געלערענט אַזעלכע דינים ווי דער „עומר", וואָס קאָן נאָר דורכגעפירט ווערען אין זייער אייגען לאַנד, אָט אין דעם באַשטייט דער כוח, וואָס האַלט אונז אויף. מיר אַנטזאָגען זיך צו פאַרגעסען אונזער עבר. מיר זיינען מבטל די גרויזאַמע געגענוואַרט, ווייל מיר זיינען זיכער, אַז דער עתיד וועט זיין אונזערער".

הפטרה

די פּאָזיציע פון די לויים ביי די אידען

אני אחוזתכם.

„כשהקב"ה מטהר שבטים, שבטו של לוי מטהר תחלה" — ווען גב"ה וועט זיך נעמען צו רייניגען דעם יחוס פון די אידישע שבטים, וועט ער דעם שבט פון לוי רייניגען צוערשט (קדושין ע"א).

דער שבט לוי ווערט נישט אַריינגערעכענט צווישען די צוועלף אידישע שבטים. זיין פּלאַץ איז פון אונזער פאָטער יעקב איבערגעגעבען געוואָרען צו די קינדער פון יוסף, וועלכע ער האָט איינגעטיילט אין צוויי באַזונדערע שבטים — אפרים און מנשה. ווען ארץ־ישראל איז צעטיילט געוואָרען צווישען די שבטים, האָט דער שבט לוי קיין באַזונדער חלק נישט באַקומען. פאַר זיי האָט מען באַשטימט אַכט־און־פערציג שטעט, וועלכע זיינען געווען צעוואָרפען איבער'ן גאַנצען לאַנד. און דאָס איז אויך איינער פון די טעמים, וואָרום ער ווערט נישט גערעכענט פאַר אַ באַזונדער שבט, ווייל „כל שאין לו נחלה לא איקרי קהל" — אַ שבט, וואָס האָט נישט קיין ספּעציעלע נחלה אין ארץ־ישראל, ווערט נישט גערעכענט פאַר אַ געמיינדע (הוריות ו' ע"ב).

די קינדער פון לוי זיינען פון אונזער תורה באַשטימט געוואָרען צו זיין די רעליגיעזע און גייסטיגע פירער פון די אידען. די יעניגע, וועלכע האָבען געשטאַמט פון קהת, זיינען געוואָרען די כהנים, וועלכע האָבען געדאַרפט אָנפירען מיט דער עבודה אין משכן און אין בית המקדש, און די יעניגע,

וועלכע האָבען געשטאַמט פון גרשון און מררי, זיינען באַשטימט געוואָרען אַלס זייערע אַרויסהעלפער און זיינען באַקאַנט אַלס לויים. זייערע אויפגאַבען און פליכטען זיינען געווען פילזייטיג. כל זמן די אידען האָבען זיך געפונען אין דער מדבר און דער משכן האָט געמוזט אַריבערגעפירט ווערען פון איין פלאַץ צום צווייטען, לויט די נסיעות פון די אידען, זיינען די לויים געווען די טרעגער פון דעם משכן און זיינע כלים. זיי האָבען אויך געהאַלטען אַ שטענדיגע וואַך איבער דעם משכן און געהיט, אַז קיין דבר טומאה, קיין אומ־ריינער מענש אָדער אומריינע זאַך זאָל נישט אַריינגעלאָזען ווערען אין דעם הייליגען אָרט (תנחומא).

נאָכדעם ווי די אידען האָבען זיך באַזעצט אין ארץ־ישראל און דער משכן איז שוין מער נישט געווען נע־ונד, זיינען די פליכטען פון די לויים פיל געענדערט געוואָרען. דוד המלך האָט זיי איינגעטיילט אין פיר־און־צוואַנציג „משמרות", באַזונדערע אָפּטיילונגען, יעדע פון וועלכע האָט באַדאַרפט העלפען די כהנים אין דער עבודה און אַכטונג געבען איבער ג׳ס הויז צוויי וואָכען אין יאָר. בלויז דער „משמר", וואָס האָט געדאַרפט דינען אין בית המקדש, האָט זיך געפונען דאָרט. די איבעריגע האָבען געוואוינט אין זייערע אַכט־און פערציג שטעט, אין אַלע טיילען פון לאַנד, וואו זיי האָבען געלערענט די אידען די תורה און די מצוות, ווי משה האָט זיי אָנגעזאָגט: „יורו משפטיך ליעקב ותורתך לישראל" — זיי זאָלען לערנען דיינע משפטים צו יעקב און דיין תורה צו ישראל (דברים ל״ג).

וואָרום איז דוקא דער שבט לוי אויסגעקליבען געוואָרען צו אַזאַ הויכער פּאָזיציע? אויף דעם ווערען פון אונזערע חז״ל אָנגעגעבען פאַרשיידענע טעמים: נאָך אין מצרים איז דער שבט לוי געווען דער איינציגער, וואָס האָט זיך געהאַלטען אין דער אידישער אמונה פון איין גאָט און האָט אויך אָפּגעהיט די מצות מילה (ספרי במדבר, תנחומא בהעלותך). ווען די אידען האָבען געזינדיגט מיט דעם עגל, זיינען די לויים נישט צוגעשטאַנען צו זיי, און אַז משה האָט אַרויסגעגעבען אַ באַפעהל צו טויטען די הויפּט פירער פון דעם מיאוס׳ן חטא, זיינען עס געווען די לויים, וועלכע האָבען זיך מוסר־נפש געווען אויסצורייניגען דאָס פאָלק פון די אומווירדיגע פאַרברעכער.

לויט דער טראַדיציע האָבען די „בכורים", די ערשט־געבוירענע זין פון יעדער פאַמיליע, געדאַרפט זיין די גייסטיגע פאַרשטייער, וועלכע זאָלען אָנפירען מיט דער עבודה אין בית המקדש. איידער דער משכן איז אויפגע־

שטעלט געוואָרען האָבען טאַקע די בכורים מקריב געווען די קרבנות אויף די פאַרשיידענע במות, וואָס איז בין דאַן דערלויבט געווען (זבחים קי"ב ע"ב). זיי זיינען אָבער געווען די הויפּט־אָנפירער פון דעם חטא מיט דעם עגל, דער־פאַר האָט פון זיי משה אוועקגענומען דעם כבוד (ירושלמי מגילה פ"א). אָדער ווי דער מדרש דריקט זיך אויס: „הבכורים ריחקו את עצמן מן הקב"ה לפני העגל לכך ריחקן הקב"ה" — די בכורים האָבען זיך דערווייטערט פון גאָט פאַר'ן עגל, דערפאַר האָט זיי גאָט דערווייטערט פון זיך (במ"ר פ"ד).

צוליב דעם, וואָס דער שבט לוי איז באַשטימט געוואָרען צו זיין די לערער און גייסטיגע פירער פון דעם פאָלק, האָבען זיי קיין ספּעציעלע נחלה נישט באַקומען אין ארץ־ישראל. „אני אחוזתכם" — איך בין אייער אייגענטום, זאָגט גאָט, און זיי דאַרפען זיך נישט אָפּגעבען מיט קיין מאַטעריעלע אינטערעסען. כדי זיי זאָלען אָבער קאָנען לעבען רוהיג, זיינען די אידען באַאויפטראַגט געוואָרען זיי צו געבען „מעשר", אַ צענטעל פון אַלץ, וואָס זייערע פעלדער און גערטנער וועלען פּראָדוצירען. לעתיד לבא, ווען די צייט וועט קומען און די אידען וועלען צוריק אויפגעריכט ווערען אַלס פאָלק און וועלען גערייניגט ווערען פון אַלע שמוצען, וואָס דער גלות האָט ביי זיי געשאַפען, וועלען די לויים זיין פון די ערשטע, וועמעס יחוס עס וועט פעסטגעשטעלט ווערען.

ד

ספירה פירט צו העכערע וועלטען, זאָגט די קבלה

וספרתם לכם.

„הלכה כאביי: מצוה לממני יומא ומצוה לממני שבועי" — דער דין איז ווי אביי, וואָס פּסק'ענט, אַז עס איז אַ מצוה צו ציילען די טעג און עס איז אויך אַ מצוה צו ציילען די וואָכען (אלפסי, סוף פּסחים).

די זיבען וואָכען פון פּסח ביז שבועות זיינען אין דער אידישער טראַדי־ציע באַקאַנט אַלס „ספירה טעג". גלייך אויף מאָרגען נאָכ'ן ערשטען טאָג פּסח מוזען אידען אָנהויבען ציילען יעדען טאָג באַזונדער און האַלטען אַ גענויען רעכענונג פון די וואָכען, וואָס זיי שטעלען צוזאַמען. און ציילען מוז יעדער

איינציגער איד, ווייל די תורה האָט אונז אָנגעזאָגט „וספרתם לכם", איר זאָלט פאַר „אייך" ציילען, און דאָס מיינט „שתהא ספירה לכל אחד ואחד", אַז יעדער איד איז פאַר זיך מחויב צו ציילען (מנחות ס"ה). בשעת מען ציילט ספירה, זאָל מען שטיין, מען קען עס ניט טאָן זיצענדיג אָדער ליגענדיג. אַזוי פּסק'ענען אונזערע חכמים: „אין מונין ספירת העומר אלא מעומד" — מען טאָר ניט ציילען ספירה נאָר שטייענדיג (רא"ש, סוף פסחים).

כאָטש די מצוה פון ציילען ספירה איז אונז אָנגעזאָגט געוואָרען „כי תבאו אל הארץ" — אַז מיר וועלען קומען צום לאַנד, האָבען אונזערע רבנן מתקן געווען, אַז אויך אין חוץ לארץ זאָל מען די מצוה האַלטען אלס „זכר למקדש" — אַן אָנדיינק נאָך דעם בית המקדש. דער רמב"ם איז זאָגאַר מיט דער דעה, אַז אויך אין חוץ־לארץ איז ציילען ספירה אַ „מצות עשה מן התורה", וואָס יעדער איד מוז מקיים זיין וואו ער זאָל זיך ניט געפינען (תמידין ומוספין פ"ז). צוליב דעם אָבער וואָס די הויפּט מצוה פון ציילען ספירה איז געגעבען געוואָרען פאַר ארץ ישראל, מאַכט מען ניט קיין שהחינו ביים ציילען, „משום שאין בם לא זכר לשם הנאה אלא לעגמת נפש, לחורבן בית מאויינו" — ווייל אין דעם איז ניטאָ קיין זכר פון צופרידענקייט, נאָר פון עגמת נפש צוליב דעם חורבן פון אונזער פּרעכטיגען בית המקדש (ספר המאור לאלפסי).

דאָס ציילען די טעג און די וואָכען פון פסח ביז קבלת התורה ווערט אַזוי הויך אָפּגעשאַצט אין אונזער טראַדיציע, אַז די תורה האָט אַ נאָמען געגעבען דעם יום־טוב פון מתן־תורה „שבועות", וואָס מיינט וואָכען. די אידישע קהלות אין אַלטען גריכענלאַנד האָבען דעם יום־טוב שבועות גערופען „פענטעקאָסט" — דער יום־טוב, וואָס קומט נאָך פופציג טעג, און אַזוי איז ער פאַרבליבען אין דער וועלט־ליטעראַטור.

זעהר אַ שיינע דערקלערונג, וואָרום דער יום־טוב פון באַקומען די תורה הייסט ביי אונז „שבועות", וואָכען, גיט אונז דער „בעל התניא". ער זאָגט: „כשנתבשרו ישראל לצאת ממצרים, נתבשרו שהן עתידין לקבל את התורה לסוף חמשים יום ליציאתן" — ווען די אידען האָבען באַקומען די בשורה, אַז זיי וועלען אַרויס פריי פון מצרים, זיינען זיי אויך אָנגעזאָגט גע־וואָרען, אַז זיי וועלען מקבל זיין די תורה ביים סוף פון פופציג טעג נאָך זייער באַפרייאונג.

ער לערענט עס אַרויס פון דעם פסוק: „בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את האלקים על ההר הזה" — ווען דו וועסט אַרויספירען דאָס פאָלק

פון מצרים, וועט איר דינען גאָט אויף דעמדאָזיגען באַרג. „הרי הנון של תעבדון יתירה" — איז דאָך דער „נון" פון „תעבדון" אַן איבעריגער! דאָס איז אָבער „לומר לך כי לסוף נ' ימים תעבדו את אלקים שתקבלו את התורה" — צו דערקלערען דיר, אַז צום סוף פון פופציג טעג וועט איר דינען גאָט מיט אָננעמען די תורה. „וישראל מרוב החיבה היו מונין בכל יום ויום" — אַן די אידען פון גרויס ליבשאַפט צו דער תורה האָבען געציילט יעדען טאָג. דערפאַר הייסט דער יום־טוב „שבועות", כדי אָנצודייטען די נייגעריגקייט, וואָס די אידען האָבען אַרויסגעוויזען צו דער תורה (תניא ס"י י"ד).

די בעלי הקבלה פאַרהייליגען שטאַרק די ספירה־טעג, וועלכע זיי באַטראַכטען אַלס ראַנגען און שטאַפּלען, וואָס דערהויבען די אידען צו העכערע וועלטען, צו דעם „עולם האצילות" — די גייסטיגע וועלט, וואו די תורה האָט זיך געפונען איידער זי איז געגעבען געוואָרען צו די מענשען אויף דער ערד. דאָס וואָרט „ספירה" מיינט, לויט זייער דערקלערונג, אַ גייסטיגער שטח אָדער ספערע, וואָס גיט אונז אַ געוויסען באַגריף פון דער „השגחה העליונה". זיי זיינען: „כתר", „חכמה", „בינה", „חסד", „גבורה", „תפארת", „נצח", „הוד", „יסוד" און „מלכות. די ערשטע דריי, וועלכע זיינען די העכסטע באַגריפען, זיינען נאָך פאַרבליבען אין דעם „עולם האצילות" — אין דער מיסטעריעזער וועלט, וואָס געפינט זיך איבער די זיבען הימלען. די אַנדערע זיבען זיינען איינגעטיילט געוואָרען אין די זיבען הימלען בשעת גאָט האָט אַראָפּגענידערט צו באַשאַפען די אונטערשטע וועלט (שיעור קומה ס"י י"ב).

די דאָזיגע ספירות, אָדער ספערען, אַנטהאַלטען דאָס שטאָף, פון וועלכען דער אויבערשטער האָט באַשאַפען די וועלט. דעם אויסדרוק פון אונזערע אבות, וואָס זאָגט: „בעשרה מאמרות נברא העולם", דורך צען באַגריפען איז די וועלט באַשאַפען געוואָרען, טייטשט דער זוהר הקדוש אויס, אַז מיט דעם ווערען געמיינט די צען ספירות, וועלכע זיינען די יסודות, אויף וועלכע די וועלט האַלט זיך. „אלמלא מספר דא לא ישתכחון חיילין וילדין בעלמא" — ווען ניט די צאָל ספירות, וואָלטען זיך אין דער וועלט ניט געפונען קיין באַפעלקערונגען און קיין קינדער (זהר משפטים). די ספירות זיינען אויך די „גלגלי השכל" — די רעדער פון פאַרשטאַנד, וואָס פירען צום אַלער־העכסטען באַגריף צו פאַרשטיין די „גבורות הבורא" — די שטאַרקייט און גרויסקייט פון דעם באַשאַפער (פרדס הרמונים כ"א).

די זיבען ספירות, וואָס דער אויבערשטער האָט אַראָפּגעשיקט אויף דער

ערד, ווערען פון די מקובלים איינגעטיילט פאַר די זיבען טעג פון וואָך: זונטאג איז אין דער ספּערע פון „חסד", מאָנטאָג — פון „גבורה", דינסטאָג — פון „תפארת", מיטוואָך — פון „נצח", דאָנערשטאָג — פון „הוד", פרייטאָג — פון „יסוד" און שבת — פון „מלכות". ווען דער אויבערשטער האָט אָנגעזאָגט די אידען זיי זאָלען ציילען „שבע שבתות תמימות" — זיבען גאַנצע וואָכען, האָט ער געמיינט, אַז יעדער איד זאָל זיך פאַרטיפען, בשעת ער ציילט ספירה, אין די פולע באַגריפען פון דער גאָטהייט, כדי ער זאָל זיך קענען מכין זיין מקבל צו זיין די תורה שבועות. דאָס אייגענטליך, זאָגען זיי, איז דער געדאַנק פון דעם מדרש, וואָס זאָגט: „אימתי הן תמימות? בזמן שישראל עושין רצונו של מקום" — ווען זיינען די וואָכען גאַנץ? אין דער צייט וואָס אידען טוען דעם ווילען פון גאָט (ויק"ר כ"ח).

לויט דער קבלה זיינען דאָ „חמשים שערי בינה" — פופציג טויערען פון פאַרשטאַנד, כדי צו קענען דערגרייכען די העכסטע ספּערע פון דער השגחה. דאָס ווערט אָנגעדייט אין דעם איבעריגען „נון" פון דעם וואָרט „תעבדון", און דאָס איז דער מיסטעריעזער געדאַנק פון דעם פסוק „בהוציאך את העם ממצרים" — ווען דו וועסט אַרויספירען דאָס פאָלק פון מצרים, תעבדון את האלקים על ההר הזה" — וועט איר קענען דינען גאָט, אויב איר וועט דורכגיין אַלע „נ" „שערי בינה" — די פופציג טויערען פון פאַרשטאַנד. משה האָט אָבער געקראָגען די דערלויבניש דורכצוגיין בלויז ניין־און־פערציג פון זיי, צו דעם פופציגסטען האָט אויך ער ניט געקאָנט דערגרייכען. דאָס ווערט אָנגעדייט אין פסוק „ותחסרהו מעט מאלקים" — דו האָסט אים געמאַכט פעלען אַ קליין ביסעלע פון דער גאָטהייט, ווייל צו דער העכסטער שטופע האָט אויך דער גרויסער משה ניט געקענט צוקומען (רוקח ס"י תצ"ד).

צוליב דעם זכות, וואָס משה רבנו האָט באַקומען פון גב"ה צו קענען דורכגיין אַלע ניין־און־פערציג טויערען פון פאַרשטאַנד, ביז ער האָט באַקומען די תורה, ציילען מיר דערפאַר ספירה ניין־און־פערציג טעג. מיר מוזען אָבער ציילען ניט נאָר די טעג, נאָר אויך די וואָכען, וואָס זיי שטעלען צוזאַמען, ווייל דער דין בלייבט ווי אַביי, וואָס פסק'ענט, אַז „מצוה למימני יומא ומצוה למימני שבועי" — עס איז אַ מצוה צו ציילען די טעג באַזונדער און די וואָכען באַזונ־דער (מנחות ס"ה). די חסידים, וואָס פירען זיך לויט דער קבלה, האָבען מתקן געווען צו זאָגען אַ ספּעציעלען יהי רצון נאָך ציילען ספירה, אין וועלכען מען

איז מתפלל, אַז צוליב דעם זכות פון ספירה, וואָס מיר ציילען, „יתוקן מה שפגמתי בספירה ואטהר ואתקדש בקדושה של מעלה" — זאָל פאַרריכט ווערען דאָס, וואָס מיר האָבען „פוגם" געווען, אָדער קאַליע געמאַכט אין דער ספירה, און מיר זאָלען גערייניגט ווערען מיט דער קדושה פון דער העכערער וועלט.

הפטרה

די הנהגה פון די כהנים

ואל מת אדם לא יבא לטמאה.

„נזר אלקים עליו, מה אני בקדושתי אף הוא בקדושתו" — די קרוין פון גאָט איז אויפ'ן קאָפּ פון כהן, אַזוי ווי איך האַלט אַן מיין הייליגקייט אַזוי מוז ער אויך שטענדיג אָנהאַלטען זיין הייליגקייט (ירושלמי סנהדרין פ"ב ה"א).

דער נביא יחזקאל פון היינטיגער הפטרה, וועלכער האָט זיינע נביאות געהאַלטען אין בבל, זעהט פאָראויס דעם סוף פון דעם גלות און אַז גאָר אין גיכען וועט דער בית המקדש צוריק אויפגעבויט ווערען. ער ווענדט זיך דעריבער צו די כהנים און דערקלערט זיי די פליכטען, וואָס זיי דאַרפען דורכפירען לויט די פאָרשריפטען פון דער תורה אין היינטיגער סדרה. צווישען אַנדערעס זאָגט ער זיי אָן, אַז זיי זאָלען זיך ניט פאַראומרייניגען צו אַ טויטען. די אויפגאַבע פון אַ כהן איז מער מיט די לעבעדיגע ווי מיט די טויטע. „מעלין בקודש ולא מורידין" — אין הייליגקייט מוז מען שטייגען און ניט פאַלען, און דאָס קען מען נאָר באַווייזען אין לעבען. „עליה" — פראָגרעס, שטייגען אַלץ העכער אויף דעם לייטער פון דערגרייכונגען, קען מען נאָר ווען מען לעבט. טויט אָבער מיינט „ירידה" — פאַלען, איבעררייסען די קייט פון אַנטוויקלונגען. דערפאַר איז דער טויטער מטמא, מאַכט אומריין יעדען, וואָס קומט מיט אים אין באַרירונג. אָט צוליב דעם „אל מת אדם לא יבא" — זאָל דער כהן וויכען פון אַ טויטען.

די הויפּט פליכטען פון אַ כהן באַשטייען אין לערנען און באַקאַנט מאַכען די מענשען פון זיין געמיינדע מיט די הויכע אידעאַלען און פרינציפּען פון דער תורה און אמונה. יעדער דור איז אַ רינגעלע אין דער לאַנגער קייט

פון אידישער עקזיסטענץ. עס איז דעריבער די פליכט פון זיינע גייסטיגע פירער צו זעהן, אז אויך ער זאל ביישטייערן זיין געהעריגען חלק צו דער אנטוויקלונג פון דעם אידישען גייסט, כדי וואס מער צו פארזיכערן זיין עקזיסטענץ. די אויפגאבען פון דעם כהן זיינען דעריבער מער מיט די לעבעדיגע, ווי מיט די טויטע. „לא המתים יהללו" — די טויטע קענען מער ניט דערהויבען די גאטהייט. זיי געהערען צו דעם נעכטען, צו דער פארגאנגענהייט. דער אידישער אידעאל אבער זארגט זיך מער פאר דעם מארגען, פאר דער צוקונפט און זיי באלאנגען צו די לעבעדיגע.

דער „בית־עלמין" האט קיינמאל ניט פארנומען דעם אויבענאן אין אידישקייט. "קדיש" און „יזכור" זיינען ניט געווען פארערכענט פון די הייליגע תפילות. אונזערע שוהלען און טעמפלען זיינען אימער געווען די „בתי אלקים חי" — די הייזער פון דעם תמיד־לעבעדיגען גאט און האבען געדינט אלס בתי־מדרשים פאר זיין „תורת חיים" — שטודיר־הייזער פאר זיין לעבעדיגער תורה. כל זמן ביי אידען איז די תורה באטראכט געווארען פאר דער אמת׳ער וועגווייזערין פון אונזער לעבען, זיינען די ווענט פון די שוהלען געווען פארשטעלט מיט אלמערס פון הייליגע ספרים, וואס האבען אנגעוויזען אויף די רייכע אוצרות פון גייסט, וואס מיר האבען געגעבען דער וועלט.

האבען מיר זיך אבער דערוויטערט פון דער תורה און אירע געזעצען זיינען פאר אונז געווארען בלויז טויטע בוכשטאבען, זיינען די ווענט פון אונזערע שוהלען און טעמפלען באהאנגען געווארען מיט טאבלעטען, וועלכע וויזען אונז אן די יארצייטן פון פארשטארבענע אידען. זיינען אונזערע שוהלען אויסגעליידיגט געווארען פונ׳ם לעבעדיגען אידישען אינהאלט, שרייען די ווענט: זעהט, מיר שטארבען... אמאל פלעגט א איד יעדען טאג מזכיר נשמות זיין זיך אליין. יעדען פרימארגען צום דאווגען פלעגט ער מתפלל זיין אויף דער „נשמה שנתת בי" — אויף דער נשמה, וואס גאט האט אים געגעבען, און בעטען, אז זי זאל אימער פארבלייבען „טהרה היא" — ריין און זויבער.

היינט אבער האבען מיר אונזערע אייגענע נשמות מפקיר געווען. מיר קימערען זיך גאנץ ווייניג איבער דעם טרויעריגען פאקט, אז מיט יעדען טאג זיינען מיר זיי אלץ מער מטמא מיט דעם, וואס מיר דערווייטערען זיך פון דעם אלטען מקור. בלויז צו דער „הזכרת נשמות" פון טויטע באציען מיר זיך מיט דרך־ארץ און קדיש און יזכור זיינען ביי אונז געווארען די אנגעזעהענסטע תפילות. אזעלכע מנהגים פירען ניט צו א לעבעדיגער אידישקייט. און עס

איז די פליכט פון דעם כהן דאָס קלאָר צו מאַכען פאַר'ן פאָלק. ער טראָגט אויף זיך די קרוין פון אידישער הייליגקייט און ער מוז לערנען זיין געמיינדע, אַז הייליגקייט מיינט לעבעדיגקייט, שאַפען און אויפטאָן פאַר דער אידישער עקזיסטענץ.

ה

די מאָראַלישע באַדייטונג פון ספירה

וספרתם לכם ממחרת השבת — שבע שבתות.

„בשעה שאמר להם משה: תעבדון את אלקים על ההר הזה, אמרו לו ישראל: משה רבנו, אימתי עובדה זו? אמר להם לסוף חמשים יום, והיו מונין כל אחד לעצמו, מכאן קבעו חכמים לספירת העומר" — ווען משה האָט געזאָגט צו די אידען, אַז איר וועט דינען גאָט אויף דעם דאָזיגען באַרג, האָבען זיי אים געפרעגט: ווען וועט עס זיך אָנפאַנגען? האָט ער זיי געענטפערט: צום סוף פון פופציג טעג. דאַן האָט יעדער איד אָנגעפאַנגען ציילען טאָג פאַר טאָג. פון דאַן אָן האָבען די חכמים באַשטימט צו ציילען ספירה יעדען יאָר (ר"ן סוף פסחים).

דער אויבערשטער הייסט משה'ן אָנצוזאָגען די אידען: „כי תבאו אל הארץ אשר אני נותן לכם וקצרתם את קצירה" — אַז איר וועט קומען אין דעם לאַנד, וואָס איך גיב אייך, און איר וועט שניידען זיין שניט, „והבאתם את עמר ראשית קצירכם אל הכהן" — זאָלט איר ברייגגען אַ מעסטעל תבואה פונ'ם ערשטען שניט צום כהן. דאָס מוז געבראַכט ווערען „ממחרת השבת", אויף מאָרגען נאָך דעם ערשטען טאָג פון פסח, און איז באַשטאַנען פון גערשטען, וואָס איז דאָס ביליגסטע פון די תבואות.

דער „עומר" איז געמיינט צו דאַנקען גאָט פאַר דער שפע, וואָס ער האָט געגעבען די אידען אויף זייער באָדען, און איז אויך אַ זכר פאַר דעם מן, וואָס זיי האָבען געגעסען אין מדבר. ער איז באַשטאַנען בלויז פון אַ מעסטעל גערשטען, ווייל גאָט פאַרלאַנגט ניט קיין צו־גרויסע קרבנות. ער וויל אָבער, אַז די מענשען זאָלען האָבען אין זינען, אַז אַלץ, וואָס זיי פאַרמאָגען, איז ניט

אינגאַנצען זייערס, נאָר דאָס האָט ער זיי געגעבען — און דאָרום מוזען זיי אויך געבען צו די, וועלכע האָבען ניט. „ראשית קצירכם" פון דעם ערשטען שניט, נאָך איידער ער ווייס וואָס עס וועט זיך אים אַליין אָפּשטעלען, זאָל ער האָבען גאָט אין זינען. דאָס וועט פאַרזיכערען, אַז נאָכדעם ווי ער וועט איינזאַמלען דעם גאַנצען שניט, וועט ער געבען זיין „תרומה" צום כהן, זיין „מעשר ראשון" צום לוי און זיין „מעשר שני" צו די אָרימעלייט. די גייסטיגע און עקאָנאָמישע באַדערפענישען פון דער געזעלשאַפט וועלען געניסען זייער געהעריגען חלק פון זיין פאַרמעגען, וואָס גב"ה האָט אים געגעבען.

דער טעם, וואָרום דער „עומר" האָט געדאַרפט געבראַכט ווערען אויף מאָרגען נאָכ'ן ערשטען טאָג פסח, ווערט דערקלערט אין דער גמרא: „מפני שפסח נידונין על התבואה, אמר הקב"ה: הוביאו לפני עומר בפסח, כדי שתתברך לכם תבואה שבשדות" — ווייל פסח איז דער יום־הדין פון תבואות, זאָגט גב"ה: ברייגנט פאַר מיר אַן עומר פסח, כדי עס זאָלען געבענשט ווערען אייערע תבואות אין די פעלדער (ר"ה ט"ז ע"ב). כדי די ערד זאָל קאָנען פראָדוצירען וואָס מער, מוז זי האָבען טוי און רעגען אין צייט. דערפאַר טאָקע זיינען מיר זיך נוהג צו בענשען „טל" אין אונזערע שוהלען פסח צו מוסף און בעטען גאָט: „טל תן לרצות ארצך" — גיב גענוג טוי צופרידענצושטעלען דיין ערד, אַז מיר זאָלען קאָנען געניסען פון אירע גוטסקייטען.

די ניין־און־פערציג טעג — פון דעם צווייטען טאָג פסח ביז שבועות — זיינען באַקאַנט אין דער אידישער טראַדיציע אַלס ספירה־טעג — טעג, וועלכע מוזען געציילט ווערען יעדער איינער באַזונדער, און אויך אַ רעכענונג מוז געהאַלטען ווערען פון די וואָכען, וואָס זיי שטעלען צוזאַמען. ציילען ספירה איז אַ חוב אויף יעדען איינציגען אידען, ווי די גמרא לערענט עס אַרויס פון די ווערטער: „וספרתם לכם — שתהא ספירה לכל אחד ואחד" — איר זאָלט פאַר אייך ציילען, דאָס מיינט, יעדער איינער איז דאָס מחויב צו טאָן (מנחות ס"ה ע"ב). מען קאָן ניט יוצא זיין מיט דעם, וואָס קהל ציילט ספירה, נאָר יעדער איינער מוז עס טאָן פאַר זיך און נאָך מאַכען אַ ברכה פאַר'ן ציילען.

אין ארץ־ישראל איז ציילען ספירה אַ „מצוה מדאורייתא" — אַ געבאָט פון דער תורה, וואָס מוז שטרענג אָפּגעהיט ווערען. וועגען חוץ־לארץ זיינען שוין פאַראַן פאַרשיידענע מיינונגען. דער רמב"ם איז מיט דער דעה, אַז אויך אין חוץ־לארץ איז עס אַ „מצות עשה מן התורה" (תמידין ומוספין פ"ז כ"ב,

כ"ה). אַנדערע, דאַגעגען, האַלטען, אַז דאָס איז „מדרבנן" — אַ מצוה, וואָס די רבנן האָבען מתקן געווען אַלס „זכר למקדש" — אַלס אַן אָנדענק נאָך דעם בית המקדש. ווי באַוואוסט, האָט מען געמוזט ביידען — אי דעם עומר פסח און אי די בכורים שבועות — ברייגנען צום בית המקדש אין ירושלים, און כדי די מצוה זאָל ניט פאַרגעסען ווערען, האָבען די רבנן מתקן געווען, אַז מען זאָל זי מקיים זיין אויך אין חוץ־לארץ. „אין מברכין שהחינו בספירה משום שאין בם לא זכר לשום הנאה אלא לעגמת נפש, לחורבן בית מאויינו" — מען מאַכט ניט קיין ברכה שהחינו ביים ציילען ספירה, ווייל אין דעם איז ניטאָ קיין זכר פון צופרידענקייט, נאָר פון עגמת נפש צוליב דעם חורבן פון אונזער פרעכטיג הויז (ספר למאור לאלפסי).

וועגען דעם זין פון ספירה זיינען פאַראַן פאַרשיידענע מיינונגען. מאַנכע ווילען האָבען, אַז דאָס איז געטאָן געוואָרען, כדי צו פאַראייביגען די גרויסע נייגירדע, וואָס די יוצאי מצרים האָבען געהאַט וואָס שנעלער מקבל צו זיין די תורה. ווען זיי האָבען געהערט פון משה'ן אַז אין פופציג טעג, נאָכדעם ווי זיי זיינען אַרויס פון מצרים, וועט גאָט געבען אַ תורה, האָט יעדער איד אָנגע־הויבען ציילען טאָג פאַר טאָג, ביז דער גרויסער געשעהעניש. אַ מערקווירדיגע דערקלערונג ווערט געבראַכט אין ספר „מטה משה", אין נאָמען פון רבינו יהודה החסיד. ער זאָגט, אַז דער טעם, פאַרוואָס משה האָט געהייסען ציילען ספירה איז, ווייל אין די דאָזיגע טעג, צווישען פסח און שבועות, איז דאָס פאָלק באַשעפטיגט ביי דער אַרבייט אויפ'ן פעלד, און זייענדיג די גאַנצע צייט דער־ווייטערט פון ישוב און פון דער הוים, קאָן אַמאָל פּאַסירען, אַז זיי זאָלען פאַרגעסען די צייט־רעכענונג און זיך טועה זיין אין דעם חשבון, ווען עס דאַרף אויספאַלען דער יום־טוב שבועות. האָט מען זיי דעריבער געהייסען די גאַנצע צייט ציילען יעדען טאָג ספירה, כדי זיי זאָלען קיין טעות ניט האָבען.

אין דער אמת'ן אָבער ליגט אין דער מצוה פון ציילען ספירה אַ פּיל־טיפערע כונה: די באַפרייאונג פון די אידען האָט זיך אָנגעהויבען מיט'ן אַרויסגיין פון מצרים און זי האָט זיך ניט געענדיגט ביז שבועות, ווען זיי האָבען מקבל געווען די תורה אויפ'ן באַרג סיני. פסח איז דער „זמן חרותנו" — די באַפרייאונגס־צייט פון אונזער קערפּער. מיט'ן אָננעמען די תורה אָבער זיינען מיר אויך באַפרייט געוואָרען גייסטיג. וואָס פאַר אַ ווערט האָט פרייהייט פון גוף, אויב די נשמה בלייבט נאָך אַלץ פאַרשקלאַפט? מיט'ן אָננעמען די תורה זיינען די אידען געוואָרען גייסטיגע „בני חורין", וועלכע

לאָזען זיך מער ניט פאַרשקלאַפּען פון קיינע השפעות אויף דורך די שווערסטע גלות'ן. די תורה האָט אונז געמאַכט פאַר פרייע גייסטער, וועלכע לעבען אייביג (עירובין נ"ד).

אונזערע חכמים רופען אָן דעם יום־טוב שבועות מיט דעם נאָמען „עצרת", וואָס מיינט שלוס, ווייל ער איז משלים און פאַרענדיגט די גאולה, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען פסח. כדי מיר זאָלען זיין באַוואוסטזיניג אויף אָט דעם היכען געדאַנק, זיינען מיר אָנגעזאָגט געוואָרען צו ציילען יעדען טאָג פון פסח ביז שבועות. „תמימות תהיינה" — די זיבען וואָכען מוזען זיין גאַנצע, און די חז"ל גיבען אויף דעם אַ העכסט־טיפע דערקלערונג: „אימתי הן תמימות, בזמן שישראל עושין רצונו של מקום" — ווען זיינען זיי גאַנץ? אין דער צייט, ווען אידען טוען דעם ווילען פון גאָט. אויב די אידען זיינען נייגעריג מקבל צו זיין די תורה, מוזען זיי זיך מוכן זיין אויסצופילען דעם רצון פון גאָט. דעם טאָג, וואָס איינער באַגייט אַ חטא, קאָן מען ניט אַריינ־רעכענען אין דער צאָל טעג פון דער וואָך, און כדי צו זיין ראוי אָנצונעמען די תורה, מוזען די וואָכען זיין גאַנצע, זיבען גאַנצע טעג יעדע (ויק"ר כ"ח).

די ספירה־טעג זיינען האַלב טרויעריגע טעג. פרומע אידען מאַכען ניט קיין שמחות אין דער צייט און חתונות ווערען אין די טעג ניט געפּראַוועט, ווייל אין די טעג זיינען אויסגעשטאָרבען טויזענטער פון די תלמידים פון רבי עקיבא, וועלכע האָבען געקעמפט קעגען די רוימער אונטער דער פירערשאַפט פון בר־כוכבא (יבמות ס"ב ע"ב). בלויז ל"ג בעומר, דעם דריי־און־דרייסיגסטען טאָג איז דערלויבט ניט צו טרויערען, ווייל אין דעם טאָג איז די מגפה אָפּגע־האַלטען געוואָרען. אַן אַנדער טעם פאַר ל"ג בעומר איז, אַז דער מן אין מדבר האָט אָנגעהויבען פאַלען דעם טאָג (חתם ספר יו"ד ס"י ל"ג). פאַר די מקובלים איז ל"ג בעומר אַ ספּעציעלער יום־טוב, וועלכען זיי רופען „הילולא דר' שמעון בן יוחאי", ווייל אין דעם טאָג האָט ער אַנטפּלעקט זיינע געטליכע סודות צו זיינע תלמידים, איידער ער איז געשטאָרבען (זוהר רצ"א). דער טאָג ווערט נאָך היינט געפייערט פון אַלע אָריענטאַלישע אידען אין מירון, לעבען צפת, וואו רשב"י איז באַגראָבען. טויזענטער אידען, מענער און פרויען, קומען זיך צוזאַמען אַרום קבר, מען צינדט אָן אַ גרויסע „הדלקה" און מיט פאַקלען אין די הענט רינגעלט מען אַרום דעם קבר און אַלע זינגען: „כולא הדא משום צדיק" — דאָס איז אַלץ פאַר דעם כבוד פון דעם צדיק.

הפטרה

עומר און בכורים ברייננען ברכה אין הויז

ראשית כל בכורי כל — תתנו לכהן להניח ברכה אל ביתך.

„כיצד מפרישין הבכורים? יורד אדם בתוך שדהו ורואה תאנה שבכרה, אשכול שבכר, רמון שבכר, קושרו בגמי ואומר: הרי אלו בכורים" — ווי דארף מען אפשיידען בכורים? אז א מענש גייט דורך זיין פעלד אדער וויינ־גארטען און ער באמערקט א פייג, וואס איז שוין פארטיג, אדער וויינטרויבען, וואס זיינען צייטיג געווארען, אדער א מילגרוים, וואס איז שוין פארטיג, זאל ער עס ארומבינדען מיט א שנירעל און זאגען: אט די זיינען בכורים און באלאנ־גען צו גאט (בכורים פ"ג).

די תורה, די נביאים, און נאכדעם אויך די חכמי־התלמוד האבען בא־טראכט צדקה פאר א סאציאלען פארזיכערונגס־מיטעל צו באלאנסירען, אויף וויפיל מעגליך, דעם עקאנאמישען מצב פון דער געזעלשאפט. א איד זאל שטענדיג אין זינען האבען, אז מיט דעם, וואס ער גיט צדקה, טוט ער קיינעם קיין טובה ניט, נאר ער טוט זיין פליכט און ניט מער (במ"ר ה'). ווען דיין ברודער איז אין נויט, „נתון תתן לו ולא ירע לבבך בתתך לו" — גיב אים וואס ער דארף און זאל דיר ניט באנג טאן בעת דו גיסט אים, „כי בגלל הדבר הזה יברכך ה' אלקיך בכל מעשיך ובכל משלח ידך" — ווייל צוליב דעם וועט דיך גאט בענשען אין אלע דיינע טעטיגקייטען און באשעפטיגונגען (דברים ראה ט"ו).

א העכסט־פילאזאפישער געדאנק ווערט איבער אט די פסוקים אויסגע־דריקט אין דער גמרא: רבי חייא האט אנגעזאגט זיין פרוי: אז עס קומט צו דיר אן ארימאן, לאז אים ניט לאנג ווארטען און גיב אים וואס גיכער צום עסען, וועלען דערפאר אנדערע זיך אזוי נוהג זיין אויך מיט דיינע קינדער. ווען די פרוי האט דאס דערהערט, איז זי געווארען א פארציטערטע און געזאגט צו אים: דו שילסט דאך דערמיט דיינע אייגענע קינדער, זאגענדיג, אז זיי וועט־לען דארפען אנקומען חו"ש צו צדקה. ענטפערט איר רבי חייא: די תורה זאגט „בגלל הדבר הזה". דאס ווארט „גלל" מיינט אויך א ראד. האט מען אין רבי ישמעאל'ס ישיבה אזוי אויסגעטייטשט: „גלגל הוא החוזר בעולם"

— דעם מענשענ'ס לעבען אויף דער וועלט איז אַ ראַד, וואָס האַלט זיך אין דרייען. אומשטענדען בייטען זיך — היינט איז מען רייך און מאָרגען קאָן מען ווערען אָרים. היינט האָב איך, גיב איך דעם וואָס האָט ניט; מאָרגען אַז איך וועל ניט האָבען, וועט מיר אַ צווייטער געבען (שבת קנ"א).

זעהר אַ שיינע מעשה'לע ווערט איבערגעגעבען אין דער גמרא וועגען איינעם אַן אבא־יודן. דערדאָזיגער אבא־יודן איז געווען אַ פשוט'ער בעל־הבית, אָבער אַ גרויסער בעל־צדקה. איבערהויפּט איז ער געווען שטאַרק באַרימט פאַר דעם שיינעם און איידעלען אופן, ווי ער האָט זיין צדקה געגעבען. מאַכט זיך אַמאָל, אַז אבא יודן האָט פאַרלאָרען זיין פאַרמעגען און איז מער ניט געווען אימשטאַנד צו געבען אַזעלכע גרויסע נדבות, ווי ער האָט ליב געהאַט. איינמאָל האָט ער געהערט, אַז אין שטאָט איז געקומען אַ קאָמיטע, וואָס איז באַשטאַנען פון ר' אליעזר, ר' יהושע און ר' עקיבא, וועלכע זאַמלען געלט פאַר אַ זעהר וויכטיגען צוועק. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז מסתמא ריכטען זיי זיך צו באַקומען פון אים אַ גרויסע נתינה, ווי זיין שטייגער איז געווען צו געבען. וואָס זאָל ער אָבער טאָן, אַז ער האָט היינט ניט?

איז ער נעבאַך אַוועק אַהיים אַ פאַרזאָרגטער און אַ נידערגעשלאָגענער. פרעגט אים זיין פרוי: וואָס זעהסטו עפּעס היינט אויס אַזוי שלעכט? דער־ציילט ער איר, אַז אַ קאָמיטע פון די גרעסטע רבנים איז דאָ אין שטאָט צו זאַמלען געלט פאַר אַ וויכטיגען ענין, פילט ער זיך שלעכט איבער דעם, וואָס ער קאָן זיי גאָרניט געבען. זאָגט זי צו אים: פון אונזער פאַרמעגען איז נאָך פאַרבליבען אַ שטיקעל פעלד, גיי פאַרקויף האַלב דערפון און גיב דאָס געלט אַוועק צו דער קאָמיטע. אבא־יודן האָט געטאָן ווי זיין פרוי האָט אים געהייסען, און די חכמים האָבען אים דערפאַר צוגעוואונשען, אַז גאָט זאָל אים ממלא זיין דאָס, וואָס אים פעהלט.

אין אַ קורצער צייט שפּעטער איז אבא־יודן אַרויס אַקערען זיין פעלד און זיין בהמה איז אַריינגעפאַלען אין אַ גרוב און צעבראָכען אַ פוס. ער איז אַרונטער אין גרוב אַרויסצוהויבען פון דאָרט די בהמה, און עפּעס האָט אַ בליאַסקע געטאָן פאַר זיינע אויגען. טיף אין דער ערד איז געווען אַ גרויסער אוצר פון גאָלד און זילבער, וואָס האָט אים צוריק געמאַכט פאַר אַ גרויסען עושר.

אין אַ צייט אַרום זיינען דיזעלבע חכמים ווידער געקומען אין שטאָט אַריין און האָבען זיך גלייך נאָכגעפרעגט ביי די אָרטיגע איינוואוינער וואָס

אבא־יודן מאַכט, האָט מען זיי געענטפערט, אַז ער איז איצט זעהר רייך און פאַרמאָגט פיל קנעכט, קי און רינדער.

אַז אבא־יודן האָט דערהערט, אַז די חכמים זיינען דאָ אין שטאָט, איז ער געלאָפען זיי מקבל־פּנים זיין.

— וואָס מאַכסטו, אבא־יודן? — האָבען די חכמים אים געפרעגט.

— ניט צו פאַרזינדיגען! — ענטפערט אבא־יודן. — אייער ברכה, וואָס איר האָט מיר געגעבען, איז מקוים געוואָרען נאָך פיל בעסער ווי איך האָב זיך געקאָנט פאָרשטעלען.

איז עס די חכמים זעהר שטאַרק געפעלען געוואָרען און זיי האָבען צו אים אַזוי געזאָגט:

— ווען מיר זיינען דאָ געווען צום ערשטען מאָל, האָבען מיר ביי אַנדערע געקראָגען פיל גרעסערע נדבות, מיר האָבען אָבער דיין נאָמען פאַרשריבען צום ערשטען אויף דער רשימה פון די נותנים (ירושלמי הוריות ג׳, ילקוט שמעוני ראה).

„ראשית כל בכורי כל״ — אַלע ערשטע צייטיגע פרוכט זאָל מען ברייגנען צום כהן. אַ איד זאָל ניט וואַרטען ביז אַלע זיינע פרוכט ווערען צייטיג און ער וויסט שוין וויפיל זיינע פעלדער האָבען אים אַריינגעבראַכט און דאַן ערשט וועט ער געבען פון פולער האַנט פאַר צדקה־צוועקען. אַז ער גייט דורך דאָס פעלד און באַמערקט די ערשטע צייטיגע פרוכט, זאָל ער עס אַרומבינדען און אָפּשיידען פאַר בכורים. נאָך איידער ער וויס וואָס עס וועט זיך אים אָפּשטעלען, זאָל ער האָבען גאָט אין זינען. „להביא ברכה אל ביתך״ — מיט דעם וועט ער ברייגנען ברכה אין הויז.

בהר־בחוקותי

א.

די סאָציאַלע באַדייטונג פון שמיטה

ושבתה הארץ שבת לד׳.

„כשם שהשביעית משמט שנה אחת לשבע שנים, כך העולם משמט אלף שנים לשבעת אלפים שנה״ — פונקט ווי די פעלדער ווערען באַפרייט איין יאָר אין זיבען, אַזוי וועט אויך די וועלט באַפרייט ווערען איין טויזענט יאָר אין זיבען טויזענט (סנהדרין צ״ז ע״ב).

„אויס דעם בוזים פון דער מוטער ערד״, זאָגט דר. לאַדערמילק, „האָבען די אַרכעאָלאָגען אין די לעצטע צייטען אַרויסבאַקומען פיל סודות, וואָס האָבען שטאַרק באַרייכערט די געשיכטע פון דער מענשהייט. אויסלערנענדיג זיך צו לייענען די שריפטען פון די אוראַלטע פעלקער, וואָס זיי האָבען געפונען אויס־געקריצט אויף שטיינער אָדער טאָבעלען אין אַלטע היילען פון דער ערד, האָבען זיי פאַר אונז אַנטדעקט די צאָלרייכע שטופען, ווי די ציוויליזאַציע האָט זיך אַנטוויקעלט אין די פאַרשיידענע פעריאָדען פון דער היסטאָריע. גראָבענדיג אין אַלטע פרע־היסטאָרישע געגענטען פון מענשליכע ישובים, איז אונז אַזוי־אַרום געלונגען אויסצופאָרשען דעם טעכנאָלאָגישען פראָצעס פון דער מענשהייט זינט איר פריהסטען אָנפאַנג״.

„די ערד אַליין אָבער״, זאָגט ווייטער דר. לאַדערמילק, „פירט אויך אָן אַן אייגענע בוכהאַלטעריע איבער דעם פראָצעס פון מענשליכער אַנטוויקלונג. שטודירענדיג דעם באָדען זעלבסט פון אַלע לענדער אין דער וועלט, קאָנען מיר לייכט אַרויסלערנען וועלכע מענשען עס האָבען זיך אויסגעצייכענט אַלס גוטע שומרים איבער דער ערד, וואָס דער באַשעפער האָט זיי אָנפאַרטרויט, און וועלכע האָבען פאַרנאַכלעסיגט דעם הויפּט מקור פון אַלע רייכטימער. די מענשען, וועלכע

האָבען פאַרשטאָגען זייער אויפגאַבע, האָבען פרעזערווירט זייערע פעלדער דורך טויזענטער יאָרען און אָנגעהאַלטען איר פּראָדוקטיווען כוח. די פעלדער און גערטנער אָבער פון די מענשען, וועלכע האָבען ניט פאַרשטאַנען ריכטיג אָפּצושאַצען די מתנה פון ג׳, זיינען טרויעריגע מצבות פון גרעניצלאָזער עקספּלאָטאַציע און ערוזיע. פאַרנאַכלעסיגענדיג זייערע פליכטען צו דער מוטער ערד, האָבען זיי איבערגעלאָזען צו זייערע יורשים פוסטע מדבריות און פּרוכטלאָזע וויסטענישען, וואָס זיי האָבען בידים אַליין געמאַכט״.

„די ערד איז דער שטילער שותף פון די, וועלכע באַארבייטען זי. אויף דעם באָדען פון אָט דער שותפות ווערט געלייגט דער יסוד פון אונזער ציוויליזאַציע. אויב איינער פון די שותפים ווערט אָפּגעשוואַכט אָדער פאַלט דורך אין זיינע פונקציעס, ווערט די גאַנצע געביידע פון דער ציוויליזאַציע אויפגעטרייסעלט. נאַציאָנען שטייגען אָדער פאַלען לויט דער פּראָדוקציע פון דער ערד. אויב דאָס לעבען איז אונז הייליג און טייער, דאַרף די ערד אויך באַטראַכט ווערען פאַר הייליג און טייער. אין די געזעצען פון דער אידישער תורה ווערט געבראַכט, אַז ג׳ זאָגט צו די מענשען: „והארץ לא תמכר לצמיתות, כי לי כל הארץ, כי גרים ותושבים אתם עמדי״ — די ערד זאָל ניט פאַרקויפט ווערען אויף אייביג, ווייל צו מיר באַלאַנגט די גאַנצע ערד, און איר זענט בלויז צווייטוויילינע איינוואוינער אָדער באַזיצער ביי מיר. „ובכל ארץ אחוזתכם גאולה תתנו לארץ״ — דערפאַר זאָלט איר אין גאַנצען לאַנד פון אייער באַזיץ געבען פרייהייט צו דער ערד.

אין היינטיגער סדרה, וואו עס ווערט גערעדט איבער עקאָנאָמישע און סאָציאַלע דינים, זאָגט אונז די תורה: „כי תבואו אל הארץ״ — אַז איר וועט קומען אין לאַנד און אָנפאַנגען באַארבייטען דעם באָדען, „ושבתה הארץ שבת״ — זאָל די ערד אויך האָבען אַ געוויסע רו־צייט. אויב איר ווילט, אַז דער באָדען זאָל אימער זיין פּראָדוקטיוו, זוכט אים ניט צופיל צו עקספּלאָטירען. יעדער מענש איז אָנגעזאָגט געוואָרען: „ששת ימים תעשה מעשיך וביום השביעי תשבות״ — זעקס טעג זאָלסטו טאָן דיין אַרבייט און אויף דעם זיבעטען טאָג זאָלסטו רוען. אויב דו ווילסט, אַז דיינע כוחות זאָלען אָנהאַלטען, רו איין טאָג אין וואָך. אַזוי זאָלט איר אויך זיך אויפפירען מיט אייער ערד: „שש שנים תזרע — ובשנה השביעית שבתון תהיה לארץ״ — זעקס יאָר זאָלט איר זייען אייערע פעלדער און דעם זיבעטען יאָר זאָלט איר לאָזען די ערד רוען. דאָס וועט איר געבען צייט אָנצוקלייבען כוחות צו קאָנען פּראָדוצירען פאַר די נעקסטע זעקס יאָר.

אַז אָט־דער געזעץ איז העכסט וויכטיג פאַר אַ לאַנד, האָט אונז אפילו די רייכע אַמעריקע געוויזען. ווי באַוואוסט, האָבען פיל פון די פאַראייניגטע שטאַטען זעהר פיל געליטען פאַר די לעצטע יאָרען פון טריקענישען און פאַרפלייצונגען. עקספּערטען דערקלערען, אַז דאָס קומט פון ערוזיע, אויסגעגעסענע פעלדער, וואָס פוסטעווען, און אויסגעהאַקטע וועלדער, וואָס שטייען פאַרוויסט. אַזעלכע מדבריות זיינען אַ רואינע פאַר אַ לאַנד. די ווינטען האָבען דאָרט געגוג פּלאַץ זיך פאַנאַנדערצושפּילען און פאַרוואַנדעלט ווערען און טאָרנאַדען, שטורמווינטען, וואָס פאַרניכטען אַלץ, וואָס שטייט זיי און וועג, און הויבען אויף די טייכען פון זייערע בעטען, וואָס פאַרפלייצען די אַרומיגע געגענטען און טוען אָן גרויס שאַדען. די אמעריקאַנער רעגירונג גיט איצט אויס הונדערטער מיליאָנען צו פאַרריכטען דעם באָדען, וואָס מענשען האָבען, צוליב זייער געיעג גיך רייך צו ווערען, בידים קאַליע געמאַכט און פאַראורזאַכט שאַדען אין ביליאָנען דאָלאַר אַ יאָר.

„אין זייער געיעג וואָס מער רייך צו ווערען, האָבען די קאַפּיטאַליסטען תמיד עקספּלאָטירט דעם פאַרמער און אים געצוואונגען אַרויסצוקוועטשען פון זיין לאַנד וואָס מער תבואות", זאָגט דער באַריכט פון דר. לאַדערמילק צו דער אַמעריקאַנער רעגירונג. די פאַרמערס אין פיל געגענטען האָבען דאַרום עקספּלואַטירט דעם באָדען אַזוי ווייט, אַז מיט דער צייט איז ער געוואָרען מאָגער, אויסגעגעסען און פאַרוויסט. די חטאים קעגען דער מוטער־ערד פון די טאַטעס רעכענען זיך אָבער אָפּ מיט זייערע קינדער. די וויסטענישען, וואָס זיי האָבען איבערגעלאָזען, פאַראורזאַכען גרויסע שאָדענס. קיין מדינה קאָן ניט וואַקסען אין מאַכט אָדער גרייכען צו אַ העכערער סאָציאַלער שטופע אין לעבען, סיידען איר באָדען ווערט גוט אָפּגעהיט און איז פּראָדוקטיוו. עס קאָן אויך ניט הערשען קיין פולשטענדיגער שלום אין דער געזעלשאַפט אָדער צווישען נאַציאָנען, אויב די ערד פּראָדוצירט ניט גענוג צו קאָנען שפּייזען אירע באַזיצער".

„ושבתה הארץ שבת לד'" — די ערד זאָל רוען אַ שבת צו ג'. אויסער דער מאַטעריעלער באַדייטונג פון שמיטה, וואָס צילט צו פאַרבעסערען דעם עקאָנאָמישען מצב פון די מענשען, איז אויך דאָ אין איר אַ גרויסער סאָציאַלער אויפטו. „שבת" איז דער העכסטער סימבאָל פון פרייהייט. מיט רוען שבת ווייזט דער מענש, אַז נאָך אַלע שווערינקייטען איז ער דאָך דער הערשער איבער די אומשטענדען — אַ ראיה, אַז ער באַזיצט גענוג מוט, איין טאָג אין וואָך, פון זיך אַראָפּצוּוואַרפען דעם יאָך פון האָוועניש. פאַר אונז אידען אין דער שבת אַ „זכר

ליציאת מצרים״ — אַן אָנדענק, אַז מיר זיינען אַרויס פון מצרים און באַפרייט געוואָרען פון שקלאַפעריי. די וואָס אַרבייטען כסדר, זיבען טעג אין דער וואָך, זיינען בלינדע, וועלכע זעהען ניט דעם שיין פון פרייהייט. זייער נשמה איז אַ וואָכעדיגע, אַ פאַרשקלאַפטע און פאַרמאַטערטע, וועלכע ווערט איינגאַנצען אויס־געטריקענט פון יעדער גייסטיגער פרישקייט.

אויך די ערד פאָדערט איר פרייהייט, און דער יאָר פון שמיטה איז איר שבת. איינמאָל אין זיבען יאָר זאָל מען זי ניט צווינגען צו אַרבייטען און זי לאָזען זיך אויסרוען. און פונקט ווי דער שבת איז אַ גייסטיגע דערפרישונג פאַר דעם מענשען, וואָס דערהויבט אים צו א העכערער שטופע פון דער חיה, וואָס זוכט אַלע טאָג איר חיונה, אַזוי איז אויך דער יאָר פון שמיטה אַ מין גייסטיגע דערפרישונג פאַר דער ערד. זי ווערט פריי פון דעם יאָך, וואָס מענשען האָבען אויף איר אַרויפגעצוואונגען, און שעפט זיך אָן מיט פרישע כוחות פאַר דער צוקונפט.

שבת ברייגגט פרידען אין דער פאַמיליע, ווייל אין דעם טאָג קומען זיך די עלטערען מיט די קינדער צוזאַמען אין אַ שטימונג פון רו און געמיטליכקייט, פאַרברייגגען מער אינטים און גלייכען אויס די פאַרשידענע סכסוכים, וואָס די וואָכענטעג האָבען פאַראורזאַכט צווישען זיי. שמיטה ברייגגט פרידען אין דער געזעלשאַפט. מיט אָפלאָזען דאָס פעלד פאַר אַ גאַנץ יאָר ווערט דער רייכער נישט צו־רייך, און מיט אָוועקגעבען צו די אָרימעלייט די תבואה, וואָס דער פעלד האָט פון זיך אַליין פראָדוצירט, ווערט דער אָרימאַן געהאָלפען. דאָס פירט, מער אָדער ווייניגער, צו אַן עקאָנאָמישען גלייכגעוויכט אין דער באַפעל־קערונג, וואָס העלפט צו פאַרשטאַרקען דעם שלום אין לאַנד.

אונזערע חכמים, אין זייער גרויסער ליבע צו פרייהייט, פאַרשפּרעכען אונז, אַז אויך די גאַנצע וועלט וועט דערלעבען איר שמיטה, איר שבת. נאָך זעקס טויזענט יאָר פון שווערען געראַנגעל אין דעם פּראָצעס פון איר אנטוויקלונג וועט קומען אַ יאָר־טויזענט פון שלום און אַחדות, פון שבת און פרייהייט.

הפטרה

אויב מען היט ניט אָפּ שמיטה, פאַרלירט מען דאָס לאַנד

ושמטתה מנחלתך — והעבדתיך את איביך בארץ אשר לא ידעת.

„בשביל שחללו את השביעית נמכרו לנכרים" — צוליב דעם וואָס די אידען האָבען פאַרשוועכט די דינים פון שמיטה, זיינען זיי פאַרקויפט געוואָרען צו פרעמדע (מדרש תנחומא).

די סאָציאַלע איינריכטונגען פון שמיטה און יובל זיינען הויפּטזעכליך געצילט צו פאַרהיטען די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע לאַגע פון לאַנד.

„דידאָזיגע געזעצען", זאָגט דער גרויסער אַמעריקאַנער סאָציאָלאָג הענרי דזשאָרדזש, „זיינען ניט געמיינט צו באַשיצען דאָס רעכט פון אייגענטום בלויז, נאָר צו באַשיצען אויך די גאַנצע מענשהייט. שמיטה און יובל פאַרזאָרגען דעם נויט־באַדערפטיגען מיט רו און זיכערקייט. מיט דעם קול פון שופר ביים אָנפאַנג פון יובל־יאָר ווערען באַפרייט אַלע קנעכט און די ערד ווערט צוריק אויסגעטיילט צו אירע פריערדיגע באַלעבאַטים. דאָס שאַפט אויך פאַר די אָרימסטע אַ געהעריגען חלק פון גאָט'ס אייגענטום".

דער געזעץ נאָך רייכטום און מאַכט פירט גאַנץ אָפט צו גרויסע קריזיסען. די עקאָנאָמישע סטרוקטור פון אַ לאַנד קאָן זיך נאָר דאַן האַלטען, אויב די מאַסען ווערען באַזאָרגט מיט חיונה און זיינען ניט אויסגעזעצט צו אַ הונגער־לויז. אויב אָבער די רייכע פאַרכאַפּען אַלץ פאַר זיך און לאָזען די אָרימערע ברידער שמאַכטען פון נויט, ברייגען זיי דאָס לאַנד צו אַ קלאַסען־קאַמף און צו רעוואָלוציעס, וואָס גראָבען אונטער די פּאָליטישע זיכערקייט און ברעכען די נאַציאָנאַלע זעלבסטשטענדיגקייט פון לאַנד.

וועגען די דינים פון שמיטה און יובל זאָגט אונז דער פסוק: „ועשיתם אותם וישבתם על הארץ לבטח" — אַז איר וועט זיי דורכפירען, וועט איר בלייבען זיצען אויפ'ן לאַנד אין זיכערקייט. אויב דאָס פאָלק וועט פאַרשטיין אָפּצושאַצען דעם ווערט פון אַזעלכע סאָציאַלע איינריכטונגען, וואָס צילען אויסצוגלייכען די פאַרשיידענע קלאַסען פון לאַנד און פאַרהיטען די מאַסען פון דחקות און נויט, וועט איר עקאָנאָמישע און פּאָליטישע לאַגע בלייבען געזיכערט.

שלמה המלך זאָגט אין משלי: „נבהל להון איש רע עין, ולא ידע כי חסר

יבואנו״ — פאַרהאָוועט נאָך רייכטום איז אַ מענש אַ ניט־פאַרגינער און ער ווייסט ניט, אַז די נויט וועט אים גרייכען. אונזערע חכמים דערקלערען, אַז מיט דעם ווערען געמיינט אַזעלכע מענשען, וואָס „שמתבהלין להעשיר ואין משמרין את השביעית וסבורין שהן מתעשרין״ — וועלכע איילען זיך רייך צו ווערען און היטען ניט אָפּ שמיטה און יובל און דענקען, אַז דורך דעם וועלען זיי נאָך מער רייכער ווערען. זיי ווייסען אָבער ניט, אַז „חסרון יש בדבר, כיון שלא שמר את השמיטה התחילה המארה נכנסת בממונו והוא מוכר״ — עס איז דאָ אַ פעהלער אין דער זאַך: ווי באַלד זיי היטען ניט אָפּ קיין שמיטה, הויבט אָן אַ קללה אַריינ־קומען אין זייער געלט און זיי ווערען געדריקט אויסצופאַרקויפען זייערע פאַר־מעגענס (תנחומא).

ווייל זיי האָבען געוואָלט שנעל רייך ווערען, האָבען זיי עקספּלואַטירט די ערד און איר ווייסט געמאַכט. מיט דעם וואָס זיי האָבען עובר געווען אויף די דינים פון שמיטה און יובל, האָבען זיי געשטירצט די עקאָנאָמישע גלייכקייט פון דער באַפעלקערונג און דערפירט צו פּאָליטישע אויסברוכען, וואָס האָבען זיי פאַר־טריבען פון זייער לאַנד.

ווי שרעקליך עס קלינגט די טרויעריגע איראָניע פון דעם פסוק: „אז תרצה הארץ את שבתותיה כל ימי השמה, ואתם בארץ אויביכם״ — דעמאָלט וועט דאָס לאַנד צופרידען זיין מיט אירע שבתים אַלע טעג, וואָס עס וועט וויסט זיין, און איר וועט זיין אין דעם לאַנד פון אייערע פיינט.

אויך דער נביא פון הייגטיגער הפטרה רעדט אין דעם זעלבען זין: „הררי בשדה חילך״ — מיינע פרוכטבאַרע געבערג אין פעלד האָסטו באַטראַכט פאַר דיין אייגענעם פאַרמעגען, וואָס דו האָסט ניט געוואָלט טיילען מיט די אָרימערע פון דיר. זאָלסטו דערפאַר וויסען, אַז „כל אוצרותיך לבז אתן, במותיך בחטאת בכל גבוליך״ — אַלע דיינע אוצרות וועל איך איבערגעבען צו רויב, אויף דיינע הויכע פּאָזיציעס, וואָס דו האָסט דורך זינד זיך דערהאָבערט אין אַלע דיינע גרעניצען. „ושמטת ובך מנחלתך אשר נתתי לך״ — דו אַליין וועסט באַקומען שמיטה פון פאַרלאָזען ווערען פון דיין נחלה, וואָס איך האָב דיר געגעבען, „והעבדתיך את אויביך בארץ אשר לא ידעת״ — און איך וועל דיר מאַכען דינען דיינע פיינט אין אַ לאַנד, וואָס דו קענסט ניט.

דער נביא פאַרענדיגט זיינע רייד מיט דער תפילה: „רפאני ה׳ וארפא, הושיעני ואושעה, כי תהלתי אתה״ — הייל מיך ג׳, איך זאָל געהיילט ווערען, העלף מיר, איך זאָל געהאָלפען ווערען, וואָרים דו ביזט מיין לויב. פאַרצווייפלען

זאָלען אידען קיינמאָל ניט, ווי די חז"ל דערקלערען דעם פסוק פון דער תוכחה: „והשמותי אני את הארץ, ושממו עליה אויביכם" — כאָטש איך וועל פאַרוויסטען דאָס לאַנד, וועלען אויף דעם פוסטעוועז אויך אייערע פיינט. „הארץ לא תתן כחה לזרים" — די ערד וועט ניט געבען איר קראַפט צו פרעמדע (תו"כ). „ארץ ישראל, פלעגט זאָגען ר' מרדכי עליאשבערג ע"ה, האָט די זעלבע עקשנות ווי דער איד: ער גיט זיך ניט אונטער צו די פרעמדע אין גלות און זי גיט זיך ניט אונטער צו די פרעמדע, וועלכע האָבען זיך אויף איר באַזעצט. בלויז אונטער אידישע הענט לאָזט זיך די ערד פון ארץ ישראל צוריק אויפלעבען און ווערט די אַלטע „ארץ זבת חלב ודבש" — אַ לאַנד, וואו עס רינט מילך און האָניג.

ב.

פולשטענדיגע פרייהייט

והעברת שופר תרועה.

„אמר רבי שמעון: שופר תרועה אמאי? אלא שופר דמתבר שלשלאין, דמתבר שולטנותא מכל עבדין" — רבי שמעון פרעגט: וואָרום האָט אונז די תורה אָנגעזאָגט צו בלאָזען דוקא אַ „תרועה" (אַ געבראָכענע שטים) און ניט אַ „תקיעה" (אַ גלייכע שטים)? דאָס איז צו וויזען, אַז דאָס קול פון שופר, אין יאָר פון יובל, זאָל זיין אַזאַ, וואָס זאָל ברעכען אַלע קייטען און אויך ברעכען די הערשאַפט איבער אַלע אונטערדריקטע (זוהר).

היינטיגע סדרה פאַנגט זיך אָן מיט דער דערקלערונג, אַז דער אויבערשטער האָט גערעדט צו משה'ן אויפ'ן באַרג סיני און אים באַפוילען ער זאָל איבער־געבען די אידען: „כי תבואו אל הארץ אשר אני נותן לכם, ושבתה הארץ שבת לד'" — ווען איר וועט קומען צו דעם לאַנד, וואָס איך גיב אייך זאָל די ערד רוען אַ שבת צו ג'. פרעגען אונזערע חכמים: מה ענין שמיטה אצל הר סיני?" — וואָרום ווערט דאָ אַקצענטירט דער פאַקט, אַז די דינים פון שמיטה זיינען די אידען געגעבען געוואָרען אויפ'ן באַרג סיני? „והלא כל המצוות נאמרו בסיני?" — אַלע אונזערע מצוות זיינען דאָך אויך געזאָגט געוואָרען אויפ'ן באַרג סיני? מיט דעם ווערט אָבער געמיינט פעסטצושטעלען, אַז „מה שמיטה נאמרו כללותיה

ופרטותיה מסיני, אף כלן נאמרו כללותיהן ופרטותיהן מסיני — פונקט ווי שמיטה איז אונז אָנגעזאָגט געוואָרען מיט אַלע אירע כללים און איינצעלהייטעןביים באַרג סיני, אַזוי זיינען אויך אַלע אַנדערע מצוות מיט זייערע כללים און פרטים אונז אָנגעזאָגט געוואָרען אויפ׳ן באַרג סיני (תו״כ).

אין דער דאָזיגער דערקלערונג פון אונזערע חכמים ליגט באַהאַלטען אַ דאָפּעלטע כוונה: ערשטענס, אַז די אַלע דינים פון דער תורה זיינען אונז געגעבען געוואָרען פון ג׳ אַליין און קיינער האָט ניט קיין רעכט צו בייטען זיי אָדער צו אַמענדירען. די תורה איז ניט קיין פאָלקס־קאָנסטיטוציע, וואָס איז פאַרפאַסט געוואָרען פאַר אַ באַשטימטער צייט און אונטער געוויסע אומשטענדען. זי איז אַ געזעץ־בוך פאַר דער אייביגקייט, פאַר אַלע דורות און פאַר אַלע צייטען. אירע דינים מיט אַלע זייערע איינצעלהייטען זיינען ניט קיין מענשען־געמאַכטע, און דערפאַר „לא תהא מוחלפת״ — קענען זיי ניט געביטען אָדער געענדערט ווערען; צווייטענס, וויל דאָ דער פסוק אָנדייטען, אַז פונקט ווי די דורכפירבאַרקייט פון שמיטה און יובל וועלען פירען צו דעם „וקראתם דרור בארץ לכל יושביה״ — אַז פרייהייט זאָל פּראָקלאַמירט ווערען אין לאַנד צו אַלע אירע איינוואוינער, אַזוי וועט אויך די דורכפירבאַרקייט פון אַלע אַנדערע דינים אין דער תורה פירען צו אמת׳ער פרייהייט.

דער גריכישער פילאָסאָף סאָקראַטעס זאָגט: „פרייהייט איז די נשמה פון דער גאַנצער בריאה. דער ווילען צו זיין פריי איז די טרייב־קראַפט, וואָס באַוועגט אַלע באַשעפענישען צו שאַפען און געדייען. יעדע לעבעדיגע זאַך אויף דער וועלט איז געבוירען געוואָרען מיט דעם אינסטינקט צו פרייהייט. אָן דעם ווילען צו זיין פריי וואָלט אפשר די וועלט קיין קיום ניט געהאַט. די שוועריגקייט באַשטייט אָבער אין דעם, וואָס זעהר ווייניג מענשען ווייסען וואָס פרייהייט באַדייט. אַלע יאָגען זיך נאָך פרייהייט, מען קריגט זיך פאַר איר, מען שלאָגט זיך פאַר איר, אָבער זעלטען ווער עס פאַרשטייט דעם אמת׳ן באַגריף פון פרייהייט״.

די וועלט־געשיכטע איז פול מיט איינצעלהייטען וועגען שרעקליכע מלחמות, וואָס זיינען אָנגעפירט געוואָרען אין דעם נאָמען פון פרייהייט, אָבער ביז היינטיגען טאָג האָט נאָך קיין פאָלק אין דער מאָדערנער וועלט ניט דער־גרייכט דעם דאָזיגען ציל.

און די וועלט וועט קיינמאָל ניט פריי זיין, סיידען זי וועט זוכען זיך צו מאָדולירען לויט דעם באַגריף פון פרייהייט, ווי ער ווערט דעפינירט אין תורת־משה דורך די געזעצען פון שמיטה און יובל. דער גרויסער אַמעריקאַנער עקאָנאָ־

מיסט העברי דזשאָרדזש באַמערקט אין איינעם פון זיינע עסייען: „ווען תורת־משה וואָלט אונז מער ניט געגעבען ווי די דינים פון שמיטה און יובל, וואָלט זי אַלץ פאַרבליבען דאָס וויכטיגסטע געזעץ־בוך אין דער וועלט, ווייל די דאָזיגע דינים פירען צו פולשטענדיגער פרייהייט און דעמאָקראַטיע. שמיטה און יובל פאַרזיכערען פרייע מעגליכקייטען צו יעדען איינוואוינער פון לאַנד, און פרייע מעגליכקייטען זיינען די יסודות, אויף וועלכע אמת'ע פרייהייט איז געבויט".

דריי מאָל, אין פאַרשיידענע וואַריאַציעס, ווערט אין דער תורה גערעדט וועגען שמיטה און יובל, און יעדעס מאָל ווערט באַטאָנט אַן אַנדער פרייהייט. אין דער סדרה משפטים (שמות כ"ג) ווערט געזאָגט: „שש שנים תזרע את ארצך, ואספת את תבואתה" — זעקס יאָר זאָלסטו זייען דיין לאַנד און איינזאַמלען איר תבואה. „והשביעית תשמטנה ונטשתה" — אויף דעם זיבעטען יאָר אָבער זאָלסטו איר אַרבייט אויפגעבען און איר פריילאָזען. „ואכלו אביוני עמך, ויתרם תאכל חית השדה" — אירע תבואות זאָלען עסען די אָרימעלייט פון דיין פאָלק, און וואָס עס וועט בלייבען פון זיי, זאָלען עסען די חיות פון פעלד. „כן תעשה לכרמך, לזיתך" — דאָס זעלבע זאָלסטו טאָן מיט דיין וויינגאָרטען, מיט דיין איילבערט־גאָרטען.

ווי מיר זעהען, ווערט דאָ הויפּטזעכליך באַטאָנט דער סאָציאַלער טייל פון דעם געזעץ. אויב איינער וויל געניסען פון די קאַפּיטאַלען, וואָס ער האָט פאַר זיך דערוואָרבען, זאָל ער זיך אויך זאָרגען פאַר דעם וואויל און בעסטען פון דער געזעלשאַפט. אָרימקייט און נויט רופען אַרויס דערביטערונג און קנאה קעגען די פאַרמעגליכערע. אויב די רייכע זאָלען פאַרכאַפּען אַלץ פאַר זיך און לאָזען די אָרימע שמאַכטען פון נויט, וועלען זיי מיט דער צייט פירען דאָס לאַנד צו אַן עקאָנאָמישען צוזאַמענבברוך. די אומצופרידענקייט פון די אָרימע מאַסען וועט אויסברעכען אין אַ קלאַסען־קאַמף, וואָס וועט די רייכע באַרויבען פון זייערע קאַפּיטאַלען. איינמאָל אין זיבען יאָר זאָל די גאַנצע פּראָדוקציע פון לאַנד גיין פאַר די אָרימעלייט. דאָס וועט אָנהאַלטען דעם עקאָנאָמישען גלייכגעוויכט פון דער געזעלשאַפט און פאַרזיכערען די סאָציאַלע פרייהייט פון יעדען מענשען.

אין דער היינטיגער סדרה ווערט דער דין פון „שמיטה" אָנגעזאָגט אויף פאָלגענדען אופן: „שש שנים תזרע שדך ושש שנים תזמר את כרמך ואספת את תבואתה" — זעקס יאָר זאָלסטו זייען דיין פעלד און זעקס יאָר זאָלסטו אַרומ־שניידען דיין וויינגאָרטען און איינזאַמלען זייערע תבואות. „ובשנה השביעית שבת שבתון יהיה לארץ, שבת לד'" — דער זיבעטער יאָר אָבער זאָל זיין אַ

שבת פון רו פאַר'ן לאַנד, אַ שבת צו ג'. „שדך לא תזרע וכרמך לא תזמר" — דיין פעלד זאָלסטו ניט פאַרזייען און דיין וויינגאָרטען זאָלסט ניט אָרומשניידען. „את ספיח קצירך לא תקצר, ואת ענבי נזירך לא תבצור" — אויך דעם נאָכוואוקס פון דיין שניט זאָלסטו ניט שניידען און די טרויבען פון דיינע ניט־באַשניטענע וויינשטאָקען זאָלסטו ניט צוזאַמענקלייבען. „שנת שבתון יהיה לארץ" — אַ יאָר פון רואונג זאָל עס זיין פאַר דעם לאַנד.

דאָ ווערט באַטאָנט אַ גאַנץ אַנדער פרייהייט, — פרייהייט פון באָדען. פּראָפעסאָר לאַדערמילך זאָגט: „די ערד איז דער שטילער שותף פון די, וועלכע באַאַרבייטען איר. אויף דעם באָדען פון אָט דער שותפות ווערט געלייגט דער יסוד פון אונזער ציוויליזאַציע. באַציעס שטייגען אָדער פאַלען לויט דער פּראָדוקציע פון דער ערד. אויב דאָס לעבען איז אונז הייליג און טייער, דאַרף די ערד אויך באַטראַכט ווערען פאַר הייליג און טייער. אויב מיר ווילען, אַז זי זאָל פאַר אונז פּראָדוצירען דאָס בעסטע, וואָס זי קען, „שבתון תהיה לארץ", גיט דער ערד אַ רו־צייט איינמאָל אין זיבען יאָר. דאָס וועט איר געבען צייט אָנצוקלייבען כוחות כדי צו קענען פּראָדוצירען פאַר די נעקסטע זעקס יאָר".

„ושבתה הארץ שבת לד'" — די ערד זאָל רוען אַ שבת צו ג'. שבת איז אונזער סימבאָל פון פרייהייט. שבת איז ביי אונז אַ „זכר ליציאת מצרים", אַן אָנדענק, אַז מיר זיינען אַרויס פון מצרים און באַפרייט געוואָרען פון שקלאַפעריי. אויך די ערד איז באַרעכטיגט צו פרייהייט, און דאָס יאָר פון שמיטה איז איר שבת. איינמאָל אין זיבען יאָר זאָל מען איר ניט צווינגען צו אַרבייטען און איר לאָזען זיך אויסרוען. און פונקט ווי דער שבת איז אַ גייסטיגע דערפרישונג פאַר דעם מענשען, וועלכער דערהויבט אים צו אַ העכערער שטופע פון דער חיה, וואָס זוכט אַלע טאָג חיונה, אַזוי איז אויך דאָס יאָר פון שמיטה אַ מין גייסטיגע דערפרישונג פאַר דער ערד. זי ווערט פריי פון דעם יאָך, וואָס מענשען האָבען אויף איר אַרויפגעצוואונגען, און שעפּט זיך אָן מיט פרישע כוחות פאַר דער צוקונפט.

אין משנה־תורה (דברים ט"ו) ווערט אין דעם דין פון שמיטה אָנגעצייכענט אַ וועג ווי צו פאַרהיטען דעפּרעסיעס אין לאַנד דורך געבען די קלענערע געשעפטסלייט אַ געלעגענהייט צו קומען צו זיך דורך דער ליקווידירונג פון פּרעסענדע חובות. דאָרט ווערט געזאָגט: „מקץ שבע שנים תעשה שמיטה" — צו סוף פון אַלע זיבען יאָר זאָלסטו מאַכען שמיטה. „וזה דבר השמיטה" — און דאָס איז דער אינהאַלט פון שמיטה: „שמוט כל בעל משה ידו אשר ישה ברעהו"

— יעטווידער בעל־חוב זאָל אָפּלאָזען וואָס ער האָט געליהען זיין חבר. „לא יגש את רעהו ואת אחיו כי קרא שמיטה לד׳“ — ער זאָל ניט מאָנען פון זיין חבר און ברודער, ווען מען האָט אויסגערופען שמיטה צו ג׳.

אויך אין די מאָדערנע צייטען, כדי צו פאַרהיטען עקאָנאָמישע קאַטאַס־טראָפעס, ווערט אין אַ צייט פון דעפּרעסיע דערקלערט אַ מאַראַטאָריום, אַ מין שמיטה, פאַר דער איינמאָנונג פון חובות. אָבער צו מאַכען דאָס פאַר אַ שטענדיגער אינסטיטוציע, וואָס זאָל פאַרהיטען דעפּרעסיעס, האָט נאָך קיין לאַנד ניט געוואָגט; בלויז דאָס אידיש לאַנד, וואָס האָט זיך געפירט לויט די אידעאַלע געזעצען פון תורת־משה, וועלכע זוכט איינצופלאַנצען אין די הערצער פון יעדען מענשען אַ געפיל פון אמת׳ער פרייהייט צו דער גאַנצער בריאה. די ערד זאָל זיין פריי און מען זאָל קאָנסערווירען אירע כוחות. דער מענש זאָל זיין פריי פון חובות און פליכטען, כדי אים צו געבען די פולע מעגליכקייט צו אַנטוויקלען זיינע פעהיגקייטען. אין דעם יאָר פון יובל זאָלען אַלע נחלאות זיך אומקערען צוריק צו זייערע אַלטע אייגענטימער. אויך די קנעכט זאָלען באַפרייט ווערען — און עס זאָל זיין אַ שבת צו ג׳.

שמיטה און יובל זיינען געמיינט צו פאַרזאָרגען די גאַנצע מענשהייט מיט רו און זיכערקייט. דאָס קול פון שופר, וואָס אַנאָנסירט דעם אָנקום פון יובל, מוז זיין אַ „תרועה“, אַ שאַלונג, „דמתבר שלשלאין“ — וואָס צעברעכט אַלע קייטען, וואָס האַלטען די מענשען איינגעקלאַמערט אין שרעק און אומזיכערקייט. פול־שטענדיגע פרייהייט, „דמתבר שולטנותא מכל עבדין“, וואָס ברעכט די הערשאַפט איבער יעדען אונטערדריקטען, וועט ברייגען דעם אמת׳ן שלום אויף דער וועלט.

ביי דער איצטיגער געלעגענהייט, ווען די פעלקער פון דער וועלט האָבען זיך פאַרזאַמעלט אין ניו־יאָרק צו פאַרהאַנדלען איבער די אידישע פאָדערונגען פאַר ארץ ישראל, ווילען מיר דאָ ברייגען אַ באַמערקונג פון דער גמרא, וואָס טראָגט אַ געוויסע נבואה פאַר היינטיגער צייט: עס ווערט ניט געזאָגט אין פסוק: „וקראתם דרור לכל יושבי הארץ“ — איר זאָלט אַנאָנסירען פרייהייט צו אַלע איינוואוינער אין לאַנד, נאָר „וקראתם דרור בארץ לכל יושביה“ — איר זאָלט אַנאָנסירען פרייהייט אין לאַנד צו אַלע אירע איינוואוינער. ווי מיר זעהען, אַקצענטירט דאָ דער פסוק דעם „בארץ“ — באַמערקען אויף דעם אונזערע חכמים: „בזמן שנוהג דרור בארץ, נוהג בחוץ לארץ“ — ווען עס ווערט איינ־געפירט פרייהייט אין ארץ־ישראל, וועט אויך איינגעפירט ווערען פרייהייט אין

די אַנדערע לענדער (ר״ה ט׳), אַן אַנדייטונג, אַז כל זמן ארץ ישראל וועט ניט באַפרייט ווערען, וועט קיין שלום און פרייהייט ניט זיין אויף דער וועלט.

הפטרה

די ישועה איז ביי ג׳ אין די הענט

כזכור בניהם מזבחותם.

„דומה למשיא את בתו וגותן לה ממון הרבה, ולא הספיקו שבעת ימי המשתה לצאת עד שמתה בתו, נמצא קובר את בתו ומאבד את ממונו״ — דאָס איז גליך צו איינעם, וואָס פאַרהייראַט זיין טאָכטער און גיט איר פיל נדן־געלט, אָבער איידער די זיבען טעג פון דער חתונה־וואָך גייען פאַריבער, שטאַרבט זי, קומט אויס, אַז ער האָט נעבעך באַגראָבען זיין טאָכטער און אויך פאַרלאָרען זיין געלט (תו״כ).

די הפטרה פאַנגט זיך אָן מיט דעם נביא׳ישען אויסרוף: „ד׳ עוזי ומעוזי ומנוסי ביום צרה״ — ג׳ איז מיין שטאַרקייט, מיין ציטאַדעל און מיין רעטונגס־פּלאַץ אין אַ צייט פון אומגליק. דאָס איז דער אידישער ענטפער צו די אַלע קללות, וואָס ווערען געשילדערט אין דער תוכחה פון היינטיגער סדרה. אויף די הבטחות פון פרעמדע מלוכות קען מען זיך ווייניג־וואָס פאַרלאָזען. „אליך גוים יבאו מאפסי ארץ ויאמרו אך שקר נחלו אבותינו, הבל ואין בהם מועיל״ — צו דיר קומען די אידישע קינדער פון צווישען אַלע פעלקער און גיבען־צו, אַז זייערע עלטערען האָבען זיי איבערגעלאָזט אַ פאַלשע ירושה, וואָס איז באַשטאַנען פון פוסטע זאַכען, וואָס האָבען קיין ווערט ניט. זיי האָבען זיך איינגעגלויבט אין דעם פראָגרעס פון דער וועלט, אין דעם אָפּגאָט פון „דעמאָקראַטיע״, און זיי האָבען געדענקט, אַז דאָס וועט זיכערען זייערע פּאָזיציעס אין דער וועלט. זיי האָבען אָבער געמאַכט אַ שרעקליכען טעות.

„היעשה לו אדם אלקים והמה לא אלקים?״ — ווי קען אַ מענש מאַכען פאַר זיך אַ ג׳, וואָס איז ניט קיין ג׳? דער אָפּגאָט פון „דעמאָקראַטיע״ און „ליבעראַליזם״, צו וועלכען פילע פון אונזערע אידען האָבען געדינט און דינען נאָך היינט, האָט שוין ניט איינמאָל אָנגעזעצט בנוגע צו די אינטערעסען פון דעם

אידישען פאָלק. ווי די געשיכטע באַווייזט אונז, האָבען אויך די דעמאָקראַטישע פעלקער פאַרגעסען אין דעם אידען, ווען עס האָט זיך זיי געלוינט. די גרעסטע ליבעראַלע רעגירונגען, אַפילו די פון די כלומר׳שט פאַרטגעשריטענע אַרבייטער פאַרטייען, האָבען זיך אַרויסגעוויזען פאַר אמת׳ע אכזרים און האָבען נאָך צו־געלייגט אַ האַנט וואָס מער צו דריקען די אידען און ניט דערלאָזען, אַז זיי זאָלען קענען קומען צו זיך און ווערען מיט אַלע פעלקער צוגלייך.

„כזכור בניהם מזבחותיהם״ — ווען מען דערמאָנט זיך אין די קינדער, וואָס די אידישע טאַטעס און מאַמעס האָבען מקריב געווען אויף די מזבחות פון אָט די פאַלשע אָפּגעטער, זעהט מען ווי ריכטיג עס זיינען געווען די ווערטער פון ג׳: „ארור הגבר אשר יבטח באדם ושם בשר זרעו״ — פאַרשאָלטען איז דער יעניגער, וואָס פאַרלאָזט זיך אויף אַ מענשען און באַטראַכט דאָס פלייש, זיין רייכטום, אַלס זיין שטאַרקען אָרם. „והיה כערער בערבה״ — אַזאַ מענש איז ווי דער טאַמאַריסק אין דער וויסטע, וואָס האָט ניט קיין וואָרצלען און קאָן לאַנג ניט עקזיסטירען. גלות מיינט אויסגעריסענקייט, שוועבען אין דער לופטען, אַן אַ באָדען אונטער די פיס. אַלע דערגרייכונגען, וואָס אַ גלות־מענש דערוואַרבט, האָבען קיין האַפט ניט און קאָנען ביי אים לאַנג ניט פאַרבלייבען.

די לאַגע פון די אידען אין די פרעמדע לענדער איז געגליכען צו איינעם וואָס פאַרהייראַט זיין טאָכטער, גיט איר פיל נדן, און זי שטאַרבט אין דער וואָך פון דער חתונה. ער האָט נעבאַך באַגראָבען זיין טאָכטער און אויך פאַרלאָרען זיין געלט. מיט דעם וואָס מיר האָבען זיך צופיל פאַרלאָזט אויף דער דעמאָקראַטיע און דער ליבעראַלקייט פון דער היינטיגער ציוויליזאַציע, האָבען מיר אַלץ פאַרלאָרען. „מקוה ישראל ה׳״ — די האָפענונג פון אידען איז ביי ג׳ אין די הענט. וועט ער אונז היילען, וועלען מיר זיין געהיילט; וועט ער אונז העלפען, וועלען מיר געהאָלפען ווערען.

ג.

דער אידישער באַגריף פון פרייהייט

וקראתם דרור בארץ לכל יושביה.

„תניא, אין דרור אלא חירות. אמר ר׳ יהודה, מהו לשון דרור? כמדייר בי דיירא ומוביל סחורה בכל מדינה" — מען האָט אונז געלערענט: „דרור" מיינט קיין אַנדער זאַך ניט, ווי פרייהייט. רבי יהודה זאָגט: דער אויסדרוק „דרור" מיינט אויך, ווי איינער וואָס קאָן וואוינען אין יעדער געגענט און פירען סחורה אין אַלע מדינות (ר"ה ט׳ ע"ב).

„פרייהייט", זאָגט דער ענגלישער דענקער קאַרלייל, איז אַ זאַך, וואָס אַלע ווילען, אָבער זעהר ווייניג ווייסען וואָס דאָס מיינט". מען יאָגט זיך נאָך פרייהייט, מען קריגט זיך פאַר פרייהייט, אָבער זעלטען ווער עס פאַרשטייט דעם אמת׳ן באַגריף פון דעם. די וועלט־געשיכטע איז פול מיט באַשרייבונגען פון בלוטיגע מלחמות, וואָס זיינען אַנגעפירט געוואָרען אין דעם נאָמען פון פרייהייט. אָבער ביז היינטיגען טאָג האָט נאָך קיין פאָלק אין דער וועלט ניט דערגרייכט דעמדאָזיגען ציל און מען שלאָגט זיך נאָך אַלץ פאַר אים.

גאַנצע ליטעראַטורען זיינען געשאַפען געוואָרען איבער דעם אידעאַל פון פרייהייט. בעלעטריסטען האָבען אים באַשריבען, פּאָעטען האָבען אים באַזונגען, פּאָליטיקער האָבען אים קאָנסטיטואירט, יוריסטען האָבען אים געזעצליך באַגרינדעט, און דאָך זיינען די באַגריפען פון פרייהייט וויט פון זיין ביי אַלעמען גליין, און על פי רוב זוכט מען עס צו באַקומען אויף דעם חשבון פון אַנדערע, פון שוואַכערע.

די פילאָזאָפען גיבען די פאָלגענדע דערקלערונג איבער דער באַדייטונג פון דעם באַגריף פרייהייט. זיי זאָגען: „פרייהייט מיינט אַ צושטאַנד פון זעלבסט־באַשטימונג און זעלבסט־דערגרייכונג". אין פשוט׳ע ווערטער מיינט עס: די איינשטעלונג פון דעם מענשען אין זיין אייגענעם רשות, צו קאָנען טאָן וואָס זיין אייגענער שכל און רצון דיקטירען אים, און ניט דאַרפען זיין אונטערוואָרפען דעם רצון פון אַנדערע.

די דאָזיגע דערקלערונג שטימט געוויסערמאָסען מיט דער מיינונג פון אונזערע חז"ל. אין דער גמרא ווערט אין עטליכע שטעלען רעאַגירט איבער דעם,

וואָס דער פסוק באַנוצט זיך מיט דעם וואָרט „דרור" אין דער פּראָקלאַמאַציע פון פרייהייט צו דעם יובל־יאָר. „דרור" איז, אייגענטליך, אַ שוואַלב, אַ קליין פייגעלע, וואָס געפינט זיך אין וואַרימע געגענטען. די נאַטור פאָרשער זאָגען, אַז זי איז די פרייסטע פון אַלע פייגלען. זי מאַכט איר נעסט וואו זי וויל און לאָזט זיך ניט באַהערשען פון קיינעם. זי האָט ליב זונשיין, און אַזוי גיך ווי די קאַלטע וועטערען קומען אָן, הויבט זי זיך אויף און פליט אַוועק אין וואַרעמע מקומות. דאָס פאָלקס־ווערטעל „אַ פרייער פויגעל" באַציט זיך אויף דער שוואַלב אָדער, ווי זי הייסט אין העברעאיש, „דרור". אונזערע חז"ל זאָגען: „למה נקרא שמה דרור"? — ווארום ווערט זי אָנגערופען מיט דעם נאָמען „דרור", וואָס מיינט אויך פרייהייט אָדער וואוינונג? „שאינה מקבלת מרות, ודרה בבית כבשדה" — ווייל זי נעמט אויף זיך ניט אָן קיין הערשאַפט און וואוינט וואו זי וויל, אין הויז אָדער אין פעלד (ביצה כ"ד ע"א).

זעלבסט־באַשטימונג און זעלבסט־דערגרייכונג, פרייער ווילען און פרייע מעגליכקייטען זיינען די יסודות, אויף וועלכע אמת'ע פרייהייט איז געבויט. די יעניגע, וועלכע זיינען אונטערוואָרפען דעם רצון פון אַנדערע, זיינען גייסטיגע שקלאַפען, און די יעניגע, וואָס לעבען אויף די מעגליכקייטען, וואָס זיי באַקומען פון אַנדערע, זיינען קערפערליכע שקלאַפען. אַ לאַנד, וואָס צאַמט די מעגליכקייטען פון געוויסע אונטערטאַנען, איז ניט פריי, מעגען אירע בירגער האָבען אַלע רעכטען צו וואוטען אָדער צו שרייבען און רעדען וואָס זיי ווילען. „דעמאָקראַטיע, זאָגט דער אַמעריקאַנער פּאָעט דזשיימס לאָעל, איז אַ פאָרמע פון אַ געזעלשאַפט, וואו יעדער מענש האָט אַ געלעגענהייט און ווייסט, אַז ער האָט עס". אויב די אומשטענדען אין אַ לאַנד זיינען אַזעלכע, וואו דער שוואַכער פילט זיך געדריקט און ווייסט ניט, אַז אויך ער האָט דיזעלביגע געלעגענהייטען צו שטייגען אַזוי גוט ווי די שטאַרקערע פאַר אים, אַזאַ לאַנד איז ווייט פון צו זיין אַן אַמת'ע דעמאָקראַטיע.

אין די פּראָקלאַמאַציעס, וואָס ווערען פון צייט צו צייט אַרויסגעלאָזט פון די, וועלכע פירען אָן די איצטיגע גרויסע וועלט־מלחמה, ווערט דער אידעאַל פון פרייהייט שטאַרק באַטאָנט. די קינדער פון די פרייע לענדער ווערען געשיקט צום שלאַכטפעלד צו קעמפען פאַר זייער פרייהייט. די אונטערדריקטע פעלקער ווערען אויפגעפאָדערט צו רעוואָלטירען און זיך שטעלען דאַגעגען דעם שונא מיט דעם פאַרשפּרעכען, אַז אַזוי גיך ווי ער וועט באַזיגט ווערען, וועלען זיי געניסען אַלערליי פרייהייטען. אַזעלכע פאַרשפּרעכונגען זיינען אָבער געמאַכט

געוואָרען אויך אין די פריערדיגע וועלט־מלחמות, און פון זיי האָט זיך אויס־געלאָזט אַ בוידעם. מען האָט טאַקע די קלענערע פעלקער פאַר אַ געוויסער צייט געגעבען דאָס רעכט פון זעלבסטבאַשטימונג. מען האָט זיי אָבער ניט געגעבען די מעגליכקייט פון זעלבסט־דערגרייכונג. פּאָליטיש זיינען זיי געוואָרען פריי, אָבער עקאָנאָמיש זיינען זיי געבליבען אונטעריאָכט און הילפלאָז. די גרויסע און שטאַרקע פעלקער האָבען פאַרכאַפּט די מאַרקעטס און די נאַטירליכע אוצרות פון דער וועלט און זייערע אייגענע לענדער האָבען זיי אַרומגעצאַמט מיט ווענט פון גרויסע טאַריפען און שווערע אָפּצאָלונגען, כדי צו פאַרשליסען זייערע מאַרקעטס פאַר דער קאָנקורענץ פון די קלענערע און שוואַכערע פון זיי, וועלכע זיינען אַזוי־אַרום געדריקט געוואָרען צו פאַרקויפען זייער פּראָדוקציע צו די מעכטיגע טראַסטס פון די רייכע, וואָס האָבען זיי געהאַלטען אין אָרמוט און נויט.

„וקראתם דרור בארץ לכל יושביה״ — איר זאָלט פּראָקלאַמירען פרייהייט אין לאַנד פאַר אַלע איינוואוינער. די דאָזיגע פּראָקלאַמאַציע פון אונזער תורה איז אויך אָנגענומען געוואָרען פון דער פרייער אַמעריקע. אויפ׳ן פרייהייטס־גלאָק, מיט וועלכען מען האָט פאַנאַנדערגעקלונגען די „דעקלערײשאָן אָוו אינדעפּענדענס״, די דערקלערונג פון אומאָפּהענגיגקייט פון ענגלאַנד, אין די ערשטע צייטען פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע, איז אויסגעקריצט אָט דער פּסוק. דאָס, אייגענט־ליך, איז די גרעסטע גייסטיגע קאָנטריבוציע, וואָס דאָס אידיש פאָלק האָט בייגעשטייערט צו דער שאַפונג פון די יונייטעד סטייטס. דער הויפּט געדאַנק פון פרייהייט און גלייכהייט, וואָס — די פאָטערס פון אונזער פרייער רעפּובליק האָבען פּראָקלאַמירט אַלס יסוד פון איר קאָנסטיטוציע, איז גענומען געוואָרען פון אונזער תורה.

די חז״ל אָבער גייען פיל ווייטער אין זייער אויסטייטשונג פון דער דאָזיגער פרייהייט פּראָקלאַמאַציע. זיי זאָגען, אַז דער אויסדרוק „דרור״ מיינט ניט נאָר „כמדייר בי דירא״, אַז איינער זאָל קאָנען וואוינען וואו ער וויל און פאַרקערען פריי און אומגעשטערט אין זיין אייגען לאַנד. עס מוז אים אויך געגעבען ווערען די מעגליכקייט פון „מוביל סחורה בכל מדינה״, צו קאָנען פירען סחורה אין אַלע מדינות. פרייער פאַרקער צווישען פעלקער און די צעש־טערונג פון אַלע גרעניצען וועט פירען צו אַן אמת׳ען וועלט־שלום. דאָס איז דער אידישער באַגריף פון פרייהייט.

ביי דער געלעגענהייט וויל איך דאָ ברייננגען אַ שיינעם געדאַנק פון הרב יהודה ליב גינזבורג, רב פון דענווער, קאָלאָראַדאָ, אין זיין העכסט־וויכטיגען

ספר „ילקוט יהודה״. ער פרעגט: אין דער פרשה רעדט זיך דאָך פון דער באַ־פרייאונג פון קנעכט צום יובל־יאָר, וואָרום הייסט דער פסוק פּראָקלאַמירען פרייהייט „לכל יושביה״, צו אַלע אירע איינוואוינער, איינשליסענדיג אויך די באַלעבאַטים! און ער פאַרענטפערט עס מיט אַ טיפזיניגער מעשה׳לע, וואָס ווערט דערציילט וועגען דעם גרויסען גריכישען פילאָזאָף דיאָגענעס: „זיין באַדינער, וועלכער איז געווען אַ שקלאַף, איז פון אים אַנטלאָפען, און אַז זיינע תלמידים האָבען זיך אָנגעבאָטען אים אויפצוזוכען און דורך דעם געזעץ צווינגען אים צו קומען צוריק, האָט דיאָגענעס זי געענטפערט: טוט עס ניט! עס וועט זיין אַ חרפה פאַר מיר צו ווייזען דער וועלט, אַז מיין שקלאַף קאָן אויס־קומען אָהן זיין האַר דיאָגענעס און דער גרויסער דיאָגענעס קאָן אָהן זיין שקלאַף ניט אויסקומען״.

מיט באַפרייען די קנעכט ווערט אויך זיין בעל־הבית פריי. פרייהייט, וואָס מען געניסט דורך פאַרשקלאַפען אַנדערע, איז אַ פאַלשע מטבע, מיט וועלכער מען נאַרט אָפּ בלויז זיך אַליין.

הפטרה

וואו מיר אידען וועלען געניסען אמת׳ע פרייהייט

מקוה ישראל ה׳.

„מה מקוה מטהר את הטמאים אף הקב״ה מטהר את ישראל״ — אַזוי ווי אַ מקוה מאַכט ריין די אומריינע, אַזוי וועט אויך דער אויבערשטער רייניגען די אידען (ילקוט שמעוני ח״א רמז תקע״ח).

אין דער סדרה „בהר״ ווערען אַרומגערעדט די דינים פון „שמיטה״ און „יובל״. שמיטה, וועלכע קומט איין מאָל אין זיבען יאָר, איז הויפּטזעכליך געצילט צו לאָזען די ערד אַליין זיך אויסצורוען פאַר אַ גאַנץ יאָר. „כי תבא אל הארץ״, אַז איר וועט קומען אין לאַנד און אָנפאַנגען באַאַרבייטען דעם באָדען, „ושבתה הארץ שבת״, זאָל די ערד אויך האָבען אַ געוויסע רו־צייט. אויב איר ווילט, אַז דער באָדען זאָל אימער זיין פראָדוקטיוו, זוכט אים ניט צו עקספּלאָאַטירען צופיל. „שש שנים תזרע — ובשנה השביעית שבתון יהיה לארץ״ — זעקס יאָר זאָלט

איר זייען אייערע פעלדער און דעם זיבעטען יאָר זאָלט איר לאָזען די ערד רוען. דאָס וועט איר געבען צייט אָנצוקלייבען כוחות צו קאָנען פּראָדוצירען פאַר די נעקסטע זעקס יאָר. אויב דאָס פעלד וועט אויך אין שמטה־יאָר וואַקסען פּרוכט, זאָלען די אייגענטימער פון דעם ניט געניסען, עס מוז אָוועקגעבען ווערען צו אָרימעלייט.

נאָך זיבען שמטה־יאָרען, אויף דעם פופציגסטען יאָר, זאָל מען פּראָק־לאַמירען אַ „יובל", אַן אַלגעמיינע באַפרייאונג. אַלע קנעכט מוזען אין דעם יאָר באַפרייט ווערען; אַלע חובות, וואָס דריקען די אָרימעלייט, מוזען אויפגעלייזט ווערען, און אַלע נחלות, וואָס זיינען צוליב נויט פאַרקויפט געוואָרען, זאָלען זיך אומקערען צוריק צו זייערע באַלעבאַטים. „כי לי כל הארץ" — די גאַנצע ערד באַלאַנגט צו מיר, זאָגט ג׳, און דערפאַר קאָן זי ניט פאַרקויפט ווערען „לצמיתות", פאַר אייביג. עס טאָר זיך ביי אייך ניט געפינען קיין לאַנד־האָבער און לאַנד־לאָזע.

„די דאָזיגע געזעצען, זאָגט דער גרויסער אַמעריקאַנער סאָציאָלאָג הענרי דזשאָרדזש, זיינען ניט געמיינט צו באַשיצען דאָס רעכט פון אייגענטום בלויז. זיי באַשיצען אויך די גאַנצע מענשהייט. שמטה און יובל פאַרזיכערען דעם נויט־באַדערפטיגען מיט רו און זיכערקייט. מיט דעם קול פון שופר ביים אָנפאַנג פון יובל־יאָר ווערען באַפרייט אַלע קנעכט און די ערד ווערט צוריק אויסגעטיילט צו איר פריערדיגע באַלעבאַטים. דאָס שאַפט אויך פאַר די אָרימסטע אַ געהעריגען חלק פון גאָט׳ס אייגענטום".

„ושבתם איש אל אחוזתו" — און יעדער איינער זאָל זיך צוריקקערען צו זיין נחלה. דער „ילקוט הדרוש" באַמערקט, אַז אין דעם ליגט אויך אַ וואונק פאַר דעם אידישען פאָלק אין די גלות־לענדער. ער זאָגט: אויך דאַן, ווען עס וועט זיין „דרור בארץ", ווען איר וועט אין אייערע וואוין־ערטער געניסען פון אַלע פרייהייטען און פון אַלע בירגער־רעכטען, זאָלט איר פונדעסטוועגען ניט פאַרשיכור׳ט ווערען און ניט מיינען, אַז איר זענט שוין אויף אייביג געהאָלפען. אויך דעמאָלט זאָלט איר שטענדיג האָבען אין זינען און ניט אויפהערען צו שטרעבען צום „ושבתם איש אל אחוזתו" — אומצוקערען זיך אין אייער אייגען לאַנד און אייער אייגענער אַלטער הייט".

„ואיש אל משפחתו תשובו" — און יעדערער זאָל זיך צוריקקערען צו זיין פאַמיליע. רבי שמואל מאָליווער ע"ה באַמערקט אויף דעם: „בשעת עס וועט זיין „ושבתם איש אל אחוזתו", בעת מיר וועלען זיך אומקערען צוריק צו אונזער אַלטער אחוזה, אין אונזער לאַנד, דאַן וועט אויך זיין „ואיש אל משפחתו

תשובו״. וועלען מיר צוריקגעווינען אונזערע משפחות, אונזערע קינדער, וועלכע מיר פאַרלירען אין גלות און זיי האַלטען זיך ליידער אין אין דערוויטערען פון אונז, אין איין אַנטלויפען פון דעם אידישען פאָלק און פון דער אידישער תורה״.

דער נביא אין דער היינטיגער הפטרה בייזערט זיך שטאַרק אויף די אידען, וועלכע קניען זיך פאַר פרעמדע מזבחות און פאַרלאָזען זיך אויף פרעמדער הילף. ער זאָגט: פאַרשאָלטען איז דער מענש, וואָס פאַרלאָזט זיך אינגאַנצען אויף מענשען. אויב אידען ווילען באַפרייט ווערען, מוזען זיי לייגען זייער גאַנצע האָפענונג אויף ג׳, אויף זייער אמונה, און זייערע אייגענע פאָלקס־כוחות. „מקוה ישראל ה׳״ — די האָפענונג פאַר אידען ליגט ביי ג׳ אין די הענט, און דער מדרש באַמערקט אויף דעם: עס ווערט ניט געזאָגט „תקות ישראל״, נאָר „מקוה ישראל״, אַנצודייטען, אַז די רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע האָפענונג איז פאַר די אידען אויך אַ מקוה פון ריינעם וואַסער, וואָס רייניגט זיי פון אַלע טומאות, וואָס האָבען זיך צו זיי צוגעקלעפּט אין גלות, און זיי ברייגנען זייער אמת׳ע פרייהייט.

ד

דער פאַרבאָט פון נעמען אָדער געבען פראָצענט

אל תקח מאתו נשך ותרבית

„מי שיש לו מעות ומלוה אותם שלא ברבית עליו הכתוב אומר: עושה אלה לא ימוט לעולם״ — ווער עס האָט געלט און פאַרלייט עס אָהן פראָצענט, אויף אַזעלכע זאָגט דער פסוק: דער וואָס טוט עס, וועט קיינמאָל ניט אומ־פאַלען״ (ב״מ ע״א ע״א).

וואוכעריי, צו פאַרלייען געלט אויף גרויסע פראָצענטען איז שטרענג פאַרבאָטען אין דער תורה, און דער איסור פאַלט אויףביידען, דעם „מלוה״, וואָס פאַרלייט דאָס געלט, און אויך אויף דעם „לוה״, וואָס לייט דאָס געלט. צינזען פאַר אַ הלואה ווערען אין דער תורה אַנגערופען מיט צוויי נעמען: „נשך״ און „תרבית״. „נשך״ מיינט אַ בייסונג, אַזאַ היכער צינז, וואָס בייסט דעם געבער און טוט אים וויי. „תרבית״ אָדער „רבית״ מיינט אַ פאַרמערונג, אַ געוויי־סער לוין פאַר דער הלואה, וואָס מען באַקומט.ביידע זיינען פאַרבאָטען —

ניט צו נעמען און ניט צו געבען. „ויראת מאלקיך, וחי אחיך עמך״ — דו זאָלסט מורא האָבען פאַר דיין גאָט און לאָזען דיין ברודער לעבען מיט דיר. אַ ברודער, וועלכער איז אין נויט און מוז אַנקומען נאָך אַ הלואה, כדי צו קאָנען אַנפירען מיט זיינע געשעפטען ביז זיין לאַגע וועט זיך פאַרבעסערען, זאָל עס קריגען אָהן שוועריגקייטען. אָרימקייט און נויט רופען אַרויס דערביטערונג און קנאה קעגען די פאַרמעגליכערע און פירט צו אַ קלאַסענקאַמף. כדי דיין אייגען לעבען זאָל בלייבען געזיכערט, „וחי אחיך עמך״ — זעה, אַז אויך דיין ברודער זאָל לעבען מיט דיר צוזאַמען.

די חז״ל באַטראַכטען וואוכעריי פאַר אמת'ער גזלה. זיי פאַרגלייכען דעם פראַצענטניק צו אַ גזלן און זאָגען: „הגזלנין ומלוי ברבית שהחזירו אין מקבלין מהן״ — גזלנים און פראַצענטניקעס, ווען אַפילו זיי קערען אום צוריק די גזלה אָדער דעם פראַצענט, זאָל מען עס פון זיי ניט נעמען, סיידען זיי טוען תשובה און נעמען אויף זיך ווייטער דאָס ניט צו טאָן צו קיינעם (ב״ק צ״ד ע״ב). שווערע פראַצענטען אונטערדריקען דעם געשעפטסמאַן און פאַרקלענערען זיינע פאַרדינסטען. ער אַרבייט שווער און פון זיין פראַצע שטעלט זיך אים אַפּ ווייניג. איבעהויפּט פאַר פאַרמערס, פאַר ערד־אַרבייטער זיינען גרויסע פּראַצענטען אַן אומגעהייערע לאַסט, ווייל זיי מוזען לאַנג וואַרטען ביז די ערד פראָדוצירט אירע פרוכט, און פאַר דער צייט וואַקסען די שטייערען אַזוי הויך, אַז נאָכדעם בלייבט זיי גאָרניט און זיי זיינען פיל מאָל געדריקט צו פאַרקויפען דאָס לאַנד צו די פראַצענטניקעס, און דאָס איז שטרענג פאַרבאָטען אין דער תורה. „כי לי כל הארץ״ — צו מיר באַלאַנגט דאָס גאַנצע לאַנד, זאָגט גאָט, און איך וויל ניט, אַז זי זאָל אַריינפאַלען אין די הענט פון יחידים, פון עטליכע רייכע לייט.

דער איסור פון נעמען אָדער געבען פראַצענט איז לויט דער תורה חל בלויז אויף אידען. ווען אַ איד איז אָבער געדריקט אַנצוקומען צו אַ הלואה פון אַ ניט־אידען, איז אונז דערלויבט צו צאָלען צינזען. „לנכרי תשיך לאחיך לא תשיך״ — דעם פרעמדען קאָנסטו צאָלען צינזען, אָבער צו דיין ברודער זאָלסטו קיין צינזען ניט צאָלען. דערדאָזיגער פסוק האָט פאַרשאַפט פיל צרות צו אונזער פאָלק. אונזערע שונאים האָבען פון דעם געדרונגען, אַז די תורה דערלויבט די אידען צו רייסען גרויסע פראַצענטען פון ניט אידען. מאַנכע פון די מפרשים זוכען דעם געזעץ לייכטער צו מאַכען, מיט דער דערקלערונג, אַז מיט דעם וואָרט „לנכרי״ ווערט געמיינט אַ פרעמדער, וואָס קומט פון אַן אַנדער לאַנד. דאָס

הייסט, אַז פאַר אַן אויסלענדישער הלואה מעג מען צאָלן, אָדער נעמען פּראָ־צענטען, אָבער ביי אַ גוי, וואָס וואוינט אין דעמזעלבען לאַנד, טאָר מען ניט נעמען קיין פּראָצענטען, ווי די גמרא זאָגט: „כספו לא נתן בנשך, אפילו ברבית גוים" — זיין געלט האָט ער ניט געגעבען אויף פּראָצענט אפילו צו גוים — דער איז דער הויפּט אָרענטליכער מענש (מכות כ"ד ע"א).

דאָסדאָזיגע פּשט'ל פון די מפרשים איז אָבער ניט נויטיג, ווייל דער פסוק רעדט דאָ ניט פון דעם „מלוה", פון דעם וואָס פאַרלייט דאָס געלט, נאָר פון דעם „לוה", פון דעם וואָס מוז צו דער הלואה אָנקומען. די חז"ל, וועלכע האָבען געקענט די העברעאישע שפּראַך, האָבען די ווערטער פאַרשטאַנען גאַנץ אַנדערש: דאָס וואָרט „תשיך" איז פון דעם בנין „הפעיל", וואָס מיינט זיך לאָזען בייסען, און דאָס גייט אויף דעם „לוה". „לנכרי תשיך" — פון דעם גוי מעגסטו זיך לאָזען בייסען. אויב ער פאָדערט פון דיר גרויסע פּראָצענטען פאַר'ן געלט, וואָס דו לייסט פון אים, מעגסטו אים געבען. „לאחיך לא תשיך" — פון דיין ברודער אָבער זאָלסטו זיך ניט לאָזען בייסען, אים טאָרסטו קיין פּראָצענטען ניט צאָלען, ווייל געבען פּראָצענט צו אַ אידען איז פּונקט אַזאַ שווערע עבירה ווי נעמען פון אים פּראָצענטען. דעם גוי, וואָס איז דערלויבט צו נעמען פּראָ־צענטען, אים מעגסטו אויך געבען (אוצר השמות, א. ח. ראָזענבערג).

וואוכעריי איז אַזוי פיל פאַראַכט פון אונזערע חכמים, אַז זיי פאַרבאָטען אויך „אבק רבית" — שטויב פון פּראָצענטען. מיט „אבק רבית" ווערט געמיינט יעדער לוין, אָדער טובה, וואָס מען קריגט פאַר מאַכען אַ הלואה. לויט דער תורה איז אָסור בלויז „רבית קצוצה" — אַ באַשטימטע סומע, וואָס דער „לוה" וויליגט איין צו געבען דעם „מלוה" פאַר דעם, וואָס ער לייט אים זיין געלט. אָבער אויב דער „לוה" האָט פון אייגענעם ווילען געגעבען דעם „מלוה" אַ מתנה פאַר דער טובה, וואָס ער האָט אים געטאָן, הייסט דאָס ניט קיין „רבית", קיין באַשטימטער פּראָצענט, און ער קאָן עס טאָן, אויב ער וויל. די חכמים האָבען אָבער אויך דאָס פאַרבאָטען. זיי זיינען קעגען פאַרגיטיגען דעם, וואָס העלפט זיינעם אַ ברודער מיט אַ הלואה, אפילו דורך „אבק רבית" — דורך אַ שטויב פון פּראָצענט.

וועגען דעם פאַרבאָט פון אונזערע רבנים ניט צו נעמען אפילו אַ שטויבעלע פון פּראָצענט ווערט דערציילט זעהר אַ שיין מעשה'לע, פון וועלכער מיר קאָנען פיל לערנען:

צום „חתם סופר" איז אַמאָל אַריינגעקומען דער פּרעשבורגער ראש הקהל, וועלכער איז געווען אָנגענומען אין שטאָט אַלס גרויסער סוחר, אַ גביר אדיר,

און מיט אַ געבראָכען געמיט, גאָרניט ווי זיין שטייגער, האָט ער איינגערוימט דעם רב, אַז ער וויל מיט אים עפּעס רעדען ביחידות.

דער „חתם סופר" האָט אים אַריינגעבעטען אין אַ חדר מיוחד, צוגעשלאָסען די טיר — און דאָ האָט דער ראש הקהל פּלוצלינג אויסגעבראָכען אין אַ געוויין און געוּמען דערציילען, אַז ער געפינט זיך אין אַ מורא'דיגען מצב. ער האָט געמאַכט אַ שלעכט געשעפט, ביי וועלכען ער האָט פאַרלוירען דאָס גאַנצע פאַרמעגען זיינס, אַזוי, אַז עס קומט אים איצט אויס צו נעמען אַ טאָרבע און גיין, חלילה, איבער די הייזער.

דער „חתם סופר" פּרוּאווט, ווי דער שטייגער איז, אים צו טרייסטען, אָבער יענער הערט ניט אויף צו גיסען מיט טרערען. אויסער דעם, וואָס ער האָט פאַרלוירען זיין אייגען געלט, איז ער אויך אַ גרויסער בעל־חוב. ער האָט אויסגעשטעלט וועקסלען, וועלכע וועלען אין אייניגע מאָנאַטען אַרום זיין צאָלבאַר, און ער זעהט ניט קיין שום אויסוועג ווי אַזוי אַרויסצוגיין פון דער פאַרצווייפעלטער לאַגע. איצט ווייס נאָך קיינער ניט וועגען דעם מצב זיינעם, אפילו זיין אייגען ווייב ווייס דאָס ניט, אָבער סוף כל סוף וועט מען זיך דערוויסען, און ווי אַזוי וועט ער קאָנען איבערטראָגען די חרפּה? אָט שטעלט זיך איצט דער גרויסער לייפּציגער יריד, צו וועלכען ער האָט נאָך קיין איין יאָר ניט פאַרפעהלט צו פאָרען, איז אויב ער וועט ניט פאָרען, וועט מען זיך אין שטאָט גלייך אָנשטויסען, אַז עס איז מיט אים ניט אין אָרדנונג; זאָל ער יאָ פאָרען — וואָס וועט ער דאָרט טאָן אָהן געלט, ובפרט, אַז ער האָט אַפילו ניט אויף הוצאות?

„וויפיל קאָסט אַ נסיעה קיין לייפּציג?" פרעגט ביי אים דער „חתם סופר".

„פון אַמאָליגע נסיעות מיינע", קרעכצט דער ראש הקהל, „איז דאָך אָפּגערעדט. היינט וואָלט איך געמאַכט אַ נסיעה פאַר הונדערט גילדען, אָבער אפילו דאָס פאַרמאָג איך ניט".

„הונדערט גילדען, סך־הכל? איך באָרג אייך הונדערט גילדען און פאָרט תיכף, אי"ה מאָרגען, קיין לייפּציג — און ניט געזאָרגט, השי"ת וועט העלפען!" און דאָס זאָגענדיג, איז דער „חתם סופר" צוגעגאַנגען צו דער שראַנק, אַרויסגענומען הונדערט גילדען, זיין גאַנצען אָפּגעשפּאָרטען „קאַפּיטאַל", און דערלאַנגט דעם ראש הקהל.

יענער האָט לכתחילה ניט געוואָלט נעמען דאָס געלט. געקומען איז ער צום רב אויסצורייִדען זיך דאָס האַרץ, פרעגען אַן עצה, אָבער ניט, חלילה, כדי צו בעטען ביי אים געלט, בפרט אַז ער ווייס ניט פון וואַנען ער וועט נעמען

אָפּצוגעבען. אָבער דער „חתם סופר" האָט ניט געלאָזט אים רײדען. מיט געוואַלט איז אַרײנגעשטופּט דאָס געלט אין האַנט און זיך געזעגענט מיט אים און אָנגעוואונשען, אַז ער זאָל מצליח זײן.

„איך האָב ניט קײן װערטער צו דאַנקען אײך, רבי!" האָט זיך דער ראש הקהל באַגאַסען מיט טרערען.

„דאַנקען? חלילה! אויב איר װעט מיר דאַנקען, װעל איך מוזען צוריקנעמען דאָס געלט. איך בין איצט אײער „מלוה" און טאָר פון אײך קײן פּראָצענט ניט נעמען, אפילו אַ גוט־װאָרט איז פּראָצענט. פאָרט לחיים ולשלום און השי״ת װעט אײך העלפען!"

בקיצור, דער פּרעשבורגער ראש הקהל איז מיט די 100 גילדען אַװעקגעפאָרען קײן לײפּציג. תיכף, װי באַר ער איז געקומען אויפ'ן יריד און אַרויס אויפ'ן מאַרק, באַגעגענט ער זיך מיט אַ באַקאַנטען סוחר, װעלכער לײגט אים פאָר צו קויפען בײ אים אַ ריזיגען טראַנספּאָרט קאַװע אויף קרעדיט. ער האָט דאָס געקויפט און אין דעם זעלבען טאָג איז דער מקח פון קאַװע געשטיגען, און ער האָט פאַרקויפט די סחורה מיד־ליד און פאַרדינט שװערע טויזענטער. אַזוי האָט אים אויך דאָס מזל געשפּילט די גאַנצע צײט פון דעם יריד. װאָס ער האָט געקויפט, האָט ער באַלד פאַרקויפט מיט גרויסע רוחים און במזומנים.

פאַר'ן פאָרען אַהײם האָט ער זיך מיישב געװען: מען דאַרף דעם רב ברײנגען עפּעס אַ שײנע מתנה. און היות דער „חתם סופר" איז געװען אַ גרויסער מבין אויף ברילִיאַנטען, האָט ער פאַר אים געקויפט אַ גאָלדענעם רינג מיט אַ טײערען שטײן.

קומענדיג קײן פּרעשבורג, איז ער תיכף אַרײן צום רב מיט אַ שמחה:

„רבי!" האָט ער אויסגערופען. „אײער ברכה איז מקוים געװאָרען! נאָט אײך אָפּ די 100 גילדען, און דאָס, רבי, איז אַ קלײנע מתנה פאַר אײער גרויסער טובה, װאָס איר האָט מיר געטאָן!" — און ער דערלאַנגט אים דעם רינג.

דער „חתם סופר" נעמט דעם רינג, באַטראַכט דעם ברילִיאַנט און זאָגט מיט התפעלות:

„אוואַ, אַ יופי שביופי, אַ זעלטענער ברילִיאַנט... אַזאַ שטײן איז זיכער ניטאָ אין גאַנץ פּרעשבורג" — און ער לאָזט ניט אַרויס דעם רינג פון האַנט.

דער ראש הקהל איז מלא שמחה, ער קװעלט פון צופרידענקײט, װאָס ער האָט דעם רב אַזוי צוגעטראָפען מיט דער מתנה.

דער „חתם סופר" האָלט אין איין באַטראַכטען דעם שטיין און הערט ניט אויף אַרויסצוזאָגען זיין התפעלות:

„אַ טייער שטיין, ריין ווי וואַסער, אָהן אַ שום שמץ... אַ יופי שביופי..."

און דאַן, אין עטליכע מינוט אַרום, דערלאַנגט ער דעם ראש הקהל צוריק דעם רינג און זאָגט צו איהם:

„איך זאָג אייך נאָכאַמאָל, אַז אַזאַ ברילליאַנט האָב איך נאָך ניט געזעהן, עס איז באמת אַ כלי יקר, נוצט עס געזונטערהייט!"

„וואָס הייסט?" בלייבט דער ראש הקהל פאַר'חידוש'ט. „דעם רינג האָב איך דאָך, רבי, געקויפט פאַר אייך, אַלס מתנה..."

„ניין, מיין ליבער איד!" ענטפערט איהם דער „חתם סופר" — ווען איך וואָלט אייך ניט געגעבען קיין הלואה, וואָלט איך אפשר גענומען ביי אייך די מתנה, אָבער איצט טאָר איך ניט, ווייל עס שמעקט מיט רבית, מיט שטויב פון פראָצענט..."

הפטרה

ארץ ישראל וועט בלייבען אין אידישע הענט

חממני יפלא כל דבר.

„אין משיח בא אלא בתשעה באב, לפי שקבעו אבל בזמן הזה, ועתיד לפני הקב"ה לעשותו יום טוב, שנאמר והפכתי אבלם לששון ושמחתים מיגונם" — משיח וועט ניט קומען נאָר תשעה באב, ווייל די אידען האָבען איהם געהאַלטען פאַר אַ טרויער־טאָג דורך דער גאַנצער צייט, און עס איז באַשטימט געוואָרען פון ג', איהם צו מאַכען פאַר אַ יום־טוב, ווי עס ווערט געזאָגט: איך וועל פאַר־וואַנדלען זייער קלאָג אין אַ פרייד און איך וועל זיי טרייסטען און דערפרייען פון זייער טרויער (פסיקתא רבתי).

אַ גרויסער טייל פון היינטיגער סדרה איז געווידמעט צום דעם באָדען פון ארץ ישראל. מיט דעם באָדען פון דעם הייליגען לאַנד קאָן מען זיך ניט אויפ־פירען ווי מיט אַלע אַנדערע באָדענס. מען מוז איהם באהאַנדלען מיט ליבע און איבערגעבענקייט. מען טאָר איהם ניט צופיל עקספּלואַטירען. איין יאָר אין זיבען

מוז זיין „שמיטה", אַ שבת־יאָר פאַר דער ערד, אין וועלכען זי זאָל זיך קאָנען אויסרוען און זאַמלען כוחות, כדי צו קאָנען פּראָדוצירען פאַר די קומעדיגע זעקס יאָר. „גאולה תתנו לארץ" — ארץ־ישראל־ערד מוז זיין פריי און טאָר ניט איבערגעגעבען ווערען צו פרעמדע. אויב די בעלי־בתים פון אַ געוויסען באָדען זיינען פאַראָרימט געוואָרען און זיינען געוועזן געדריקט אים צו פאַרקויפען, זאָל מען זיי דעם באָדען צוריקגעבען אין דעם יאָר פון „יובל". „הארץ לא תמכר לצמיתות — כי לי כל הארץ" — די ערד פון ארץ־ישראל קאָן ניט פאַרקויפט ווערען פאַר אייביג, ווייל צו מיר באַלאַנגט דאָס לאַנד, זאָגט ג׳.

די פליכטען פון אידען צו ארץ־ישראל זיינען שטענדיגע און קאָנען ניט אונטערבראָכען ווערען פון חורבנות אָדער גלות׳ן. אויב מיר זיינען ניט ווערט צו האָבען אַן אייגענע מלוכה פאַר אַ געוויסער צייט, זאָל כאָטש דער באָדען תמיד פאַרבלייבען אין דעם באַזיץ פון אידישען פאָלק. „בכל ארץ אחוזתכם גאולה תתנו לארץ" — אין אַלע לענדער, וואו אידען באַזעצען זיך, זאָלען זיי האָבען אין זינען צו באַפרייען דעם באָדען פון ארץ־ישראל און אים האַלטען גרייט פאַר׳ן אידישען פאָלק.

רבי שמואל מאָהליווער, ע"ה, האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט, אַז דער פּסוק „הארץ לא תמכר לצמיתות" מיינט אויך, אַז אידען מוזען זעהן, אַז זייער לאַנד זאָל קיינמאָל ניט פאַרפאַלען גיין. שטענדיג און איבעראַל מוזען אידען זאַמלען געלט אויף אויסצוקויפען דעם באָדען פון ארץ־ישראל און אים באַפרייען פון פרעמדע הענט.

דערדאָזיגער געדאַנק ווערט באַשטעטיגט פון דער היינטיגער הפטרה: ירמיהו הנביא ווערט פון דער מלוכה אַריינגעוואָרפען אין פריזאָן, ווייל ער האָט עפענטליך נביאות געזאָגט, אַז בבל וועט באַזיגען יהודה און וועט חרוב מאַכען דאָס לאַנד. פלוצלינג הערט ער דעם רוף פון ג׳, וועלכער זאָגט אים, אַז זיין אָנקעל „חנמאל" וועט צו אים באַלד קומען און אים אויפפאָדערען צו קויפען פון אים זיין פעלד אין ענתות, וואָס ער איז געדריקט צו פאַרקויפען צוליב אָרימקייט. און ג׳ הייסט אים קויפען דאָס פעלד, ווייל „לך משפט הגאולה לקנות" — לויט דעם געזעץ איז עס דיין פליכט אויסצולייזען די ירושה און עס האַלטען אין דער משפחה. ירמיהו פרעגט אים: הנה הסוללות באו העיר ללכדה — ואתה אמרת קנה לך השדה?" — דער וואַנגאַרד פון נבוכדנצר׳ס אַרמייען זיינען דאָך שוין נאָענט ביי דער שטאָט איר איינצונעמען און דו הייסט מיר קויפען דאָס פעלד?

ער באַמערקט אָבער דעם ענטפער פון ג׳: „הממני יפלא כל דבר?” איז דען פון מיר פאַרהוילען יעדע זאַך? איך ווייס וואָס עס וועט פאַרקומען, און אַז איך הייס דיר קויפען דאָס פעלד, פרעג ניט קיין קשיות. עס איז טאַקע אמת, אַז דאָס לאַנד וועט באַלד פאַלען און אַז די אידישע מלוכה וועט צעשטערט ווערען, אָבער די ערד, דער באָדען פון לאַנד, זאָל פאַרבלייבען אין אידישען באַזיץ. טרויערען אויפ׳ן חורבן איז טאַקע וויכטיג, ווייל דאָס האַלט אָן דעם אָנדענק פון דער אידישער נאַציאָנאַליטעט, אָבער מיט טרערען אַליין וועט מען ווייניג אויפטאָן. מען מוז אויך ביישטייערען מיט אַלע כוחות דאָס לאַנד צו באַפרייען. וועלען עס די אידען טאָן, וועט „תשעה באב”, דער טאָג פון זייער חורבן, פאַרוואַנדעלט ווערען אין אַ יום־טוב. משיח וועט קומען אין דעם טאָג און זיי וועלען געטרייסט ווערען פון אַלע זייערע ליידען און אומגליקען.

ה.

די עטישע געזעצען פון דער תורה

וחי אחיך עמך.

„לעולם יראה אדם עצמו כאלו חציו חייב וחציו זכאי — עשה מצוה אחת אשריו שהכריע עצמו ואת כל העולם לכף זכות” — אימער זאָל זיך אַ מענש באַטראַכטען האַלב שולדיג און האַלב ריין; גייט ער טאָן אַ מצוה איז וואויל צו אים, ווייל ער קאָן איבערוועגען זיך און די וועלט לכף זכות (קידושין מ׳ ע״א).

די עטישע לערען פון אַלע פעלקער און רעליגיעס זוכען צו באַשטימען געוויסע גרעניצען פאַר די אינסטינקטען פון מענשען, וואָס פאָדערען זייער פולע צופרידענשטעלונג. זיי לערנען אים, ער זאָל זיך באַהערשען און זיך ניט יאָגען צו דערפילען זיינע תאוות אויף דעם חשבון פון זיינע מיטמענשען. די הומאַניטאַרע געזעצען, וואָס זיי שלאָגען פאָר, זוכען צו עטאַבלירען אַ גלייכגעוויכט צווישען ווידערשפרעכענדע וואונשען און צו האַרמאָניזירען, אויף וויפיל מעגליך, די אַנטקעגענגעזעצטע פּרעטענזיעס, וואָס שטייגען אויף פון צייט־צו־צייט אין דעם סאָציאַלען פאַרקער פון דער מענשהייט.

די עטישע לערען פון דער אידישער תורה אָבער, ווי זיי ווערען דער־

קלערט אין תלמוד און די מדרשים, גייען פיל ווייטער. זיי באַגוגענען זיך ניט בלויז מיט דער ענגער פונקציע ווי צו פאַרזיכערען אַ מילדערונג אָדער מעסיג־קייט פאַר די אינסטינקטען פון דעם מענשען און זיינע עלעמענטאַרע תאוות. די מאָראַלישע געזעצען פון דער תורה זוכען צו דערהויבען דעם מענשען צו אַ שטופע פון „מעט מאלקים", פון אַ געטליכעס וועזען און אַרויסרופען אין אים גייע וואונשען, העכערע און נאָבעלערע ווי זיינע ערדישע אימפּולסען און נייגונגען. זיי שלאָגען פאָר אים פאַר מעטאָדען פון קאָאָפּעראַציע, ווי געמיינשאַפטליך, מיט דער הילף פון זיינע מיטמענשען, צו קאָנען אויף דער נאַטירליכער וועלט, אַלס יסוד, אויפשטעלען אַ צווייטע געביידע, אַ גייסטיגע און אידישע — די מאָראַלישע וועלט.

„וחי אחיך עמך" — דיין ברודער זאָל קאָנען לעבען מיט דיר, איז אַן אַלגעמיינער עטישער געזעץ, וואָס דינט דעם מענשען אויף דער וועלט. אויב דיין ברודער וועט ליידען און דו וועסט אים ניט העלפען, שטעלסטו דאָדורך דיין אייגען לעבען אין סכנה. אָרימקייט און נויט רופען אַרויס דערביטערונג און קנאה קעגען די פאַרמעגליכערע. קאַפּיטאַל קאָן זיך דאָן האַלטען אויב די מאַסען ווערען באַזאָרגט מיט חיונה און זיינען ניט אויסגעזעצט צו אַ הונגער־לוין. אויב אָבער די רייכע פאַרכאַפּען אַלץ פאַר זיך און לאָזען די אָרימערע ברידער שמאַכטען פון נויט, ברייגנען זיי דאָס לאַנד צו אַ קלאַסען־קאַמף און צו רעוואָלוציעס, וואָס וועלען זיי ענדליך באַרויבען פון זייער קאַפּיטאַל.

„וחי אחיך עמך" — לאָז דיין ברודער לעבען מיט דיר, כדי דיין אייגענער לעבען זאָל בלייבען געזיכערט. די זיכערקייט פון דעם יחיד איז פיל אָפּהענגיג אָן דעם מצב פון דעם כלל. אויב איינער וויל געניסען פון די קאַפּיטאַלען, וואָס ער האָט פאַר זיך דערוואָרבען, זאָל ער זיך אויך זאָרגען פאַר דעם וואויל און בעסטען פון דער געזעלשאַפט און אויך זיין פאָלק, וואָס האָבען אים געגעבען די מעגליכקייט עס צו טאָן. עקאָנאָמישע צופרידענהייט אין אַ לאַנד פאַרזיכערט זיין פאָליטישען מצב און פירט צו שלום און פרייהייט.

אונזערע חז"ל אָבער געהען אַ שריט ווייטער און באַהויפּטען, אַז אפילו אין גייסטיגע ענינים, אין זאַכען „בין אדם למקום", אין פליכטען וואָס אַ מענש האָט צו זיין אמונה, זאָל ער זיך אויך האַלטען פאַראַנטוואָרטליך פאַר דעם גאַנצען כלל. זיי לערנען אונז, אַז יעדער מענש מוז זיך באַטראַכטען אַלס דער מיטעל־פונקט פון דער גאַנצער מענשהייט און אַז אַן זיינע מעשים איז געוועגדט דער גליק פון אַלעמען. „עשה מצוה אחת — הכריע את כל העולם לכף זכות" —

אין גוטע טאַט, אין מצוה קאָן אַמאָל אַריבערוועגען די גאַנצע וועלט אויף דער זייט פון גייסטרייכקייט און אידעאַליזם. מיט דעם ליגט ער אויך אַ יסוד פאַר דער עטאַבלירונג פון אַ נייער אָרדנונג, וואָס וועט די וועלט דערהויבען צו אַ הויכער מאָראַלישער שטופע.

די הויפט אידייע פון אונזערע מאָראַלישע געזעצען איז צו האַלטען דאָס פאָלק פאַראייניגט. „אין בכלל אלא מה שבפרט״, דער כלל איז צוזאַמענגעשטעלט פון אַלע יחידים, און דערפאַר איז יעדער יחיד פאַראַנטוואָרטליך צו דעם כלל.

ווען איך בין נאָך געווען אַ אינגעל, האָב איך אַמאָל געפרעגט מיין פאָטער ע״ה, ער זאָל מיר דערקלערען דעם טעם, פאַרוואָס אַקצענטירען אונזערע הייליגע שריפטען דעם פאַקט, אַז אונזערע אבות, אַזוי גוט ווי משה רבנו און אויך דוד המלך, זיינען געווען „רועי צאן״, פאַסטוכער פון שעפסען?

„די שעפסעלאַך — האָט ער מיר געענטפערט, — לערנען אונז די מדה פון אחדות. זיי זיינען די איינציגע צווישען די חיות און בהמות, וועלכע האַלטען זיך פאַראייניגט אין אַן עת צרה. אַז עס באַפאַלט זיי אַ שרעק, צעלויפען זיי זיך ניט, דער אַהער און דער אַהין, נאָר זיי טוליען זיך איינע צו די אַנדערע, און אויף אַזאַ אופן באַשיצען זיי דעם גרעסטען טייל פון דער סטאַדע פון צעריסען ווערען פון די חיות רעות.

„די השגחה העליונה האָט דערפאַר באַשטימט, אַז די גרינדער פון אונזער פאָלק, אַזוי גוט ווי זיינע לערער און הערשער, זאָלען צוערשט זיין פאַסטוכער פון שעפסען, כדי זיי זאָלען זיך קאָנען לערנען פון זיי די מדה פון אחדות. אום אַז די אידען זאָלען קאָנען עקזיסטירען אַלס אַ פאָלק, מוזען זיי זיך האַלטען פאַראייניגט. איבערהויפט אין אַן עת צרה זאָלען זיי זיך ניט צושפּאַלטען אין פאַרשיידענע גרופּען און פּאַרטייען. זאָלען זיי זיך טוליען איינע צו די אַנדערע, זאָל יעדער יחיד פילען, אַז מיט זיינע מעשים קאָן ער איבערוועגען דאָס גאַנצע פאָלק לכף זכות, און מיר וועלען איבערלעבען אונזערע שונאים״.

הפטרה

די מצוה פון קויפען לאַנד אין ארץ ישראל

עוד יקנו בתים ושדות וכרמים בארץ הזאת.

„הלוקח בית בארץ ישראל כותבין עליו אונו אפילו בשבת — אומר לנכרי ועושה, ואע״ג דאמירה לנכרי שבות היא, משום ישוב ארץ ישראל לא גזרו בה רבנן״ — אַז אַ איד קויפט אַ הויז אין ארץ־ישראל, מעג מען דעם קויף־קאָנטראַקט שרייבען אפילו אום שבת — דאָס הייסט, מען מעג זאָגען אַ גוי ער זאָל עס טאָן, כאָטש הייסען אַ גוי צו טאָן אַן ארבייט פאַר אַ אידען שבת איז פאַרבאָטען פון די רבנן, אָבער צוליב דער מצוה פון באַזעצען ארץ־ישראל האָבען די רבנן די גזרה אַרונטערגענומען (ב״ק פ׳ ע״ב).

פון דעם מאָמענט אָן, וואָס ג׳ האָט געזאָגט צו אונזער ערשטען פאָטער אברהם: „לך לך מארצך וממולדתך אל הארץ אשר אראך״ — געה דיר פון דיין לאַנד און דיין געבורטס־אָרט צו דעם לאַנד, וואָס איך וועל דיר ווייזען, איז ארץ־ישראל תמיד געשטאַנען אין מיטעל־פונקט פון אַלע אידישע האָפענונגען און שטרעבונגען. צו האָבען אַן אייגען לאַנד מיט אַן אייגענער מלוכה, וואו דאָס פאָלק זאָל קאָנען אַנטוויקלען אומגעשטערט און דורכפירען אין לעבען די הויכע אידעאַלען פון זיין תורה, איז תמיד געווען דער הייסער וואונש פון אַלע אידישע דורות.

אויסער וואָס גאָר אַ היפשער טייל פון די תרי״ג מצוות, די זעקס הונדערט מיט דרייצען געבאָטען, וואָס אַ איד דאַרף מקיים זיין, זיינען „מצוות התלויות בארץ״, אַזעלכע מצוות, וואָס זיינען אָפּהענגיג אָן אַן אייגען לאַנד און קאָנען אין דער פרעמד ניט דורכגעפירט ווערען, איז דער גאַנצער אידישער לעבען אין גלות ווייט פון צו זיין ספּעציפיש אידיש. „כל הדר בחוץ לארץ דומה כמי שאין לו אלקים״ — ווער עס וואוינט אין חוץ לארץ, דאַכט זיך אויס, אַז ער האָט קיין אייגענעם גאָט ניט (כתובות קי״א). אין דער פרעמד קאָן זיך די שכינה ניט אַריענטירען; אויך זי פילט זיך ניט היימיש און איז אין גלות. ווי פרום אידען זאָלען ניט זיין, ווי הויך זייערע גייסטיגע אַנטוויקלונגען זאָלען ניט שטייגען, קוים געפינען זיי זיך אויסער זייער אייגענער היים, ווערט עס ניט פאַררעכענט אויף דעם חשבון פון זייער פאָלק אָדער זייער גאָט. דער פּראָצעס

פון צופאַסונג באַרויבט זיי פון זייער אָריגינאַליטעט. די השפעה פון די פרעמדע קולטורען לאָזט זיך שטאַרק מערקען אין זייער גייסטיגען לעבען, און זיי פאַר־לירען זייער אייגענאַרטיגקייט.

עס איז דאַרום קיין וואונדער ניט, אַז פון אַלע תפילות, וואָס אידען זיינען מתפלל, דופטעט אַרויס דער הייסער נאַציאָנאַלער באַגער צו האָבען אַן אייגען לאַנד, וועלכע זאָל זיין זעלבסטשטענדיג און וואו אונזער נאַציאָנאַלער לאָזונג פון „ישראל, אוריתא וקודשא בריך הוא חד" — דאָס אידישע פאָלק, זיין תורה און זיין אמונה איז איינס, זאָל קאָנען ריכטיג מקוים ווערען. אין די באַציאונגען פון אונזער תורה צו ארץ ישראל איז צו מערקען אַ גרויס ליבשאַפט צו דעם לאַנד. די ערד פון ארץ־ישראל איז פאַרשיידען פון אַלע אַנדערע לענדער. זי קאָן ניט פאַרטראָגען ענגהאַרציגקייט און אונטערדריקונג. זי וויל ניט זיין דאָס אייגענטום פון יחידים, פון איינצעלע, וואָס זאָלען איהר פאַרכאַפּען און עקס־פּלואַטירען פאַר זייערע אייגענע נוצען בלויז. „הארץ לא תמכר לצמיתות" — די ערד קאָן ניט פאַרקויפט ווערען פאַר אייביג. זי באַלאַנגט צו אַלע וואָס וואוינען אויף איר. יעדער פון זיי האָט אין איר אַ חלק, ווייל „כי לי כל הארץ", צו מיר באַלאַנגט דאָס גאַנצע לאַנד, זאָגט ג׳.

אויך מוז מען איר באַהאַנדלען מיט ליבע און איינזעהעניש, ווי עס ווערט געזאָגט אין היינטיגער סדרה: „כי תבואו אל הארץ", אַז איר וועט קומען אין לאַנד און אָנפאַנגען באַאַרבייטען איר באָדען, „ושבתה הארץ שבת", זאָל די ערד אויך האָבען אַ געוויסע רו־צייט. אויב איר ווילט, אַז דער באָדען זאָל זיין פּראָדוקטיוו, זוכט אים ניט צופיל צו עקספּלואַטירען. „שש שנים תזרע — ובשנה השביעית שבתון יהיה לארץ" — זעקס יאָר זאָלט איר זייען אייערע פעלדער און דעם זיבעטען יאָר זאָלט איר לאָזען די ערד רוהען. דאָס וועט איר געבען צייט אָנצוקלייבען כחות צו קאָנען פּראָדוצירען פאַר די נעקסטע זעקס יאָר.

די פליכטען פון אידען צו ארץ־ישראל זיינען שטענדיגע און קאָנען ניט אונטערבראָכען ווערען פון חורבנות אָדער גלות׳ן. אויב מיר זיינען ניט ווערט צו האָבען אַן אייגענע מלוכה פאַר אַ געוויסער צייט, זאָל כאָטש דער באָדען תמיד פאַרבלייבען אין דעם באַזיץ פון דאָס אידישע פאָלק. דאָס איז די פּאָליטישע עצה פון דער היינטיגער הפטרה, וואו עס ווערט איבערגעגעבען אַ פּריוואַטע אַנגעלעגענהייט פון דעם נביא ירמיהו, וועלכע טראָגט אָבער אַ היסטאָרישע באַדייטונג פאַר זיין צייט און אויך פאַר די קומענדע דורות. אונזערע חכמים

לערנען אַרויס פון איר פיל דינים, וואָס האָבען צו טאָן מיט דעם אויסקויף פון לאַנד אין ארץ־ישראל.

ירמיהו׳ס אָנקעל חנמאל בן שלום איז צוליב געוויסע אורזאַכען געוועזען געצוואונגען צו פאַרקויפען זיין פעלד, וואָס האָט זיך געפונען לעבען דער שטעטל ענתות. אום אז די נחלה זאָל ביט אויסגעלאָזען ווערען פון דעם פאַמיליען באַזיץ, האָט זיך דער אָנקעל געווענדעט צו ירמיהו און אים אויפגעפאָדערט ער זאָל קויפען דאָס פעלד, ווייל „לך משפט הגאולה לקנות" — לויט דעם געזעץ איז עס דיין פליכט אויסצולייזען די ירושה און עס האַלטען אין דער משפחה.

ירמיהו האָט צוערשט געצעגערט אָפצוקויפען דאָס פעלד פון זיין אָנקעל. ער האָט פאָראויסגעזעהן, אַז גאָר איינגיכען וועלען די כשדים איינגעמען דאָס לאַנד און פאַרטרייבען די אידען אין בבל, און אים האָט זיך ניט געוואָלט אַרייג־צולייגען געלט אין אַ פאַרלוירענעם געשעפט. ער האָט אָבער באַקומען אַ וואונק פון ג׳, אַז ער זאָל דעם פעלד קויפען פון זיין אָנקעל און דורכפירען דעם קאָנטראַקט אויף דעם בעסטען לעגאַלען אופן, און אים באַהאַלטען אין אַ ליימענער כלי „למען יעמדו ימים רבים", אום אַז עס זאָל בלייבען פעסט־געשטעלט פאַר אַ לאַנגער צייט.

„עוד יקנו בתים ושדות וכרמים בארץ הזאת" — זיי זאָלען נאָך קויפען הייזער, פעלדער און וויינגערטנער אין דיזען לאַנד. עס איז טאַקע אמת, אַז עס וועט באַלד פאַלען, אַז די אידישע מלוכה וועט צעשטערט ווערען. די ערד אָבער זאָל פאַרבלייבען אין אידישען באַזיץ. קוים וועט דאָס אידישע פאָלק קאָנען אויפצייגען „קושאַנען", אָדער ווי מיר רופען עס אין אַמעריקע, „דידס", אַז די ערד איז זייערע, וועט דאָס לאַנד פאָליטיש פאַרבלייבען „ארץ־ישראל", דאָס אידישע לאַנד. אונזערע חכמים און לערער געהען אַזוי ווייט צו דערלויבען אַ געוויסען גראַד חלול שבת פאַר דעם אויסקויף פון אידישען באָדען אין ארץ ישראל. זייער פאָליטישער חוש האָט זיי פאָראויסגעזאָגט, אַז נאָך אַ לאַנגען גלות וועלען זיך געפינען פילע פון די פעלקער און אויך מאַנכע אידען, וואָס זיינען פונ׳ם גלות איינגעשלונגען געוואָרען, וועלכע וועלען צווייפלען וועגען דאָס פאָליטישע רעכט פון די אידען איבער דאָס לאַנד. זיי האָבען דערפאַר געזוכט צו דערמוטיגען דעם אויסקויף פון באָדען פאַר דעם אידישען פאָלק, אויך אין די שווערע צייטען פון גלות.

ו.

דער שרעקליכער פּרייז פון אַסימילאַציע

ותם לריק כחכם.

„זה המשיא את בתו ונותן לה ממון הרבה, ולא הספיקו שבעת ימי המשתה לצאת עד שמתה בתו, נמצא קובר את בתו ומאבד את ממונו" — דאָס איז איינער וואָס פאַרהייראַט זיין טאָכטער און גיט איר פיל געלט, אָבער איידער די זיבען טעג פון דער חתונה־וואָך גייען פאַריבער שטאַרבט זי — קומט אויס, אַז ער האָט, נעביך, באַגראָבען זיין טאָכטער און אויך פאַרלוירען זיין געלט (תו"כ).

עלטערען, וואָס זוכען צו פאַר'שדכ'ענען זייערע קינדער מיט פרעמדע אידייען און קולטורען, באַצאָלען אַ שרעקליכען פּרייז פאַר זייער נאַרישער טאָט. מ'לאָזט זיך קאָסטען אוצרות מיט געלט אָבי אַריינצובריינגען די זיהן מיט די טעכטער אין דער ביט־אידישער געזעלשאַפט; מען פרייט זיך, אַז דער זוהן אָדער דער איידעם ווערט אַריינגענומען אין דעם אָדער יענעם אַריסטאָקראַטישען קלוב. אָבער איידער זיי קוקען זיך אַרום גייען די קינדער פון זיי אַוועק, שעמען זיך מיט זייערע טאַטע־מאַמע און ווילען פון זיי ניט וויסען. „נמצא קובר את בתו ומאבד את ממונו" — מען פאַרלירט די קינדער צוזאַמען מיט'ן געלט.

די רעפאָרמער און „רעקאָנסטראָקשאָניסטען" באַגרינדען זייערע אַרגו־מענטען אויף דעם פאַקט, אַז די יוגענט איז אין געפאַר פון אונז אַוועקגעריסען צו ווערען אויב מיר ווועלען ניט מאָדערניזירען די תורה און די אמונה און זיי מאַכען עלאַסטיש און בויגזאַם צו די פאָדערונגען פון דער צייט. די „עשה'ס" און „לא תעשה'ס" פון אונזער טראַדיציע — טענה'ן זיי — זיינען אַלטמאָדיש און באַשרענקען שטאַרק די פרייהייט פון לעבען. דער „תלמוד" און דער „שולחן ערוך" בינדען דעם אידען און לאָזען אים זיך ניט באַוועגען פריי און אומגע־שטערט, זיי שרייען: „צעברעכט די קייטען פון די אַלטע טראַדיציעס און „נהיה ככל הגוים בית ישראל" — לאָמיר זיין מיט אַלע פעלקער צוגלייך.

מיט דעם אויסרייד צו ראַטעווען „כלומר'שט" אונזערע קינדער דער־לויבען זיי זיך צו שניידען רעכטס און לינקס פון אונזער אמונה און אָפּברעכען אין אידישע טראַדיציע נאָך דער צווייטער. זיי האָבען גענצליך אָפּגעטיילט די רעליגיע פון לעבען. אין הויז, אין גאַס האָבען זיי גאָר ניט מיטגענומען פון

זייער אידישקייט. דאָס ביסעלע, וואָס זיי האַלטען נאָך אָן, פּרעזערווירען זיי אין זייערע טעמפּלען, און אויך דאָרטען זוכען זיי אימער נאָכצוטאָן דעם ניט־איד.

„ותם לריק כחכם", אָבער אומזיסט איז זייער מי. די יוגענט גייט מיט זיי ניט מיט. איבערהויפּט די געבילדעטערע צווישען זיי פאָדערען פּאָזיטיוויטעט און קלאָרקייט אין עניני אמונה. וואַקעלדיגקייט איז אַ צייכען פון שוואַכקייט און וואַרפט אַ שאָטען אויף זייער וואַרהאַפטיגקייט.

„כל שישנו במקרא ובמשנה ובדרך ארץ לא במהרה הוא חוטא" — דער וואָס איז באַהאַוועגט אין תורה און משנה צוזאַמען מיט לאַנד־וויסענשאַפטען, וועט ניט אַזוי גיך זינדיגען (קידושין ה' ע"א). אויב מיר ווילען, אַז אונזערע קינדער זאָלען זיין גאַנצע מענשען, געטריי זייער לאַנד און געטריי זייער גלויבען, מוזען מיר זיי געבען אַ גאַנצע אידישע דערציהונג. מיט „דרך ארץ" אַליין, אָדער ווי מען רופט עס אין אונזער מדינה „אַמעריקאַניזאַציע", וועלען מיר דעם ציל ניט דערגרייכען. דער וואָס איז ניט טריי זיינע אייגענע שטייט ביי די פרעמדע אונטער אַ חשד, אַז ער וועט אויך זיי געטריי ניט זיין.

„וזרעתם לריק זרעכם, ואכלוהו אויביכם" — איר וועט אומזיסט זייען אייער זאַט און פרעמדע וועלען עס עסען.

„בעון חלה אין ברכה במכונה, ומארה משתלחת בשערים, וזורעים זרעים ואחרים אוכלין" — צוליב די זינד פון ניט אָפּהיטען די מצוה פון „חלה", איז ניטאָ קיין ברכה אין שפּייכלער, אַ קללה איז אויסגעשפּרייט איבער'ן מארק, מען זייהט פאַר זיך און אַנדערע עסען עס אויף (שבת ל"ב ע"ב).

דער הויפּט־געדאַנק פון „ברכות הנהנין", „בכורים" אָדער „חלה" — זאָגען אונז די חז"ל — איז כדי איינצופלאַנצען אין דעם האַרץ פון יעדען אידען די אָנערקענונג, אַז וואָס ער פאַרמאָגט איז עס אים פון ג' געגעבען געוואָרען. צו קאָנען אַרבייטען און פאַרדינען אויף חיונה מוז מען זיין געזונט און געזונטקייט קומט פון גב"ה. אַז די ערד זאָל קאָנען פּראָדוצירען, מוז מען האָבען רעגען אין צייט, און רעגען קומט פון דעם אויבערשטען. רייכטום און די אַנזאַמלונג פון גרויסע קאַפּיטאַלען זיינען מערסטענס דער רעזולטאַט פון גליקליכע צופאַלען, און דער צופאַל ליגט אין די הענט פון דעם בורא עולם.

אַז אַ מענש האָט ג' איך זינען און ער ברייגנט זיינע „ראשית בכורי אדמתך", די ערשטע פרוכט פון זיין פעלד, אָדער די „ראשית עריסותיכם", די ערשטע פון זיין טייג פאַר ג', איז מען זיכער, אַז ער וועט געבען זיין „תרומה" צום כהן, זיין „מעשר ראשון" צום לוי און זיין „מעשר שני" צו דעם אָרימאַן.

קוים אָנגערקענט איינער, אַז וואָס ער פאַרמאָגט איז עס געקומען מיט דער הילף פון דעם רבונו של עולם און ניט בלויז דורך זיין אייגענעם כוח, האָט ער זיך געשטעלט אויף אַ העכערער ניווא פון הומאַניטעט. דאָס פאַרזיכערט, אַז די גייסטיגע און עקאָנאָמישע הצטרכות׳ן פון דער געזעלשאַפט וועלען געניסען זייער געהעריגען חלק פון זיין פאַרמעגען, וואָס גב״ה האָט אים געגעבען.

„בעון חלה אין ברכה במכונם״ — צוליב דער זינד פון ניט אָפּהיטען די מצוה פון חלה איז ניטאָ קיין ברכה אין שפּייכלער. די וואָס ווילען פון ג׳ ניט וויסען און האָבען נאָר זיך אין זינען, און לאָזען ניט קיינעם געניסען פון זייער פאַרמעגען, וועט זייער מזל־ברכה מיט דער צייט אויסגערונען. „די מטבע — פלעגט זאָגען ר׳ פנחס קאָריצער ע״ה — איז אַ קיילעכדיגע זאַך. זי האָלט זיך אין איין קייקלען. הייַנט איז זי ביי דעם און מאָרגען ביי יענעם״.

די וואָס ווילען פאַרכאַפּען אַלץ פאַר זיך ברייַנגען צו אַ „מארה משתלחת בשערים״, אַ קללה פאַרשפּרייט זיך איבער׳ן מאַרק. מען דערלאָזט ניט אַנדערע צו מאַכען געשעפטען, זוכענדיג צו העכערען די פרייזען פאַר מער פּראָפיט, שאַפט מען אַן אינפלאַציע. געלט ווערט ביליג און די גאַנצע עקאָנאָמישע סטרוקטור פון לאַנד ווערט צוזאַמענגעבראָכען און ברייַנגט דעפּרעסיע און נויט. און דער סוף איז, אַז „אַחרים אוכלין״, אויך די, וואָס האָבען זיך דערוואָרבען פאַרמעגענס אויף דעם חשבון פון די אָרימעלייט, ווערען זייערע פאַרמעגענס פאַרצערט פון אַנדערע. די אַלמעכטיגע האַנט, וואָס האָט זיי געהאָלפען רייך ווערען, דריקט זיי אַרונטער און זיי ווערען אביונים און אַנזעצער.

הפטרה

אידישע געשעהענישען זיינען ניט קיין צופאל

קורא דגר ולא ילד.

„הקורא הזה מביא בצים משאר עופות ויושב עליהן עד שיוצאין מקליפתן ונעשין אפרוחין, והן עולין ומורטין את נוצותיו ואת כנפיו" — די פעלדהון ברייננט צוזאמען אייער פון פארשידענע עופות, זיצט אויף זיי ביז זיי גייען ארויס פון זייער שאלעכץ און ווערען היגער, דאן קריכען זיי אויף איר ארויף און פליקען אויס אירע פעדערען און אירע פליגלען. (מדרש תנחומא, כי תצא).

אין דער היינטיגער סדרה בחוקותי זאגט אונז משה רבנו פאראויס די גרויסע תוכחה, די שווערע אומגליקען, וואס וועלען באפאלען די אידען אויב זיי וועלען זיך ניט צוהערען צו די ווערטער פון ג׳ און אויספאלגען זיינע מצוות. איבערהויפט ווארענט ער אונז, אז מיר זאלען ניט באטראכטען די געשעהענישען מיט אונזער פאלק בלויז אלס צייטווייליגע צופאלען, וועלכע בייטען זיך מיט די אומשטענדען פון דער צייט. דער אידישער שיקזאל, לערנט אונז משה, ווערט פאראויסבאשטימט פון דער השגחה, וועלכע פאדערט רעכענונג פאר יעדער טאט און באצאלט אונזער פאלק לויט זיינע מעשים. יעדע שרעקליכע געשעעניש מיט אידען איז א דירעקטיוו, אן אנדייטונג פון דער השגחה ווי זיי דארפען זיך אויפפירען אום צו פארמיידען איר איבער׳חזר׳ונג אין דער צוקונפט.

„ואם בזאת לא תשמעו לי והלכתם עמי בקרי", אויב אבער מיט דעם וועט איר מיך אלץ ניט הערן און וועט עס באטראכטען בלויז אלס צופאל, „והלכתי עמכם בחמת קרי", וועל איך זיך באגיין מיט אייך לויט דער גרויזאמקייט פון צופאל, „ויסרתי אתכם שבע על חטאתיכם", און איך וועל אייך באשטראפען זיבען מאל פאר אייערע זינד. און די הויפט־שטראף וועט באשטיין אין דעם „ואכלתם בשר בניכם ובשר בנותיכם תאכלו", איר וועט פארצערען דאס פלייש פון אייערע זין און טעכטער. אויך אייערע קינדער וועלען איבערגעבען ווערען אין די הענט פון צופאל, וועלכער וועט זיי פארצערען אין די לענדער פון אייערע גלות׳ן און דערמיט אפשוואכען די עקזיסטענץ פון אייער פאלק.

דער נביא אין היינטיגער הפטרה ברייטערט אויס דעם דאזיגען געדאנק

פון דער תורה און גיט אונז אַ טיפזיניגע דערקלערונג וואָרום דער גלות פאַר־צערט דאָס אידישע יוגענט און רייסט אים אָפּ פון אונזער פאָלק:

„חטאת יהודה כתובה בעט ברזל, בצפורן שמיר" — די זינד פון יהודה ווערט געשריבען מיט אַן אייזערנער פען, מיט אַ דימענטענעם שפיץ. דאָס לעבען פון דעם אידען אין גלות אין זעהר אַ שווערער. ער מוז איבעראַל צאָלען טייער פאַר זיין אידישקייט. כמעט אומעטום ווערט זיין געשיכטע געשריבען מיט אַ אייזערנער פען און איז אונטערוואָרפען אַלערליי גזרות און באַשריינ־קונגען, וועלכע מאַכען זיין לעבען העכסט טרויעריג און אומדערטרעגליך. זיינע גוטע מעשים ווערען פאַרקוקט, זיינע זינד אָבער ווערען אויסגעקריצט מיט אַ דימענטענעם שפיץ, כדי זיי זאָלען טיפער אַריינדרינגען אין די בלעטער פון דער וועלט־געשיכטע און תמיד געדענקט ווערען. כמעט אין אַלע לענדער פון זיין וואַנדערען ווערען פאַר אים אויפגעשטעלט גרויסע מזבחות, אויף וועלכע ער ווערט געצוואונגען מקריב צו זיין טיילען פון זיין נשמה, פון זיין גייסט, אַזוי גוט ווי פון זיין גוף, פון זיין האָב און גוטס. און ניט אימער זיינען די קרבנות אַנגעלייגט.

אָבער נאָך טרויעריגער איז, וואָס די זינד פון גלות זיינען אויך „חרושה על לוח לבם ולקרנות מזבחותיהם", אויסגעקריצט אויפ'ן טאָוועל פון זייער האַרצען, וואָס איז אַנגעהאַנגען אויף די הערנער פון די מזבחות. גאַר אַ גרויסער טייל פון דעם אידישען פאָלק שיינט צו זיין פאַרליבט אין גלות און באַטראַכט אַלע זיינע רדיפות און פאַרפאָלגונגען בלויז אַלס אַ צופאַל, וואָס וועט מיט דער צייט פאַרשווינדען. מען דאַרף זיך וואָס מער דערנעהענטערן צו די ניט־אידישע שכנים, נאָכקרימען זייערע וועגען און אויפגעבען דעם אייגענעם אַרט לעבען, דאַן וועט נעמען אַ סוף צו די אידישע צרות און די גוים וועלען אונז אַנערקענען אַלס זייער גלייכען.

איבערהויפּט איז די ליבע צום גלות איינגעבאַקען אין די הערצער פון די אידען, וואָס וואוינען אין די פרייע דעמאָקראַטישע לענדער. כאָטש זיי ווערען פון קיינעם ניט געצוואונגען, בויען זיי אָבער פאַר זיך אייגענע מזבחות, אין די שוהלען, היימען אָדער קהלות, אויף וועלכע זיי ברייגגען אומניצליכע קרבנות, אַבי געפעלען צו ווערען זייערע שכנים. און די קרבנות, וואָס זיי ברייגגען איבעראַל, באַשטעהען מערסטענס פון זייערע אייגענע קינדער, ווענען זיי זיינען מקריב אויף דער עקדה פון אַסימילאַציע און שוואַכען דערמיט אָפּ זייערע אייגענע רייהען.

צוליב זייער גרויסע תאווה געפעלען צו ווערען דעם גוי, פאַרנאַכ־לעסיגען זיי די אידישע דערציהונג פון זייערע קינדער און זיי האָדעווען זיך אויף גאָט'ס באַראָט. מען קימערט זיך ניט צו וויסען מיט וועמען זיי פאַרקערען און וואו זיי פאַרברענגען זייער פרייע צייט. די טעכטער שלעפען זיך אַרום מיט ניט־אידישע בחורים. די זיהן באַלאַנגען אין גוי'אישע קלובען און פאַר־שווענדען זייער צייט און זייער געלט פאַר ניט־אידישע צוועקען. דער הויפּט אידעאַל פון אַזעלכע קינדער איז, צו האָבען אַ „גוד־טיים“, אַ פרעהליכע און לעבעדיגע צייט, און פאַר דעם מאַכט מען אָפטע פּאַרטיס אין הויז, וואו עס קומען זיך צוזאַמען אַלערליי יונגעלייט און מען פאַרברענגט די צייט מיט גאַרנישט. און די נאַרישע טאַטעס און מאַמעס באַצאָלען פאַר אַלץ.

זיי זיינען אָבער אין דער לאַגע פון דעם „קורא“, די פעלדהון, וואָס „דגר ולא ילד“, בריהט אויס וואָס זי האָט ניט געבוירען. די פעלדהון — זאָגט אונז דער מדרש — ברענגט צוזאַמען אייער פון פאַרשידענע עופות, זיצט אויף זיי ביז זיי געהען אַרויס פון זייער שאָלעכץ און ווערען היגער. נאָכדעם אָבער, אַז זיי ווערען עלטער „עוליך עליו ומורטין את נוצותיו ואת כנפיו“, קריכען זיי אויף איר אַרויף און פליקען אויס אירע פליגלען און אירע פעדערען. און דאָס איז דער סוף פון אַזעלכע נאַרישע עלטערען: אַנשטאָט צו געבען זייערע קינדער אַן עכט אידישע ערציהונג, וואָס זאָל זיי האַלטען געטריי צו זייער פאָלק און זייער אָפשטאַם, לאָזט מען זיי צו פאַרווילען זייער צייט און געלט צווישען אַזעלכע געזעלשאַפטען, וואָס פלאַנצען אין זיי איין אַ פאַראַכטונג צום אידישען גלויבען און אַ קאַלטקייט צו זייער אייגען בלוט און פלייש. ווען זיי ווערען אויפגעוואַקסען, באַטראַכטען זיי זייערע טאַטעס און מאַמעס פאַר אַלט־מאָדיש, וויכען פון זיי און לאָזען זיי איבער אויף דער עלטער.

ז.

טראָץ אַלע תוכחות וועלען מיר בלייבען לעבען

לא מאסתים ולא געלתים לכלותם.

„בשעה שראה ירמיהו בית המקדש נשרף אמר לפני הקב״ה: רבונו של עולם! אם יש בדעתך לשוב, מדוע הכיתנו ואין לנו מרפא? אמר לו: לך אל משה רבם של כל הנביאים, כך אמרתי לו בסוף כל התוכחות: ואף גם זאת בהיותם בארץ אויביהם לא מאסתים ולא געלתים לכלותם״ — ווען ירמיהו הנביא האָט געזעהן ווי דער בית־המקדש ברענט, האָט ער אויסגעשריען פאַר ג׳: אויב דו האָסט בדעה זיך ווען עס איז צוריקקערען, וואָרום האָסטו אונז געשלאָגען אָהן אַ היילונג? האָט ער אים געענטפערט: גיי צו משה, דעם רבי׳ן פון אַלע נביאים, און ער וועט דיר דערקלערען, אַז צום סוף פון אַלע תוכחות האָב איך אים געזאָגט: טראָץ אַלע אומגליקען, ווען זיי וועלען זיין אין די לענדער פון זייערע פיינט, וועל איך זיי ניט פאַר׳מיאוס׳ן און פאַראַכטען זיי צו פאַרניכטען״ (פסיקתא רבתי).

צווישען ג׳ מיט די אידען עקזיסטירט אַ „ברית קודש״, אַ הייליגער אָפּמאַך, וואָס איז געשלאָסען געוואָרען ביים באַרג סיני. איידער זיי האָבען באַקומען די תורה האָבען זיי געקראָגען אַ פאַרשפּרעכען פון ג׳, אַז ער וועט זיי מאַכען פאַר זיין „סגולה״, פאַר זיין געליבט פאָלק. ער האָט זיי אָבער געשטעלט דעם פאָלגענדען באַדינג: „אם שמע תשמעו בקולי ושמרתם את בריתי״ — אויב איר וועט זיך גוט צוהערען צו מיין שטים און אָפּהיטען מיין בונד. די אידען האָבען דעם באַדינג אָנגענומען און גלייך אויפ׳ן אָרט מיט איין קול אויסגערופען: „כל אשר דבר ה׳ נעשה״ — אַלץ וואָס ג׳ האָט מיט אונז אויסגערעדט, וועלען מיר דורכפירען. דערדאָזיגער תנאי מוז פון אידען שטרענג אָפּגעהיט ווערען, אויב זיי ווילען אָנהאַלטען זייער עקזיסטענץ אַלס אַ פאָלק.

כדי זיי זאָלען זייער פאַרשפּרעכען תמיד געדענקען, גיט זיי משה אַ „תוכחה״, אַ וואָרנונג, און זאָגט זיי: „אם בחוקותי תלכו ואת מצותי תשמרו״ — אויב איר וועט זיך פירען נאָך מיינע געזעצען און מיינע באַפעלען וועט איר אויספאָלגען, אויב איר וועט זיך אויפפירען לויט די פאַרשריפטען פון דער תורה, וועלען אייך דינען הימעל און ערד. „ונתתי גשמיכם בעתם ונתנה הארץ

יבולה" — די הימלען וועלען אײַך געבען רעגענס אין צייט און די ערד וועט אײַך צושטעלען אירע פּרוכט. „ואכלתם לחמכם לשבע וישבתם לבטח בארצכם" — איר וועט עסען אײַער ברויט צו זאַט און איר וועט זיצען זיכער אויף אײַער לאַנד. איר וועט זיין עקאָנאָמיש שטאַרק, אייער מי וועט זיין אַנגעלייגט, ווייל אַלץ וואָס איר וועט פאַר זיך דערווערבען, וועט פאַרבלייבען אײַערס. איר וועט אויך זיין פּאָליטיש געזיכערט: „ונתתי שלום בארץ ושכבתם ואין מחריד" — איך וועל געבען פרידען אין לאַנד און איר וועט רוהיג שלאָפען, ווייל קיינער וועט אײַך ניט שרעקען.

„ואם בחוקותי תמאסו" — אויב אָבער איר וועט מיינע געזעצען פאַראַכ־טען, „להפרכם את בריתי" — און ברעכען מיין בונד, וואָס איך האָב מיט אײַך געשלאָסען, וועט איר פון אײַער לאַנד פאַרטריבען ווערען, און אין דער פרעמד וועט איר די אַלע אויסגערעכענטע גליקען ניט קאָנען באַווייזען. ווי גוט עס זאָל אייך אין די פרעמדע לענדער ניט גיין, ווי רייך איר זאָלט דאָרט ניט ווערען, קוים וועט איר מוזען ציען אײַער חיונה פון פרעמדע טישען, וועט אײַך דאָס עסען ניט אײַנגיין און איר וועט קיין אמת׳ע זאַטקייט ניט פילען. דאָס לעבען אין גלות האָט ניט קיין שטאַנדהאַפטיגקייט, עס איז צופיל אָפּהענגיג פון דעם „חסד לאומים", פון דעם גוטען ווילען פון דער איבערוועגענדער מאַיאָריטעט, וואָס איז אימער צווייפעלהאַפט. „בארצכם אתם יושבים לבטח, ואין אתם יושבים לבטח חוצה לה" — בלויז אין אײַער אייגען לאַנד זענט איר אימשטאַנד צו זיצען רוהיג, איר קאָנט אָבער ניט זיצען רוהיג אויסער איר, אין פרעמדע לענדער (תו"כ).

אויך גייסטיג קאָנען אידען שטייגען נאָר אין זייער אייגען לאַנד. „אם מצותי תשמרו ונתתי משכני בתוככם" — אויב איר וועט אָפּהיטען מיינע באַפעהלען, וועל איך מאַכען מיין וואוינונג צווישען אײַך. מיין אַנוועזענקייט וועט אײַך דערהויבען צו אַ הויכער גייסטיגער שטופע. אײַער לעבען וועט זיך אויסצייכענען מיט זיין געטליכקייט און אידעאַליזם. „והייתי לכם לאלקים ואתם תהיו לי לעם" — איך וועל פאַר אײַך זיין אַ ג׳ און איר וועט פאַר מיר זיין אַ פאָלק. די בײדע זאַכען זיינען ענג פאַרבונדען און געקניפּט איינס מיט דער אַנדערער. אמונה און קולטור קאָנען נאָר דאַן בליען און וואַקסען ביי אַ פאָלק, אויב עס געפינט זיך אויף זיין אייגענעם באָדען, אויב עס איז גייסטיג זעלבסט־שטענדיג און איז ניט געצוואונגען צוליב זיין מאַטעריעלער אָדער פּאָליטישער

לאַגע צו זיין אונטערוואָרפען דער השפעה פון אַנדערע, פון פרעמדע אידייען און אַנשויאונגען.

האָבען די אידען זייער נאַציאָנאַלע היים, האָט אויך די גאָטהייט אַן אָרט וואו צו וואוינען. אין דער פרעמד קאָן זיך די שכינה ניט אָריענטירען, אויך זי פילט זיך ניט היימיש און איז אין גלות. „כל הדר בחוץ לארץ דומה כמי שאין לו אלקים" — ווער עס וואוינט אין דער פרעמד, דאַכט זיך אויס, אַז ער האָט ניט קיין אייגענעם ג' (כתובות קי"א). ווי פרום אידען זאָלען ניט זיין, ווי הויך זייערע גייסטיגע אַנטוויקלונגען זאָלען ניט שטייגען, קוים געפינען זיי זיך אויסער זייער אייגענער הייט, ווערען אַלע זייערע מעשים און אויפטואונגען ניט פאַררעכענט אויף דעם חשבון פון זייער פאָלק. דער פראָצעס פון צופּאַסונג באַרויבט זיי פון זייער אָריגינאַליטעט. די השפעה פון די פרעמדע קולטורען און מנהגים לאָזט זיך שטאַרק מערקען אין זייער גייסטיגען לעבען און זיי פאַרלירען זייער אייגענאַרטיגקייט.

דער גלות, זאָגען אונז די חז"ל, איז איין גרויסער „כף הקלע", וועלכער זוכט איינצושליגען אַלץ. ער שטעלט דעם אימיגראַנט זעהר גרויסע פאָדערונגען. אַלע מעלות און גייסטיגע דערגרייכונגען האַלט ער פאַר זיך און לאָזט אים בלויז איבער די חסרונות און נידערלאַגען. די אידישע עלוים, קינסטלער און גייסטיגע שעפער ווערען קאָאָפּטירט און פאַרשריבען אויף די קאָנטאָ פון די פעלקער, צווישען וועלכע זיי וואוינען. אויף זייער חשבון ווערט געשטעלט נאָר די, וועלכע ברייינגען שאַנד אויף דעם פאָלק און וועלכע מען קאָן נוצען אַלס אַן אויסרייד פאַר רדיפות און פאַרפאָלגונגען. „וזרעתם לריק זרעכם ואכלוהו אויביכם" — איר וועט אומזיסט פאַרזייען אייער זאָט, ווייל אייערע פיינט וועלען עס אויפעסען. „כנגד הבנים והבנות הכתוב מדבר, שתהא עמל בהם ומגדלם והחטא בא ומכלם" — דער פסוק רעדט דאָ וועגען די זין און טעכטער, פאַר וועלכע מען האָרעוועט און מען האָדעוועט זיי אויף, און דער שוואַרץ־יאָר קומט און נעמט זיי אָוועק (ספרא).

אַלע אָנשטרענגונגען, וואָס ווערען געמאַכט אין גלות אָנצוהאַלטען די אידישע רעליגיע און דעם אידישען אָרט פון לעבען, גייען מערסטענס אין ניוועץ. „והשימותי את מקדשיכם — לרבות בתי כנסיות ובתי מדרשות" — איך וועל וויסט מאַכען אייערע הייליגטימער — דאָס מיינט מען אויך אייערע שוהלען און תלמוד־תורה׳ס (תו"כ). איר וועט אימער זיין פאַריאָגט פאַר פרנסה, און דאָס וועט אייך ברייינגען צו פאַרלאָזען אייערע שוהלען און לער־אַנשטאַלטען,

וועלכע האָבען אײך שטענדיג געדינט אַלס ציטאַדעלען קעגען אַסימילאַציע און אונטערגאַנג. „ואכלתם בשר בניכם" — איר וועט עסען דאָס פלייש פון אייערע קינדער. אַנשטאָט זיי צו שיקען אין ישיבות צו לערנען תורה, וועט איר זיי שיקען אין די שעפּער אָדער אין די קראָמען צו פאַרדינען, און אויף דער עלטער וועט איר מוזען אָנקומען צו זייער קצבה, אָדער זיי וועלען אײך אַריינברייגען אין אַ מושב־זקנים...

די גמרא באַקלאָגט זיך, אַז משה רבנו האָט, אין דער היינטיגער סדרה, געגעבען די אידען ווייניג ברכות און צופיל קללות. „ברכם בשמונה וקללם בעשרים ושתים" — געבענשט האָט ער זיי בלויז מיט אַכט ברכות און גע־שאָלטען מיט גאַנצע צוויי־און־צוואַנציג (ב"ב פ"ח ע"ב). און דער טעם דערפון איז אַ גאַנץ פשוט'ער: ברכות זיינען אומפּאַסענד — דער, וועמען דאָס מזל שפּילט, גייט אים גוט אין אַלץ, ער דאַרף ניט זאָרגען וועגען דעטאַלען און איינצעלהייטען, אָהן צופיל מי און אָנשטרענגונג שטייגט ער פון שטופע צו שטופע. „זכו מלאכתן נעשה ע"י אחרים" — דעם, וואָס גליקט, ווערט זיין אַרבייט געטאָן אויך פון אַנדערע. קללות אָבער, אומגליקען זיי דאָ אַ סך. וועמען דער שלימזל פאַרפאָלגט, יענער האָט קיין מנוחת־שעה ניט. ער מוז היטען יעדען שריט זיינעם, ווייל איין צרה שלעפּט אַריין אַ צווייטע און זיין גאַנצע מי איז אַרויסגעוואָרפען.

אָבער פאַרצווייפלען זאָלען אידען קיינמאָל ניט. דער מדרש זאָגט: אַלע ברכות און קללות אין היינטיגער סדרה הויבען זיך אָן מיט אַ „וואו המהפך" — וואָס פאַרוואַנדעלט אַן עבר אין אַן עתיד, אָדער פאַרקערט. און דער געדאַנק דערפון איז: „אם זכיתם הריני הופך לכם קללות לברכות" — אויב איר וועט ווערט זיין, וועל איך איבערקערען אַלע אייערע קללות און זיי מאַכען פאַר ברכות (ויק"ר ל"ה). כאָטש די קללות זיינען שרעקליכע און דאָס לעבען אין גלות איז אַ העכסט טראַגישעס, דאָך זיינען די אידען געזיכערט קעגען אונטערגאַנג. וואו זיי וועלען זיין, אין וועלכע לענדער זיי וועלען זיך געפינען, וועט זיי ג' אינגאַנצען ניט פאַרלאָזען. „ואף בהיותם בארץ אויביהם לא מאסתים ולא געלתים לכלותם" — אויך ווען זיי וועלען זיך געפינען אין די לענדער פון זייערע פיינט וועל איך זיי ניט פאַר'מיאוס'ן און פאַראַכטען זיי צו פאַרניכטען.

הפטרה

אידישקייט איז נישט קיין צופאל

והיה כערער בערבה.

„אתם עשיתם את דיני עראי בעולם, אף אני אעשה אתכם עראי בעולם" — איר האט געמאכט מיינע דינים פאר א צופאל אין דער וועלט, וועל איך אייך אויך מאכען פאר א צופאל אין דער וועלט (ילקוט שמעוני).

אין זיין „תוכחה", אין זיין ווארנונג צו די אידען, אין דער היינטיגער סדרה, שילדערט פאר זיי משה רבנו די גליקליכע רעזולטאטען פון נאציאנאלער און רעליגיעזער געטריישאפט, אויך די אומגליקען, וואס וועלען זיי באפאלען, אויב זיי וועלען דידאזיגע געטרייע אייגענשאפט אויפגעבען. וועלען אידען זיין טריי צו זייער ג׳ און צו זייער פאלק, וועלען זיי לעבען רוהיג אויף זייער לאנד און וועלען געניסען פון אלע גוטסקייטען, וואס הימעל און ערד פארמאגען. וועלען זיי אבער ניט זיין טריי צו זייער רעליגיע און נאציאנאליטעט, וועלען זיי דאס לאנד פארלירען, „ואתכם אזרה בגוים" — און אייך וועל איך פארשפרייטען צווישען די פעלקער, „כאדם שהוא זורע שעורים במזרה ואין אחת מהן דבקה לחברתה" — ווי א מענש, וואס פארזייט גערשטען דורך א זיפ און קיין איינע פון זיי קלעפט ניט צו צו דער צווייטער (תו״כ). זיי וועלען פארלירען דעם ברידערליכען באנד, וואס האט זיי געהאלטען צוזאמען אלס א פאלק, און זיי וועלען באטראכט ווערען פאר „דיספלייסד פוירסאנס", ארטלאזע מענשען, וועלכע קיין לאנד וועט ניט וועלען ארייננעמען.

איבערהויפט ווארענט זיי משה, אז זיי זאלען זיך האלטען פעסט אין זייער תורה, וועלכע איז אן אייביגע און וועלכע וועט זיי מאכען פאר אן אייביג פאלק; „אם לא תשמעו לי והלכתם עמי בקרי" — אויב איר וועט זיך צו מיר ניט צוהערען און איר וועט זיך מיט מיר באגיין בלויז אלס צופאל, אלס א צייטווייליגע תורה, וואס קאן געענדערט ווערען לויט די אומשטענדען און צייטען אין יעדער סביבה, „והלכתי עמכם בחמת קרי" — וועל איך זיך באגיין מיט אייך לויט דער גרויזאמקייט פון צופאל. אייער גאנצער לעבען וועט פארוואנדעלט ווערען אין א צייטווייליגען צופאל, וואס שלאגט ניט קיין ווארצלען אין קיין ארט און איז

איבעראל א „פורח באויר", א זאך, וואס שוועבט אין דער לופטען, אויסגעזעצט צו אלע „רוחות רעות" — צו אלע שלעכטע און גרויזאמע ווינטען.

אין גלות וועט זייער לעבען קיינמאל ניט זיין זיכער. זיי וועלען באהערשט ווערען פון א שטענדיגען שרעק, וואס וועט זיי תמיד פארפאלגען און שטערען זייער וואוקס. „ורדף אותם קול עלה נדף" — עס וועט זיי פארפאלגען די שטים פון אן אויסגעטריקענטען בלאט. זיי וועלען אויפגעטרייסעלט ווערען פון יעדען פאסקוויל, וואס דערשיינט קעגען זיי אין א געל צייטונגל. ווי די חז"ל באמערקען: „פעם אחת היינו יושבים בין האילנות ונשבה הרוח והטיחו העלים זה בזה, עמדנו ורצנו. לאחר זמן נפנינו וראינו שאין ברי' וישבנו במקומנו ובכינו ואמרנו: אוי לנו שעלינו נתקיים הפסוק הזה" — איינמאל זיינען מיר געזעסען צווישען די ביימער, האט א בלאז געטאן א ווינט און די בלעטלאך האבען זיך א קלאפ געטאן איינע אין די אנדערע, האבען מיר זיך אויפגעשטעלט און אנטלאפען. שפעטער־צו האבען מיר זיך א קער געטאן צוריק און מיר האבען געזעהן, אז קיינער פארפאלגט אונז ניט, זיינען מיר געבליבען זיצען אויף אונזערע פלעצער און געוויינט און געקלאגט: ווי איז אונז, אז אויף אונז איז מקוים געווארען אט דער פסוק (ספרא).

דער נביא ירמיהו פון היינטיגער הפטרה, וועלכער האט מיט זיינע אייגענע אויגען געזעהן דעם ערשטען אידישען חורבן, ברייטערט אויס דעם־דאזיגען געדאנק פון דער תורה און זאגט: „כה אמר ה': ארור הגבר אשר יבטח באדם ושם בשר זרעו ומן ה' יסור לבו" — פארשאלטען איז דער יעניגער, וואס פארלאזט זיך אויף א מענשען און באטראכט דאס פלייש, זיין פארמעגען, אלס זיין ארם, זיין שטארקייט, און פון ג' קערט זיך אפ זיין הארץ. „והיה כערער בערבה" — אזא מענש איז ווי דער טאמאריסק אין דער וויסטע, וואס האט קיין ווארצלען ניט און קאן לאנג ניט עקזיסטירען. אידען מוזען זיך האלטען פעסט איז זייער גלויבען אין זייער פאלק און זיך ניט פארלאזען אויף די גנאדען פון פרעמדע. באטראכטען זיי אבער די דינים פון זייער תורה אלס „עראי" — אלס א צוויטווייליגען צופאל, און זוכען נאכצומאכען זייערע שכנים, וועט זייער לעבען ווערען אן „עראי" — א צוויטווייליגער צופאל, וואס האט קיין באדען ניט אונטער זייגע פיס.

פסח

א.

מען מוז זיין גרייט

בחוזק יד הוציאנו ה׳ ממצרים.

„כל שלא אמר שלשה דברים אלו בפסח לא יצא ידי חובתו ואלו הן: פסח, מצה ומרור. בכל דוד ודור חייב אדם לראות את עצמו כאילו הוא יצא ממצרים״ — ווער עס האָט ניט געזאָגט אָט די דריי זאַכען אום פסח, האָט ניט אויסגעפילט זיין פליכט, און דאָס זיינען זיי: פסח, מצה און מרור. אין אַלע דורות איז יעדער מענש מחויב צו טראַכטען ווי ער אַליין וואָלט אַרויס פון מצרים (פסחים קט״ז).

דער הויפט צוועק פון דער הגדה, וואָס מיר זאָגען יעדען יאָר ביים סדר־טיש, איז צו וועקען דעם באַוואוסטזיין פון יעדען אידען און אים באַוועגען זיך צו פאַרטראַכטען איבער דער לאַגע פון זיין פאָלק. די אידען האָבען געשקלאַפט הונדערטער יאָרען אין מצרים צוליב „קוצר רוח״ — צוליב קורצען געמיט און אומגעדולד זיך אַריינצוטראַכטען אין זייער שווערער לאַגע און זוכען מיטלען ווי זיך צו באַפרייען, און צוליב דערזעלבער אורזאַך ליידען זיי אויך היינט און קאָנען צו זיך ניט קומען. גאָר אמאָל, ווען די אידען האָבען נאָך געוואוינט אין זייער אייגען לאַנד, פלעגען די פסח׳דיגע סדרים געפראַוועט ווערען געמיינשאַפטליך. אַלע אידען פון אַ געגענט פלעגען זיך צוזאַמענקומען און עסען זייערע קרבנות־פסח צוזאַמען. ביי דער געלעגענהייט פלעגט אַרומגערעדט ווערען די אידישע לאַגע און פלענער ווי זי צו פאַרבעסערען פלעגען גרינטליך דיסקוטירט ווערען.

איבערהויפט איז דער סדר מיט אַלע זיינע איינריכטונגען און צערעמאָניעס געצילט צו ציען די אויפמערקזאַמקייט פון דער אידישער יוגענט און

צו פאַרשטאַרקען זיינע נאַציאָנאַלע געפילען. „והגדת לבנך" — זאָג און דערצייל דיינע קינדער, וואָס עס איז פאָרגעקומען אַמאָל ביי דער ערשטער גאולה, כדי זיי זאָלען פון דעם קאָנען לערנען ווי צו דערגרייכען די קומענדיגע גאולה. דערקלער זיי, אַז די אידישע געשיכטע ווידערהאָלט זיך. „זאָלען זיי זיך ניט לאָזען אַיינריידען פון די אַסימילאַטאָרען, וועלכע וואַרפען אונז אויף, אַז די אורזאַך, וואַרום מען פאַרפאָלגט אונז, איז ווייל מיר האַלטען זיך עקשנות'דיג אין אונזערע אַלטע טראַדיציעס און מיר דערווייטערען זיך פון דער מאָדערנער ציוויליזאַציע מיט איר קולטור... שקר וכזב! מיר האָבען שוין דאָס אויך געפּרואווט, און אויך דאָס האָט ניט געהאָלפען... די ביטערע דערפאַרונג האָט אונז געוויזען, אַז מיר ווערען נאָך איצט אונטערדריקט פון פאַרשיידענע פרעה'ס, אפילו ווען „כלנו חכמים, כלנו נבונים" — כאָטש מיר זיינען העכסט געבילדעט, העכסט קולטורעל און העכסט מאָדערן" (רבי יהודה ליב צירעלסאָן ע"ה).

„הא לחמא עניא" — דעמזעלבען ברויט פון אָרימקייט און פּיין, „די אכלו אבהתנא בארעא דמצרים" — וואָס אונזערע עלטערען האָבען געגעסען אין דעם לאַנד פון מצרים, עסען מיר נאָך היינט, אין די פינסטערע גלות'ן פון דער מאָדערנער צייט. פאַר דער „עבודה קשה" — די שווערע אַרבייט, וואָס אונזערע עלטערען האָבען געטאָן פאַר די דעספּאָטישע פרעה'ס אַמאָל, האָט מען אונז באַצאָלט מיט „הבה נתחכמה'ס" — מיט קאָנספּיראַציעס און דיסקרימי־נאַציעס, מיט באַרויבען אַלע אונזערע מענשליכע רעכט און מיט וואַרפען אונזערע קינדער אין טייך אַריין אָדער זיי אַיינמויערען אין די ווענט פון די געביידען, וואָס מיר האָבען געבויט פאַר זיי. דעמזעלביגען שיקזאַל מאַכען מיר דורך אויך היינט. פאַר אונזער טרייהייט צו די פעלקער, צווישען וועלכע מיר געפינען זיך; פאַר די גרויסע קרבנות פון בלוט און געלט, וואָס מיר ברייגען פאַר זייער וואוילזיין, באַצאָלט מען אונז מיט שטיינער, מיט קאָנצענטראַציע־לאַגערען און מיט געז־קאַמערען.

מיר קאָנען זיך ווייניג־וואָס פאַרלאָזען אויף די שיינע הבטחות און הויך־קלינגענדיגע פראַזען איבער שלום און גלייכבאַרעכטיגונג, וואָס די דיפּלאָמאַטען פון אַלע מלוכות האַלטען אין איין פאַרשפּרעכען. די אידישע גאולה, לערנט אונז די הגדה, וועט קיינמאָל ניט דערגרייכט ווערען דורך „חסד לאומים" — דורך דעם גענאָד פון פרעמדע פעלקער. מען קאָן ווייניג בויען אויף זייערע צוזאָגען. „אלו לא הוציא הקב"ה את אבותינו ממצרים" — ווען דער אויבערשטער

וואָלט ניט אַרויסגענומען אונזערע עלטערן פון מצרים, ווען ניט אונזער פעסטער גלויבן אין אונזער אמונה און אונזערע רעכט אַלס אַ באַזונדער פאָלק, וואָלטן מיר נאָך ביז היינטיגן טאָג געווען פאַרשקלאַפט צו פּרעה אין מצרים. אויך היינט, אויב מיר וועלן ניט פאָדערן די פולע אָנערקענונג פון אונזער פאָלק, וועלן מיר מוזן פינסטערן אין גלות און אָוועקגעבן אונזערע כוחות פאַר פרעמדע.

אין מדרש ווערט אונז איבערגעגעבן, אַז דריי טעג איידער משיח וועט קומען, „בא אליהו ועומד על הרי ישראל ובוכה ומספיד עליהם, וקולו נשמע מסוף העולם ועד סופו" — וועט זיך אליהו הנביא אַוועקשטעלן אויף די בערג פון ישראל און זיי באַווײנען און באַקלאָגן, און זיין שטים וועט געהערט ווערן פון איין עק וועלט ביז צום צווייטן. „ביום הראשון הוא אומר: בא שלום לעולם" — דעם ערשטן טאָג וועט ער אָנאָנסירן, אַז שלום קומט אויף דער וועלט. „ביום השני הוא אומר: באה טובה לעולם" — דעם צווייטן טאָג וועט ער אויסרופן: אַז גוטע צייטן וועלן קומען אויף דער וועלט. „ביום השלישי הוא אומר: באה ישועה לעולם" — אויף דעם דריטן טאָג וועט ער באַקאַנט מאַכן, אַז אַ ישועה וועט קומען אויף דער וועלט. „כיון שהוא רואה שהרשעים שמחים, אומר לציון מלך אלקיך" — אזוי גיך אָבער ווי ער זעהט, אַז די רשעים פרייען זיך, זאָגט ער צו ציון: דיין ג' קעניגט (פּסיקתא רבתי).

וויפיל פּאָליטישע וויזהייט און היסטאָרישע וויטזעהונג געפינט זיך אין די שילדערונגען פון דעם מדרש! לאָמיר דאָס זוכען צו פאַרשטיין לויט די אומשטענדן און די געשעהענישן פון היינטיגער צייט: נאָך איידער די גרויסע וועלט-מלחמה, וואָס האָט געבראַכט טויט און רואינע אויף דער גאַנצער מענשהייט, האָט זיך פאַרענדיגט, האָבן די הערשער פון די גרויסע פעלקער, ווי אמעריקע, ענגלאַנד, רוסלאַנד און פראַנקרייך, אָפּגעהאַלטען פילע צוזאַמענקונפטען, אין קאַסאַבלאַנקאַ, פּאָטסדאַם, מאָסקווע און אַנדערע טיילען פון דער וועלט, וואו זיי האָבן געזוכט מיטלען ווי אַראָפּצוברייגגען דעם משיח פון שלום, וואָס זאָל פאַרזיכערן די וועלט קעגען ווייטערדיגע מלחמות. די דאָזיגע קאָנפערענצען האָבן עס געדאַרפט זיין די אליהו'ס, וואָס האָבן פּראָקלאַמירט דעם אָנקום פון דעם „משיח-השלום".

אויף איינער פון די קאָנפערענצען אַנאָנסירט דער פרעזידענט פון די פאַראייניגטע שטאַטן: „שלום בא לעולם" — פרידען האָלט אין קומען אויף דער וועלט. ער און דער פּרעמיער פון ענגלאַנד האָבן צוגעגרייט אַן „אַטלאַנטיק

טשאַרטער״, וועלכער וועט פאַרזיכערען די וועלט קעגען די שרעקען פון מלחמה, קעגען דער מורא פאַר נויט און אויך קעגען פאַרפאָלגונגען פון ראַסע און גלויבען. אַ צווייטער צוזאַמענקום פון די גרויסע מלוכות פּראָקלאַמירט: „טובה באה לעולם״ — גוטע צייטען וועלען קומען אויף דער וועלט. אַלע פעלקער וועלען פאַראייניגען זייערע רעסורסען, גרינדען אַ וועלט־באַנק, וואָס וועט פאַרזיכערען דעם עקאָנאָמישען מצב פון אַלע לענדער. אַ דריטע קאָנפערענץ שאַלט אויס פייערליך: „ישועה באה לעולם״ — אַ גרויסע ישועה קומט אויף דער וועלט. אַלע וועלט־מלוכות האָבען זיך פאַראייניגט אין אַ „יונייטעד ניישאָנס״ וועלכע וועט אַכטונג געבען איבער שלום און זעהן, אַז אַלע מענשען און יעדען לאַנד זאָלען געניסען די פרוכט פון דעמאָקראַטיע און גלייכבאַרעכטיגקייט.

דאָס אידיש פאָלק, וואָס האָט געליטען מער פאַר אַלעמען, האָט מען צו דידאָזיגע קאָנפערענצען ניט צוגעלאָזט. כאָטש דאָס אידיש פאָלק איז געוועזן דער ערשטער און גרעסטער קרבן פון די ווילדע נאַציס און פאַשיסטען, האָבען אָבער די גרויסע מלוכות, און צווישען זיי אויך די זאָגענאַנטע דעמאָקראַטישע פעלקער, וועלכע רעדען מיט פאַרגלאַצטע אויגען וועגען דעמאָקראַטיע און פרייהייט פאַר דער גאַנצער מענשהייט, ניט געפונען פאַר נויטיג אים איינצולאַדען. „ורשעים שמחים״ — די רשעות־דיגע פעלקער, וועלכע האָבען פיל בייגעשטייערט צו די אידישע צרות, צוערשט מיט שטיין פון ווייטענס, ווען אידיש בלוט האָט זיך געגאָסען מאַסענווייז, און נאָכדעם מיט פאַרשליסען אַלע טויערען פאַר זייערע אונגליקליכע פליכטלינגע, פרייען זיך מיט זייער גרויסער זיג. אויך די רשעים פון די אַראַבישע פעלקער, וועלכע, אויף דער פּראָוואָקאַציע פון ענגלאַנד, שטערען דער גרינדונג פון אונזער נאַציאָנאַלער היים אין ארץ־ישראל, אויך זיי פרייען זיך מיט דעם, וואָס דער שוואַרץ־ווייסער פּאַפּיר, וואָס האַלט די טויערען פון ארץ־ישראל געשלאָסען פאַר אידען, איז נאָך אין פולער קראַפט. זיי טראָגען זיך אַרום מיט דער האָפענונג, אַז זיי וועט נאָך געלינגען אַרויסצוטרייבען די אידען, וועלכע האָבען זיך שוין דאָרט באַזעצט, און נאָך ירש׳ענען די גרויסע פאַרמעגענס וואָס זיי האָבען דאָרט אַריינגעלייגט.

אַלס ענטפער אויף זייער אַלעמען׳ס ווילדער שמחה קערט זיך דער מיסטעריעזער „אליהו״ צו דער אַלטער ציון און זאָגט צו איר: זיי ניט פאַרצווייפעלט, דיין צייט וועט זיכער קומען. אַלע זייערע פּלענער וועלען פאַרוואַנדעלט ווערען אין פוסטע חלומות. כל זמן זיי וועלען ניט צוגעבען, אַז ארץ־ישראל איז די געזעצליכע היים פאַר דעם אידישען פאָלק, וועט קיין שלום אויף דער

וועלט ניט זיין. די שנאה, וואָס זיי ווייזן אַרויס צו דיינע אומגליקליכע קינדער, וועט זיך מיט דער צייט ווייטער פאַנאַנדערפאַלקערן אין אַ העלישען פייער, וואָס וועט פאַרניכטען די איבערגעבליבענע פעלקער פון דער וועלט. זיי ווייסען, אַז „מלך אלקיך" — דיין ג׳, איז נאָך אַלץ דער אמת׳ער קעניג פון דער וועלט און אַז זיין ווילען מוז דורכגעפירט ווערען.

דער מדרש זאָגט אויך, אַז אליהו הנביא קלאָגט אויף די „הרי ישראל", די זאָגענאַנטע הויכע פירער פון ישראל, וועלכע זיינען ניט דערוואַקסען צו זייער גרויסער אויפגאַבע. זיי רעדען נאָך אַלץ די שפּראַך פון גלות, וועלכע איז אונטערטעניג און פאַרשטעלט. עס פעלט זיי דער מוט צו רעדען קלאָרע דבורים. און פאָדערען אָפען פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז די צייט איז געקומען ניט נאָר צו עפענען די טויערען פון ארץ־ישראל פאַר נאָך אַ צאָל איינוואַנדערער, נאָר אַז מיר ווילען און מוזען דאָרט האָבען אַן אייגענע מלוכה, וועלכע זאָל איינמאָל פאַר אַלעמאָל אַראָפּנעמען דעם קין־צייכען פון אונזערע שטערענס און אונז שטעלען אין אַ גלייכער ליניע מיט די איבעריגע פעלקער פון דער וועלט.

אַלע צרות, וואָס די אידען האָבען זיך אָנגעליטען אין מצרים, האָבען זיך גענומען פון דעם, וואָס „עבדים היינו לפרעה" — מיר האָבען זיך געפילט פאַרשקלאַפט צו דער הערשענדער מאַכט און מורא געהאַט עפענטליך אַרויס־צוטרעטען מיט אונזערע גערעכטע פאָדערונגען. אויך היינט ליידען מיר פון דעם מינדערוויכטיגען קאָמפּלעקס, וואָס מיר פילען צו די הערשער פון דער וועלט. זאָגאַר אונזערע ציוניסטישע פירער זיינען אין הוילער שרעק צו רעדען קלאָרע דבורים. דר. הערצל, וועלכער איז געווען אַ פרייער מענש, ווען ער האָט זיך דערטראַכט צו דער ציוניסטישע אידייע, האָט ער זאָך אָנגערופען מיט דעם ריכטיגען נאָמען: אַ „יודענשטאַט", אַ אידישע מדינה. ווען עס האָבען זיך אָבער פאַרזאַמעלט די דעלעגאַטען פון אַלע עקען וועלט צום ערשטען ציוניסטישען קאָנגרעס, האָבען זיי מיט זיך געבראַכט די אַלטע גלות־פּסיכאָלאָגיע, וואָס האָט זיי געשטערט צו דערגרייכען דער געהעריגער פּאָליטישער הויך. זיי האָבען ניט פאַרמאָגט דעם געניגענדען באַציאָנאַלען שטאָלץ צו דערקלערען דעם אמת׳ן ענד־ציל פון דער ציוניסטישער אידייע. זיי האָבען געזוכט און געגנישטערט ביז זיי האָבען נאָך פיל מי געפונען אַן אויסדרוק, וואָס איז ניט קלאָר ביז היינטיגען טאָג: „עפענטליך רעכטליך" — אַן אומפאַרשטענדליכער באַגריף, וואָס זאָגט גאָרניט און פאַרשפּרעכט גאָרניט.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען די אידישע אַקציעס זיינען עטוואָס

געשטיגען, ווייל די אַליאירטע פעלקער, אונטער דער פירערשאַפט פון ענגלאַנד, האָבען דאַן געזוכט צו באַקומען דעם גוטען ווילען פון די רייכערע אידען, איבערהויפט אין אַמעריקע, האָבען מיר ווייטער ניט געהאַט דעם מוט אָנצורופען אונזער שטרעבונג מיט איר ריכטיגען נאָמען. מיר האָבען זיך באַנוגענט מיט אַ באַלפור־דעקלאַראַציע, וואָס פאַרשפּרעכט אַ „נאַציאָנאַלע היים" פאַר אידען אין ארץ־ישראל — אַ באַגריף, וואָס זאָגט גאָרניט און פאָדערט לאַנגע פירושים און דערקלערונגען. ביי אַ צווייטער געלעגענהייט זיינען מיר זיך צוזאַמענגעקומען און האָבען ווידער ניט געהאַט דעם מוט צו פאָרמולירען אונזערע פאָדערונגען קלאָר און עקזעקט. מיר האָבען ניט געפאָדערט אַ „אידישע מלוכה", נאָר אַ „קאָמאָנוועלט" — ווידער אַ באַגריף, וועמעס כוונה איז פאַרשטעלט און פאַרנעפּעלט. איצט אַז די בויט צווינגט אונז צו געפינען אַ היים פאַר אונזערע אויסגעוואָרצעלטע ברידער, רעדען שוין אונזערע פירער וועגען חלוקה, וועגען צעטיילען דאָס קליינע לאַנד און געבען אונזער פאָלק אַ קליינעם ווינקעל פון זיין פאַרשפּראָכען לאַנד.

דאָס, גלויבען מיר, איז דער הויפּט געדאַנק פון אונזערע חכמים, וועלכע זאָגען, אַז דער, וואָס זאָגט ניט די דריי באַגריפען, „פּסח, מצה און מרור", אום פּסח, „לא יצא ידי חובתו", האָט ניט אויסגעפילט זיין פליכט פאַר דער אמת'ער באַפרייאונג פון זיין פאָלק. ווילען מיר ווערען פריי, מוזען מיר ברענגען אַ „קרבן פּסח", מיר מוזען איבערהיפּען די הייזער פון אונזערע ניט־אידישע שכנים, מיר מוזען פון זיך אָראָפּטרייסלען דעם „אינפעריאָריטי קאָמפּלעקס", די מינדערוויכטיגקייט, וואָס מיר פילען קעגען דער ניט־אידישער וועלט. פון דעם בלוט פון „קרבן־פּסח", איז יעדער איד אָנגעזאָגט געוואָרען, אַז ער זאָל מיט אַ בינטעל „אזוב" — גראָז אויסשמירען די מזוזות פון זיין הויז. דער זוהר הקדוש באַמערקט: „אגודת אזוב למה?" — וואָרום דווקא מיט אַביסעל אזוב־גראָז? — דאָס איז „בגין לבערא רוח מסאבא מביניהו", כדי אויסצוראָמען דעם אומריינעם רוח פון צווישען זיי. כדי פריי צו ווערען, מוז מען זיין רייך פון אַלע פרעמדע אַיינפלוסען און זיך האַלטען ביי דעם אָריגינעלען געדאַנק פון דער אייגענער נאַציע.

מיר מוזען אויך גרינטליך פאַרשטיין דעם זין פון „מצה" — פון ניט פאַרזייערען און פאַרשפּעטיגען יעדע געלעגענהייט, וואָס קאָן אונז העלפען צו דערגרייכען אונזער ציל. „ושמרתם את המצות" — איר זאָלט היטען די מצות, „כדרך שאין מחמיצין את המצה, כך אין מחמיצין את המצוה" — אַזוי ווי מען

טאָר ניט לאָזען זויער ווערען דאָס טייג פון די מצות, אַזוי טאָר מען אויך ניט לאָזען זויער ווערען די פליכטען. „אם באה מצוה לידך עשה אותה מיד" — אויב עס קומט דיר אַ מצוה צו דער האַנט טו איר גלייך. פיל גרויסע מאָמענטען אין דעם אידישען לעבען זיינען פאַרפאַלען געגאַנגען ווייל מען האָט פאַרשפעטיגט די צייט, מען האָט געלאָזט די געלעגענהייטען זויער ווערען, אַלט ווערען, און פון זיי האָט זיך גאָרניט אויסגעלאָזט. כדי צו ווערען פריי, מוז זיין „ושמרתם את המצות" — אָפּהיטען די פליכטען און ניט פאַרלאָזען די געלעגענהייטען.

איבערהויפּט מוזען מיר געדענקען, אַז דער גלות איז פאַר אונז אַ „מרור" — אַ ביטערער שיקזאַל. ווי גוט אונז זאָל ניט זיין אין די פרעמדע לענדער, ווי העפליך עס זאָלען אונז ניט באַהאַנדלען די בירגער און אויך די רעגירענדע מאַכט, איז אונזער לעבען דאָרט דאָך אַ „מרור" — אַ ביטערער, ווייל אונזער צוקונפט איז ניט קיין זיכערע, דער גלות איז איין גרויסער „וואולקאַן", אַ פייער־שפייענדיגער באַרג מיט אָפענע קראַטערס, אָדער מיילער, אין יעדען לאַנד. פון מאַנכע קראַטערס שלאָגט אַ שטענדיגער פייער פון שנאה און מען מוז זיך שטאַרק היטען ניט פאַרכאַפּט צו ווערען פון די כוואַליעס ברענענדיגער לאַווא, וואָס פאַלען פון אים אַרויס. פיל געפערליכער איז אַ קראַטער פון אַ וואולקאַן, וואָס מען דענקט, אַז ער איז שוין אַ אויסגעלאָשענער. מענשען זעצען זיך אַרום און אַרום און בויען דאָרטען זייערע היימען. ווען אַזאַ וואולקאַן ברעכט אויס, ברייננגט ער טויט און פאַרניכטונג צו די אַרומיגע איינוואוינער.

מיר אידען האָבען שוין ניט איינמאָל געהאַט די ביטערע דערפאַרונג, אַז גראַד אין די לענדער, וואָס מיר האָבען געדענקט, אַז זיי זיינען פריי פון אידישען פאָראורטייל און אַז אונזער עקאָנאָמישע און פאָליטישע לאַגע דאָרט איז מער אָדער ווייניגער אַ געזיכערטע, האָט גאַנץ אומגעריכערהייט אויס־געבראָכען אַ העלישער פייער פון שנאה קעגען אונז, וואָס האָט מיטאַמאָל צעשטערט און פאַרניכטעט אַלץ, וואָס מיר האָבען דאָרט דערוואָרבען. „בכל דור ודור חייב אדם לראות את עצמו כאלו הוא יצא ממצרים" — פאַר אונז אידען איז די בעסטע עצה זיך תמיד צו באַטראַכטען ווי מיר וואָלטען היינט דאַרפען אַרויסגיין פון מצרים, פון די פרעמדע לענדער. מיר מוזען שטענדיג רעדען וועגען פסח, מצה און מרור, און זיין גרייט צו פאַרלאָזען דעם גלות און זיך באַזעצען אין אונזער ארץ אבות.

ב.

„זמן חרותנו” און „חג חרותנו”

ואמרתם זבח פסח.

„כאשר זכינו לסדר אותו כן נזכה לעשותו” — ווי מיר האָבען זוכה געווען אים אָפצוריכטען, אַזוי זאָלען מיר אויך זוכה זיין אים צו טאָן (הגדה לפסח).

די דריי גרויסע נאַציאָנאַלע ימים־טובים — פסח, שבועות און סוכות — ווערען פון אונז געפייערט אַלס אַ זכר, אַן אָנדענק פון דעם ווייטען אַמאָל, אָבער, ליידער, ניט אַלס עקזיסטירענע פאַקטען אויך היינט. אין „קידוש־היום” און אין די תפילות ווערען זיי דערמאָנט אַלס „זמן חרותנו”, „זמן מתן תורתנו”, „זמן שמחתנו” — די צייט וואָס מיר האָבען געהאַט פרייהייט, די צייט ווען מען האָט אונז געגעבען די תורה אין די צייט וואָס מיר האָבען זיך געפרייט. היינט, ליידער, האָבען מיר זיי ניט. אין גלות קאָנען מיר בלויז „לסדר אותו” — איינאָרדענען און דערמאָנען די גרויסע פאָלקס ימים־טובים. „לעשותו” — אויפצוטאָן ממשות'דיגס פאַר אונזער פאָלק קאָנען מיר נאָר דאַן באַוויזען ווען מיר וועלען זיין אין אונזער אייגענער היים, אין אונזער אייגען לאַנד. דאָרטען וועלען מיר פייערען די אמת'ע ימים־טובים פון „חג חרותנו”, „חג התורה” און „חג השמחה”.

גאָר אַמאָל, ווען די אידען האָבען נאָך געוואוינט אין זייער אייגען לאַנד, פלעגען די פסח'דיגע סדרים געפּראַוועט ווערען געמיינשאַפטליך, און ניט אין יעדען אידישען הויז באַזונדער. וועגען דעם קרבן פסח ווערט געזאָגט אין דער תורה: „כל עדת ישראל יעשו אותו” — די גאַנצע אידישע געמיינדע מוזען אים מאַכען צוזאַמען, ניט אָפּגעזונדערט איינער פון אַנדערען. אַלע אידישע פאַמיליעס, וואָס האָבען געוואוינט בשכנות, פלעגען זיך פאַרזאַמלען און אָנטייל נעמען אין דעם קרבן פסח. קוים שטעלט דער קרבן פאַר דעם פרייהייטס־סימבאָל פון דעם פאָלק, מוזען זיך אין אים באַטייליגען אַלע אידען, ווייל נאָר דורך פאַראייניגונג קאָן די פרייהייט פון אַ פאָלק אויפגעהאַלטען און אָפגעהיט ווערען.

דער סדר אָבער, וואָס מיר פּראַווען אין גלות, איז בלויז אַ זכר פון דעם אַלטער סדר, וואָס מיר האָבען אַמאָל אָפּגעריכט אין אונזער לאַנד. פון דעם

קרבן־פסח, וואס דאס גאנצע פאלק האט פון אים געגעסען און פון אים גענאסען, זיינען מיר יוצא מיט א „זרוע", א קלייןביינדעל. פון אלע „קרבנות", וואס דער איד ברענגט פאר זיין עקזיסטענץ אין גלות, אין די פרעמדע לענדער, קאן ער גאנץ ווייניג געניסען. ער מוז זיך צופרידענשטעלען מיט א ביינדעל, וואס מען ווארפט אים צו פון צייט צו צייט. מער קאן ער ניט דערווארטען. דעם הויפט־פלאץ אויף אונזער סדר־טיש פארנעמען נאר אלץ דער „מרור" — די ביטערע קריימעכער, וואס מיר זיינען געדריקט אראפצושלינגען; דער „חרוסת" — דער סימבאל פון שקלאפעריי, ווייל נאך היינט מוזען מיר פארשווענדען אונזערע כוחות צו קנעטען ליים און ציגעל פאר די געביידען פון פרעמדע; און אויך די הארטע איי, וואס איז א סימן פון אבלות, פון טרויער, ווייל „ביום שחל בו פסח, חל בו גם תשעה באב" — אין דעם זעלבען טאג, וואס עס געפאלט פסח, פאלט אויך אויס „תשעה באב" (שו"ע אורח חיים סי' תע"ג).

דער אמאליגער פסח פלעגט פון אונזער פאלק געפייערט ווערען עפענט־ליך. פון אלע עקען לאנד פלעגען זיך אידען ציען צו ירושלים דארט מקריב צו זיין דעם פרייהייטס־קרבן. היינט אבער, ווערען אונזערע סדרים אפגעריכט בחדרי חדרים, באהאלטען פון דער עפענטליכקייט, און די איינציגע צייט וואס מיר עפענען די טיר איז צום „שפוך חמתך על הגויים" — אויסצודריקען אונזער אנטריסונג אויף די פילע רדיפות און נגישות, וואס מיר האבען אויסצושטיין פון אונזערע שונאים. עפענטליך קאנען מיר זיך נאר פרעהען מיט זייערע נאציאנאלע ימים־טובים, מיט זייערע גרויסע זיגען, פאר וועלכע מיר האבען געבראכט גאר גרויסע קרבנות, אבער קאנען פון זיי ווייניג וואס געניסען. מיר געפינען זיך נאך היינט אין דער זעלבער לאגע ווי עס ווערט געשילדערט אין מדרש:

„ווען נבוכדנצר איז געקומען פון ירושלים מיט די געפאנגענע אידען, וואס ער האט געבראכט צוזאמען מיט דעם לעצטען אידישען קעניג צדקיהו, זיינען די געפאנגענע אידען, וועלכע זיינען פארטריבען געווארען אין בבל, צוזאמען מיט דעם פריערדיגען קעניג יכניה, ארויס קעגען אים: „מכוסים שחורים מבפנים ולבושים לבנים מבחוץ" — צוגעדעקט מיט שווארצע טרויער־קליידער פון איבווייניג און איינגעהילט אין ווייסע פרעהליכע קליידער פון אויסווייניג, „והיו מקלסין לקראתו" — און האבען געיובעלט קעגען אים און באגריסט זיין גרויסען זיג. „והוין שואלין, בחשאי, מה עביד באבא? מה עביד באחא? מה עביד בברי?" — שטילערהייט אבער, האבען זיי געפרעגט ביי די

אנגעקומענע אידען: וואס האבען זיי געטאן צו מיין טאטען? וואס האבען זיי געטאן מיט מיין ברודער? וואס האבען זיי געטאן צו מיין זוהן? „ואיבון אמרין: „אשר למות, למות, ואשר לחרב, לחרב" — און יענע האבען געענטפערט: מאנכע זיינען אויסגעשטארבען און מאנכע זיינען אויסגעקוילעט געווארען. „והוין מקלסין בחדא ידא ומספדין בחדא ידא" — האבען זיי פון איין זייט געיובעלט און פון דער צווייטער זייט געקלאגט (פתיחתא דאיכה רבתי כ"ג).

אויך היינט ערווארטעט מען פון אונז ארויסצוגיין אין די גאסען און אנטייל נעמען אין די שמחות פון „ארמיסטיס דעי" פון „ווי־דעי". אלס געטרייע בירגער פון לאנד דארפען מיר זיך פרעהען מיט די גרויסע זיגען פון די אליאירטע מלוכות קעגען די פינסטערע און אכזריות'דיגע נאציס און פאשיסטען. „בחשאי", אבער שטילערהייט טרויערען מיר אויף די מיליאנען אידישע טאטעס, ברידער און קינדער, וועלכע זיינען געווען די ערשטע צו פאלען קרבנות אויף די מזבחות און גאז־קאמערן פון די גרויזאמע מערדער, און וועמענס בלוט שרייט נאך אלץ ארויס פון דער ערד און שפאלט די הימלען. אבער זייער הארצרייסענדער קול פאלט אויף טויבע אויערען. די פעלקער, פאר וועלכע מיר האבען געקעמפט, האבען אונז גיך פארגעסען, און נאך א הארטע איי, א צוגע־געבענער סימן פון אבלות, פון א גרויסען פאלקס־טרויער מוז ארויפגעלייגט ווערען אויף דעם היינטיגען סדר־טיש...

פארצווייפלען אבער זאלען מיר ניט. זיך מיאש זיין און אויפגעבען אונזער האפנונג פון „לעשותו", אז מיר וועלען נאך זוכה זיין פייערען דעם „פסח לעתיד", דעם יום־טוב פון אונזער ענדגילטיגער גאולה, דאס טארען מיר ניט. איינער פון אונזערע גרויסע רבנים האט אמאל געזאגט צו א רוסישען מיניסטער: די אורזאכע ווארום מיר לייגען ארויף א הארטע איי אויף אונזער סדר־טיש איז, ווייל עס איז א סימבאל פון אונזער עקשנות. אן איי וואס מער מען קאכט און בראט איר, אלץ הארטער ווערט זי. אזוי איז אויך מיט אונז, אידען. וואס מער מען ברענט און בראט אונז, אלץ הארטער און עקשנות'דיגער ווערט אונזער נאציאנאלער געפיל צו קעמפען פאר אונזער פרייהייט. מיר האלטען נאך דערווייל אין פייערען בלויז דעם „זמן חרותנו". אלס אנדענק פון אונזער אמאליגער פרייהייט. מיר זיינען אבער זיכער, אז דער „חג חרותנו", דער אמת'ער יום־טוב פון אונזער פרייהייט וועט קומען.

ג.

אונזער היסטאָרישע חזקה אויף ארץ ישראל

טל תן לרצות ארצך.

„אמר רב עתידין כל אילני סרק שבארץ ישראל שיטענו פירות" — רב זאָגט: אין דער צוקונפט וועלען אַלע פוסטע בוימער אין ארץ ישראל זיין אָנגעלאָדען מיט פרוכט (כתובות קי"ב ע"ב).

צו מוסף, דעם ערשטען טאָג פון פסח, בענטשט מען אין אַלע שוהלען „טל". מיר בעטען דעם רבונו של עולם ער זאָל אָרונטערשיקען געגוג טוי „לרצות ארצך" — צופרידענשטעלען זיין לאַנד, אַז זי זאָל קאָנען פראָדוצירען אירע שעהנע פרוכט. לויט דער אידישער טראַדיציע, ווערען די הימלישע אוצרות, וואָס אַנטהאַלטען דעם טוי, געעפענט דעם ערשטען טאָג פסח: „הגיע ליל יום־טוב ראשון של פסח, קרא יצחק לבנו עשו הגדול ואמר לו: הלילה הזה אוצרות הטללים נפתחים" — ווען עס האָט געגרייכט די נאַכט פונ'ם ערשטען טאָג פסח, האָט יצחק גערופען זיין עלטערען זוהן עשו און אים געזאָגט: „היינטיגע נאַכט ווערען געעפענט די אוצרות פון טוי, מאַך פאַר מיר אַ גוט געקעכץ, אום איך זאָל דיר בענשען מיט דער ברכה פון טוי (פרקי דר"א פל"ב). יעקב, וועלכער האָט אויף דעם באַפעל פון זיין מוטער רבקה אויסגענאַרט די ברכה פאַר זיך, האָט איר צום סוף באַקומען. יצחק בענשט אים: „ויתן לך אלקים מטל השמים ומשמני הארץ" — ג' זאָל דיר געבען פון דעם טוי פון די הימלען און פון דער פעטקייט פון דער ערד.

טוי און רעגען מאַכען די ערד פריש און פעט, כדי זי זאָל קאָנען אַרויס־געבען אירע פרוכט אין צייט. אין ארץ־ישראל ווערען די צוויי איינגעטיילט כמעט אין צוויי גלייכע טיילען. די זעקס מאָנאַטען פון זומער פאַלט יעדע נאַכט אַ שווערער טוי אויף דער ערד, וועלכער קילט איר אָפּ פון די היצען דורכ'ן טאָג און גיט איר פרישע כחות און זאַפטקייט צו קאָנען פראָדוצירען. די זעקס מאָנאַטען פון ווינטער רעגענט פיל און מאַכט די ערד פרוכטבאַר. דערפאַר זיינען מיר מתפלל פסח אויף „טל" און שמיני עצרת אויף „גשם".

כל זמן מיר האָבען געלעבט אין ארץ־ישראל זיינען די צוויי תפילות געווען אין פלאַץ. די לאַנד איז געווען אונזערע און איר פראָדוקטיוויטעט האָט

באַלאַנגט צו אונז. אין די טויזענטער יאָרען פון גלות אָבער, איז דאָס לאַנד אין באַזיץ פון פרעמדע, ווארום דען האַלטען מיר אין איין מתפלל זיין פאַר טוי און רעגען, רייך צו מאַכען אַנדערע? מיר געפינען טאַקע, אַז איינער פון אונזערע גרויסע תנאים וואונדערט זיך דאַריבער: ווי עס ווערט דערציילט, אַז רבי יהושע בן לוי האָט געזעהן די גרויסע וויינטרויבען, וואָס וואַקסען אין ארץ ישראל, האָט ער מיט האַרצווייטאָג אויסגעשריען: „ארץ, ארץ, הכניסי פירותיך! למי את מוציאה פירותיך? לערביים הללו שעמדו עלינו?" — ערד, ערד, באַהאַלט דיינע פרוכט! פאַר ועמען פראָדוצירסטו דיינע פרוכט? פאַר די דאָזיגע אַראַבער, וואָס שטעלען זיך קעגען אונז און לאָזען ניט, אַז מיר זאָלען קאָנען דאָרט צוריק בויען אונזער היים? (כתובות קי"ב ע"א).

אונזער פאָלק האָט אָבער קיינמאָל ניט אויפגעהערט מתפלל צו זיין פאַר זיין לאַנד, ווייל ער האָט קיינמאָל זיין היסטאָרישע חזקה אויף איר ניט אויפגעגעבען. וואו ער איז געגאַנגען, אין וועלכען לאַנד ער האָט ניט איינגוואַנדערט, האָט ער מיט זיך מיטגעפירט אַ שטיק ארץ ישראל. אין זיינע תפילות האָט ער איר קיינמאָל ניט אויסגעלאָזט. אויף אַלע זיינע שמחות האָט ער איר דערמאָנט. מאַכט מען חתונה קינדער, צעברעכט מען אַ גלעזעל אונטער דער חופה פאַר אַ „זכר לחורבן", אַן אָנדענק פאַר זיין לאַנד, וועלכע איז חרוב געוואָרען. בויט מען שוהלען, דאַווענט מען מיט'ן פנים צו ארץ ישראל. פרומע אידען, אַז זיי האָבען געפאַרבט זייערע הייזער, האָבען איבערגעלאָזט אַ קליין פלאַץ ניט געפאַרבט, „זכר לחורבן". שטענדיג האָט דער איד גע'חלומ'ט וועגען זיין לאַנד אפילו ווען ער האָט זיך געוואַלגערט אין פוסטע מדבריות און האָט ניט געהאַט וואו זיין קאָפּ אַנצושפאַרען, „קיפל הקב"ה ארץ ישראל תחתיו" — האָט ג' פאַר אים צוזאַמענגעוויקעלט ארץ ישראל ווי אַ קאָלדרע און עס אונטערגעלייגט אונטער אים, און מיט דער האָפענונג, אַז ער וועט נאָך זיין לאַנד צוריק־קריגען, האָט ער געקאָנט ווידערשטיין אַלע זיינע ליידען און שמערצען (חולין צ"א).

די אַראַבער, וועלכע וואוינען איצט אין אונזער אַמאָליג לאַנד, ריידען מיט חוצפה קעגען אונז און פאַרשרייען די וועלט, אַז די לאַנד איז אין זייער באַזיץ פאַר טויזענטער יאָרען, כאָטש עס איז אַ היסטאָרישער פאַקט, אַז קיינער פון זיי קען ניט אויפווייזען, אַז זייערע עלטערען האָבען זיך דאָרטען געפונען מיט איניגע הונדערט יאָר צוריק. ווי עס איז יעדען באַקאַנט, באַלאַנגען די אַראַבער פון ארץ ישראל צו די נאָמאַדישע שבטים, וועלכע ווייסען זעהר ווייניג פון אַ היימלאַנד. זיי האָבען קיין ליבע ניט צו קיין לאַנד. זיי וואַנדערען אַרום

פון איין פלאַץ צום צווייטען, און אַז עס נעמט זיך אויס די פּאַשע פאַר זייערע שעפּסען אין איין אָרט, פאַרלאָזען זיי אים און זוכען אַן אַנדערען. דערפאַר איז טאַקע ארץ־ישראל, ביז אונזער צוריקקערען זיך אַהין, געשטאַנען פאַר טויזענטער יאָרען פּוסט און פאַרלאָזען.

אידען, דאַגעגען, האָבען שטענדיג געהאַט גרויס ליבע צו זייער ארץ אבות. ערשטענס, געפינען זיך אין ארץ ישראל אידען, כאָטש זייער צאָל איז אַ קלײנער, וועלכע האָבען דאָס לאַנד קיינמאָל ניט פאַרלאָזען. צווייטענס, האָבען אידען שטענדיג באַזוכט דאָס לאַנד, ווען נאָר די מעגליכקייט איז זיי געגעבען געוואָרען. דריטענס, ווייסען מיר, אַז כמעט אין אַלע צייטען האָבען זיך געפונען אידען, וועלכע האָבען אויף דער עלטער פאַרלאָזען זייערע היימען אין חוץ לארץ און אַוועק שטאַרבען אין ארץ ישראל. נאָך היינט צו־טאָג איז דער מנהג איינגע־פירט ביי אידען, אַז צוקאָפּענס פון יעדען מת לייגט מען אין זיין ארון אַריין אַ זעקעלע מיט ארץ ישראל ערד, כדי זיין קאָפּ זאָל כאָטש רוהען אויף ערד פון דעם הייליג לאַנד.

אונזערע חכמים, וואָס האָבען געלעבט אין ארץ ישראל, רעדען מיט אַנטוזיאַזם קעגען די, וואָס וואוינען אין חוץ לארץ און קומען בלויז פאַר אַ באַזוך אין ארץ ישראל, אָדער פאַרען אַהין שטאַרבען. אין דער גמרא ווערט דערציילט: „עולא היה רגיל דהוה סליק לארץ ישראל" — עולא איז געווען געוויינט אָפט צו באַזוכען ארץ ישראל. „נח נפשו בחוץ לארץ. אתו אמרו לו לר' אלעזר" — ער איז אָבער געשטאָרבען אין חוץ לארץ, איז מען געקומען און מען האָט עס דערציילט זיין פריינד רבי אלעזר. „אמר, אנת עולא על אדמה טמאה תמות", האָט ער געיאָמערט: דו עולא זאָלסט שטאַרבען אויף אַן אומריינעם באָדען! „אמרו לו ארונו בא. אמר להם אינו דומה קולטתו מחיים לקולטתו לאחר מיתה". זאָגען זיי צו אים: מען האָט איצט געבראַכט זיין ארון אים מקבר צו זיין דאָ, ענטפערט ער זיי: עס קאָן ניט זיין קיין פאַרגליך צווישען דעם, וואָס דאָס לאַנד נעמט אים אויף לעבעדיגערהייט צו דעם, וואָס עס נעמט אויף טויטערהייט (כתובות קי"א ע"א).

כאָטש באַגראָבען צו ווערען אין ארץ ישראל איז באַטראַכט געוואָרען פון אונזערע חכמים פאַר אַ גרויס מדרגה, ווי זיי זאָגען: „כל הקבור בארץ ישראל כאילו קבור תחת המזבח" — דער וואָס ווערט באַגראָבען אין ארץ ישראל, איז ווי ער וואָלט באַגראָבען געוואָרען אונטער'ן מזבח, איז אָבער וואוינען אין ארץ ישראל פיל העכער: „כל הדר בארץ ישראל שרוי בלי עון" — דער וואָס

וואוינט אין ארץ ישראל לעבט אָהן זינד (שם). עס איז טאַקע אמת, אַז באַגראָבען צו ווערען אין ארץ ישראל איז מכפר אויף די עבירות, וואָס איינער איז באַגאַנגען פאַר דער צייט וואָס ער האָט געלעבט אין חוץ לארץ, איז עס אָבער קיין פאַרגלייך ניט צו איינעם וואָס וואוינט אין ארץ ישראל, ווייל זיין לעבען דאָרט איז ריין פון זינד.

„לא המתים יהללו" — די טויטע קאָנען ניט דערהויבען די גאָטהייט און עטוואָס אויפטאָן פאַר זייער פאָלק, בלויז לעבעדיגע קאָנען עס דערוויזען. דער וואָס לעבט אין חוץ לארץ, שאַפט בלויז פאַר די פרעמדע לענדער, וואו ער געפינט זיך. אַלע זיינע דערגרייכונגען ווערען ניט פאַררעכענט אויף דער קאָנטאָ פון זיין פאָלק. די וואָס וואוינען אין ארץ ישראל, שאַפען פאַר דעם פאָלק. אפילו די יעניגע, וואָס קומען ניט נאָך די געזעצען פון אונזער תורה און זיינען ניט אָפגעהיט אין די מצוות פון אונזער רעליגיע, מוזען געאַכטעט ווערען, ווייל זיי ביישטייערען אַ גרויסען חלק צו דעם אויפבוי פון אונזער לאַנד. ווי רב זאָגט טאַקע: „עתידין כל אילני סרק שבארץ ישראל שיטענו פירות" — פוסטעביימער, טרוקענע מענשען, וואָס וואוינען אין ארץ ישראל, זיינען אָנגע־לאָדען מיט פרוכט, וואָס זיי שאַפען פאַר אונזער פאָלק.

ד.

די ארבעה בנים און די אידישע גאולה

כנגד ארבעה בנים דברה תורה.

„אחד חכם — זה יצחק, שאמר: הנה האש והעצים ואיה השה לעולה? אחד רשע — זה עשו, שאמר אל יעקב: מי לך כל המחנה הזה אשר פגשתי? אחד תם — זה יעקב, שנאמר בו: ויהי בבוקר והנה היא לאה. ואחד שאינו יודע לשאול — זה ישמעאל, ועליו נאמר: והוא יהיה פרא אדם" — די תורה רעדט וועגען פיר קלאַסען קינדער: איינער אַ חכם — דאָס איז יצחק, וועלכער האָט געפרעגט: דאָ האָסטו דעם פייער און דאָס האָלץ און וואו איז די שעפּס פאַר אַ קרבן? איינער אַ רשע — דאָס איז עשו, וואָס האָט געפרעגט ביי יעקב'ן: ווער איז די דאָזיגע גאַנצע מחנה דיינע, וואָס איך האָב באַגעגענט? איינער אַ

תמ׳עוואָטער — דאָס איז יעקב, ביי וועמען עס ווערט געזאָגט, אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט אין דער פרי — ערשט עס איז גאָר לאה. און איינער אַן אומוויסענ־דער — דאָס איז ישמעאל, און וועגען אים ווערט געזאָגט, אַז ער וועט זיין אַ ווילדער מענש (סמא דחיי, בשם מדרש פליאה).

דער „סדר" מיט אַלע זיינע איינריכטונגען, וואָס מיר פּראַווען די ערשטע צוויי נעכט פון פּסח, איז פון אָנהויב אָן, הויפּטזעכליך, געצילט געווען צו פאַרשטאַרקען דעם נאַציאָנאַלען געפיל צווישען די אידישע מאַסען, איבער־הויפּט ביי אונזערע יונגע קינדער. גאָר אַמאָל, ווען אידען האָבען נאָך געוואוינט אין זייער אייגען לאַנד, פלעגען די פּסח׳דיגע סדרים געפּראַוועט ווערען געמיינ־שאַפטליך. דער קרבן־פּסח איז דער סימבאָל פון אידישער פרייהייט. דערפאַר „כל עדת ישראל יעשו אותו" — האָט די גאַנצע אידישע געמיינדע אים געמוזט פּראַווען צוזאַמען, ווייל נאָר דורך פאַראייניגונג קאָן די פרייהייט פון אַ פאָלק אויפגעהאַלטען ווערען.

ביי דיזע געמיינשאַפטליכע סדרים פלעגט אַרומגערעדט ווערען די אידישע לאַגע און פלענער ווי זי אויסצובעסערען פלעגען גרינטליך דיסקוטירט ווערען. אויך ביי היינטיגען טאָג שטעלט דער סדר־טיש פאַר די לאַגע פון די אידען אין די פאַרשיידענע גלות־לענדער וואו זיי געפינען זיך. אויף דערזעלבער קערה, וואו עס ליגען די זרוע, מרור און חרוסת, ווערט אויך אַרויפגעלייגט אַ האַרט־געקאָכט איי, וואָס איז אַ סימבאָל פון אבלות, פון טרויער, ווייל „ביום שחל בו פסח, חל בו גם תשעה באב" — אין דעמזעלבען טאָג, וואָס עס פאַלט־אויס פּסח, פאַלט אויך אויס תשעה באב (שו״ע אור״ח סי׳ תע״ו). ביים סוף פון סדר ווערט אָנגעגאָסען אַ כוס וויין פאַר אליהו הנביא, וועלכער דאַרף אונז אָנזאָגען די גאולה, ווייל „ביום שחרב בית המקדש נולד משיח" — אין דעם טאָג, ווען דער בית־המקדש איז צעשטערט געוואָרען, איז געבוירען געוואָרען משיח.

אָט אַזוי דרייט זיך דער כישוף־קרייז פון ליכט און פינסטערניש, פרייד און טרויער, אין וועלכען אונזער פאָלק איז איינגעקלאַמערט פאַר טויזענטער יאָרען. די לאַגע איז אַ העכסט־טרויעריגע. דער מרור און חרוסת זיינען נאָך אַלץ דעם אידענ׳ס גורל איבעראַל. אין אַלע לענדער, וואו ער געפינט זיך, איז זיין לעבען ביטער און ער פאַרשווענדט זיינע כוחות אין בויען „פתום" און „רעמסס" פאַר אַנדערע. ער פייערט נאָך אַלץ זיין אַמאָליגע באַפרייאונג אין אבלות אויף זיינע חורבנות. אָבער פאַרצווייפלען, זיך מיאש זיין און אויפגעבען דעם קאַמף פאַר זיין עקזיסטענץ — דאָס ניט. מיר האָבען איבערגעלעבט אונזערע

שונאים אַמאָל און מיר וועלען זיי אויך היינט איבערלעבען. אַט די לעקציע ווערט אונז קלאָר געגעבען אין דער הגדה פון פסח.

„כהא לחמא עניא" — אַט דאָס ברויט פון אָרימקייט און פּיין, וואָס מיר עסען היינט אין דעם פינסטערען גלות, איז דערזעלבער „די אכלו אבהתנא בארעא דמצרים", וואָס אונזערע עלטערען האָבען געגעסען אין דעם לאַנד פון מצרים. פאַר דער „עבודה קשה", דער שווערער אַרבייט, וואָס מיר האָבען געטאָן פאַר זיי, האָט מען אונז דאַן, ווי היינט, באַצאָלט מיט „הבה נתחכמה'ס", מיט קאָנספּיראַציעס און דיסקרימינאַציעס. אונזערע קינדער האָט מען דאַן אויך געוואָרפען אין טייך אָדער איינגעמויערט אין די ווענט פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערען. וואָס עס פּאַסירט היינט מיט אונז, האָבען מיר שוין ניט איינמאָל דורכגעמאַכט אין אונזערע לאַנגע און שווערע גלות'ן. „כל דכפין ייתי ויכול" — ווער עס איז הונגעריג און בייגעריג צו וויסען ווי מיר האָבען דאָס געקאָנט דורכלעבען, זאָל קומען און עסען, לערנען און שטודירען אונזער מאַרטירער־געשיכטע. „כל דצריך ייתי ויפסח" — ווער עס דאַרף נאָך און וועמען עס פעהלען די ידיעות, זאָל קומען און מיט אונז פּראַווען דעם פסח, דעם אידעאַל פון אונזער באַפרייאונג. דאָס וועט זיי געבען כוח און אויסדויער צו האָפען, אַז כאָטש „השתא הכא", היי־יאָר זיינען מיר נאָך דאָ, דערוואַרטען מיר אָבער, אַז „לשנה הבאה בארעא דישראל" — דעם קומענד־יגען יאָר זאָלען מיר זיין אין דעם אידישען לאַנד. „השתא עבדי" — כאָטש היינטיגען יאָר זיינען אפילו די אידען אין ארץ ישראל אויך פאַרשקלאַפט, גיבען מיר ניט אויף די האָפענונג, אַז „לשנה הבאה בני חורין" — אַז דעם קומענדיגען יאָר זאָלען מיר דאָרט זיין פרייע מענשען.

די אידישע גאולה, לערענט אונז די הגדה, קאָן דערגרייכט ווערען בלויז דורך אונזערע אייגענע גייסטיגע כוחות. „אלו לא הוציא הקב"ה את אבותינו ממצרים" ווען דער אויבערשטער וואָלט ניט אַרויסגענומען אונזערע עלטערען פון מצרים, ווען ניט אונזער פעסטער גלויבען אין אונזערע רעכטען אַלס פאָלק, וואָלטען מיר נאָך ביז היינטיגען טאָג געווען פאַרשקלאַפט צו פרעה אין מצרים.

די הגדה איז געשריבען געוואָרען „כנגד ארבעה בנים" — קעגען די פיר פאַרשיידענע קלאַסען אידען, וואָס געפינען זיך אין פאָלק: דער „חכם", וואָס באַגערט אַלץ צו וויסען; דער „רשע", וואָס לאַכט זיך אויס פון אַלץ; דער „תם", וואָס נעמט אַלץ אָן פאַר גוטען, און דער „שאינו יודע לשאול", דער אומוויסענדער, וואָס ווייכט פון אַלץ. אַן אוצר פון פּסיכאָלאָגישער און פּאָליטישער ווייזהייט

גֶעפינט זיך אין די פראַגעז, וואָס די פאַרשיידענע בנים פרעגען, און אין די ענטפערס, וואָס די הגדה הייסט זיי געבען...

דער חכם

„חכם מה הוא אומר ?" — וואָס פרעגט דער חכם ? „מה העדות והחוקים והמשפטים אשר צוה ה' אלקינו אתכם ?" — וואָס זיינען די תורות, די געזעצען און די משפטים, וואָס אונזער ג' האָט אייך אָנגעזאָגט ? קלוגע אידישע קינדער שטודירען די לעבענס־געשיכטע פון זייער פאָלק און קאָנען זיך ניט אָפּוואונדערען אויף דעם גרויסען נס צו קאָנען עקזיסטירען אַזוי לאַנג אונטער אַזעלכע אומ־שטענדען ווי די אידען האָבען איבערגעלעבט אין זייער לאַנגען און טרויעריגען גלות. פון וואַנען האָבען זיי געצויגען די קרעפטען צו קאָנען ווידערשטיין די ביי־זוויליגע און אָפטע אָנפאַלען פון זייערע שונאים, וואָס האָבען זיי איבעראַל געזוכט אונטערצוברייגען ? און זייער באַוואונדערונג ווערט נאָך גרעסער, ווען די געשיכטע באַווייזט זיי, אַז נאָך יעדער אָנפאַל, נאָך יעדען גרויזאַמען אָנגריף פון זייערע אַנטיסעמיטישע שכנים, זיינען די אידען אַרויס פיל קרעפטיגער אַלס פאָלק און מער געשטאַרקט אין זייער באַשלוס צו קעמפען ווייטער פאַר זייער עקזיסטענץ און באַפרייאונג.

ביסלאַכווייז קומען זיי צו דער איבערצייגונג, אַז דעם הויפּט כוח, וואָס האָט זייערע עלטערען אויפגעהאַלטען ביז איצט, האָבען זיי געצויגען פון די באַזונדערע חוקים ומשפטים, וואָס זייער גלויבען האָט זיי געלערענט. אומעטום, אַפּגעזעהן פון דעם אָרט אָדער פון די אומשטענדען, אין וועלכע זיי האָבען זיך געפונען, איז זייער רעליגיעזער לעבען געוועזן איין־און־דערזעלבער. זייערע שבתים און ימים־טובים האָבען געטראָגען דעמזעלבען כאַראַקטער. זייערע שוהלען האָבען זיך אויפגעפירט לויט דיזעלבע מנהגים און טראַדיציעס. אַפילו זייער טאָג־טעגליכער לעבען האָט געטראָגען אַן אייגענאַרטיגקייט, וואָס האָט זיי געמאַכט פאַרשיידען פון זייערע שכנים און זיי געהאַלטען אין די ראַמען פון זייער אייגען פאָלק.

און אַז זיי קומען זיך צוזאַמען מיט זייערע עלטערען ביים סדר־טיש, ווילען זיי טאַקע וויסען „מה העדות והחוקים והמשפטים", וואָס זיינען די געזעצען און די משפטים, וואָס אונזער ג' האָט אייך אָנגעזאָגט און וואָס האָבען אייך געמאַכט אומשטערבליך ? אויף זייער פראַגע הייסט אונז דער בעל הגדה זיי דערקלערען די דינים פון פסח און פאַרענדיגען מיט דעם דין : „אין מפטירין

אחר הפסח אפיקומן״ — מען טאָר ניט פאַרענדיגען דעם סדר מיט אַנדערע קאָמפּאָטען, נאָר מיט דער מצה, מיט וועלכער מען האָט דעם סדר אָנגעהויבען. אויב מיר ווילען ווייטער עקזיסטירען אַלס פאָלק, מוזען מיר זיין אויסגעהאַלטען. אויף דעמזעלבען דרך, ווי מיר האָבען אָנגעהויבען דעם סדר פון אונזער לעבען, אַזוי מוזען מיר אים פאַרטזעצען. די יעניגע, וואָס ווילען צולייגען פרעמדע אפיקומנ׳ס, פרעמדע קולטורען און אידייען, שוואַכען־אָפּ אונזער שטאַנדהאַפטיג־קייט און אונזער נאַציאָנאַלער מצב ווערט וואַקעלדיג.

ווי שיין און אויסגעהאַלטען עס איז די באַמערקונג אויף דעם פון דעם אויבענציטירטען מדרש: „אחד חכם — זה יצחק״, אַן אמת׳ער אידישער חכם איז געווען יצחק. אַז ער האָט געזעהן ווי דער פאָטער פירט מיט זיך פייער און האָלץ, פרעגט ער אים: וואו איז די שעפּס פאַר דעם קרבן עולה? און אַז דער פאָטער ענטפערט אים: אויב קיין שעפּס ווערט זיך ניט ווייזען „לעולה בני״, וועסטו מוזען זיין דער קרבן — ציט ער זיך ניט צוריק. ער ווייסט גוט, אַז אויב מען וויל אויפהאַלטען דעם גייסט פון אַ פאָלק, מוז מען זיין גרייט זיך מקריב צו זיין פאַר דעם.

דער רשע

„רשע מה הוא אומר״ — וואָס פרעגט דער רשע? די שלעכטע קינדער פון פאָלק, וועלכע האָבען זיך פון אונז דערווייטערט און זוכען נאָכצומאַכען זייערע שכנים — זיי ווילען ניט וויסען פון אונזערע דינים און מנהגים, זיי לאַכען אָפּ פון זיי, און מיט שפּאָט פרעגען זיי: „מה העבודה הזאת לכם״? — וואָס קומט אייך אַרויס פון דער גאַנצער אַרבייט? איר זעהט אויף וויפיל דאָס האָט אייך געהאָלפען צו פאַרבעסערען אייער לאַגע. זיי אַליין, פונקט ווי עשו הרשע, שליסען זיך אויס פון דער אידישער געזעלשאַפט און פרעגען: „מי לך כל המחנה הזה?״ — ווער איז אייער גאַנצע מחנה? ווי קליין און מאַכטלאָז זענט איר קעגען די פעלקער פון דער וועלט?

מיט אַזעלכע שלעכטע קינדער ראָט אונז די הגדה ניט אַריינצוגיין אין קיינע ויכוחים. די בעסטע זאַך איז: „הקהה את שיניו״ — שלאָג אים אויס די ציין. לאָזט זיי ניט צו צו קיינע פון אייערע קהל׳שע אַרבייטען. ענטפערט זיי: „לי ולא לו״ — די אידישע אינטערעסען געהערען זיך ווייניג אָן צו אייך און זאָלען זיי זיך ניט וואַגען צו רעדען אין אונזער נאָמען. „אלו היה שם לא היה נגאל״ — ווען זיי וואָלטען דאָן געווען אין מצרים, וואָלטען זיי ניט אויסגעלייזט

געוואָרען. אויף דעם באַמערקט רבי יהונתן אייבשיץ: „די אידען זייגען אַרויס לעבעדיגע פון מצרים, ווייל זיי האָבען אויסגעפאָלגט דעם באַפעהל פון משה׳ן און אָנגעשמירט אַ צייכען פון בלוט אויף די טירען פון זייערע הייזער, כדי דער מלאך־המות זאָל וויסען, אַז דאָרט וואוינט אַ איד און ער דאַרף דאָס הויז איבערהיפען. די רשעים אָבער, די אַסימילאַטאָרען, וואָלטען זיך דאָך געשעמט צו טאָן דאָס און צו ווייזען, אַז זיי זיינען אויך אידען — טאָ ווי וואָלט דער מלאך־המות געוואוסט זיי צו לאָזען לעבען?

דער תם

„תם מה הוא אומר?" — וואָס פרעגט דער תם׳עוואַטער איד, דער וואָס האָט אויף זיך אַרויפגעצויגען אַ טויבע היטעל און האָט אָנגעטאָן טונקעלע ברילען אויף זיינע אויגען און הערט ניט און זעהט ניט וואָס מיט זיין פאָלק קומט פאָר? ביי יעדען אויסברוך קעגען זיין פאָלק פרעגט ער: „מה זאת?" — וואָס איז דאָס? און אַז דער שטורעם גייט פאַראיבער, בויגט ער ווידערמאָל איין זיין קאָפּ און מאַכט שלום מיט דעם גלות. אָט אַזאַ תם, זאָגט דער מדרש, איז געווען יעקב. נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגעאַרבייט זיבען שווערע יאָר פאַר זיין געליבטער רחל און לבן נאַרט אים אָפּ און גיט אים גאָר לאה׳ן — פּראָטעסטירט ער ניט און פאָדערט ניט זיין רעכט, נאָר ער שטימט איין ווייטער צו שקלאַפען זיבען יאָר פאַר רחל׳ען. ווי דער נביא הושע באַמערקט: „באשה עבד ובאשה שמר" — פאַר איין פרוי האָט ער געשקלאַפט און פאַר נאָך אַ פרוי האָט ער ווייטער איינגעשטימט צו שקלאַפען.

אַזעלכע תם׳ען הייסט דער בעל הגדה צו דערקלערען: „בחוזק יד הוציאנו ה׳ ממצרים" — מיט אַ שטאַרקער האַנט האָט אונז ג׳ אַרויסגענומען פון מצרים. אויב מיר וואָלטען ניט באַשטאַנען אויף אונזער רעכט און ניט געפאָדערט אונזער פרייהייט, וואָלטען מיר נאָך ביז היינטיגען טאָג דאָרטען פאַרבלייבען.

דער שאינו יודע לשאול

דער אומוויסענדער פרעגט גאָר קיין פראַגעס ניט. ער איז, ווי ישמעאל אַמאָל, אַ פרא אדם, אַ ווילדע בריאה, וועמען עס אינטערעסירט קיין זאַך ניט, בלויז זיינע אייגענע פאַרגעניגענס. „ידו בכל ויד כל בו" — ער שטופּט זיך איבעראַל, און צוליב דעם רופט ער אַרויס האַס און שנאה צו זיין פאָלק. פאַר

די איז דאָ בלויז איין תרופה: „אַת פתח לו" — מען מוז זיי דערקלערען, אַז „בעבור זה" — אָט צוליב אַזעלכע אויפפירונגען „עשה ה' לי בצאתי ממצרים" — האָט מיר ג' פאַרשאַפט אַלע יסורים אין מצרים, ביז ער האָט מיך באַפרייט.

ה.

מצה — אַ סימבאָל פון אידישען לעבען אין גלות

הא לחמא עניא.

„לחם שעונין עליו דברים הרבה, שגומרים עליו את ההלל ואומרים עליו הגדה" — ברויט איבער וועלכען מען שמועסט אַ סך, מען באַזינגט אים מיט לויב־געזאַנג און מען זאָגט איבער אים גאַנצע הגדות (פסחים ל"ו ע"א, רש"י).

דער „בעל הגדה" שטעלט די פראַגע: „מצה זו שאנו אוכלים על שום מה?" — אָט די מצה, וואָס מיר עסען, צוליב וואָס טוען מיר עס? און גיט אויף דעם אַ מערקווירדיגען ענטפער: „על שום שלא הספיק בצקם של אבותינו להחמיץ, עד שנגלה עליהם מלך מלכי המלכים וגאלם" — צוליב דעם, וואָס די טייג פון אונזערע עלטערען האָט קיין צייט ניט געהאַט זויער צו ווערען, ביז עס האָט זיך צו זיי אנטפלעקט דער קעניג פון אַלע קעניגען און זיי אויסגעלייזט.

אין מדרש, אַזוי גוט ווי אין דעם אידישען פאָלקלאָר, ווערט די מצה באַטראַכט אַלס סימבאָל פון דעם עקאָנאָמישען מצב פון די אידען אין גלות. אידיש ברויט, אידישע חיונה אין דער פרעמד איז אַ „לחמא עניא", אַן אָרעם ברויט, וואָס קלעקט קוים אים אויפצוהאַלטען ביים לעבען. די „עיסה", די טייג, פון וועלכער ער ווערט אויסגעקנאָטען, האָט קיינמאָל קיין צייט ניט זויער צו ווערען און אויפגעהן. ער קאָן ניט נעמען פון דעם וועלטליכען קאַפּיטאַל, ער מוז כאַפּען. זיינע פאַרדינסטען קריגט ער ניט נאָרמאַל, ווי די אַלע אַנדערע איינוואוינער פון אַ לאַנד, זייענדיג אַן אונטערדריקטע מינאָריטעט איבעראַל, מוז ער זיך קליגען און זאָגאַר אויסנאַרען זיין שטיקעל פרנסה. און אַז ער באַקומט עס שוין, איז עס אַ טרוקען שטיקעל מצה, וואָס ווערט צעברעקעלט פון דעם קלענסטען דרוק.

וועגען דאָס טייג, פון וועלכע די מצות ווערען געקנאָטען, פסקנ׳ט דער דין: „לא יניח העיסה בלי עסק אפילו רגע אחד״ — די טייג זאָל ניט איבער־געלאָזען ווערען רואיג אפילו אויף איין רגע. מען מוז זיך מיט איר האַלטען אין איין עוסק זיין (יור״ד ס׳ תנ״ט). מיט אידישער חיונה האַלט מען זיך אין איין באַשעפטיגען איבעראַל. תמיד גיט מען אַרויס פאַרשידענע דיסקרימינאַציעס און באַגרעניצונגען, זי זאָל חו״ש ניט קאָנען שטייגען. „אין לשין במקום השמש ואסור להוליך המצות תחת הרקיע המגולה״, מען זאָל ניט קנעטען אין דער זון און מ׳טאָר ניט טראָגען די מצות אונטער דעם אָפענעם הימעל (שם). אידישע חיונה ווערט צעשמאָלצען אין דער זון. אויב אידען טראָגען זיך אַרום מיט זייער אייגענס אין דער עפענטליכקייט, רייסט עס אויף די אויגען פון אונזערע שונאים און פירט צו פאַגראָמען און קאָנפיסקאַציעס. אידישע מצה מוז ווערען גערעדעלט און דורכגעשטאָכען, כדי זי זאָל ניט קאָנען וואַקסען און אויפשטייגען.

כאָטש אונזער „לחמא עניא״, אונזער אָרעם שטיקעל ברויט אין גלות, איז אויסגעדאַרט און דורכגעלעכערט, איז ער דאָך גרויס אין די אויגען פון אונזערע שונאים. „עונין עליו דברים הרבה״ — מען האַלט אין איין רעדען וועגען אים. פון איין זייט באַשולדיגט מען די אידען, אַז זיי זיינען די אינטער־נאַציאָנאַלע באַנקירען, וואָס רופען אַרויס אַלע וועלט־מלחמות, און פון דער צווייטער זייט וואַרפט מען זיי אויף, אַז זיי זיינען די אָנפירער פון סאָציאַליזם, פון קאָמוניזם וואָס זוכען אונטערצוברייגען די קאַפּיטאַלען און רייכטימער פון דער וועלט.

אפילו אין די פרעמדע מדינות, אין די זאָגענאַנטע דעמאָקראַטישע לענדער, איז די לאַגע פון די אידען, ווי די פון דער מצה. כל זמן די אידישע באַפעל־קערונג דאָרט איז קליין און אָרעם, איז „גומרין עליו את ההלל״, לויבט מען דעם אידען כלומר׳שט און מען באַזינגט זיינע גרויסע גייסטיגע לייסטונגען צו דער וועלטליכער ציוויליזאַציע. אַזוי גיך אָבער ווי זייער צאָל שטייגט און זיי הויבען אָן צו פאַרנעמען אַ געוויסען פּלאַץ אין דער אינדוסטריע פון לאַנד, „אומרים עליו הגדה״, הויבט מען אָן צו דערציילען וועגען אים גאַנצע „הגדות״, אַז ער איז שטיין רייך און פאַרכאַפּט די בעסטע פּאָזיציעס פון לאַנד.

די טייג, פון וועלכער די אידישע מצות ווערען געקנאָטען, מוז געמישט ווערען מיט „מים שלנו״, מיט וואַסער וואָס האָבען איבערגענעכטיגט אַ נאַכט. מען טאָר זיי ניט באַקען אויף פרישע וואַסערן. אום אַז דער אידישער לעבען

זאָל אויף וויפיל וױנציג זיין אַ געזיכערטער, זאָל מען זיך באַנוצען מיט די וואַסערען, וואָס קומען פון אונזערע אַלטע קוואַלען. לעבען אַן אייגענאַרטיג לעבען, ווי אונזערע אבות האָבען געטאָן, און ניט זוכען נאָכצומאַכען די ניט־אידישע שכנים. קוים הויבען אָן אידען איין אַ לאַנד צו טרינקען פון די פרישע קוואַלען, וואָס זיי געפינען דאָרט, און קנעטען זייער טייג, זייער חיונה אויף פרעמדע וואַסערען, ווייט פון זייערע אייגענע אַלטע מנהגים און אויפפירונגען, ווערט זייער קיום אַ סכנה׳דיגער. זייערע קינדער פאַרלאָזען זיי און זיי בלייבען אָפגעשוואַכט און פאַרשטויסען.

אײדער מיר קאָנען זיך זעצען צום סדר־טיש און לייענען די הגדה פון אונזער גאולה, מוזען מיר פריער „מבער חמץ" זיין, אויסראַמען אַלע זויער־שטאָפען, וואָס געפינען זיך אין אונזער מחנה. אַלע שטערונגען, וואָס ליגען אונז אין וועג, זאָלען אונז ניט אָפהאַלטען. מיר דאַרפען זיי מבטל זיין און ניט שענקען זיי די קלענסטע אויפמערקזאַמקייט. אויב אָבער עס געפינען זיך ביי אונז אַזעלכע חמצ׳דיגע פּאַרטייען, וואָס דערלאָזען ניט צו ברייגגען אונזער גאולה, זאָלען מיר זיי באַקעמפען. מיט ביטול אַליין, מיט אָוועקמאַכען זיי אונטער׳ן האַנט, וועלען מיר זיי ניט באַזייטיגען. די יעניגע, וואָס שרייען עפענטליך קעגען אַ אידיש היימלאַנד, מוזען געשטעמפּעלט ווערען אַלס אידישע פאַררעטער. ביטול, זאָגט דער רמב״ם (הלכות חו״מ, הלכה ב׳), העלפט נאָר קעגען „חמץ שאינו ידוע", קעגען אַזאַ חמץ, וואָס איז ניט באַקאַנט. אָבער קעגען „חמץ ידוע", אַ באַוואוסטען חמץ, העלפט קיין ביטול ניט. מען מוז אים מבער זיין פון אידישען רשות און פאַרברענען.

ו.

רוזוועלט'ס פיר פרייהייטען און דער אידישער סדר

צריך לשתות ארבעה כוסות.

„מנין לארבע כוסות? רבי יוחנן אומר כנגד ארבע גאולות, ורבנן אמרי: כנגד ארבעה כוסות של פורענות שהקב"ה עתיד להשקות את אומות העולם" — וואָס איז דער געדאַנק פון די פיר כוסות? רבי יוחנן זאָגט, אַז דאָס איז געגען די פיר פרייהייטען, און די רבנן זאָגען, אַז דאָס איז קעגען די פיר כוסות פון אומגליקען וואָס דער אויבערשטער וועט מיט זיי אָנטרינקען די פעלקער פון דער וועלט (ירושלמי פסחים פ"ו).

פרעזידענט פרענקלין ד. רוזוועלט, אין זיין מלחמה־דעקלאַראַציע קעגען די ווילדע נאַציס און די גרויזאַמע פאַשיסטען, האָט דערקלערט, אַז די דעמאָ־קראַטישע לענדער האָבען באַשלאָסען צו באַקעמפען די אַקס־לענדער, כדי צו גאַראַנטירען דער מענשהייט די פיר פרייהייטען, וואָס זיינען נויטיג צו פאַר־זיכערען אַן אייביגען שלום אויף דער וועלט. זיי זיינען: 1) פרייהייט פון נויט; 2) פרייהייט פון שרעק; 3) פרייהייט פון וואָרט; 4) פרייהייט פון רעליגיע. די „הגדה", אָדער ווי מיר רופען עס אַן אין דער מאָדערנער שפּראַך, „פּובליסיטי", וואָס די פאַראייניגטע פעלקער פירען אָן, כדי צו געווינען דעם צוטרוי פון די מאַסען אין די אונטערדריקטע לענדער, דרייט זיך כסדר אַרום די פיר פריי־הייטען, וואָס אונזער פרעזידענט האָט פּראָקלאַמירט.

עס איז ווערט צו באַמערקען, אַז אויך די „הגדה", וואָס מיר אידען לייענען יעדען פסח, פאַר די לעצטע טויזענטער יאָרען, וואו עס ווערען דערציילט די נסים, וואָס זיינען געשעהן ביי יציאת מצרים, דרייט זיך אַרום דעם ציפער „פיר". זי איז געשריבען געוואָרען „כנגד ארבעה בנים", קעגען פיר קלאַסען מענשען; דעם „חכם", וואָס באַגערט אַלץ צו וויסען; דעם „רשע", וואָס שפּאָט אָפּ פון אַלץ; דעם „תם", וואָס ווייסט פון קיין זאַך ניט, און דעם „שאינו יודע לשאול", וועלכער קימערט זיך פאַר קיין זאַך ניט. מען איז מחויב צו טרינקען „פיר כוסות" וויין; מען דאַרף עסען פיר הויפּט מאכלים: „פסח", „מצה", „מרור" און „חרוסת". די קינדער, פאַר וועמען דער גאַנצער סדר איז געמיינט, דאַרפען פרעגען פיר קשיות. אַלץ פיר און פיר, ווייל — האָט געזאָגט אויף דעם מיין

פאַטער ע״ה — דאָס שטעלט פאַר דעם קאַמף פאַר פרייהייט אין אַלע „ארבע פנות העולם״, די פיר ווינקלען פון דער וועלט.

לויט די חז״ל איז אונזער גאולת מצרים באַשטאַנען פון גאַנצע פיר גאולות, וועלכע ווערען אויסגעדריקט אין די פאָלגענדע פסוקים:

א) „והוצאתי אתכם מתחת סבלות מצרים״ — פרייהייט פון נויט. איך וועל אייך אַרויסנעמען פון אונטער דער לאַסט פון מצרים. איר וועט ניט דאַרפען מער אַרבייטען פאַר פרעמדע, בויען פאַר זיי פיתום און רעמסס, און נאָך צאָלען ספּעציעלע שטייערען און שמירען די „נוגשים״, וועלכע זיינען אָנגעשטעלט געוואָרען בלויז צו דריקען אייך און פאַרביטערען אייער לעבען.

ב) „והצלתי אתכם מעבודתכם״ — פרייהייט פון שרעק. איך וועל אייך רעטען פון אייער שקלאַפעריי. איר וועט זיך מער ניט האָבען צו שרעקען פאַר אייערע שונאים און וועט זיך קאָנען באַשעפטיגען מיט אַלץ, וואָס איינער וועט וועלען. איר וועט מער ניט זיין געצוואונגען צו וואוינען אין געטאָס און זיך אָפּגעבען בלויז מיט אַ געוויסען טייל פון דער אינדוסטריע, וועלכע די פיינטליכע הערשאַפט וועט פאַר אייך באַשטימען.

ג) „וגאלתי אתכם בזרוע נטויה״ — פרייהייט פון וואָרט. איך וועל אייך אויסלייזען מיט אַ שטאָלצען אָרעם. איר וועט קאָנען רעדען און שאַפען וואָס איר ווילט און ניט דאַרפען באַהאַלטען אייער אָפּשטאַם. איר וועט קאָנען שטאָל־צירען מיט אייער אייגענער נאַציאָנאַליטעט און ניט דאַרפען מורא האָבען, אַז מיט דעם וועט איר אויף זיך אַרויפציען דעם חשד פון אומלאָיאַליטעט, פון אומטרייהייט צו דער מאַיאָריטעט.

ד) „ולקחתי אתכם לי לעם״ — פרייהייט פון רעליגיע. איך וועל אייך נעמען צו מיר פאַר אַ פאָלק. איר וועט קאָנען דינען אייער אייגענעם ג׳ און זיך ניט דאַרפען באַהאַלטען מיט אייער אידישקייט.

אָט די פיר פרייהייטען זיינען דער יסוד פאַר אַ וועלט־פרידען, און דערפאַר, זאָגען אונז די חכמים, זיינען מיר מחויב צו טרינקען פיר כוסות וויין ביים סדר טיש, אין אָנדענק פון יציאת מצרים, ווען מיר האָבען זיי אַלע דער־גרייכט. די פיר הויפּט מאכלים, וואָס באַצירען אונזער סדר־טיש, זיינען אויך סימבאָלען פון דיזעלבע פיר פרייהייטען:

1) פסח — פרייהייט פון רעליגיע. מיר האָבען באַקומען רעליגיעזע פרייהייט און געקאָנט קוילענען אַ שעפּס פאַר אַ „קרבן־פסח״ צו אונזער ג׳, כאָטש די מצריים האָבען פאַרהייליגט שעפּסען.

2) מצה — פרייהייט פון נויט. כל זמן מיר זיינען געווען אונטערוואָרפען צו די מצריים, איז געווען „לא הספיק בצקם של ישראל להחמיץ״, די אידישע טייג, זייער עקאָנאָמישער מצב, האָט קיינמאָל קיין צייט ניט געהאָט זויער ווערען און אויפגיין, און מער ווי געלעכערטע מצות האָבען מיר ניט געהאָט צו עסען.

3) מרור — פרייהייט פון שרעק. שטענדיג האָבען מיר געלעבט אין פחד פאַר די נוגשים, פרעה׳ס געסטאַפּאָס, וועלכע האָבען אונז פאַרביטערט דאָס לעבען.

4) חרוסת — פערזענליכע פרייהייט. ניט מער זיינען מיר געצוואונגען געווען צו אַרבייטען „בחמר ובלבנים״, ביי ליים און ציגעל, מיט וועלכע מיר האָבען געבויט פרעמדע פּאַלאַצען און פּיראַמידען.

אַזוי האָבען מיר אידען, פאַר טויזענטער יאָרען, פאַרשפּרייט דעם געדאַנק פון אָט די פיר פרייהייטען, פאַר וועלכע די היינטיגע בלוטיגע וועלט־מלחמה ווערט אָנגעפירט. „ורבנן אמרי״, און אונזערע לערער וואָרנען די וועלט און זאָגען, אַז די פיר כוסות, וואָס מיר טרינקען צום סדר, איז אויך אַן אָנדייטונג, „כנגד ארבע כוסות של פורענות״, קעגען די פיר כוסות פון ביטערע געשעהע־נישען, וואָס די אומות העולם וועלען מוזען טרינקען, אויב זיי וועלען די אידען באַרויבען פון אָט די פיר פרייהייטען. אויך די דעמאָקראַטישע פעלקער וועלען זיך ניט אַרויסדרייען פון די גרויסע אומגליקען, וואָס אַ שרעקליכע מלחמה וועט ברייננגען אויף דער וועלט, ווייל זיי האָבען צוגעלאָזט אַ ווילדע מלוכה צו באַרויבען די אידען פון אַלע פרייהייטען אין איר לאַנד און זיך באָדען אין זייער בלוט. דער מלאך, וואָס באַשיצט די אידישע היימען, וועט אויף די ביישטידלען און טירען פון אַלע פעלקער אַרויפלייגען דעם בלוטיגען צייכען, ווי אין דער אַלטער מצרים, און אויך זיי וועלען מוזען טרינקען די ביטערע בעכערס, ווי די אידען זיינען געווען געצוואונגען צו טאָן.

שבת חול המועד פסח

א.

די תורה ווי די גאולה פאַרטראָגען ניט קיין פרעמדס

הלוחות הראשונים אשר שברת.

„מאי דרש? אמר ומה פסח שהוא אחד מתרי"ג מצוות, אמרה תורה: כל בן נכר לא יאכל בו; התורה כולה, וישראל מומרים, על אחת כמה וכמה". — פון וואַנען האָט ער ארויסגעדרונגען, אַז ער מעג די לוחות צעברעכען? ער האָט געזאָגט: דער קרבן פסח איז דאָך בלויז איינער פון די זעקס הונדערט מיט דרייצען מצוות, זאָגט אונז די תורה, אַז אַ פרעמדער זאָל פון אים ניט עסען; דאָ האָב איך די גאַנצע תורה און די אידען זיינען אַלע ווידערשפעניגע, דאַרפען זיי איר געוויס ניט האָבען (שבת פ"ז).

הרב יצחק יעקב ריינעס ז"ל, אין זיין „ספר הערכים" באַמערקט, „אַז פאַר דער פולשטענדיגער באַפרייאונג פון אַ פאָלק איז נויטיג, אַז ער זאָל האָבען די „יכולת", די מעגליכקייט באַפרייט צו ווערען, ווי אויך דעם „רצון" דעם ווילען פריי צו זיין. פון די צוויי איז דער „רצון" דאָס וויכטיגסטע, ווייל „יכולת", די מעגליכקייטען, אויב מען קריגט זיי שוין, מוז מען ווערען אויסנוצען, אַז ניט, פאַרלירט מען זיי און מען בלייבט צוריק אין גלות. האָב אָבער אַ פאָלק דעם רצון, דעם שטאַרקען ווילען פריי צו זיין, איז ער אפילו אין גלות גייסטיג פריי און זוכט אויסצונוצען יעדע געלעגענהייט, וואָס קאָן אים געבען די מעג־ליכקייט מקרב צו זיין די גאולה.

מיט דער היסטאָרישער געשעעניש פון יציאת מצרים, וועלכע איז דורכ־געפירט געוואָרען על־פי נס און ניט דורך דער מי פונ'ם פאָלק אַליין, האָבען די אידען באַקומען די „יכולת", די ערשטע מעגליכקייט פריי צו ווערען. זיי

האָבען אָבער נאָך ניט פאַרשטאַנען עס ריכטיג אָפּצושאַצען, ווייל די לאַנגע יאָרען פון שקלאַפעריי האָבען ביי זיי אָפּגעטויט דעם נאַציאָנאַלען רצון פריי צו זיין. דאַרום געפינען מיר טאַקע, אַז ביי יעדער שוועריגקייט, וואָס זיי האָבען געהאַט דורכצומאַכען אין דער מדבר, זיינען זיי געוואָרען פאַרצווייפעלט און זיך געריסען צוריק קיין מצרים. ערשט מיט דער „קבלת התורה", מיט אָננעמען אַן אייגענאַרטיגע קאָנסטיטוציע, וואָס האָט זיי געמאַכט פאַר אַ באַזונדער פאָלק, האָבען זיי געקראָגען דעם רצון פריי צו זיין. די תורה מיט אירע הויכע אידעאַלען לערנט די אידען ווי צו זיין פריי און זעלבסטשטענדיג און וועלכע גרויסע נוצען זיי וועלען ברענגען דעם פאָלק. דאָס האָט אין זיי ענדליך איינ־געפלאַנצט דעם רצון צו זיין פריי, וואָס האָט זיי אויפגעהאַלטען ביז היינטיגען טאָג".

די אויבענציטירטע באַמערקונג פון הרב ריינעס ז"ל ווערט אייגענטליך אויסגעדריקט פון אונזערע חז"ל: וועגען די ערשטע לוחות מיט די צען געבאָט ווערט געזאָגט אין דער תורה, אַז זיי האָבען אויף זיך געטראָגען „מכתב אלקים חרות על הלוחות" — דער שריפט פון ג׳ אויסגעקריצט אויף די טאָבעלען. די גמרא באַמערקט אויף דעם „אל תקרי חרות אלא חירות" — לייען ניט דעם וואָרט „חרות" מיט אַ קמץ אונטער׳ן חית, וואָס מיינט אויסגעקריצט, לייען עס מיט אַ צירה אונטער׳ן חית „חירות", וואָס מיינט פרייהייט (עירובין נ"ד).

די תורה, וואָס איז געגעבען געוואָרען צו די אידען אויפ׳ן באַרג סיני, האָט דערגאַנצט די אידישע גאולה, וואָס האָט זיך אָנגעפאַנגען מיט יציאת מצרים. די „עשרת הדברות", וועלכע זיינען פון ג׳ אַליין אויסגעשפּראָכען געוואָרען און מיט זיין אייגענער האַנט אויסגעקריצט געוואָרען אויף די לוחות, זיינען געצילט צו באפרייען די מענשהייט, מאַכען דאָס פאָלק זעלבסטשטענדיג און אים געבען די געלעגענהייט גייסטיג צו וואַקסען און זיך צו אַנטוויקלען.

ביידע אָבער, אי די אידישע תורה, אי די אידישע גאולה פאַרטראָגען ניט קיין פרעמדס און קאָנען זיך ניט האַלטען ביים פאָלק אויב עס פאַרלירט זיין אייגענאַרטיגקייט און לאָזט זיך פירען פון פרעמדע אידייען.

דער „קרבן פסח", וואָס אידען דאַרפען ברענגען צו פאַראייביגען זייער גאולה, האָט געמוזט צוגעגרייט ווערען אויף אַן אייגענאַרטיגען שטייגער, וואָס זאָל פערזאָניפיצירען דעם אייגענאַרטיגען כאַראַקטער פון דעם אידישען פאָלק. „אל תאכלו ממנו נא" — מען האָט אים ניט געטאָרט עסען האַלב־געבראָטען. אַ פרייהייט־קרבן, וואָס איז בלויז האַלב־פאַרטיג, פאַראייניגט ניט אַרום זיך

אַלע שיכטען פון פאָלק און מאַכט אַ קליינע ווירקונג. ער האָט אויך ניט געטאָרט זיין „מבושל במים", געקאָכט אין וואַסער. וואַסערדיגע קרבנות, וואָס מאַנכע פילאַנטראָפּען וואַרפען צו פאַר דעם אויפבוי פון אַ כלומר'שט אידיש לאַנד, האָבען קיין האַפט ניט און פירען ניט צו דער אמת'ער גאולה. ער האָט געמוזט זיין „צלי אש", געבראָטען אויפ'ן פייער, גאַנץ ווי ער איז; דאַן ערשט אַנטהאַלט ער זיין אייגענעם געשמאַק (שמו"ר י"ח).

„כל בן נכר לא יאכל בו" — אַ פרעמדער טאָר פון אים ניט עסען. און די חז"ל ערקלערען אונז, אַז מיט דעם ווערט געמיינט אפילו אַ איד, אויב ער פילט זיך פרעמד צו זיין פאָלק און איז ניט איינפאַרשטאַנען מיט זיינע אידייען און איבערצייגונגען, זאָל ער ניט אַנטיילנעמען אין דעם קרבן פסח. ער קאָן נאָך אַריינברייגען נייע שטרעמונגען, וואָל זאָלען שטערען דער אַנטוויקלונג פון פאָלק לויט זיין היסטאָרישען כאַראַקטער און טראַדיציעס.

אויך די תורה פאַרטראָגט ניט אַ „בן נכר", אַן אַסימילאַטאָר, וואָס איז פאַרכאַפּט געוואָרען פון פרעמדע השפעות און וויל איינפירען נייע מנהגים אין דער רעליגיע, וועלכע ער האָט געשעפּט פון פרעמדע קוואַלען. אַזעלכע גלויבען ניט אין דער עקזיסטענץ פון אַ אידישער נאַציע און זיינען קעגען אַ אידיש לאַנד. דער רמב"ם ז"ל זאָגט: „כל המעלה על דעתו שיש שם אלק' אחר, כופר בעיקר, שזה העיקר הגדול שהכל תלוי בו, וע"כ אמרו שאנכי ולא יהיה לך בדבור אחד נאמרו" — דער וואָס לאָזט צו דעם געדאַנק, אַז עס זיינען דאָ נעמען פון אַנדערע געטער, לייקענט אין די הויפּט־פונקטען פון אידישקייט, ווייל דער גלויבען אין איין ג' איז דער גרעסטער עיקר, וואָס אַן אים איז אַלץ אָפּהייביג. דערפאַר זאָגען אונז די חז"ל, אַז די ערשטע צוויי געבאָטען פון „אנכי ה' אלקיך" — איך בין ג' דיין ג', און „לא יהיה לך אלקים אחרים" — עס זאָלען ביי דיר ניט זיין קיין אַנדערע געטער — אָט די צוויי דברות זיינען אַרויסגערעדט געוואָרען מיט איין אָטעם, ווייל זיי זיינען איינס און דאָסזעלבע (מורה נבוכים ח"ב, מופתים).

די רעפאָרם־ראַבאַיס, וואָס ריידען אין נאָמען פון דער אידישער אמונה און צו דער זעלבער צייט שמייכלען זיי זיך צו דעם „יוזל", כדי געפעלען צו ווערען די ניט־אידישע שכנים, אויך די, וואָס דינען דעם „עגל הזהב", דער גאָלדענער קאַלב, און פריידיגען, אַז מיט געבען „טשאַריטי" אַליין איז מען מקיים די הויפּט־פונקטען פון דער תורה, אַזעלכע ברעכען די אידישע לוחות און פאַרלייגערען דעם אידישען גלות.

הפטרה

ניט אַלע וועלען אויפשטיין תחית המתים

חיל גדול מאד.

„מתים שהחיה יחזקאל ששים רבוא וכלם עמדו על רגליהם חוץ מאיש אחד. א״ל הנביא: רבון העולמים, מה טיבו של זה האיש? א״ל בנשך נתן ותרבית לקח, חיה לא יחיה״ — די טויטע, וואָס יחזקאל האָט לעבעדיג געמאַכט, זיינען געווען זעקס הונדערט טויזענט אין צאָל, און אַלע האָבען זיך געשטעלט אויף זייערע פיס, אויסער איין מאַן. פרעגט דער נביא: האַר פון אַלע וועלטען, וואָס איז די אורזאַך מיט דעם מענשען? ענטפערט אים ג׳: ער האָט באַריסען זיינע מיטמענשען און האָט גענומען גרויסע פּראָצענטען, אַזעלכער וועט ניט צוריק לעבעדיג ווערען (ילקוט שמעוני, רמז שע״ה).

די, וואָס האָבען מסדר געווען די הפטרות פאַר יעדען שבת, האָבען געפונען פאַר נויטיג צו באַשטימען דעם זיבען־און־דרייסיגטען קאַפּיטעל פון יחזקאל אַלס די הפטרה פון שבת חול המועד פסח, ווייל אין אים ווערט געשילדערט ווי די גאולה פון גלות בבל וועט קומען. כאָטש דער גלות האָט פון אַלע אידען געמאַכט אַ באַרג פון „עצמות יבשות״, אויסגעטרוקענטע ביינער, וועלכע זיינען צעשפּרייט איבער אַלע טיילען פון לאַנד און האָבען שוין באַלד פאַרלוירען די האָפענונג ווען עס איז צוריק אויפגעריכט צו ווערען אַלס אַ לעבעדיג פאָלק אויף זיין אייגען לאַנד, פאַרשפּרעכט אָבער דער נביא, אין נאָמען פון ג׳, אַז „חיה יחיו״, זיי וועלען צוריק אויפלעבען און ווערען אַ פאָלק מיט אַלע פעלקער צוגלייך.

אָבער ניט אַלע גלות־אידען וועלען קאָנען געניסען פון דער פאַרשפּראָכענער גאולה. די יעניגע, וואָס האָבען אַנגענומען דעם גלות אַלס אַ קולט, אַ גלויבען, אַז אַזוי איז דער שיקזאַל פון דעם אידען און אַזוי מוז עס בלייבען, די וועלען אויסגעלאָזען ווערען, ווען די אידישע אויפלעבונג וועט קומען. איבער־הויפּט די יעניגע, וואָס האָבען פון גלות אַרויסגעכאַפּט די שלעכטע מדות, די אוממענשליכע אויפפירונגען פון איינעם צום צווייטען, און זוכען אַלץ זייער אייגענבוץ, אַזעלכע וועלען געוויס קיין תקומה ניט האָבען, ווען די גאולה וועט קומען.

דער מכלתא אין יתרו פרעגט: „כיצד נתנו עשרת הדברות?" — ווי זיינען די צען געבאָט געגעבען געוואָרען? און ענטפערט: „ה' על לוח זה וה' על לוח זה" — פינף אויף איין טאָבעלע און פינף אויף דער צווייטער. די צען געבאָט, לויט זיין ערקלערונג, זיינען איינגעטיילט גלייך אויף גלייך — פינף איבער „דברים שבין אדם למקום", פליכטען פון מענש צו ג', און פינף איבער „דברים שבין אדם לחברו", פליכטען פון מענש צו מענש. זיי זיינען אָבער איינגעפלאָכטען איינע אין די אַנדערע און קאָנען ניט אָפּגעטיילט ווערען.

דאָס ערשטע געבאָט אויף איין זייט פון די לוחות איז „אנכי ה' אלקיך" — איך בין ג' דיין ג'. דאָס ערשטע געבאָט אויף דער צווייטער זייט איז „לא תרצח" — דו זאָלסט ניט מאָרדען. ביידע פון די געבאָטען האָבען אַ שטאַרקען צוזאַמענהאַנג. „מי ששופך דם ממעט בדמות המלך" — ווער עס פאַרגיסט בלוט, פאַרקלענערט דאָס געשטאַלט פון דעם קעניג. יעדער מענש איז באַשאַפען געוואָרען „בצלם אלקים", אין דעם געשטאַלט פון ג', און איז באַרעכטיגט צו לעבען און געניסען פון דער וועלט אַזוי גוט ווי אַלע אַנדערע. דער וואָס מאָרדעט זיין חבר איז ווי ער וואָלט געטויט אַ טייל פון דער גאָטהייט.

דאָס צווייטע געבאָט אויפ'ן ערשטען לוח איז: „לא יהיה לך אלקים אחרים" — עס זאָל ביי דיר ניט זיין קיין אנדערע געטער. דאָס צווייטע געבאָט אויפ'ן צווייטען לוח איז „לא תנאף" — דו זאָלסט ניט מזנה זיין. אויך זיי זיינען שטאַרק געבונדען. „מי שעובד עבודה זרה מנאף אחר המקום" — ווער עס דינט פרעמדע געטער איז מזנה זיין גאָטהייט. פּונקט ווי אַ נואף לויפט נאָך פרעמדע פרויען, אַזוי איז אויך דער אַסימילאַטאָר, וואָס פּראָקלאַמירט זיך צו זיין אַ בירגער פון לאַנד לויט דעם „מאָזאַאישען" גלויבען און דערוויל האַלט ער אין איין זינדיגען מיט די פרעמדע געטער פון אַנדערע גלויבענס.

דאָס דריטע געבאָט אויפ'ן ערשטען לוח איז „לא תשא את שם ה' לשוא" — דו זאָלסט ניט שווערען פאַלש אין נאָמען פון ג'. דאָס דריטע געבאָט אויפ'ן צווייטער לוח איז: „לא תגנוב" — דו זאָלסט ניט גנב'ענען. ביידע גייען צוזאַמען. „מי שהוא גונב לסוף בא לידי שבועת שוא" — דער וואָס זוכט צו גנב'ענען יענעמ'ס, וועט אויך שווערען פאַלש.

דאָס פערטע געבאָט אויפ'ן ערשטער לוח איז: „זכור את יום השבת לקדשו" — געדענק דעם טאָג שבת אים צו האַלטען הייליג. דאָס פערטע געבאָט אויפ'ן צווייטען לוח איז: „לא תענה עד שקר" — זאָג ניט קיין פאַלשע עדות. די צוויי געבאָטען פאַראייניגען זיך, וויל „מי שמחלל את השבת מעיד שלא

ברא עולמו" — ווער עס פאַרשוועכט דעם שבת, זאָגט פאַלש עדות, אַז דער אויבערשטער האָט די וועלט ניט באַשאַפן. לויט אונזער טראַדיציע האַלטען מיר שבת, ווייל ג' האָט באַשאַפען די וועלט אין די ערשטע זעקס טעג און דעם זיבעטען טאָג האָט ער גערוט. מיט דעם וואָס אַ איד האַלט שבת באַשטעטיגט ער, אַז ג' האָט די וועלט באַשאַפען. ר' שמשון רפאל הירש ע"ה באַמערקט אויף דעם: „צוערשט האָבען אַלע פעלקער נאָכגעטאָן די אידען און האָבען גערוט שבת, ווייל אַזוי איז נאַטירליך. נאָכדעם ווי אַ מענש אַרבייט אַפּ גאַנצע זעקס טעג, דאַרף ער רוען דעם לעצטען טאָג אין וואָך. עס איז דאָך לעכערליך אָנצופאַנגען די וואָך מיט רוען, איידער מען האָט זיך פאַרמאַטערט פון אַרבייטען. די קריסטען און נאָכדעם די מחמד'אַנער האָבען ניט געוואָלט, אַז זייערע אָנהייגער זאָלען נאָכטאָן די אידען, האָבען זיי דאַרום געביטען זייער רו־טאָג — די ערשטע אויף זונטאָג און די צווייטע אויף פרייטאָג".

דאָס לעצטע געבאָט אויפ'ן ערשטער לוח איז: „כבד את אביך ואת אמך". — דו זאָלסט ערליך האַלטען דיין טאַטען און מאַמען. דאָס לעצטע געבאָט אויפ'ן צווייטען לוח איז: „לא תחמוד כל אשר לרעך" — דיר זאָל ניט גלוסטען וואָס דייך פריינט האָט. דיביידע זיינען אויך זעהר שטאַרק פאַרבונדען. „מי שהוא חומד סוף מוליד בן שמקלל את אביו ואמו" — ווער עס גלוסט צו האָבען אַלץ וואָס יענער האָט, וועט סוף כל סוף האָבען אַזעלכע קינדער, וואָס וועלען שענדען זייערע טאַטע און מאַמע. ווי מיר זעהען עס ליידער ביי אונז אין אמעריקע, די וואָס זיינען אינגאַנצען פאַרטאָן אין זייערע געשעפטען, וועלענדיג איינשלינגען די גאַנצע וועלט, פאַרנאַכלעסיגען זיי די אידישע דערציהונג פון זייערע קינדער. און דער סוף איז, אַז אויף דער עלטער דערווייטערען זיך זייערע קינדער פון זיי, און ווען זיי ווערען אַלט און אָרים, שיקט מען זיי אין אַ מושב זקנים.

אונזער תורה איז אַ „תורת חיים", אַ תורה פון לעבען און לאָזען לעבען. איר הויפּט פּרינציפּ איז „צדק צדק תרדוף", נאָכצופאָלגען גערעכטיגקייט און קיינעם ניט דריקען אָדער באַשווינדלען. דער וואָס האָט פאַרבראַכט זיין לעבען „בנשך נתן ותרבית לקח", באַריסען און באַרויבט אַנדערע און געשונדען די הויט פון אָרימע לייט דורך גרויסע פראָצענטען, אַזאַ מענש, אַז ער וועט שטאַרבען, וועט קיין תחית המתים ניט אויפשטיין. און אויך ווען די צייט פון דער אידישער גאולה וועט קומען „חיה לא יחיה", וועט ער ניט אויפלעבען צוזאַמען מיט זיין פאָלק.

ב

די הייסע ליבע צווישען כנסת ישראל און הקב"ה

שיר השירים אשר לשלמה.

„שיר השירים — המשובח שבשירים, המעולה שבשירים, המסולסל שבשירים מאי טעמא? לפי שבכל השירים או הקב"ה מקלס לישראל, או ישראל מקלסין אותו ברם הכא הוא מקלס לישראל: „הנך יפה רעיתי", וישראל מקלסין לו: „הנך יפה דודי אף נעים" — שיר השירים איז דער באַרימטסטער פון אַלע ליבע-געזאַנגען, דער פאַרנעמסטער פון אַלע ליבע-געזאַנגען. דער דער-האַבענסטער פון אַלע ליבע-געזאַנגען. וואָרום איז עס אַזוי? ווייל אין אַלע היי-ליגע ליבע-געזאַנגען איז אָדער קב"ה ליבט די אידען, אָדער די אידען ליבען אים, דאָ אָבער ליבט גאָט די אידישע אומה און זאָגט איר: „דו ביזט שיין, מיין געליבטע", און די אידישע אומה ליבט גאָט און זאָגט אים: „דו ביזט שיין, מיין געליבטער, און אויך זיס" (שהש"ר א').

פסח, דער יום-טוב פון אונזער באַפרייאונג, ווערט אין דער תורה אויך אָנגערופען מיט'ן נאָמען „חג האביב", דער פרילינג יום-טוב, ווייל ער קומט אין אַ צייט, ווען די גאַנצע נאַטור ווערט באַפרייט פון די שווערע קייטען, אין וועלכע זי איז געווען איינגעקלאַמערט דעם גאַנצען ווינטער, און די וואַרעמע זונענשטראַלען, וואָס די הימלען גיבען אַרויס, לעבען-אויף די ערד און אַלע אירע פלאַנצען צעבליען זיך און הויבען אָן צו פראָדוצירען. פסח איז אונזער נאַציאָנאַלער „חג האביב", ווייל ער האָט אונז געבראַכט דעם פרילינג פון „זמן חרותנו", ווען מיר זיינען באַפרייט געוואָרען פון שקלאַפעריי אין מצרים. די זונענשטראַלען פון אָט דער ערשטער גאולה האָבען אויפגעלעבט דעם נאַציאָנאַלען געפיל פון די אידען און זיי פאַרוואַנדעלט אין אַן „עם ישראל חי", אַן אימער לעבעדיג אידיש פאָלק.

עס איז דעריבער ביי אונז אָנגענומען געוואָרען דער מנהג, אַז שבת חול-המועד פסח ווערט אין אַלע שוהלען געלייענט די מגילה פון „שיר השירים", וועלכע איז די שענסטע פרילינג-שירה אין דער אידישער טראַדיציע. ווי פאָעטיש-שיין און זעלטען-פאַרבענרייך עס ווערט אין איר געשילדערט דער אָנקום פון פרילינג:

„זעה, דער ווינטער איז אַריבער,
דער רעגען איז פאַרגאַנגען און אוועק,
די בלומען האָבען זיך באַוויזען אין לאַנד,
די צייט פון געזאַנג איז געקומען
און דאָס קול פון דער טורטל־טויב
לאָזט זיך הערען איבער'ן לאַנד.
דער פייגענבוים צייטיגט זיינע ערשטע פייגען
און די בליענדע ווייַנשטאָקען גיבען אַ ריח.

שיר השירים איז אַזוי פאַרהייליגט געוואָרען ביי אונזער פאָלק, אַז מיר לייענען עס יעדען פרייטאָג פאַרנאַכט איידער דער ליבער שבת־קודש קומט אָן. נאָכדעם, אַז דער איד האָט פאַרענדיגט זיינע שווערע האָוועניששען פון דער גאַנצער וואָך, ווען זיין נשמה איז געווען איינגעקלאַמערט אין די קייטען פון דאגת פרנסה, און גרייט זיך אויפצונעמען זיין שבת־מלכתא, זאָל ער לייענען שיר השירים און זיך דערקלערען אין ליבע צו גאָט. דאָס וועט אים אויפ־מונטערען און אַריינברייגען אין אַ שענערער וועלט — אַ וועלט פון שבת, פון גייסטיגער רו און נשמה'דיגער פרייהייט.

לויט אונזערע חז"ל, איז שיר השירים אַ ליבע־געזאַנג, וואָס שטעלט־פאָר די כנסת ישראל אַלס שיינע, יונגע פרוי, וועלכע בייַנקט זעהר שטאַרק נאָך איר געליבטען, דעם אויבערשטען, און לעכצט נאָך זיין געזעלשאַפט. אין איר פאַנטאַזיע זעהט זי אים אַרומוואַנדערענדיג איבער דער גאַנצער וועלט און זי האַלט אים אין איין אַרומזוכען. זי וואָלט אים זעהר וועלען האָבען ביי דעם שיינעם לבנון און כרמל, אין ירושלים און תרצה, און אויך ביים מגדל דוד. ווענען זי טרעפט אָן, בעט זי, אַז זיי זאָלען איר העלפען געפינען איר גע־ליבטען, „כי חולת אהבה אני", ווייל זי איז קראַנק פון גרויס ליבע צו אים. עס איז דאָרום קיין וואונדער ניט, אַז אַזאַ מענש ווי דער גרויסער רבי עקיבא, וועלכער האָט אין זיין פריוואַטען לעבען זעהר גוט געוואוסט די ליבע אין איר פולער שטאַרקייט, זאָגט וועגען שיר השירים, אַז עס איז ניט נאָר הייליג, נאָר „קודש קדשים", הייליג איבער אַלע הייליגקייטען, און ער דריקט זיך אויס, אַז „אין כל העולם כדאי כיום שניתן בו שיר השירים" — די גאַנצע וועלט האָט אַ קנאַפּען ווערט אין פאַרגלייך מיט דעם טאָג, ווען עס איז אונז געגעבען געוואָרען דער ספר שיר השירים (שהש"ר א').

ווען איז שיר השירים פאַרפאַסט געוואָרען? און ווער איז זיין פאַרפאַ־סער? איבער די דאָזיגע פראַגען זיינען פאַראַן פאַרשיידענע מיינונגען, „רבי חנינא בר פפא אמר: בים נאמר" — רבי חנינא, דער זון פון פפא האָט געזאָגט, אַז עס איז פאַרפאַסט געוואָרען דאָן, ווען די אידען זיינען געשטאַנען ביים ים־סוף. „רבי יהודה ב"ר סימן אמר: בסיני נאמר" — רבי יהודה, דער זון פון סימן, האָט געזאָגט, אַז עס איז געזאָגט געוואָרען ביים באַרג סיני. „רבי מאיר אומר: באוהל מועד נאמר" — רבי מאיר זאָגט, אַז עס איז פאַרפאַסט געוואָרען אין אוהל מועד פון דעם משכן אין דער מדבר. און ווער איז געווען זיין פאַרפאַסער? „תני משום רבי נתן: הקב"ה בכבוד גדולתו אמרהו" — מיר האָבען געלערענט אין נאָמען פון רבי נתן, אַז דער אויבערשטער אַליין, מיט זיין גרויס כבוד, האָט עס אַרויסגעזאָגט. „רבן גמליאל אומר: מלאכי השרת אמרהו" — רבן גמליאל האָט געזאָגט, אַז די מלאכים האָבען עס פאַר־פאַסט (מדרש שיר השירים א').

די אָנגענומענע מיינונג איז אָבער, אַז שלמה המלך איז געווען זיין פאַר־פאַסער, און געשריבען האָט ער עס אין זיין יוגענט (שם). ווי די זאַך זאָל ניט זיין, שיר השירים ווערט פאַרהייליגט אין דער אידישער טראַדיציע אַלס „משובח, מעולה ומסולסל שבשירים", דער באַרימטסטער און דערהאָבענ־סטער פון אַלע הייליגע ליבע־געזאַנגען. פון אים שלאָגט אַרויס אַ הייסע, ברע־נענדיגע ליבע פון אַ פאָלק, וואָס ליידט און גאַרט נאָך זיין גאָט. ער זוכט מיט אַלע מעגליכקייטען אים צו געפינען און פאַרבריינגען אין זיין געזעלשאַפט. ער ליובט אים: „הנך יפה דודי, אף נעים" — דו ביזט שיין, מיין געליבטער, און אויך זיס, און ער באַקומט פון אים זיין ענטפער: „הנך יפה רעיתי" — אויך דו ביזט זעהר שיין, מיין געליבטע. אין דער וואָך, וואָס מיר פייערען דעם „זמן חרותנו", די צייט פון אונזער אַמאָליגער פרייהייט, דריקען מיר עפענטליך אויס אונזער „שיר השירים" צו גאָט, ווייל מיר האָפען, אַז ער וועט אונז אויך אַרויסווייזען זיין ליבע און אונז באַפרייען פון דעם איצטיגען גלות.

ב

דער שיר השירים פון גלות

שובי, שובי השולמית ונחזה בך.

„אומרים אומות העולם לישראל: עד מתי אתם מתים ונהרגים על אלקיכם? באו אצלנו ונעשה אתכם דוכסין ואפרכין, ותהיו מחזותא דעלמא" — די פעלקער פון דער וועלט זאָגען צו די אידען: ביז ווי לאַנג וועט איר זיך לאָזען טויטען און גע'הרג'עט צו ווערען צוליב אייער גאָט? קומט בעסער מיט אונז און מיר וועלען אייך מאַכען פאַר באַאמטע און אויפזעהער און איר וועט ווערען דער שפּיגעל פון דער וועלט (מדרש שיר השירים).

ווי מיר האָבען שוין געזאָגט, איז שיר השירים אַ סענטימענטאַלע פאָלקס־ליד, וואָס דריקט אויס דעם שטענדיגען באַגער פון דער שיינער „שולמית", די „כנסת ישראל", צו איר הייליגען געליבטען, דעם „רועה ישראל", דעם פאַסטוך און באַשיצער פון דעם פאָלק ישראל. „שיר השירים" איז הייליג איבער אַלע הייליגקייטען, ווייל זיין אינהאַלט איז ניט באַגרעניצט פון דער צייט. די פאַרבינדונג פון „עם ישראל" און „אלקי ישראל" שטייט העכער פאַר דער צייט. גאָט לעבט אייביג. דאָס פאָלק לעבט אייביג און זייער קעגענזייטיגע ליבע איז אויך אַן אייביגע. די פּאַנאָראַמע, וואו דאָס הייליגע ליד ווערט געזונגען, איז אויך ניט באַגרעניצט פון אָרט. כאָטש די אַלע פעלצער, וואו זי לויפט אַרום זוכען איר באַשערטען, זיינען אין די גרעניצען פון ארץ ישראל, געפינען אָבער אונזערע חכמים אין אירע ווערטער אַנדייטונגען פון אירע וואַנדערונגען אים צו זוכען אויך אין די גלות־לענדער. העכסט אינטערעסאַנט און באַלערענד זיינען די אויסטייטשונגען, וואָס די פאַרשידענע מדרשים גיבען אויף די פסוקים פון שיר השירים. זייערע דערקלערונגען וויקלען פאַר אונז אויף דעם מיסטעריעזען קנויל, וואָס פאַרבינדט דעם אידען מיט זיין אמונה — דעם וואונדערבאַרען אידישען „צרור החיים", וואָס ציט זיך פון באַרג סיני ביז היינטיגען טאָג.

כנסת־ישראל באַקלאָגט זיך: „על משכבי בלילות בקשתי את שאהבה נפשי, בקשתיו ולא מצאתיו" — אויף מיין געלעגער דורך די נעכט האָב איך

געזוכט דאָס, וואָס מיין זעל האָט ליב, איך האָב אים געזוכט און האָב אים ניט געפונען. זאָגט אויף דעם דער מדרש, אַז דאָ ווערען געמיינט די פינסטערע נעכט פון די פאַרשידענע גלות'ן, וואו די אידען האָלטען אין אַרומזוכען דעם געליבטען פון זייער זעל, דעם גאָט פון ישראל. וואו דאָס אידיש פאָלק שלאָגט אָן אין זיינע לאַנגע וואַנדערונגען, באַשליסט ער: „אקומה נא ואסובבה בעיר, בשוקים וברחובות, אבקשה את שאהבה נפשי" — לאָמיר אויפשטיין און אַרומגיין אין שטאָט, אין די מערק און אין די גאַסען, לאָמיר זוכען דעם, וואָס מיין זעל האָט ליב. בקשתיו ולא מצאתיו" — איך האָלט אים אין אַרומזוכען, אָבער איך קאָן אים ניט געפינען (שהש"ר).

אין די אויערען פון דער אומה הישראלית קלינגט נאָך די שטים פון איר געליבטען, ווי ער האָט איר געזאָגט ביים באַרג סיני: „הנך יפה רעיתי, הנך יפה, עיניך יונים" — דו ביזט שיין, געליבטע מיינע; דו ביזט שיין, דיינע אויגען זיינען טויבען. „מה יונה זו משעה שמכרת את בן־זוגה אינה ממירה אותו באחר, כך ישראל, משעה שהכירו להקב"ה לא המירוהו באחר" — פונקט ווי די טייבעלע, פון דעם מאָמענט אָן, וואָס זי באַקענט זיך מיט איר געליבטען, פאַרבייט זי אים ניט אויף קיין אַנדערען. אַזוי איז אויך מיט די אידען: פון דעם מאָמענט אָן, וואָס זיי האָבען דערקענט זייער גאָט, האָבען זיי אים ניט פאַרביטען אויף קיין אַנדערען (מדרש רבה). זי געדענקט נאָך זיין פייערליכען פאַרשפּרעכען: „כלך יפה רעיתי ומום אין בך, אתי מלבנון כלה, אתי מלבנון תבואי", ווייל דו ביזט אינגאַנצען שיין, געליבטע מיינע, און קיין פעלער איז אין דיר ניטאָ, דערפאַר — מיט מיר פון לבנון, מיין כלה, מיט מיר פון לבנון וועסטו קומען. דו וועסט אַרויסשיינען פאַר דער גאַנצער וועלט פון דעם שיינעם „לבנון", דעם פּרעכטיגען „בית המקדש", וואָס מיר וועלען צוזאַמען בויען אין דיין אייגען לאַנד (שהש"ר).

וואָרום אָבער געדויערט עס אַזוי לאַנג? וויפיל נאָך פינסטערע נעכט וועט זי מוזען שמאַכטען אין דעם אומדערטרעגליכען גלות? און זי הערט ווי איר געוויסען רעדט צו איר: ניט ער איז שולדיג אין דיינע ליידען, נאָר דו אַליין. „אני ישנה־מן הגאולה, ולבי ער — לגאלני" — איך אַליין האָב פאַרשלאָפען די געלעגענהייט פיל מאָל אויסגעלייזט צו ווערען. מיין האַר־צענס־געליבטער איז אָבער תמיד וואַך געוועזן מיר צו באַפרייען. ניט איינמאָל האָב איך געהערט „קול דודי דופק" — די שטים פון מיין געליבטען, קלאַפּענ־דיג אויף מיין טיר און בעטענדיג זיך ביי מיר: „פתחי לי אחותי רעיתי"

— עפען מיר, מיין שוועסטער, מיין געליבטע. „אמר הקב"ה לישראל: „פתחו לי פתח אחד של תשובה כחודה של מחט ואני פותח לכם פתחים שיהיו עגלות וקרניות נכנסות בו" — גאָט בעט זיך ביי די אידען: עפענט פאַר מיר אַ טיר פון צוריקקערונג די גרויס ווי דער שאַרף פון אַ נאָדעל און איך וועל פאַר אייך עפענען אַזעלכע גרויסע טויערען דורך וועלכע וועגענער און באַנען זאָלען קאָנען דורכגיין. איר דאַרפט נאָר וועלען באַפרייט ווערען און צולייגען אַ האַנט צו דער אַרבייט און אייער גאולה וועט זיכער קומען (שם).

געפינען זיך אָבער אַזעלכע, איבערהויפּט צווישען די רייכערע קלאַסען, וואָס ענטפערען אויף דעם רוף פון גאָט און זאָגען: „פשטתי את כתנתי איככה אלבשנה? רצתי את רגלי איככה אטנפם"? — איך האָב אויסגעטאָן מיין העמדעל, ווי קאָן איך עס אָנטאָן? איך האָב געוואַשען מיינע פיס, ווי קאָן איך זיי איינריכטען? „פשטתי ממני לבוש כהונה ולבוש מלכות" — איך האָב פון זיך שוין לאַנג אַראָפּגעוואָרפען מיינע מלבושים פון אמונה און נאַציאָנאַ־ליטעט, ווי קאָן איך זיי צוריק אָנטאָן? דאָס וועט דאָך שטעלען אין סכנה מיין געטריישאַפט צו די לענדער וואו איך האָב זיך איינגעבירגערט. „רחצתי את רגלי" איך האָב אָפּגעוואַשען מיינע פיס פון די אַלטע דרכים. „כבר למדתי לעצמי דרכים אחרים לא אוכל לשוב עליך עוד" — איך האָב זיך אויס־געלערענט אַנדערע וועגען, איך קאָן זיך שוין מער ניט צוריקקערען צו דיר (פסיקתא רבתי).

און אַז עס ברעכען אויס נייע קאַטאַסטראָפעס, וואָס שטעלען אין סכנה דעם גאַנצען קיום פון פאָלק, דאַן לויפט מען צו דער טיר אַריינצולאָזען דעם געליבטען, אָבער מען געפינט אים שוין מער ניט. „דודי חמק עבר" — מיין געליבטער איז פאַרשוואונדען און אַוועק. כנסת ישראל לויפט אַרום אין פאַרצווייפלונג. „מצאוני השומרים הסובבים בעיר, הכוני פצעוני" — זי ווערט געטראָפען פון די וועכטער, וואָס דרייען זיך אַרום איבער דער שטאָט און זיי שלאָגען און מערדערען זי. זיי לאַכען נאָך פון איר און מיט שפּאָט פרעגען זיי: „אנה הלך דודך? אנה פנה דודך? ונבקשנו עמך" — וואוהין איז אַוועק דיין געליבטער? וואוהין האָט זיך געקערט דיין געליבטער? מיר וועלען דיר העלפען אים זוכען. אויך מיר דינען צום זעלבען גאָט, דיך האָט ער אָבער, קענטיג, פאַרלאָזען.

זי ענטפערט אָבער מיט שטאָלץ: „מה טיבכם שואלים עליו ואין לכם חלק בו?" — וואָס איז דער זין פון אייער פרעגען אויף אים, אַז איר האָט אין אים

קיין חלק ניט? איר רעדט אין נאָמען פון גאָט און האַלט אין איין פאַרגיסען בלוט. איר רעדט אין נאָמען פון הויכע אידעאַלען, פון דעמאָקראַטיע און וועלט־פרידען, ווען אייערע הערצער זיינען פול מיט חשד און שנאה איינע צו די אַנדערע. לאָכט ניט פון מיר פאַרוואָס מיין גאָט האָט מיך פאַר אַ צייט פאַר־לאָזען. „אני לדודי ודודי לי" — איך באַלאַנג צו מיין געליבטען און ער באַלאַנגט צו מיר. „מאחר שנדבקתי בו והוא נדבק בי יכל הוא לפרש ממני" — וויבאַלד איך האָב זיך באַהעפט אין אים און ער האָט זיך באַהעפט אין מיר מעג ער זיך פאַר אַ צייט אָפּשיידען פון מיר, אָבער ער וועט באַלד זיכער צוריקקומען (ילקוט שמעוני).

מאַנכע פון די זאָגענאַנטע ליבעראַלען און אינטערנאַציאָנאַליסטען, וועלכע פאַרגלאָצען די אויגען צום הימעל און רעדען כלומרש'ט וועגען ברודער־ליבע כדי צו פאַרדעקען זייערע אימפעריאַליסטישע אמביציעס, פרעגען אונז: „עד מתי אתם מתים ונהרגים על אלקיכם" — ביז ווי לאַנג וועט איר זיך לאָזען טויטען און גע'הרג'עט ווערען צוליב אייער אידעאַל פון אַ באַזונדער נאַציע? „שובי, שובי השולמית, באו אצלנו ונעשה אתכם דוכסין ואפרכין" — קומט צוריק צו אונז און מיר וועלען אייך געבען אַלע געלעגענהייטען צו שטייגען. פאַר־בלייבט מיט אונז און העלפט צוריק בויען די חרוב'ע איראָפּע, מיר דאַרפען האָבען אייערע פעהיגקייטען. צו וואָס דאַרפט איר אַן אייגען לאַנד? די כנסת ישראל אָבער ענטפערט: „מה תחזו בשולמית כמחולת המחנים"? — וואָס פאַר אויסזיכטען האָט איר פאַר שולמית? דעם אַלטען גרופּען־טאַנץ? פאַרשפּרייט צו ווערען אויף פאַרשיידענע מדינות און ווייטער צו זיין אַ מינאָ־ריטעט אין די ביטערע גלות־לענדער, און לעבען אין אַ שטענדיגען שרעק פון דער פיינטליכער מאַיאָריטעט? ...

שביעי של פסח

א

געשיכטע ווידערהאָלט זיך

והמים להם חומה מימינם ומשמאלם.

„כשעמדו ישראל על הים היו שבטים מנצחים זה עם זה זה אומר אני יורד תחילה לים, וזה אומר אני יורד תחילה לים. קפץ שבטו של בנימין וירד לים תחילה, והיו שרי יהודה רוגמים אותם". — ווען די אידען זיינען געשטאַנען ביים ים, האָבען זיך די שבטים אַרומגעקריגט איינער מיט דעם אַנדערען. דער האָט געזאָגט, איך וויל זיין דער ערשטער אַרונטערצוגידערען אין ים אַריין און די אַנדערע האָבען גע'טענה'ט, אַז זיי ווילען זיין די ערשטע. דערוויילי איז אויפגעשפרונגען דער שבט בנימין און איז אַריין דער ערשטער אין ים אַריין. האָבען די האַרען פון יהודה זיי פאַרוואָרפען מיט שטיינער. (סוטה ל"ו ע"ב).

איידער די אידען האָבען אַרויסגעקראָגען פון פרעה'ן די דעמאָלטיגע „באַלפור דעקלאַראַציע", אַז זיי האָבען דאָס רעכט צו פאַרלאָזען מצרים און גיין בויען אַ הײמלאַנד פאַר זיך, האָט מצרים דורכגעמאַכט אַ סך אומגליקען. אַ רייע עפּידעמיעס, איינע גרעסער און מורא'דיגער פאַר דער צווייטער, האָבען אויסגעבראָכען אין משך פון אַ קורצער צייט. די גאַנצע עקאָנאָמישע סטרוקטור פון לאַנד האָט צוזאַמענגעקראַכט. חיות, בהמות און עופות זיינען געפאַלען ווי די פליגען; די פעלדער זיינען געשטאַנען ליידיג און פאַרטריקענט, און דאָס פאָלק איז שטאַרק פאַראָרעמט געוואָרען. דאָס האָט אָבער נאָך אַלץ ניט באַוואויגען דעם אימפּעריאַליסטישען פרעה ער זאָל באַפרייען די אידען. ערשט אַז עס האָבען אָנגעפאַנגען אויסצושטאַרבען אַלע „בכורים" פון לאַנד און עס איז געקומען צו אַזאַ לאַגע פון „אין בית אשר אין שם מת",

ניט געווען אין הויז, וואו עס איז ניט געווען אַ טויטער, האָט זיך פרעה געבויגען און געלאָזט רופען צו זיך משה און אהרן און זיי איבערגעגעבען זיין דעקלאַראַציע פון „קומו צאו מתוך עמי", שטייט אויף און גייט אַרויס פון מיין פאָלק. איר קאָנט אייך געהן דינען אייער גאָט וואו איר ווילט און מיטנעמען אַלץ וואָס איר פאַרמאָגט. איך אנערקען אייער היסטאָרישען רעכט איבער אייער לאַנד, „וברכתם גם אותי", איר וועט מיך אויך בענשען, ווייל איך פאַרשפרעך אייך צו העלפען מיט וואָס איך וועל קאָנען.

די אידען האָבען אָנגענומען ערנסט דעם פאַרשפרעכען פון פרעה, און מיט באַגייסטערטע כחות פון אַ פאָלק, וואָס האָט הונדערטע יאָרען געוואָרט פאַר אַזאַ געלעגענהייט, זיך אַריינגעוואָרפען אין דער אַרבייט. זיי האָבען צוזאַמענגענומען זייער גאַנצען פאַרמעגען, פאַרברענט אַלע בריקען הינטער זיך און זיך געלאָזט גיין צו זייער פאַרשפראָכען היימלאַנד. און נישט אַכטענדיג די וויסטע מדבריות, וואָס זיינען געלעגען צווישען זיי און זייער געווינשטען לאַנד, האָבען זיי מאַרשירט אַלץ ווייטער ביז זיי האָבען דערגרייכט דעם „ים סוף". פאַר דער צייט האָט זיך דאָס לאַנד מצרים באַרוהיגט, איר עקאָנאָמישע און פאָליטישע לאַגע האָט זיך שטאַרק פאַרבעסערט, און פרעה האָט אָנגעפאַנגען חרטה צו האָבען אויף דעם פאַרשפרעכען, וואָס ער האָט געמאַכט צו די אידען. „ויהפוך לבב פרעה ועבדיו ויאמרו מה זאת עשינו כי שלחנו את ישראל מעבדנו" — די האַרץ פון פרעה און זיינע קאָלאָניאַלע מיניסטאָרען האָבען זיך איבערגעקערט און זיי האָבען גענומען זאָגען: וואָס האָבען מיר אַזוינס געטאָן צו באַפרייען די אידען? זיי קאָנען נאָך ווערען אַ גרויסע מאַכט אַרום דעם מיטעל־ים און אַזוי אַרום אָפּשוואַכען אונזער קאָלאָניאַלע הערשאַפט איבער די אַראַבער.

„וירדוף אחרי בני ישראל" — און פרעה האָט זיך גענומען רודף צו זיין די אידען. ער איז אַרויס קעגען זיי מיט אַ גרויסער אַרמיי און האָט זיי געוואָלט צווינגען צו גיין צוריק אין גלות אַריין. אַז די אידען האָבען באַמערקט זייער געפערליכע לאַגע, פון איין זייט די חיילות פון פרעה און פון דער צווייטער זייט דעם ברויזענדען ים, „וייראו מאד ויצעקו אל ה'" — זיינען זיי שטאַרק פאַרציטערט געוואָרען און גענומען שרייען צו גאָט. גאָט אָבער זאָגט צו משה'ן, „מה תצעק אלי? דבר אל העם ויסעו" — וואָס שרייסטו צו מיר? רעד צום פאָלק און זאָלען זיי גיין ווייטער. אַז אַ פאָלק זוכט פריי צו ווערען דאַרף אים קיין זאַך ניט שטיין אין וועג. מ'דאַרף באַקעמפען יעדע שטערונג

און יעדע שווערינקייט. מיט תפלות און געשרייען וועט מען וויניג אויפ־טאָן. שטייט אייך אַ ים אין וועג, שפּרינגט אין אים אַריין און שפּאַלט אים דורך.

זיינען אָבער אידען איינגעטיילט אין פאַרשיידענע שבטים, פּאַרטייען און פראַקציעס, וואָס דערלאָזען ניט צו אַ פאַראייניגטער אַקציע. „מנצחים זה את זה", מען קריגט זיך אַרום איינע מיט די אַנדערע, און די הויפּט שאלה איז, ווער זאָל זיין דער „יורד תחילה", דער אָנפירער, די הויפּט דעה זאָגער? און אַז דער „שבט בנימין", דער אינגסטער פון אַלע שבטים, וואָס באַשטייט פון יונגע לייט מיט מער ענערגיע און איבערגעבענהייט, איז זיך מוסר נפש און שפּרינגט דער ערשטער אין ים אַריין, „היו שרי יהודה רוגמים אותם", פאַר־וואַרפען זיי די האַרען פון יהודה מיט שטיינער. מען באַשולדיגט זיי אין עזות, אין ברעכען די דיסציפּלין, ווייל אויב עפּעס דאַרף געטאָן ווערען צו ראַטעווען דעם אידישען קיום, מוז עס קומען פון די אַלטע מנהיגים, וואָס האָבען זיך גענומען דעם פּאַטענט פון אידישער פירערשאַפט און באַקעמפען יעדען, וואָס וואָגט צו טאָן עטוואָס אָהן זייער ידיעה און צושטימונג.

די גמרא דוקא, לויבט די אידישע יוגענט, וואָס זיינען, ניט קוקענדיג אויף די גרויסע סכנות, געווען די ערשטע צו שפּרינגען אין ים אַריין און קעמפען מיט די שטורמישע כוואַליעס, וואָס האָבען פאַרפּלייצט דעם וועג פאַר דעם צוריקקער צו זייער לאַנד. זיי זאָגען: „כשנגלה הקב"ה על הים, הם הכירוהו תחילה" — ווען גאָט האָט זיך באַוויזען ביים ים, זיינען זיי געווען די ערשטע אים צו דערקענען (סוטה י"א ע"ב). די פאַרצווייפעלטע לאַגע פון דעם גלות גרייפט אָן דעם לעבען פון דער יוגענט פיל מער ווי אַלע אַנדערע. די עלטערע, די פון דעם באַלעבאַטישען קלאַס, מעגען טאַקע זיין מער טאַקטפול און מער פּאָליטיש אויסגעהאַלטען, זיי פעלט אָבער די גרויסע טרייבקראַפט פון נאַציאָנאַלער נויט, פון באַזאָרגען זיך מיט אַ זיכערער צוקונפט. זיי איילען זיך ניט און גיבען אָפּ פיל צייט פאַר ישוב־הדעת, פאַר איבערלייגען זיך, און איבערהויפּט זוכען צופרידענשטעלען אַלע קלאַסען און פאַרטייען. די יוגענט אָבער, וועלכע געפינט זיך פאַרדרענגט פון אַלע זייטען און זעהט פאַר זיך קיין תכלית ניט אין דער איצטיגער לאַגע, איז אומגעדולדיג און אַנטזאָגט זיך צו וואַרטען. זי וואָגט און ריזיקירט מער, און אין נאַציאָנאַלער געוואַגטקייט ליגט דער וועג פאַר דער פרייהייט.

מערקווירדיג ווי געשיכטע ווידערהאָלט זיך!

ב

רעכטע און לינקע

ימינך ה׳ נאדרי בכח, ימינך ה׳ תרעץ אויב.

„למה שתי פעמים ימין? אלא, כשישראל עושין רצונו של מקום, עושין שמאל ימין; וכשאין עושין רצונו של מקום, עושין ימין שמאל" — פאַרוואָס ווערט געזאָגט „ימינך", דיין רעכטע האַנט, צוויי מאָל? דאָס איז אונז צו לערנען, אַז אויב די אידען טועז דעם רצון פון גאָט, מאַכען זיי די לינקע פאַר רעכטע; אָבער, אַז זיי טוען ניט זיין רצון, מאַכען זיי די רעכטע פאַר לינקע (תנחומא בשלח ט"ו).

אין דעם אידישען לעבען אין גלות, אויך אין דער אַרבייט פאַר זיין באַפרייאונג, שפּילען אַ גרויסע ראָלע צוויי עקסטרעמע עלעמענטען פון דעם פאָלק. איין עלעמענט באַשטייט פון די רעליגיעז־נאַציאָנאַלע אידען, וואָס האָבען תמיד און איבעראַל פאַרגעזעצט דעם אייגענאַרטיגען אידישען לעבען, לויט זיין תורה און אמונה, און האָבען אויך קיינמאָל ניט אויפגעגעבען די האָפענונג ווען עס איז צו ווערען אַ זעלבסטשטענדיג פאָלק אויף זייער „נחלת אבות" אין ארץ ישראל. דער צווייטער עלעמענט באַשטייט פון אַזעלכע אידען, וואָס האָבען זיך דערווייטערט פון אונזער גלויבען און טראַדיציעס, לייקענען די אידישע נאַציאָנאַליטעט און זיינען שטאַרק דאַגעגען דער עטאַבלירונג פון אַ אידיש פאָלק אויף אַן אייגענעם נאַציאָנאַלען באָדען.

אונזערע חז"ל באַצייכענען די דאָזיגע צוויי פאַרשיידענע עלעמענטען מיט די נעמען „ימין ושמאל", רעכטע און לינקע.

די לינקע עלעמענטען טיילען זיך אין צוויי הויפּט־גרופּען: רייכע אַסימילאַנטען און ראַדיקאַלע סאָציאַליסטען. די ערשטע גרופּע באַשטייט פון אידען, וועלכע האָבען דערוואָרבען גרויסע קאַפּיטאַלען אין די גלות־לענדער, און צוליב זייער רייכטום האָבען זיי אָנגעשלאָגען ביז צו די העכערע פענסטער פון דער אַלגעמיינער געזעלשאַפט. זיי זיינען שטאַרק איפערזיכטיג אויף זייערע עקאָנאָמישע דערגרייכונגען און זיי שרעקען זיך, אַז אַ אידישע גאולה־באַוועגונג קאָן זיי נאָך שטירצען פון זייערע הויכע פּאָזיציעס. די צווייטע גרופּע באַשטייט פון אָרימע ראַדיקאַלען, וואָס אַליין פאַרמאָגען זיי גאָרנישט

און זיי האָבען, אייגענטליך, ניט וואָס צו פאַרלירען. זיי זיינען אָבער גרויסע טרוימער און טראָגען זיך אַרום מיט סאָציאַלע חלומות, וואָס זאָלען ראַטעווען די גאַנצע מענשהייט. אויך זיי באַקעמפען יעדע באַוועגונג פאַר אַ אידישער גאולה, ווייל זיי וואָלטען וועלען, אַז דאָס אידיש פאָלק זאָל דינען אַלס ביישפּיל פאַר אינטערנאַציאָנאַליזם און קאָסמאָפּאָליטיזם.

אַז די רייכע האָבען תמיד געשטערט יעדער באַוועגונג פאַר אַ אידישער גאולה, איז גוט באַקאַנט אין אונזער געשיכטע. נאָך אין גלות מצרים, זאָגען אונז די חז"ל, „היו להם פטרונין והיה להם עושר וכבוד ולא היו רוצים לצאת" — האָבען זיך ביי די אידען דאָרטען געפונען אידישע באַאַמטע, רייכע און בכבוד'יגע לייט, וואָס האָבען ניט געוואָלט אַרויסגיין און האָבען מיט אַלע מעגליכקייטען געשטערט דער באַוועגונג צו באַפרייען די אידען (שמו"ר י"ג). זיי האָבען אויסגענוצט יעדע געגנערשאַפט, וואָס פרעה און זיינע ראַטגעבער האָבען אַרויסגעוויזען, כדי צו קריטיקירען משה'ן און אהרנ'ען, און זיי נאָך באַשולדיגט אין אידישען פאַרראַט. זיי האָבען גע'טענה'ט: „הבאשתם את ריחנו בעיני פרעה ובעיני עבדיו", איר האָט פאַר'מיאוס'ט אונזער געשמאַק אין די אויגען פון פרעה און אין די אויגען פון זיינע קנעכט. איר מאַכט אונז אומגליקליך מיט אייערע נאַציאָנאַלע פאָדערונגען, ווייל די עגיפּטער קאָנען נאָך מיינען, אַז מיר זיינען ניט קיין געטרייע פּאַטריאָטען צו דעם לאַנד מצרים און אונז באַשולדיגען אין „דואַליזם", אין צוויי־פּנים'דיגקייט בנוגע אונזער בירגערשאַפט.

קעגען ארץ־ישראל טראַכטען זיי אויס אַלערליי בלבולים: „אף לא אל ארץ זבת חלב ודבש הביאותינו" — ניט אין אַ לאַנד, וואו עס רינט מילך און האָניג, ווילסטו אונז אַריינבריינגען, שרייען די דתנ'ס און אבירמ'ס צו משה'ן. דאָס לאַנד איז קליין און אָרים, עס האָט ניט קיין פּלאַץ פאַר דעם גאַנצען אידישען פאָלק. אויסער דעם זיינען דאָרטען ניטאָ די נאַטירליכע אוצרות, וואָס זיינען נויטיג פאַר דער אַנטוויקלונג פון אינדוסטריע, וואָס זאָל קאָנען אַבזאָרבירען און מפרנס זיין גרויסע מאַסען מענשען. „העיני אנשים ההם תנקר?" — וואָס זוכט איר צו פאַרבלענדען די אויגען פון דעם פאָלק און פאַרפירען אים אין אַ וויסט לאַנד, „לא נעלה", מיר וועלען ניט גיין, מיר וועלען דעם רייכען גלות ניט פאַרלאָזען.

די ראַדיקאַלע עלעמענטען זאָרגען זיך שטאַרק פאַר די פריערדיגע איינוואוינער פון לאַנד. זיי טענה'ן: „אפס כי עז העם היושב בארץ", דאָס פאָלק,

וואָס זיצט איצט אויף יענעם לאַנד, איז שטאַרק און פיל גרעסער אין צאָל; מען טאָר זיי ניט באַרויבען פון זייערע רעכטען. אויסער דעם זיינען אַלע פעלקער, וואָס גרעניצען זיך אַרום דעם לאַנד, שטאַרק קעגען אַ אידישער מלוכה. „עמלק יושב בארץ הנגב והחתי והיבוסי והאמורי יושב בהר, והכנעני יושב על הים ועל יד הירדן" — עמלק באַזיצט דעם נגב, די חתים, די יבוסים און די אמורים באַזיצען די בערג, און דער כנעני פאַרנעמט די לענדער אַרום דעם ים און אַרום דעם ירדן. זיי אַלע זיינען דאָך קעגנער צו אַ אידישען היימלאַנד, טאָ וואָרום זיך פאַררייסען מיט דער גאַנצער וועלט? די בעסטע עצה פאַר די אידען איז: „נתנה ראש ונשובה מצרימה" — גרינדען אַ נייע פירערשאַפט און זיך צוריקקערען אין די גלות־לענדער.

דעם ענטגילטיגען זיג אָבער וועלען האָבען די רעכטע עלעמענטען, די וואָס זיינען געטריי זייער פאָלק און קעמפען פאַר זיין גאולה. אין דער גרויסער באַפרייאונגס־שירה, וואָס משה און דאָס פאָלק האָבען געזונגען ביים ים סוף, האָט משה אָקצענטירט און פיל מאָל איבערגעזאָגט דעם „ימינך", די רעכטע האַנט פון גאָט. און די חז"ל באַמערקען אויף דעם: „כשישראל עושין רצונו של מקום", טוען אידען דעם רצון פון גאָט און זיי שטייען פאַראייניגט פאַר דעם נאַציאָנאַלען געדאַנק, וועלען זייערע לינקע עלעמענטען ווערען רעכטע און וועלען צושטיין צו דער גאולה. „כשאין עושין רצונו של מקום", אָבער אַז זיי טוען ניט דעם רצון פון גאָט און נעמען ניט ערנסט זייער באַפרייאונגס־באַוועגונג, „עושין ימין שמאל", מאַכען זיי אויך די רעכטע פאַר לינקע. די אַסימילירטע אידען ווערען די טאָנגעבער אין די גלות־לענדער און שטערען דאָרטען די גאולה, און די ראַדיקאַלע עלעמענטען פאַרכאַפּען די פירערשאַפט אין ארץ ישראל און דערלאָזען ניט צו פאַרשנעלערען דעם בנין הארץ.